STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10333

LIKHTIKE PERZENLEKHKAYTN

Zalman Shazar

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שזר

ליכטיקע פערזענלעכקייטן

קיום

34

משה פייגענבלום.

זלמן שזר

ליכטיקע פערזענלעכקייטן

איבערגעזעצט:

יוסף מענדעלסאָן, י. ריטאָוו, מרדכי שטריגלער

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס, ה׳תשכ״ג — 1963

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען
מיט דער הילף פון חבר
מיטשעל ראַדזינסקי און זיין פרוי לאה
פון לימאַ — פערו.

***

פאַר מיר זענען די דאָזיקע באַגעגעניש געווען צווישן די געבענטשסטע און יעדע איינע פון זיי האָט באַליכטן פאַרשידן די שטעגן פון מיין לעבן זינט מיין רייף ווערן. און אַלע זענען זיי פאַרענדיקט, וואָרום די אַלע לערער און חברים מיינע, פון נאָענט און פון ווייט, זענען אַוועקגעגאַנגען און זענען נישטאָ מער.

דער ווייטיק פונעם צעשייד מיט זיי האָט נאָך גערוט אויף די־אָ ווערטער בעת זיי זענען געשריבן געוואָרן און דער־אָ ווייטיק האָט זיך פון זיי נישט אָפּגעטאָן נאָך איצט אויך בעת די דאָזיקע ווערטער ווערן איינגעזאַמלט. וואָרום אין מיין האַרצן לעב איך די גאַנצע צייט דעם איבערבלייב פון זייער נפש. און דאָס בעסטע פון דער ירושה פון פיל פון זיי לעבט און באַלעבט די אויפטוען פון זייערע פריינט און תלמידים אַרום מיר.

און אויב איין פונק פון דער אומשטראַלנדיקער ליכט וועט אָנצינדן אַ פייער אין די הערצער פונעם קומענדיקן דור — וועט דאָס זיין מיין באַלוינונג.

ז. ש.

א

אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל

עדואַרד בערנשטיין

צווישן די אבות פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן געדאַנק אין דייטשלאַנד, אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט, זענען געווען צוויי, וואָס זייער נאָמען איז באַרימט געווען אין אַלע לענדער פון דער באַוועגונג און דער תחום פון זייער השפּעה האָט געגרייכט דעם תחום פון דעם גאַנצן וועלט־סאָציאַליזם. און צווישן אונדז, די יונגע, געקומענע פון רוסלאַנד צו לערנען אין דייטשלאַנד, זענען באַוווסט געווען זייערע באַהויפּטונגען פון פריִער און זייערע באַטראַכטונגען פלעגן דיסקוטירט ווערן אין אונדזערע קרייזן, נאָך מער פון די באַהויפּטונגען פון די פירער פונעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד גופא. די צוויי זענען געווען — קאַרל קאַוטסקי און עדואַרד בערנשטיין. ביידע זענען זיי געווען פון די עלטסטע מורי־הוראה אין דער באַוועגונג, און אויף ביידן האָט געשוועבט די גלאָריע פון קאַרל מאַרקסן און ענגעלסן אַליין. פון זיין מויל האָבן די צוויי עס מקבל געווען און זיי האָבן פון זיי אַליין באַקומען סמיכה אַזוי צו זאָגן, ממשיך צו זיין זייער לערע. קאַוטסקי איז אַ לאַנגע צייט באַטראַכט געוואָרן ווי דער אומבאַשטרייטבאַרער און אַממייסטן אָנערקענטער אויטאָריטעט צווישן אַלע מפרשים פון מאַרקס. די יוגנט אין פיל לענדער האָט באַקומען אין זיינע פּירושים די לערע פונעם „קאַפּיטאַל״, און ווי ווייט די ערפורטער פּראָגראַם איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מוסטער־פּראָגראַם פאַר אַ סך לאַנדעס־פּאַרטייען, אַזוי איז אויך קאַוטסקיס פּראָגראַמאַטישער אַריינפיר אַריינגענומען געוואָרן, צוזאַמען מיט איר, אינעם טעאָרעטישן קאַנאָן. זיינע ביכער זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער מערהייט אומגאַנגס־שפּראַכן אינעם אינטערנאַציאָנאַל. אויך דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט נישט געקענט אויסטרעטן פאַר זיך דעם וועג, איידער זיינע דענקער זענען נישט אַרויס צו פאַרמעסטן זיך מיטן האַרבן אורטייל וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן וועגן אים דער דאָזיקער אייפּערדיקער אויטאָריטעט.

און דער צווייטער צו אים, איז געווען זיין פריינט און אָפּאָנענט, עדואַרד בערנשטיין. ווען ער איז געווען אין דער עמיגראַציע אין לאָנדאָן, האָט ער געלערנט סאָציאַליזם ביים מאַרקסן אַליין, און אים האָט ענגעלס אויסגעקליבן צו זיין דער פאַרוואַלטער פון זיין ליטעראַרישער ירושה. אָבער איבער זיינע

נייע מייבונגען האָט זיך געפירט אַ קאַמף אין דער גאַנצער ברייט פון דער באַ־וועגונג, און די דיסקוסיע וועגן זיי האָט געשפּיזט דעם געדאַנק פון די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען אין גאַנץ אייראָפּע. דער טעאָרעטישער וויכוח, וואָס האָט זיך געפירט אין משך פון יאָרן צווישן די „נויע צייט", די געדאַנק־טרי־בונע פון קאַרל קאַוטסקי און די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפטע", געגרינ־דעט פון עדואַרד בערנשטיין, האָט אָנגעפילט דעם רוים פון יעדן סאָציאַליסטישן „בית־מדרש".

מיר איז זיין פּערזענלעכקייט, נאָך פון ווייטנס, געווען באַזונדערס נאָענט, צוליב זיין באַזונדערער באַציִונג צו פּערדינאַנד לאַסאַל. לאַסאַל איז געווען דער באַליבטסטער און פּאַרהוילנסטער צווישן די אויפשטעלער פון דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג, און ער, בערנשטיין, האָט באַטראַכט, ווי זיין לעבנס־ווערק, צו זאַמלען, אַנטפּלעקן און איבערגעבן דעם דור, די אוצרות פון יענעם צייבער־רעדנער וועלכער איז אומגעקומען אין זיין סאַמע בלי־צייט. פיל יאָרן, נאָך פּאַר דעם, איידער גוסטאַוו מייער האָט געפונען און פּאַרעפנטלעכט לאַסאַלס בריוו, האָט ער, בערנשטיין, צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן אַלע זיינע מאמרים און רעדעס אין פולע בענד, גוט קאָמענטירט. איידער געאָרג בראַנדעס און הער־מאַן אָנקען האָבן באַלויכטן זיין פּערזענלעכקייט, האָט ער, בערנשטיין, דורכגע־פירט פאַר אונדז מיט אַ פּעדער פון אַ קינסטלער־היסטאָריקער לאַסאַלס לעבנס־וועג. און אונדז איז באַוווּסט געוואָרן אַז דער מעסיקער און לויטערער היסטאָרי־קער עדואַרד בערנשטיין איז אַ טרייער פּאַרזעצער פון מאַרקס און לאַסאַל צוזאַ־מען. אויב מאַרקס האָט, מיט דער שאַרפקייט פון זיין שכל און טיפקייט פון זיין אַנאַליז, געלערנט דעם דור, אַז די איצטיקע ווירטשאַפטס־אָרדענונג, וואָס איז געבויט אויף קלאַסן־עקספּלאָאַטאַציע איז באַשטימט, אין שטראָם פון איר אַנט־וויקלונג, צו פּאַרלענדט ווערן פון דער וועלט און אָפּטרעטן איר אָרט צו אַ וועלט אַ דערלייזטע, וואָס וועט זיין געבויט אויף אַרבעט און גערעכטיקייט — האָט פּערדינאַנד לאַסאַל מאָביליזירט די אַרבעטער־וועלט, אינערהאַלב פון אָט־דעם עקספּלאָאַטאַציע־רעזשים און האָט געמאַכט אַריינדרינגען אין איר דעם באַוווּסטזיין אַז די אַרבעט־וועלט גופא איז אַליין די טרעגערן פון דער דערליי־זונג פון דער געזעלשאַפט, און אַז זייענדיק פּאַראייניקט וועט זי אויפשטעלן די באַוועגונג, וועמעס מיסיע עס איז צו פּאַרווירקלעכן די גאולה פון דער אויסגע־ווייטיקטער מענטשהייט. און נעבן דעם לערער־אַנאַליטיקער, וואָס האָט איינ־געוואָרצלט די גלויבנס־תורה דורך זיין שכלדיקן דענקען, און זייט ביי זייט מיט דעם פלאַמיקן טריבון, וואָס האָט געזאַמלט די מחנות דורך דעם פייער פון זיין וויזיע, האָבן מיר געזען אין עדואַרד בערנשטיין דעם פּראַקטישן טעאָרע־טיקער, דעם פּעדאַגאָג, וואָס צייכנט אָן פאַר דער מחנה גלויבנדיקע דעם לאַנגן

וועג, דעם שווערן, פאַרמאַטערנדיקן, פול מיט שטרויכלונגען און מכשולים, אָבער דאָך, דעם זיכערן און פאַרזיכערנדיקן. און דער וועג שלענגלט זיך דורך דורך גרעסערע און קלענערע דעראָבערונגען און נצחונות, אַלץ פּראַקטישע, טאָג־טעגלעכע, וואָס זענען איינגעפלאָכטן אין געוועב פון אָט דער וועלט, שפּראָצן אַרויס פון אים און מאַכן שפּראָצן אין אים זייער פּרוכט, שפּרייטן אויס זיינע געמאַרקן פון אינעווייניק און זיי טרייבן אים צו דער אַנטפּלעקונג פון דער דער־לייזונג־גלוסטנדיקער געזעלשאַפט וואָס וואַקסט פון אים אַרויס.

מאַרקס׳ לערע איז געקומען פאַר דער באַוועגונג. לאַסאַלס וויזיע האָט באַשאַפן די באַוועגונג אַליין און בערנשטיינס וואָרט האָט זיך געטראָגן צו אַ באַוועגונג אַ שוין־עקזיסטירנדיקער, אַ צעצווייגטער, אַ שטורעמדיקער, און האָט איר אָנגעוויזן אַ פּראָגראַם פון אַ שווערער רעאַליזירונג, אַ זיכערע און צוזאָגנדיקע. אין אָנהייב, ווען עדואַרד בערנשטיין איז אויפגעטראָטן אויפן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט, אין יאָר 1898, האָבן די אָנטיילנעמער אין קאָנגרעס געזען אין זיין תורה אַ מין פאַרקלענערונג פון דער געשטאַלט, וואָס קען, חלילה, טונקעלער מאַכן דעם צויבער פון דער סאָציאַליסטישער וויזיע. קאַרל קאַוטסקי, וואָס איז בנוגע דעם אַנאַליז פון קאַרל מאַרקס, געווען אַ פּוסק־אחרון, האָט געזען אין עדואַרד בערנשטיינס לערע כמעט ווי אַ בגידה אין דער ירושה פון די סאָציאַליסטישע אָבות, און ער האָט זיך אָפּגעצוימט פון איר מיט זיין גאַנצער איינפלוס־קראַפט. און אין די דיקע מאַרקסיסטישע חודש־זשורנאַלן אין רוסלאַנד האָט מען אונדז געלערנט צו באַציִען זיך צו אים מיט גרינגשעצונג. וועטעראַנען האָבן געוואָרפן אויף אים אַן אומחן. און דאָס האַרץ פון דער יוגנט האָט זיך אַוודאי נישט געצויגן צו דער „לאַנגזאַמער האָפענונג”. בערנשטיין איז אַרויס פון שטוטגאַרטער קאָנגרעס מיט אַ דורכפאַל. מען האָט געזען אין אים אַ קאָמפּראָמיסלער, אַ רעכטן, אַן אָפּאָרטוניסט, וואָס זוכט צו־צופּאַסן זיך צו דער רעאַליטעט; און ער האָט מקבל געווען אויף זיך דעם גזר־דין. אמת, ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן און האָט נישט שלום־געמאַכט מיט זיינע אָפּאָנענטן־אָנגרייפער; ער האָט, אָבער, נישט פאַרלאָזט, פון דעסט־וועגן, דעם פראָנט. ער איז פאַרבליבן אינעווייניק און האָט טריי געאַרבעט און פּראָפּאַגאַנדירט אינעווייניק, לאַנגזאַם, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, אין ביכער, אין פאַרלאַמענט, אין בערלינער מוניציפּאַליטעט, דורך היסטאָרישן פאָרשן אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג און דורך אונטערריכטן וועגן אירע אַקטועלע אויפגאַבן. ער איז נישט מיד געוואָרן, און האָט נישט גערוט ביז זיין שיטה האָט אָנגעהויבן איינצונעמען דעם געדאַנק פון דער פּאַרטיי, פון אירע פירער און מאַסן, פון נאָענט און ווייט.

דאָך, ווען עס זענען אָנגעקומען די שווערע נסיונות־יאָרן, און דער קאָש־

מאַר פון דער ערשטער פעלקער־מלחמה האָט פאַרפלייצט די וועלט, און פיל פון די עלטסטע פונעם סאָציאַליזם האָבן געבראָכן זייער נדר און זענען מיט־געריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון בלוט און פיינטשאַפט, און ס׳האָט זיך גע־דאַכט אַז די זון פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם איז אונטערגעגאַנגען און דער סאָציאַליסטישער געוויסן פון דער וועלט — אַ פאַרוווּנדעטער און כּאַריתומטער, האָט ווי אומזיסט אַרומגעזוכט צו זאַמלען די לעצטע פון זיינע גלויבנדיקע, האָט דער דאָזיקער זקן, וואָס איז פאַרשריגן געווען ווי אַ קאָמ־פּראָמיסלער און רעכט־אָפּנויגיקער, זיך אַ וואָרף־געטאָן ווי אַ לייב, און מיט חירוף־נפש געשטעלט זיך אין קאַמף פאַר דער ריינקייט פון דער סאָציאַליסטי־שער פאָן. אין יענעם מערקווירדיקן מאָמענט האָט ער זיך נישט דערבאַרעמט אַפילו אויף זיין טייערסטן קינד, אויף זיין אייגענער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין דייטשלאַנד, וואָס ער האָט אויסגעכאָוועט און געהאָלפן זי גרויס מאַכן און אַלס איר היסטאָריקער מיט ליבע געציילט און אַכטונג געגעבן אויף אַלע אירע שריט; ער האָט אויסגעשטרעקט זיין שאַרפע שווערד פון קריטיק אויך איבער איר, און האָט, אָן רחמנות, געשניטן. ער האָט געשאַפן אַ בונד מיט הוגאָ האַזע, זיין אָפּאָנענט ביז דאַן, און מיטן הייפּעלע מענטשן, וואָס זענען געווען מיט אים, צווישן זיי — נעכטיקע ריוואַלן און מאַרגנדיקע קעגנער, און האָט צעשפּאָלטן די אַלטע, גרויסע פאַרטיי און האָט געגרינדעט די „אומאָפּ־העגניקע״ פאַרטיי. ער האָט געהויבן זיין האַנט אויך אויף דעם אינטערנאַציאָ־נאַל גופא. ווייל ער האָט געפילט און געוווּסט אויף זיכער: אַ פראָבע־טאָג איז עס פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַ נסיון אין גאַר דער וועלט פאַר מאַרקס׳ ירושה און פאַר דער ירושה פון גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז ווי אַנגעטרויט געוואָרן צו אים פון די ראשונים אַליין און ער איז, כביכול, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר זייער־זיין פקדון.

און ווירקלעך, ווי נאָר דער צאָרן איז אַריבער, און די צעשטורעמטע וועלט האָט אָנגעהויבן ווידער אַריין אין אירע ברעגן, און די אַרבעטער־באַוועגונג איז באַלאָדן געוואָרן מיט דער נייער אויפגאַבע, נישט נאָר צו ראַטעווען דעם כבוד פון דער פאַרשוועכטער פאָן, נייערט צו באַנדאַזשירן די ווונדן פון דער וועלט און בויען אויף די בערג פון חורבנות דעם היסטאָרישן בנין וואָס איז אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן — האָט עדואַרד בערנשטיין באַוויזן, אַז מער ווי ער האָט געקענט שפּאַלטן און צעשיידן, קען ער און פאַרשטייט ווי צו פאַר־אייניקן. דער גוטער זיבעציק־יאָריקער לערער האָט זיך דאַן געטאָן אַ שטעל אַוועק, אין זיין גאַנצער הייך און האָט גערופן צו פאַראייניקן די סאָציאַליס־טישע פאַרטייען, דאַן צעטיילטע אין דריי אינטערנאַציאָנאַלן אין גאַר דער וועלט. אַליין, כמעט איינזאַם, אָן שום פאַרטיי־דערלויבעניש, אָן וועלכן

נישט איז שטעמפּל פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט האָט ער פאַררופן אַ „סאָציאַ־ליסטן־טאָג" אין בערלין, וווּ עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער רוף צו פאַר־אייניקן די צעפּיצלטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג.

מען האָט ווידער געלאַכט פון אים אין אַלע זייטן, מען האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט איבער זיין תּמימות, וואָרום אַרום האָט נאָך געפלאַקערט דער ברייִ־דער־האַס, איינער האָט דעם צווייטנס לייב געפרעסן. דער גרייז־אַלטער לערער, אָבער, דער וועכטער פונעם ירושה־פּקדון פון די אָבות פונעם סאָציאַליזם, און דער אחריות־טרעגער פאַר דער אויפגאַבע, ער איז נישט אַנטמוטיקט געוואָרן. וואָס ער האָט מכריע געווען אין יענעם „סאָציאַליסטישן טאָג" אין בערלין, האָט ער געלייגט דערנאָך אַלס אַ פעסטן יסוד אין דער פאַראייניקונגס־קאָנ־פערענץ פון די צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דייטשלאַנד און אויך בעת דעם צונויפשמעלץ פון די צוויי סאָציאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלן, וואָס איז צושטאַנד געקומען דערנאָך אין דעם פאַראייניקונגס־קאָנגרעס אין האַמבורג.

און אונדז, די יונגע ייִדן אין בערלין, זיינע פריינט צום סוף פון זיין לעבן, אונדז איז דער וועטעראַן דאָפּלט טייער און ליב געווען, ווייל מיט אים האָבן מיר געהאַט אַ לאַנגן און אַ פאַרפלאָנטערטן חשבון, אַ חשבון פון דורות, וואָס עקבערט ביז די תהומות פון אונדזער פאָלקס־נשמה.

***

בערנשטיין אַליין דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז זיין פאָטער, יעקב בערנשטיין, איז געווען אַ שטאָל־שלאָסער און אַ פירער פון אַ לאָקאָמאָטיוו. און זיינע אָפיציעלע ביִאָגראַפן, וואָס זעען די זאַכן פון דרויסן, דרינגען פון דעם, אַז דער דאָזיקער טעאָרעטיקער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט גע־שטאַמט פון פּראָלעטאַרישע שיכטן און פון אַרבעטס־לאַסט איז ער אויפגעקו־מען צו פירן אירע געצעלטן; אָבער פון וואַנען קומען צום בורזשואַזן ייִדנטום אין דייטשלאַנד, אין יענער צייט, באַן־שאַפערן און אַרבעטער־אָנגעשטעלטע אין דער רעגירונג? פון וואָס פאַר אַ דאַרף איז אָט דער פּראָלעטאַריאַט אַרויסגע־קומען, און אין וועלכער אינדוסטריע איז ער אויפגעוואַקסן. די זאַכן זענען נישט אַזוי פּשוט ווי זיינע אָפיציעלע ביִאָגראַפן זעען זיי. בערנשטיינס זיידע, — אַן אָפּ־שטאַם פון אַ גזע פון רבנים אין פּוילן, — וועלכער איז באַרימט געוואָרן ווי אַ מוכר־ספרים אין דאַנציג, איז געווען אַ בר־אורין און אַ פרומער ייִד. דער עלטערער ברודער פון עדוואַרד בערנשטיינס פאָטער, דער געאַכטעטער אין דער משפּחה און דערציִער פון די קינדער, איז געווען דער באַרימטער שרייבער, איינער פון די גרינדער פון דער רעליגיעזער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג צווישן די דייטשע ייִדן און פירער פון דער דייטשער ליבעראַלער פּאַרטיי — אהרן

בערנשטיין. דאָס איז דער אהרן בערנשטיין וועמענס „ידיעות הטבע" מיר אַלע האָבן נאָך געלייענט אין אונדזער יוגנט אין דער איבערזעצונג פון פסח רוד־דערמאַן און דוד פרישמאַן און פון זיי האָט מענדעלע געקנעלט מיט יידן די עכטע ידיעות וועגן דער וועלט און דער נאַטור. פאַר וועלהויזן נאָך איז דער דאָזיקער אהרן בערנשטיין, אַ דערצויגענער אין דער רעפאָרמער ראַבינער־שול אין פרייסן און אַ תלמיד פון דער דייטשער היסטאָריע־שולע, צוגעטראָטן צו זוכן די וויסנשאַפטלעכע באַזע פון די דערציילונגען וועגן די אָבות אין תנ"ך, און מיט פיל חריפות און מיט רעאַליסטישער שאַרפקייט האָט ער געפּרוווט אַראָפּצונעמען פון זיי דעם מיסטעריעזן שלייער און אַנאַליזירן די פּרקים פון דעם דאָזיקן עפּאָס לויט זיינע מקורות און שיכטן. און לעאָפּאָלד צונץ, דער פאָטער פון „חכמת ישראל", דער גרויסער פריינט זיינער און פאַרטרויונגס־מאַן, האָט אים געגעבן סמיכה, אַזוי צו זאָגן. און זיינע דערציילונגען וואָס האָבן דאַן געפּאַנגען די הערצער, ווי: „מענדל גבור" און „פייגעלע מגיד" גילטן ווי אַ דענקמאָל וואָס ער האָט געשטעלט פאַר דעם זעלבסטשטענדיקן לעבן פון יידישן שטעטל, אַוועקגעשטעלט און אָפּגעזעגנט זיך מיט זיי, ליב און צערטלעך, אויף שטענדיק. אַ מוטיקער און שטאַרקער קעמפער פאַר דער רעפאָרם־באַ־וועגונג ביי יידן, איז זיין געזיכט געווענדעט געווען צום טאָג ווען מען וועט מער נישט אונטערשיידן צווישן ייד און דייטש. „דאָס יידנטום — האָט דאַן געזאָגט עדוואַרד גאַנז, — דער פירער פונעם דור פון די ראשונים אין דער יידיש־דייטשישער זיך אַסימילירנדיקער אינטעליגענץ, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם יידישן תחום — וועט נישט פאַרשווונדן; עס וועט זיך אָבער נישט לאָזן זען און נישט לאָזן פילן". און אין אַ צווייטן אָרט האָט ער געזאָגט: „ווי דאָס וואַסער פונעם ירדן, וואָס פאַלט אַריין אינעם ים כנרת, און קיין שאַרף אויג וועט נישט קענען אונטערשיידן צווישן זיי, אַזוי דאַרפן און וועלן די יידן אַריינשטראָמען אין דעם מענטשהייט־ים. נאָר אַ געניטער שווימער, ווען ער שניידט דורך מיט זיין שיפל דעם כינרת טוט שפירן אַז אין די טיפענישן פון ים שטראָמט זיך דער ירדן; אַזוי וועט אויך צומאָל אַ פאָרשער פון דער גייסט־געשיכטע דערקענען און אונטערשיידן אונדזער באַזונדערן ביישטייער אין דעם פאַרמעגן פון דער מענטשהייט. אַ געוויינלעך מענטשלעך אויג וועט עס גאָר נישט באַמערקן". פאַר דעם איז נייטיק נישט נאָר גייסטיקע צופאַסונג, נייערט עס זאָלן ווערן בטל אויך די מחיצות פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן. נישט נאָר די צופאַסונג פון „שבת" צום „זונטיק", נייערט אויך דורך־און־דורכיקן אַריינ־דרינגען פון די זעקס וואָכעדיקע טעג אינעם פאָלק פון לאַנד. און ווען עדוואַרד גאַנדז און לעאָפּאָלד צונץ האָבן געגרינדעט די „געזעלשאַפט פון וויסנשאַפט דעם יודענטומס" (1819), זענען זייט ביי זייט געגרינדעט געוואָרן אויך שולן

פאַר מלאכה און פאַך־קענטעניש, וואָס האָבן גערופן די ייִדישע יוגנט צו אויפ־געבן דעם מסחר־לעבן און אויך די פרייע פּראָפעסיעס און אַריינדרינגען אין די גרונט־אַרטעריעס פון דער נישט־ייִדישער גזעלשאַפט, אינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן און אין די מלוכהשע דינסטן, יעדער לויט זיינע פעיִקייטן און כוחות, און אויב נישט — וועט דער שטראָם נישט קאַלט ווערן אינעם ים, און דער ירדן וועט זיך חלילה נישט צונויפמישן מיטן כנרת. אָט דאָס איז דאָס פעלד וואָס אויף אים האָט אויפגעשפּראָצט דער „דאַנציקער שלאָסער״, דער באַן־מאַשיניסט פון פרייסן, יעקב, עדואַרד בערנשטיינס פאָטער און אהרונס ברודער, דער רעדאַקציע־מיטגליד פון דער בערלינער ליבעראַלער „פאָלקס־ציייטונג״.

און אין הויז פון עדואַרד גאַנדז האָט באַקומען איר דערציִונג אויך יאָהאַנאַ ראָזענבערג, עדואַרד בערנשטיינס מוטער. אין די יאָרן וואָס זי האָט געלעבט אין הויז פון דער פאַמיליע פון עדואַרד גאַנדז, איז גאַנדז — לויטן אויסדרוק פון זיין חבר היינריך היינע — געווען שוין „אַ קאַפּיטאַן וואָס איז אַראָפּגע־שפּרונגען פון דער זיך־טרינקענדיקער שיף, איידער עס האָבן זיך געראַטעוועט די פּאַסאַזשירן״. ער איז שוין געווען לאַנג באַרימט ווי אַ יורי־פּראָפעסאָר און דעם פּרייז פאַר אָט דעם נאָמען האָט ער באַצאָלט — דורך אַריבערשפּרינגען אויף יענער זייט תחום פון ייִדישן פאָלק. און ער, עדואַרד, איז שוין אינגאַנצן דערצויגן געוואָרן אין דער אַסימילאַציע, נאָך איר פאַרווירקלעכונג. יאָ, זי האָט נאָך ווייטער דערפירט און נאָך טיפער געמאַכט די הצלחה פונעם צו־אַסימילאַ־ציע־שטרעבנדיקן דור, וואָס איז געווען פאַר אים. אַז מען לייענט זיין „ווידוי״ טראַכסטו צומאָל: ביי ייִדן איז זעלטן געווען נאָך אַזאַ דור ווי די אָבות פון דער אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט געקענט דאַן מיט פולער רעכט זאָגן וועגן זיך אַליין: כ׳האָב רעאַליזירט דאָס גאַנצע פּראָגראַם וואָס איך האָב מיר אָנגעצייכנט און אַלץ וואָס כ׳האָב געגלוסט, האָב איך, בפועל־ממש, דער־גרייכט.

אמת, בערנשטיין האָט תמיד געוווּסט, אַז ער איז אַ ייִד און ער האָט קיינ־מאָל נישט פאַרלייקנט דעם פאַקט. אָבער אַ סך יאָרן האָט ער געזען דעם פאַקט ווי אַן עפּיזאָד, וואָס פאַרפליכטעט אים צו גאָרנישט און פאַרנעמט נישט אין זיין לעבן קיין שום ממשותדיק פלאַץ. אין זיין לעבן האָט ער נישט געקעמפט פאַר אַסימילאַציע און ער האָט אויך נישט נייטיק געהאַט צו פירן אַזאַ קאַמף. כמעט אַלע זיינע חברים זענען געווען נישט־ייִדן. ער האָט נישט אין זיין זכרון קיין שום ממשותדיקע ייִדישע דערינערונגען. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, פלעגט זיין פאָטער, דער ערלעכער און באַשיידענער פרייסישער לאָקאָמאָטיוו־פירער פּראָוועז, אין זיין היים „ווייַנאַכטן״ און עדואַרד אַליין האָט שטאַרק

הגאה געהאַט פון דער יאַלקע. שפּעטער האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט זי געשאַפן, איר געשיכטע האָט ער געשריבן און דורך איר איז ער באַרימט און גרויס געוואָרן.

און ווען די סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעגעבן דעם רוף צו פאַרלאָזן די קריסטלעכע קירכע, האָט בערנשטיין געגומען און איז אַרויס פון דער יידישער קהילה. ער האָט עס געטאָן גרינג, אָן שום גייסטיקע מאַטערנישן און קלעמענישן. ווי אַן אויפריכטיקער אָנשטענדיקער מענטש וואָס איז מקיים אַליין, וואָס ער פאָדערט פון אַנדערע. און ווען ער איז אין יאָר 1898, געשטאַנען אויף דער בימה אין קאָנגרעס אין שטוטגאַרט, אין קאַמף פאַר זיינע אידייען, איז אים גאָר אויפן זינען נישט געקומען און אפשר האָט ער אַפילו גאָר נישט געהערט וועגן דעם, אַז איין יאָר פריער, האָבן זיך יידן פאַרזאַמלט אין באַזעל צו אַ קאָנגרעס. זיין שטראָם איז אַריינגעפלאָסן אין ים, פאַרשלונגען געוואָרן אין אים, נישט צו דערקענען, גלייך ווי די געפּלאַנטע צונויפמישונג איז פאַרענדיקט און אויסגעפירט געוואָרן אַבסאָלוט.

און צום אָפּשלוס פון זיינע יאָרן איז ער אַליין געצוווּנגען געווען צו אָנערקענען, אַז עס איז נישט געווען פאַרענדיקט און איז נישט אויסגעפירט אַבסאָלוט.

מיר, וועלכע אונדזער ציוניזם האָט געלערנט, אַז דעפיניטיווע און אַבסאָלוטע אַסימילאַציע איז נישט נאָר נישט געוווּנטשן, נייערט זי איז אויך אוממעגלעך, און אַז דער קאַמף איבער אַזאַ אַסימילאַציע — אַפילו ווען ער איז שוין באַזונדערס דערפאָלגרייך — מוז נויטווענדיקערהייט, האָבן אין זיך עפּעס פון אַ מין „סיזיפוס־קאַמף” און אויב זי, די אַסימילאַציע געלינגט אין איין דור, וועט זי אָבער, לסוף, אויף דורות קיין הצלחה נישט האָבן; מיר, עפּעס ווי נישט זויסנדיק, האָבן פאַרויסגעשפּירט אַ טאָג ווען די לאַגע וועט זיך בייטן, אַ טאָג ווען עס וועט ווערן אויגנשיינלעך פאַר אַלעמען, אַז קיין אַנדער וועג איז נישטאָ — נאָר דער וועג פון היסטאָרישן ווידער אויפשטיין.

און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי עס האָט מיר געקלאַפּט מיין האַרץ, ווען איך בין באַאויפטראַגט געוואָרן פון מיינע חברים, צום ערשטן מאָל צו גיין צו עדוואַרד בערנשטיינען און רעדן מיט אים וועגן ענינים פון ציוניזם.

עס זענען דאָן געווען די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער וועלט־פאַרבאַנד „פּועלי־ציון” איז געשטאַנען פאַר זיין אַריינגענומען ווערן אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, נאָך צען יאָר קאַמף און דיסקוסיע. עס איז נייטיק געווען צו געווינען די סימפּאַטיע פון די פירער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, פאַר אונדז און פאַר אונדזער אויפגאַבע. די חברים פון דעם פאַרבאַנדס־ביוראָ האָבן אַרויפגעלייגט אויפן הייפל חברים, וואָס זענען געווען דאָן צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער פון מערב און

פון צענטראַל־איראָפּע, די דאָזיקע אויפגאַבע, יעדן אין זיין לאַנד, — און אויף מיר און אויף מיינע פּאָר חברים וואָס זענען פאַרוואָרפן געווען דאַן אין בערלין, איז אויסגעפאַלן צו פּרוּוון רעדן וועגן דעם מיט די פירער אין דייטש־לאַנד און קודם־כל מיט עדואַרד בערנשטיינען.

איך וועל זיך נישט אַריינלאָזן אין דעריינערונגען. איך געדענק אָבער ווי כ׳האָב קלאָר געפילט: מיט אים דאַרף דער חשבון זיין אַנדערש ווי מיט אַנדערע פירער פון דייטשן סאָציאַליזם, די נישט־ייִדן. דאָרט וועלן מיר בעטן נאָר פּאָ־ליטישן אָנשפּאַר, דאָ דאַרף מען אויסשעפּן אויך אַן אינעווייניקסטן חשבון פון הונדערט יאָר. דאָרט אַממערסטן — הילף פון חברים; דאָ — אויך אַ הכרעה אין אַ דורותדיקער מחלוקת און אָנערקענען אַ טעות.

און באמת, ווי אַנדערש איז געווען דער שניט פון די שמועסן וואָס מיר האָבן געפירט מיט אים, פון דעם וואָס מיר האָבן געשמועסט דאַן מיט אַנדערע נישט־ייִדישע סאָציאַליסטן. און צי קען איך פאַרגעסן יענעם אָוונט, נאָך דער זיצונג פונעם אינטערנאַציאָנאַל אין אַמסטערדאַם (אַפּריל 1919), אין וועלכער די „פּועלי־ציון״ זענען סוף־כל־סוף אַריינגענומען געוואָרן אין דער אָרגאַני־זאַציע פון דעם וועלט־סאָציאַליזם אויף דער באַזע פון זייער ציוניסטישער פּראָגראַם, און מיר, די גרופּע פּועלי־ציון אין בערלין, האָבן דורכגעפירט לכבוד דער דאָזיקער געשעעניש אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג. צו אונדזער דע־מאָלטדיקער באַשיידענער פייערונג איז געקומען דער אַלטער בערנשטיין צו ברענגען אונדז, צום ערשטן מאָל זיין עפנטלעכע באַגריסונג. מיר האָבן געפילט: אַ גרויסער ייִדיש האָט פאַרנייגט זיין קאָפּ פאַר ווידערשפּעניקע איינקלעך, די שטורמערס, און האָט אָנערקענעט אַז זיי זענען גערעכט. עס קען נישט פאַרגעסן ווערן די פרייד, וואָס האָט שטיל און זאַנפט געפלאָסן אין האַרצן.

און זינט דאַן איז זיין הילף צו אונדז געווען שטענדיק געטריי. און ער פלעגט זי אונדז געבן אויף זיין שטייגער: באַשיידן, מיט פלייס און טיף אויפ־ריכטיק. געוויס, דער מאַן איז שוין געווען זייער אַלט און זיין גייסטיק לעבן איז שוין געווען אויסגעפּורעמט און באַשטימט. נישט ער האָט זיך צוגעהערט צו אַלע אונדזערע רייד, און נישט יעדן חשבון האָט ער געקענט איבערדערכע־נען פונדאָסניי. אָבער די בשורה פון אונדזער ווערק אין ארץ־ישראל האָט אַריינגעלויכטן אין דער סאַמע טיפעניש פון זיין נשמה. איר איינפלוס האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט. און ווען די זאַך האָט דערגרייכט גאָר נאָענט צו אים אַליין און אין זיין סאַמע משפחה, אינעם הויז פון זיין שוואָגערס פאַמיליע — דעם דאָקטער איגנאַץ צאַדאָק, זיין קאָלעגע אין דער באַוועגונג און פאַר־זיצער אין דער אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַליסטן־מעדיקער אין דייטשלאַנד — האָט זיך אַ יונגע צאַרטע טאָכטער האַרציק אָפּגערופן אויף אונדזער רוף און

האָט זיך טריי אָנגעשלאָסן אָן דעם ערשטן מנין פון אונדזער יונגער פּועלי־ציון פּאַרטיי, און, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי, צוזאַמען מיט די ערשטע חלוצים, אויך עולה געווען קיין ארץ־ישראל, איז אים געווען ווי דער קרייז האָט זיך נעבן זיינע אויגן גופא געשלאָסן און אַ נייער ייִדישער רינג וואָלט פון אים אַליין אויסגעשמידט געוואָרן.

און ווען עס האָט געהאַלטן אין ווערן געגרינדעט אין בריסל, „דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיטעט פאַר דאָס אַרבעטנדיקע ארץ ישראל" (1928) און מיר האָבן געוואָלט, אַז עדואַרד בערנשטיין זאָל זיין איי־נער פון די ערשטע אונטערגעשריבענע אויף דער איינלאַדונג צו דער זיצונג, צוזאַמען מיט אַרטור הענדערסאָן פון ענגלאַנד, לעאָן בלום פון פראַנקרייך און דע ברוקער פון בעלגיע, איז געווען גענוג נאָר צו מודיע זיין אים טעלעפאָניש אַז מיר ווילן זיין חתימה און ער האָט תיכף־ומיד זיך געאיילט צו חתמענען מיט פרייד, דעם אויפרוף.

און נאָך די בלוטיקע טעג אין לאַנד, ווען אַ נייע כוואַליע פון פּאַרלוימ־דונגען קעגן אונדז האָט פאַרפלייצט דאָס סאָציאַליסטישע ציטונגס־וועזן אין דער וועלט און אויך קאַרל קאַוטסקי, וואָס האָט זיך געהאַט איבערגעבעטן מיט אים נאָך אַ מחלוקת פון אַ גאַנצן דור, איז אַרויסגעקומען צו פאָרמולירן זיינע אויסזעצונגען קעגן אונדז, איז בערנשטיין אויפגעשטאַנען און האָט שאַרף זיך מתווכח געווען מיט זיין אָפּאָנענט און קאָלעגע פון פאַרגאַנגענע צייטן און ער האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון צו באַנייען מיט אים, צוליב אונדז, דעם אַלטן גרויסן קאַמף, וועלכער איז שוין כמעט אינגאַנצן שטיל געוואָרן.

און אין יענעם גרויסן טאָג אין זיין לעבן, ווען די סאָציאַליסטישע וועלט האָט זיך געגרייט צו פייערן זיין אַכציק־יעריקן געבורטסטאָג און זיין באַרימט־קייט האָט דערגרייכט די העכסטע הויך, איז ער געקומען צו דער קאָנפערענץ פון אונדזער הייפל חברים פּועלי־ציון, און האָט אונדז געבראַכט זיין גרויסן נאָמען און זיין ברייטע באַרימטקייט און האָט עס אָוועקגעלייגט, ווי אַ מתנה, אויף אונדזער וואָגשאָל.

**
*

צווישן יענעם 28סטן אויגוסט 1864, ווען די קויל פון יאנקא פאָן רעקאָ־וויצע האָט געמאַכט אַ סוף צום לעבן פון פערדינאַנד לאַסאַל, און ביז 1871, ווען עדואַרד בערנשטיין האָט זיך געשטעלט אַלס לעבנס־צוועק אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן און זיין ביאָגראַפיע, דאָס יאָר ווען עדואַרד בערנשטיין איז אָפיציעל אַריין אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — זענען אַריבער נאָר געציילטע זיבן יאָר, און חוץ אַט־דעם קורצן צייט־אָפּשניט, איז

דאָס לעבן פון אָט־די צוויי יידישע פערזענלעכקייטן, פון לאַסאַל און בערנשטיין, אויסגעשפרייט איבער דער גאַנצער געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם, ווי צוויי גרויסע פליגל פון אן אָדלער, וואָס שוועבט איבער דער באַוועגונג און שי־רעמט איבער איר אין גאַנצן, פון דער גרינדונג פונעם „אַלגעמיינעם פאַרבאַנד פון דייטשע אַרבעטער", וואָס דער יונגער שטורמישער לאַסאַל האָט געשאַפן ביזן אויפקום פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג אין דייטשלאַנד, נאָכן פאַלן פון דער האָהענצאָלערן־דינאַסטיע, ווו בערנשטיין, דער סאָציאַליסטישער היס־טאָריקער און מפרש פון דער געשיכטע פון דער פאַרטיי, איז געווען דער עלטסטער רעגירונגס־מיטגליד.

ווי פאַרשיידן און ווי ווייט זיי זענען איינער פון דעם צווייטן, די דאָזיקע צוויי פערזענלעכקייטן! דער דאָזיקער אונטערשיד איז נישט נאָר אין דער שיטה, נייערט עס איז אַן אונטערשיד אינעם גורל פון דער תקופה און אַן אונטערשיד אינעם פערזענלעכן כאַראַקטער.

אַז לאַסאַל האָט אָנגעהויבן, האָט ער נאָך אַפילו געקענט האָפן אויף דער מיטהילף פון ביסמאַרקן דעם רעגירער, וועמען ער, לאַסאַל, האָט געשטור־רעמט. און ווען בערנשטיין האָט אָנגעהויבן האָט יענער מושל אויפגעהויבן, דעספּאָטיש, די האַק אויף דער באַוועגונג צו צעשמעטערן זי, און עס האָט געקענט אויסזען, אַז זי וועט ווערן אָפּגעווישט פון דער פּאָליטישער וועלט.

לאַסאַל האָט אָנגעהויבן ווי אַ וויסנשאַפטלער, ווי אַ מענטש אַ פילאָזאָף און דערנאָך איז ער אַריבער צו פּאָליטיק און פּראָפּאַגאַנדע. בערנשטיין אָבער, האָט אָנגעהויבן ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט און פּאַרטיי־אַראַטאָר; אין פאַרלויף פון זיין טעטיקייט איז ער געוואָרן אַ ברעכער פון געדאַנקען־צאַמען און אַן אָנצייכ־נער פון אַ נייער שיטה, און פאַרענדיקט האָט ער ווי אַ רעזומירער פונעם וועג פון דער באַוועגונג און אַ פאַרזיגלער פון איר געשיכטע. לאַסאַל איז געווען כולו פייער, כולו אַנטפּלעקונג פון טאַלאַנט, פון כבוד־דורשטיקייט און הער־שונג־גייץ, ליידנשאַפטלעך און גיריק, קאַמפּסלוסטיק און געטראַגן פון תאווה צו נצחון. די שטאַרקסטע גייסטיקע אייגנשאַפט זיינע איז געווען זיין ברע־דיקער ווילנסקראַפט און דער סוד פון זיין השפּעה איז באַשטאַנען אין דער צויבערפולקייט מיט וועלכער עס האָט געשטראַמט און געשטראַלט זיין יעדער אויפטריט. ווי זון פאַר אַ בלום, ווי אַפּלאָדיסמענטן פאַר אַ קינסטלער, ווי לופט צום אָטעמען, אַזוי איז פאַר לאַסאַלן געווען די באַרימטקייט; אַן איר האָט ער געוועלקט, מיט איר זענען זיינע קרעפטן געוואַקסן. זיין גאַנצע וועלט איז גע־ווען פול מיט ליכט־שיין און פון דורשט נאָך ליכט־שיין און ער אַליין איז גע־ווען ווי אַן אויפגעברויזטער ים, און ווי אַן אייביקער פרילינג.

און בערנשטיין, כולו באַזאָכטקייט, מיושבדיקייט, לויטער־ריין, זיין אַנאַ־

ליז קאַלט, זיין דיסקוסיע ערלעך, זיין סטיל — איינפאַכע הסברה, אָן שום פליטערלעך און באַפוצונג. ער שטרעבט נישט צו הערשאַפט און צו גאווה־אויסערונגען, צו די העלדן פון זיינע פאָרשונגען, אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג טוט ער זיך באַציִען מיט ברייטהאַרציקער פאַרגעבונג. גלייך ער אַליין האָט עס כלל וכלל נישט נייטיק. און דעם גרויסן פאַקט אַפילו וואָס ענגעלס גופא האָט פאַרן טויט נישט געפונען אין דער גאַנצער באַוועגונג קיין אַנדער מענטש וועמען איבערצוגעבן זיין ליטעראַרישן פאַרמעגן און וועמען אָנצופאַרטרויען די טראַדיציע פון מאַרקס, זיין רבין און חבר, ווי נאָר אים — דערציילט ער נאָר אין געציילטע, באַשיידענע ווערטער, ווען דאָס ווערט געפאָדערט לויטן ענין. און דאָס איז נישט קיין ווילן זיך אויסשטעלן ווי אַן עניו, דאָס איז וואָרצלדיקע באַשיידנקייט און רויִקע אידלקייט. זיינע רייד זענען געוויִיגן און געמאָסטן און זיינע פאָרשונגען זייער פּינקטלעכע און וואָגיקע. אין די פּערזענלעכע פּאַרטיי־קריגערייען נעמט ער נישט קיין אָנטייל און קיין שום מחלוקת זיינע איז נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערזענלעכן קריג; ער איז אָבער אויך קיינעם נישט נושא־פנים. גערעכטיק אין זיינע פּרייוואַטע וועגן; אויפריכטיק און גאַנץ אין זיין האַנדלונג מיט זיינע חברים און טריי זיין. איין־איינציקער אויפגאַבע. ער קען דעם סוד פון איינשטעלן שלום אַרום זיך און ער היט־אָפּ דעם פרידן מיט זיין געוויסן און מיט דער דערקענטעניש פון זיין שכל. ער טרעט נישט אָפּ פאַר קיין קאַמף צו וועלכן זיין פאַרשטאַנד טוט אים פאַרפליכטן, עס פרייט אים אָבער נישט קיין קאַמף און ער ווערט פון דעם וויכוח־תאווה קיינמאָל נישט פאַרשיכורט. און וואָס עס איז נאָך מער: ער קען אַריבערטראָגן שיין, מיט ערע און זעלישער רויִקייט, דעם דרוק פון אַ מפּלה, אמת, מיט געדולד פאַרבלייבט ער פעסט ביי זיין שטעלונג, פעסט ווי אַ זייל, פּלייסיק און לויטער.

לאַסאַל איז אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם לעבן ווי אַ יונגער יוירנדיקער גימנאַזיסט, און בערשטיין איז אַריין אין לעבן ווי מיט גלאַנץ פון גרייז אויפן געזיכט.

און הגם אַזויפיל אונטערשיידן אין בערנשטיינס טעטיקייט, דאָך איז ער אַ דירעקטער המשך פון לאַסאַלס טאַט, און די פאָרשונג פון לאַסאַלס לעבן האָט בערנשטיין דערהויבן צו זיין לעבנס־ווערק.

געוויס, פיל זענען די סיבות וואָס האָבן גורם געווען צו אָט־די אונטערשיידן און איינשטעלונגען. סיבות אינעם פּרט און סיבות אינעם כלל; סיבות, וואָס שטאַמען פונעם כאַראַקטער און סיבות וואָס קומען פון אומשטענדן; סיבות אַנטפּלעקטע פאַר אונדז, און סיבות, וואָס זענען פאַרהוילן פון אונדזערע אויגן. אָבער אינעם גאַנצן קנויל פון די אָפענע און פאַרהוילענע סיבות איז אויך

באַהאַלטן נאָך איינע, אַזאַ וואָס איז דוכט זיך געלעגן, לגמרי, מחוץ פון דעם באַהאַנדלטן ענין און וואָס וואָלט, דאַכט זיך, ווי נישט געהאַט גאָר קיין שום שייכות דערצו. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז זי אָנגעבונדן און באַהעפט אין איר און פעדעם ציִען זיך פון איר, אָן אַ שיעור, און אינגאַנצן איז זי אַריינ־געטונקט אינעם שטח פון דער יידישער אַנטוויקלונג.

צווישן דער תקופה, אין וועלכער עס איז אויסגעפורעמט געוואָרן די גייסטיקע געשטאַלט פון פערדינאַנד לאַסאַל און דער עפּאָכע ווען עס איז גע־וואָרן אויסקריסטאַליזירט די פּערזענלעכקייט פון עדוואַרד בערנשטיין איז גע־שען אין קליינינקייט: ס'איז צושטאַנד געקומען די עמאַנציפּאַציע פון דייטשע יידן, און דער אַסימילאַציע־חלום פון יידישן דור איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווירקלעכקייט. עס איז נישט צו פאַרגלייכן אַ מענטשן, וואָס וואַרפט זיך אין אויפגעברויזטן ים אַריין אין אַ טאָג פון שטורעם, ווען כוואַליעס הייבן זיך אים אַנטקעגן און ער שטרענגט זיך אָן און שניידט זיי מיט די אָרעמס, כדי צו שטאַרקן זיך און אַריבערשווימען זיי, צו אַ מענטשן וואָס לאָזט זיך שווימען נאָכדעם ווי דער שטורעם איז געוואָרן איינגעשטילט און ער ווערט געטראָגן אויפן שפּיגל פונעם ים, ווי אויף שטיל־רויקע וואַסערן. דער מענטש איז דאָן גאָר אַן אַנדערער, אַנדערע זענען זיינע איינשטעלונגען און אַנדערש איז דער מאָך און דער פאַרמעסט פון זיינע אָרעמס.

לאַסאַל איז אַוועק פון הויז פון זיין פאָטער דעם קרעמער אין ברעסלוי, ווען דער הויך און טראָג פון דער עמאַנציפּאַציע־כוואַליע איז נאָך געווען ווייט פון אים און פון אַלע זיינע יידן־ברידער. די שווערע מלחמה איבערן יידישן אַריינדרינגען אין דער קולטור און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער מדינה, האָט יעדער מענטש פון פאָלק געמוזט פירן מיט זיינע אייגענע כוחות, אַליין. די עמאַנציפּאַציע איז געווען אַ פּערזענלעכע און איר דערגרייכונג — די אויפ־גאַבע פונעם יחיד. ער, דער יחיד, האָט געמוזט זיין באַוואָפנט מיטן שטאַרקן דורשט צום לעבן און צו זעלבסט־אַנטפּלעקונג, און באַלאָדן מיט אַ שפע פון עקשנות און זעלבסט־ליבע, כדי ער זאָל וואַגן צו וואַרפן זיך שטורמען די צאַ־מען, וואָס שטערן אים אַרום און אַרום; צאַמען פון געזעץ, פון דער געזעל־שאַפט און פון פאַראורטיילן. און האָט ער געוואַגט און איז אַרויס אין געפעכט, ווי צו אים אויב זיין ווילן וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, אַפילו אויף איין מאָמענט, אויב זיין קלאָרקייט וועט ווערן טונקל, אויב זיין געמיט־דעליקאַטקייט וועט איבערוועלטיקן אין אים די פאַרנונפט — צענדליקער הענט זענען אויסגע־שטרעקט צו וואַרפן אים צוריק אין דעם טריבן טאָל, פון וואַנען ער וויל זיך אויפהייבן. דאַכט זיך, ווען פערדינאַנד לאַסאַל, אין זיין צייט, וואָלט געווען געבענטשט מיט דער באַשיידנקייט פון שריט, און מיט דער גייסט־איידלקייט

פון אַן עדואַרד בערנשטיין, וואָלט ער, לאַסאַל, נישט געווען דער וואָס ער איז געוואָרן, נייערט — ער וואָלט בכלל נישט געווען דערגרייכט צו דער דאָזי־קער געזעלשאַפטלעכער טריבונע. די צאַרנדיקע כוואַליע וואָלט פאַרשווענקט דעם צאַרטן יונגנמאַן, וואָס האָט געוואָגט זיך אויפצוהייבן און זיך קעגנשטעלן און האָט נישט דערוויזן פריִער זיך צוצוגרייטן איינגעִבטע, געזונטע און גע־וואָגטע אָרעמס צום מוטיקן שווימען.

דערפאַר איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש דער שטורמישער פּאַטאָס און טעמ־פּעראַמענט פאַר לאַסאַלן און פאַר די חברים פון זיין דור. אַדלערס, וואָס האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן אַרויסצופליִען פון זייער יִדישער נעסט. עס איז גענוג צו דערמאָנען היינריך היינע, גבריאל ריסער, לודוויק בערנע, יאָהאַן יאַקאָבי, עדואַרד גאַנדז און אויך אהרן בערנשטיין, עדואַרד בערנשטיינס פעטער גופא. אַנגעזעצנע „בני יחידים״ זענען זיי אַלע געווען, געבענטשטע מיט טאַלאַנט און גייסט און דורשטיקע נאָך וועלט און לעבן, זייער געמיט איז שאַרף, זייער סטיל שניידנדיק און זייערע נשמות ברענען ווי שטורקאַצן, ברעכן צאַמען און שטייגן צו דער הייך.

און עס איז גענוג געווען, אַז נאָר איין דור זאָל אַריבער, און דער ציל פון דער עמאַנציפּאַציע זאָל דערגרייכט ווערן און דער טויער וואָס פירט אין דרויסן אַרויס זאָל פאַרבלייבן אָפן און אומגעשטערט — אַז די גאַנצע איינ־שטעלונג זאָל ווערן געענדערט. דער טעמפּעראַמענט איז אַן אַנדערער און אַנ־דערש איז אויך די פּערזענלעכקייט. אומגעקערט, עס טרעפט אַז עס באַהערשט אַפילו אַ לייכטע קריטיק קעגן דער טאַקטלאָזער טומלדיקייט וואָס האָט באַ־גלייט דעם פאַריקן שטרעבנדיקן דור. עס באַווייזט זיך אַ מין תרעומות אויף אים און אָנשטאָט דעם קומט אַ פאַרהערלעכונג פון דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט, מין ליבע צו פרידן, פון פיינקייט און לויטערקייט און גייסט־איידלקייט, אַזאַ וואָס האָט באַהערשט די יִדישע אינטעליגענץ, אין מערב צו מאָרגנס נאָך דער דערגרייכטער גלייכבאַרעכטיקונג; און עדואַרד בערנשטיין איז אַ מוסטער פאַר דעם.

לאַסאַל איז געבאָרן געוואָרן פאַר דער רעוואָלוציע פון 1848 און עדואַרד בערנשטיין איז געבאָרן געוואָרן נאָך איר, און אָט דאָס שטיקל צייט וואָס ליגט דאָ צווישן זענען געווען די איבערוויגנדיקע יאָרן.

ווען בערנשטיין איז אַרויס אויף דער בימה פון פּאָליטיש־באַוווסטזיניקן לעבן, איז דער וועג שוין געווען ריין פון צאַמען. דרויסן — אַלגעמיינע וואַל־רעכט; די געזעלשאַפט — אַ קריסטלעכע; די שולע — אַ גויִש־אַלגעמיינע. דער פעטער אהרן רעדאַקטירט אַ פאַרשפּרייטע דייטשע דעמאָקראַטישע צײַ־טונג, דער פאָטער לעבט אַ לעבן פון אַ פּרייסישן בירגער; דער ווייַנאַכט־בוים

טריפט מיט גוטס און פרייד אין שטוב און רוִקייט אין האַרצן; אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זענען טעטיק ייִדן און דייטשן צוזאַמען, אָן דיסקרימינאַציעס און בעבעל אַליין פרייט זיך זייער אויפריכטיק מיט דעם דאָזיקן פֿעיִקן יונגנמאַן וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פּאַרטיי.

אמת, עס איז נאָך ווייט ביז צו אידיליע. אין קעגנטייל, פאַראַן נאָך גענוג פּלאָנטערנישן און שוועריקייטן אינעם לעבן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי גופא און די כוואַליעס פון דער רעאַקציע אין פּרייסן האַלטן ערשט איצט אין שטייגן. ביסמאַרק האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אַ פעסטער האַנט אויף איר, גראַד אין בערנשטיינס ערשטע טעג. דאָס איז אָבער אַן אַנדער ענין. דאָס איז אַן אַלגעמיינע צרה. אָנגעשלאָסן זענען דאָ אַ סך און זיי זענען אַנדערע און גענוג שטאַרקע, טראָגן די פאַראַרדענונגען פון דער מאַכט. אָבער דערפאַר איז די גאָר באַזונדערע מין צרה, וואָס הייסט ייִדן-צרה, סוף-כל-סוף איינגעשטילט געוואָרן.

און, דעריבער, האָט די באַציִונג צו ייִדנטום אויך פאַרלאָרן איר טעמפּעראַמענט. בערנשטיין דער ערלעכער און איידעלער האָט קיינמאָל נישט פאַרהוילן זיין ייִדישן אָפּשטאַם; ער האָט אָבער נישט צופיל אַרויסגעשטעלט זיך מיט אים; דאָס פאַרעקשנטע אָפּפרעגן ייִדישקייט איז דער שטריך פון דעם ערשטן שטורמישן דור. בערנשטיין האָט זיך נישט באַטייליקט אין דעם, אַפילו נישט דאַן, ווען ער האָט זיך יאָ באַטייליקט אינעם רוף קעגן רעליגיעזע געמיינדעס. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ דין-דיגע עמפּינדלעכקייט פאַר יעדער אַנטיסעמיטישער אויסערונג אַרום אים און ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אָפּענעם רעאַגירן. בנוגע דעם איז גענוג צו דערמאָנען זיך אין דעם צוזאַמענשטויס זיינעם און פון זיינע חברים פון דער אייזנבאַך-געמיינדע, מאַקס קייזער מיט האַסעלמאַנען, דער אָנפירער פון די לאַסאַליאַנער; עס איז גענוג צו דערמאָנען זיך אין זיין צעשיידונג מיטן פּראָפעסאָר דיורינג, מיט וועמען ער איז פריִער געווען זייער באַפריינדעט — און ער האָט אים פאַרלאָזט צוליב זיין אַנטיסעמיטיזם, נאָך איידער ענגעלס האָט געשריבן קעגן דיורינגס לערע. ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון אים שטיל, אָן רעש, און אָן קאָנסעקווענצן. דער ייִדישער ענין זעלבסט „איז איינגעאָרדנט געוואָרן" און די דורות ווונד האָט אים אויסגעזען איינגאַנצן שוין פאַרצויגן. די דאָזיקע זעלישע רוִקייט האָט אים פאַרשאַפט די זיכערקייט אין זיינע אויפטריטן, האָט אים אויך געגעבן די שטאַרקייט צו קריטיק, האָט אים באַפרייט פון אויטאָריטעט און געגעבן אויך ערלעכקייט און מעסיקייט אין דיסקוסיע.

עס איז אָבער אַזוי ווי אַ מין פאַרכישופטע גזירה: אין גלות האַלט נישט אָן לאַנג און נאָכאַנאַנד קיין רוִקע צייט. און אָט איז געקומען דער סוף צו דער

אידיליע אין דייטשלאַנד. אַ סך יאָרן נאָך פאַרן אויסברוך פון דאָס גיפטיקע שלעכטס, האָט זיך ווי אָפּגעטון די רויִקייט, און ער, בערנשטיין, כאָטש ער איז געווען שוין אַ זקן־מופלג און ער איז שוין לאַנג געווען איינגעשלאָסן — פאַר־זונקען אין זיין וועלט — איז געוואָרן איינער פון די ערשטע וואָס האָט דער־שפּירט די וואָרענונג און פאַרנומען דאָס אָנקומענדיקע. ער האָט איינגעהערט זיך בעסער פון אַ סך יונגערע און מער וואַכזאַמע ווי ער. און ווי נאָר ער האָט פאַרנומען, האָט ער געוואָגט, פונדאָסניי, ווידער ברעכן די ליניע און האָט אונדז אויסגעשטרעקט אַ האַנט. און זינט דאַן פלעגט זיין גאַנצער שמועסן מיט אונדז, זיינע יונגע און נייע פריינט, געווען נאָר וועגן איין זאַך: וועגן דעם אַנטיסע־מיטיזם, וואָס האָט זיך געשטאַרקט, וועגן דער רויִקייט וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן און וועגן די נייע און זייער קאָמפּליצירטע פליכטן וואָס די סכנה לייגט אַרויף. מיינע חברים און איך האָבן געפּרוווט נישט איינמאָל צו ווענדן זיין אויפמערק־זאַמקייט אויך צו אַנדערע זייטן און ער האָט נאָר געהערט דאָס דאָזיקע און נאָר וועגן אָט דעם געלאָזט הערן: זייט וויסן, אַ כוואַליע פון שנאה שטייגט און זי פאַרפליכטעט צו וואַכזאַמקייט. די עמפּפינדונג פון דעם שלעכטס וואָס דער־נענטערט זיך האָט פונדאָסניי זיך אויפגעוועקט אין אים און האָט אים באַ־הערשט אין אַלע זיינע לעצטע יאָרן.

לאַסאַל האָט אָנגעהויבן מיט ברענענדיקע משיחישע פלאַם־ווערטער, האָט ממשיך געווען מיט ווערטער פון שנאה און גיפט וועגן יידן און יידנטום, און האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אויף יענער זייט יידישע גרענעצן; און בערנשטיין, וואָס זעצט פאָר זיין וועג — האָט אָנגעהויבן דרויסן פון דער יידישער געמיינדע, געלעבט גלייכגילטיק צו יידן און יידישקייט אַלע יאָרן און צום סוף פון זיין לעבן האָט ער אונדז געפונען און אויסגעשטרעקט אַ טרייע האַנט, פול מיט ליבע־ציטער, צו דער יידישער גאולה־באַוועגונג און צום יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

און באַהעפט צוזאַמען, איינער צום צווייטן, טראָגט דער גאַנצער פאַר־שיידנקייט אין זייער גורל און טעמפּעראַמענט, בילדן זיי ביידע ווי איין גאַנצע רינג — פון אָנהייב פון לאַסאַלס יוגנט ביזן סוף פון בערנשטיינס עלטער — אַ מין זיגל פון דער מער שטורמישער תקופה, אינעם לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין מערב. איר אָנפאַנג איז אויסגעבעבעט מיט משיחישקייט; איר המשך — פאַרפרעמדונג, כפירה און שנאה, און איר שלוס — רעבעלירונג פון געוויסן, ציטער פאַרן גורל, תשובה און גאולה־ווונטש.

ט״ז טבת תר״ץ — כסלו תרצ״ג

עמיל וואַנדערוועלדע

די געשיכטע פון אייראָפּע אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט נישט קענען פאַרשטאַנען ווערן אָן דעם באַגריף פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז דער אינטערנאַציאָנאַל וואָס אים זענען מיר געוווינט אַזויפיל צו קריטיקירן, און וואָס אין געראַנגל מיט אים זענען מיר אויסגעוואַקסן, טראָץ אַלע זיינע שוואַכקייטן, דעראָבערונגען, שפּאַלטונגען און שטרויכלינגען.

און די געשיכטע פון אָט־דעם אינטערנאַציאָנאַל וועט נישט קענען דערציילט ווערן אָן אַ קאַפּיטל וועגן דעם מענטש עמיל וואַנדערוועלדע, וועלכער איז געווען נישט נאָר זיין פּאָרזיצער אין דער מערסטער צאָל יאָרן, נאָר ער האָט אויך יאָרנלאַנג סימבאָליזירט מיט זיין פּערזענלעכקייט און לעבנס־מיסיע די ראָל און דעם גורל־וועג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

ווען ער רעדט וועגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין בעלגיע — איינער פון וועמענס הויפּט־גרינדער און פירער ער איז געווען — זאָגט וואַנדערוועלדע, אַז זי האָט געירשנט איר פאַרמעגן פון דריי לענדער, און אין אָט דער דרייפאַכיקער ירושה איז דער גאַנצער סוד פון איר כוח: פונעם בריטישן סאָציאַליזם האָט זי באַקומען דעם גלויבן אין דער זעלבסט־הילף פונעם אַרבעטער, איר קענען אויפמערקזאַם וואַכן אויף זיין קלאַסן־איינהייט, און די פעיִקייט פון קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע. פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זי איבערגענומען די וויסנשאַפטלעכע וואָרצלדיקייט און די סאָציאַליסטישע שיטה, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין דער מאַרקס־טראַדיציע; און פון דעם פראַנצייזישן סאָציאַליזם — די נשמה־וויזיע, דעם אידעאַליסטישן געוועב פון מענטש און וועלט־דערלייזונג, די שטרעבונג צו דערהייבן דעם סאָציאַליזם צו דער מדרגה פון אַ נייעם גלויבן, וואָס זאָל ירשענען דעם אָרט פון דער אויסגעליידיקט־געוואָרענער קירכע.

און דער דרייפאַכיקער פאַרמעגן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר וואַנדערוועלדען אַליין. אין דעם צוזאַמענלייג פון די ריזיקע דריי יסודות האָט ער געזען די גאַראַנטיע פאַר דעם גאַנצן אויפטו פון דעם סאָציאַליזם אין דער וועלט; און ער, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן פאַר דעם קיום

און דער פירונג פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל — האָט געזען זיין ראָל אין איינפלאַנצן די דריי עיקרים אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס אַרויפלייגן אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג די ראָל פון אינטערנאַציאָנאַליזם און דעם באַוווסטזיין, אַז איר מיסיע איז נישט נאָר צו וואַכן אויף דעם תיקון פון די טאָג־טעגלעכע לעבנס־באַדערפעניש, נייערט אויך זוכן און שטרעבן צו געפינען אַ גאולה פאַרן מענטשן אין דער וועלט — דאָס איז געווען אַ זייער געוואַגטער פאַרנעם. וואָרום, שוין לאַנג צוריק איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע: פאַרוואָס עפּעס פאַרמעסט זיך דווקא דער אַרבעטער־קלאַס צו זיין דער וואָס וועט דערלייזן די וועלט פון אירע צרות און ענגשאַפטן? פון וואַנען קומט אַזאַ מין „אתה בחרתנו" צו אים? ווי קומט מען עס צו אַ מדרגה פון וועלן זיין אַן אויסדערוויילטער קלאַס? דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט געענטפערט אויף דעם מיט אַ פאַרצייטיקער כמעט תנכישער קלאָרקייט: דערפאַר „ווייל דו ביסט געפייניקט געוואָרן מער פון אַלע משפחות פון דער ערד". ווייל „דער אַרבעטער קען גאָרנישט פאַרלירן אויף דער שלעכטער וועלט, חוץ זיינע קייטן". וועט ער, דעריבער, אויפשטיין און צוזאַמען מיט זיינע קייטן „אַראָפּטרייסלען אויך דעם יאָך פון שלעכטס פונעם האַלדז פון גאַר דער וועלט". דורך זיין פאַרשקלאַפונג האָט דער אַרבעטער באַקומען זיין מיסיע צו קעמפן פאַר באַפרייונג און אין זיין דורשט צו באַפרייונג ליגט די גאַראַנטיע פאַר פאַר וועלט־דערלייזונג.

דאַן, אין דער צייט פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", זענען די דאָזיקע ווערטער נאָך געווען קלאָר און דערוואַכנדיק. אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם און מיט דער פאַרפעסטיקונג פון דעם אַרבעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער מאַשין — איז דער דאָזיקער באַגריף וואָס ווייטער אַלץ מער מטושטש געוואָרן, סיי בנוגע דער מיסיע, סיי די אויפקלערונג וועגן דעם, און פיל פון דער קלאָרקייט איז אַוועק. זינט דאַן האָבן זיך פאַרמערט די אָפּ־ווענדונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און עס האָט נישט אויפגעהערט צו לויערן די סכנה פונעם באַגער אָפּצוטרייסלען פונעם האַלדז די דריקנדיקע משיח־לאַסט.

אַ נישט־וויניקער געוואַגטע אויפגאַבע איז עס געווען צו אָנלאָדן אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג דעם יאָך פון אינטערנאַציאָנאַליזם. נישט דער אַרבעטער האָט אויסגעטראַכט דעם דאָזיקן באַגריף. ער איז אַ באַגריף פון 19טן יאָרהונדערט. אַ ירושה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער בורזשואַזער ליבעראַליזם האָט, אָבער, די אינטערנאַציאָנאַלע באַגריפן, קולטיווירט אין אַ בצימצומדיקע, איינגעשרומפּענע סביבה פון ליטעראַטן און קינסטלער, וועלכע

זענען אַריינגעוואַקסן אין דער וועלט פון אַבסטראַקטן געדאַנק, וואָס אירע גרעני־צן, זענען וועלט־גרענעצן. ווי אַזוי, אָבער, לייגט מען אַרויף די־אָ לאַסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם אויף אַן אַרבעטער־באַוועגונג וועלכע איז, נויטווענדיקער־ווייז אַ מאַסן־באַוועגונג, אַ באַוועגונג פון פיל מיליאָנען, צוגעבונדענע מיט אַלע אירע וואָרצלען צום פאָלק און צו דעם לאַנד, צו דער אָרטיקער שפּראַך און צו אָרטיקע באַדינגונגען? פאַר דעם איז נייטיק אַ באַזונדערע דערציִונג, אויך אַ באַשטענדיקע אויסברייטערונג פונעם האָריזאָנט, פון פאַראינטערעסירן און וויסן פון די באַוועגונג־אַקטיוויסטן. און אויב עס לאָזט זיך נישט דערציילן די געשיכטע פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אָן וואַנדערוועלדעס נאָמען, איז עס הויפּטזעכלעך איבער אָט דער אויפגאַבע וואָס ער האָט געשטעלט פאַר זיך: צו דערגרייכן די אינטערנאַציאָנאַלע איינוואָרצלונג אינעם באַוווסטזיין פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אַ צענטראַלע פּערזענלעכ־קייט: קאַרל מאַרקס. אויך מיט אים האָט מען זיך פאַרביטערט, געראַנגלט און אויך ער האָט נישט איינמאָל געקעמפט קעגן זיינע ריוואַלן, אָבער ער איז גע־ווען, שוין ביים לעבן, דער אָנערקענטער בר־סמכא, אין דער גאַנצער סאָציאַ־ליסטישער וועלט־באַוועגונג. אינעם אינטערנאַציאָנאַל איז זיין זיצן געווען דאָס זיצן פון אַ רבי צווישן תלמידים; אָבער ווען וואַנדערוועלדע איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אינעם יאָר 1900, און ער האָט אָנגעפירט מיט דעם אַמט במשך 14 יאָר — זענען אין די לאַנ־דעס־באַוועגונגען שוין געזעסן פּערזענלעכקייטן גרעסערע פון אים אין גע־לערנטקייט, עלטערע פון אים אין יאָרן און באַגאַבטערע אין פעיִקייט אָנצופירן: צווישן זיי איז געווען אויגוסט בעבעל פון דייטשלאַנד, וויקטאָר אַדלער פון עסטרייך, קיר האַרדי פון ענגלאַנד, פּלעכאַנאָוו און לענין פון רוסלאַנד, גרוליך פון דער שווייץ און זשאַן זשאָרעס פון פּאַריז — אַלע באַרימטע, פּירערישע פּערזענלעכקייטן, מענטשן מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, און איבער זיי זענען געווען אין דער באַוועגונג, נאָך די זקני־הוראה אליין — קאַרל קאַוטסקי און עדואַרד בערנשטיין, וועמענס ביכער עס זענען געלייענט געוואָרן אויך אויסער די גרענעצן פון זייערע לענדער און ער, וואַנדערוועלדע איז געווען דאָן, סך־הכל, אַ יונגערמאַן, כולו האָפענונג, צוקונפט, אינגאַנצן — מאָרגן; און ער האָט באַרעכ־טיקט זיין דערוויילונג דורך דעם, וואָס ער האָט אומאונטערגעבראָכן געצויגן זיך, און געזעגלט צו זיין אויפגאַבע — צו פאַרוואַנדלען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרשיידענע לאַנדעס־פּאַרטייען אין איין פּאָליטישן סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל.

אין די ערשטע יאָרן פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, זינט זיין אויפקום

אין יאָר 1889 ביזן סוף פונעם יאָרהונדערט, האָבן די בלאָקן זיך נאָך נישט געהאַט דערנענטערט איינער צום צווייטן; דער מיינונגס־צוזאַמענשטויס איבעם אינטערנאַציאָנאַל איז אָנגעגאַנגען וועגן דעם עצם פּאָליטישן וועג פונעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס. פרי׳ער דער קאַמף מיט דעם אַנאַרכיסטישן אָפּנייג, דערנאָך דער קריג מיט די רעוויזיאָניסטן. צי זאָל מען גיין אין פּאַרלאַמענט אָדער נישט גיין? צי זאָל מען זיך באַטייליקן אין די רעגירונגען אָדער אָפּהאַלטן זיך? וועלכע איז די פאַרבינדונג צווישן דעם טאָג־קאַמף פון די פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייטן און צווישן דער „לעצטער״ אויפגאַבע, — די קלאַסנדיקע און דער אַלוועלטלעכער? און אַלס רעזולטאַט פון די זוכענישן זענען געקומען אויך די שפּאַלטונגען און ברידער־קריגערייען. זינט דער ברי־טעלער קאָנפערענץ אין 1900 האָבן זיך די זאַכן, ביסלעכוויז, אויסקריסטאַליזירט און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער פּאָליטישער וועג. ער, וואַנדערוועלדע, איז דאַן געווען אַ יונגער יוריסט, אַ פּאַרשער פונעם מצב פון שטאָטישן אַרבעטער, אַן עקאָנאָמיסט, וואָס שווימט אין די פּלאָנטערנישן פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג און געפינט דאָרט שטעגן וואָס פירן צום איבערגאַנג צו דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער וועלט; ער איז דאַן געווען אַ פאַרגלייבטער אין דעם קאַמף פון דער דעמאָקראַטיע פאַר דער מאַכט אין לאַנד מיטן כח פונעם פּאַרלאַמענט, און ער זעט דעם כח פון דער פּאָליטישער באַוועגונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין איר טאָג־טעגלעכן שטיצן זיך אויף זיין פּראָפעסיאָנעלן קאַמף און אויף זיינע קאָאָפּעראַטיווע דערוואָרבונגען. און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אָט דער ריכטונג צו דערפילן זיין אויפגאַבע — פאַרבונדן אויף דער דאָזיקער באַזע איין לאַנד מיט דעם צווייטן און פאַרוואַנדלען די צעלן פון דער באַוועגונג אין איין וועלט־געוועב. און זינט די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, אויף וועלכע ער איז געווען דער ראש־המדברים. ביז זיין לעצטן בוך „אַלטערנאַטיווע״ פירט ער מיט נאָך זיך דעם צוהערער, ווי דעם לייענער, דעם סאָציאַליסט שוין, פון לאַנד צו לאַנד, דער־צייט דעם סאָציאַליסטישן כלל צו מיטלעבן די באַזונדערע נויטן פון יעדן לאַנד, ער פירט אַרויס דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פון זיין אָפּגעריסענער בלאָסער אַבסטראַקציע, און שטעלט אים אַוועק אויף דעם פעסטן באָדן פון געמיינזאַמער באַהאַנדלונג אין פראַגן וואָס זענען אייגנטימלעכע פאַר יעדן פאָלק און לאַנד. כדי מען זאָל אין דעם אינטערנאַציאָנאַל קענען לערנען די ווייטיקן פון אַלע זיינע באַטייליקער. זאָלן זיי אַלע זיך באַרימען צוזאַמען, ווייטיקן צוזאַמען, וועלן זיי זיך אויסלערנען אויך צו קעמפן צוזאַמען.

ביז די פאָרבע־יאָרן פון 1914, איז דאָס געווען זיין לעבנס־אויפגאַבע. ווען איך וואָלט געווען זיכער, אַז מיינע ווערטער וועלן נישט אויפגענומען ווערן

ווי אַ פּאַראַדאָקס, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער סאַמע „נאַציאָנאַלער״ צווישן די פירער פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען דאַן דער רוס לענין. לויט זיין כאַראַקטער זעלבסט, — שפּראַך, גייסט און לעבנס־ענינים — איז ער געווען כולו רוס. ווען ער וואָלט, למשל, געדאַרפט קעמפן אין בערלין מיט קייסער ווילהעלם וואָלט ער נישט אָנגעהויבן צו וויסן ווי אַזוי עס צו טאָן. אָבער קיין שום צאַר וואָלט נישט געקענט פאַרטרייבן אים פון זיין באַהעפטונג אין דער רוסישער רעוואָלוציע. אַפילו ווען ער איז געזעסן אינעם קליינעם קאַפע, אין גענפער עמיגראַציע, האָט לענין מיטגעלעבט דאָס לעבן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אַז עס פלעגט זיך פאַרזאַמלען ביי אים אין דער פרעמד, אַ „מנין״ נאָר — איז גלייך אַ רוסישע אַטמאָספערע אַרום אים.

און דער אַמיינסטן „אינטערנאַציאָנאַלער״ צווישן די נישט־יידן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען דער בעלגיער וואַנדערוועלדע, וואָס האָט זיך געפלייסט צו אַריינדרינגען אינעם לעבן און אין די באַדערפענישן פון יעט־וועדער אַרבעטער־באַוועגונג אין יעדן לאַנד און אַריינברענגען דאָס וויסן פון יעדן לאַנד אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, כדי דער אינטער־נאַציאָנאַל אַליין זאָל זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים, אין יעדער סאָציאַ־ליסטישער לאַנד־פּאַרטיי.

אין פלוג, אַלזאָ, כמעט אַ „וואָרצלעןלאָזער״, אַ „פּאַטערלאַנדלאָזער״ מענטש. זעט־זשע אָבער: עס איז נאָר אויסגעבראָכן די קאַטאַסטראָפע פון 1914 אין בעלגיע און וואַנדערוועלדעס היימאַט־לאַנד איז צעטראָטן געוואָרן פונעם קייסער ווילהעלמס אַרמייען. די קינדער פון ליעזש האָבן דערפילט — דאָן שוין — דעם צעווילדעוועטן טעוטאָנער גייסט אין זיין אויסברוך, ווי עס האָבן אים שפּעטער דערפילט די יידן אין גאָר דער וועלט. גלות־יאָך איז אַרויפ־געוואָרפן געוואָרן אויפן בעלגישן פאָלק. און גלייך האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי טיף וואַנדערוועלדע איז איינגעוואָרצלט אין זיין לאַנד, און ווי אַזוי זיין בעל־גישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז עס דער איינציקער אָנשפּאַר פאַר זיין בעלגיש פאָלק אין שעה פון נויט. דער קעניג האָט דאַן אָפגעריכט גלות; וואַנ־דערוועלדע האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט אינעם באַפרייונגס־וואָגן פון זיין פאָלק, און אין דעם ווידער־אויפקום פון זיין לאַנד. ער איז אַריין אין דער רעגירונג, האָט צוזאַמענגענומען אַרום איר אַלע כוחות פון דער בעלגישער אומה. דערוויילט געוואָרן אַלס פרעמיער־מיניסטער פון אַ מלוכה, וואָס עק־זיסטירט נישט. ער קומט קיין לאָנדאָן מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, וואָס איז נאָך גאָר קיין קרוין נישט. אין נאָמען פון אַן אונטערריאָכט לאַנד, פון אַ צעפּיצלטער אַרבעטער־באַוועגונג און פון אַן אינטערנאַציאָנאַל אַ צעשפּליטערטן — איז ער דערשינען פאַר רעגירער און לענדער־דעראָבערער און האָט געפאָדערט פון

זיי פרייהייט פאַר זיין לאַנד און פאַר זיין פאָלק. עמעצער האָט געזען אין אים אַ פליג וואָס לאָזט זיך אין קאַמף קעגן די כוחות פון „גיבראַלטאַר"; די דאָזיקע „פליג" האָט אָבער נישט גערוט ביז זי האָט ווידער אויפגעשטעלט בעלגיע צוריק אַלס מלוכה און צוריקגעקערט די ערע און די זעלבסטשטענדיקייט צו זיין צעטראָטן און פאַרשקלאַפט בעלגיש פאָלק.

און אַז בעלגיע איז ווידער אויפגעקומען און געוואָרן פריי און זעלבשטענדיק, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זיינע „פליגן", צוריקשטעלן פון זיין צעשטערטקייט דעם צעפיצלטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און ווידער פלייסן זיך צו דערפילן די מיסיע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט.

דענסטמאָל, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז עס געווען אַ סך אַ שווערערע אויפגאַבע, ווי אין יאָר 1900, ווען ער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן. וואָרום דערווייל זענען ימים בלוט פאַרגאָסן געוואָרן. דער שטן האָט זיך צעשפּילט, איין לאַנד האָט געקעמפט קעגן צווייטן און אַרבעטער קעגן אַרבעטער! און דערווייל איז אויך אויפגעקומען דער קאָמוניזם, און אַ ברודער האָט זיין ברודער נישט דערקענט, און יעדער וואָס איז גרעסער געווען פון זיין קאָלעגע איז מער פון אים באַשמוצט געוואָרן. און נאָכדעם „ווי די פעלקער האָבן פאַרדאָרבן זייער וועג" איבער גאַנץ אייראָפּע איז נישט לייכט געווען ווידער אויפצושטעלן דעם צעשפּליטערטן אינטערנאַציאָנאַל פונדאַסניי. אָביסל דאָ, אָביסל דאָרט האָט נישט אויפגעהערט צו טליען נאָך דער פונק. ביז דער מאָמענט איז רייפער געוואָרן און וואַנדערוועלדע איז ווידער געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

איז אפשר טאַקע דערפאַר וואַנדערוועלדעס באַציונג צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און צום ציוניזם געווען אַזוי האַרציק, אַזוי וואַרעם?

אין דער אמתן האָט ער, וואַנדערוועלדע, נאָך פיל יאָרן, נאָך פאַר דעם חורבן פון בעלגיע אַרויסגעוויזן אַן אַנדער שטעלונג ווי אַנדערע סאָציאַליסטן בנוגע דער יידן־פראַגע. נאָך אין יאָר 1907, אין שטוטגאַרט, ווען עס איז געקומען די פּעטיציע פון ס. ס. (לאַצקי־בערטאָלדי איז געווען דער שליח פון ס. ס. צום קאָנגרעס) וועגן זייער אָנשלוס אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער פּעטיציע דער עסטרייכישער ייד וויקטאָר אַדלער און די פויליש־יידישע טאָכטער ראָזע לוקסעמבורג; און פאַר דער פּעטיציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט איינער — דער בעלגיער ע. וואַנדערוועלדע. אָבער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ווייניקע געווען אַזוי פריינטלעך צו אונדז ווי עמיל וואַנדערוועלדע ער האָט זיך באַצויגן פריינטלעך צו אונדזער באַוועגונג פאַר זיין באַ־

זוך אין ארץ־ישראל און ער האָט עס געמומען אויף זיך צו זיין איר הערעלד נאָך זיין באַזוך (1929). זיין בוך וועגן ארץ־ישראל און וועגן די אַרבעטער פון ארץ־ישראל פליסט מיט פאַרשטענדעניש, ליבע און אַכטונג און האָט פאַר אונדז געעפנט לאַנג־פאַרשלאָסענע טויערן. אויף אים זענען געוואָרפן געוואָרן די פיינטלעכע פיילן בעת עס איז געגרינדעט געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיטעט פאַר ארץ־ישראל און ער טאַקע, איז געשטאַנען בראש פונעם קאָמיטעט פון זיין אָנפאַנג אָן. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער רעדאַקציע פון זיין ציטשריפט און ער האָט געזאָרגט פאַר יעדן שריט פונעם קאָמיטעט, גאָר ווי איינער אַן אונדזעריקער, און צוזאַמען מיט אונדז איז ער, אומדערמידלעך, געפאָרן אין שליחות פונעם קרן־היסוד און צו די קאָנפערענצן פון דער אַרבעטנדיקער ארץ־ישראל, קיין אַמעריקע, קיין דייטשלאַנד און קיין פוילן; און דאָס אַלץ האָט ער געטאָן מיט שלימות פון גייסט און האַרמאָנישער טרייקייט. דען פונקט ווי ער האָט, בשעתו, געוווסט צו פירן דעם קאַמף פון קאָנגאָ און בעלגיע, פונקט ווי ער האָט שפּעטער געקעמפט פאַר בעלגיע קעגן אַלע אירע פאַרשקלאָפער, פונקט ווי ער האָט געקעמפט פאַר די עסערן אין ראַטנפאַרבאַנד און פונקט ווי ער איז, ביז זיין לעצטן טאָג, ווי אַ פעלדז גע־שטאַנען פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע, — אַזוי איז ער פעסט געשטאַנען פאַרן ציוניזם און פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג מיט זיין גאַנצער נשמה־וואַרעמקייט און דינאַמישער אַקטיוויטעט, טראָץ אַלע קעגנערשאַפטן אַרום אים און אין זיין קרייז. וואָרעם אין דעם איז די שטאַרקייט פון זיין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם — אין זיין קאַמף פאַר דער באַפרייונג־באַוועגונג פון יעדער נאַציע אונטער דער פאָן פון סאָ־ציאַליזם. אין דער נאַיִוויטעט פון זיין ריינקייט, האָט ער בכלל נישט געקענט גורס זיין, די באַרימטע פראַזע: „קראָמע יעוורעיעוו". איינער פון די ווינציקע איז ער — צווישן די ערשטע סאָציאַליסטן, יידן און נישט־יידן — צו וועמען עס האָט זיך גאָרנישט צוגעקלעפּט פון דער גאַנצער ירושה פון מאַרקס' טרויע־ריק באַרימט העפט „צו דער יודען־פראַגע". די געשיכטע פון אונדזער דור — אַריינגערעכנט אויך די סאָציאַליסטישע געשיכטע — האָט אונדז, בכלל, נישט געבאַלעוועט צופיל מיט אַזעלכע ווי ער.

וואַנדערוועלדעס גורל איז געווען בעסער פונעם ביטערן גורל פון זיינע צייט־קאָלעגן פיליפּ טוראַטו, אָטאָ באַוער אָדער קאַרל קאַוטסקי. ער איז נישט געשטאָרבן ווי זיי, אין דער פרעמד, און זיין לאַנד איז נישט געוואָרן באַצוווּנ־גען פונעם פאַשיזם. ער איז געשטאָרבן ביי זיך אין לאַנד און דעם לעצטן כבוד האָט מען אים צוגעטיילט אין זיין „פאָלקס־הויז". נאָר מקנא זיין זיין עלטער קען מען נישט. דער גייסט פון צופאַסן זיך צו די ווינטן וואָס בלאָזן אַרום און

דאָס אונטערוואַרפן זיך אונטער דעם דיקטאַט פון וועלט־דעספּאָטן האָט נישט איסגעמיטן אויך זיין פּאַרטיי. און היות ער האָט נישט געוואָלט זיך אונטער־געבן, איז ער אָפּט געבליבן אַליין, ווי אַן איינזאַמער פעלדז, אַ פעסט־שטאָל־צער און אַ פאַרלאָזענער. געציילטע חדשים פאַר זיין טויט האָט די סאָציאַליס־טישע קאָנפערענץ אין בעלגיע אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַהאַנדלט די פראַגע פון שפּאַניע און זי האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין רעזאָלוציע ביז וואַנען ער, דער פּאַטראָן פון דער באַוועגונג, וועט קומען און אויסדריקן זיין מיינונג. און ער, דער צוויי־און־זיבעציק־יעריקער זקן, איז געווען דאַן אין שפּאַניע, ווייל ער האָט געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן, — ווי זיין שטייגער איז — די לאַגע אויפן אָרט גופא. האָט ער זיך געאיילט אין אַן עראָפּלאַן צו קומען פון שפּאַניע צו דער קאָנפערענץ, אינגאַנצן געשפּאַנט צום קאַמף. ער איז געקומען און האָט אַרויסגעדונערט זיין וועטאָ; און אַז די מערהייט פון דער קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן זיין מיינונג, האָט ער באַוויזן צו קענען בלייבן אין דער מינ־דערהייט; ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער פירערשאַפט, שטאָלץ און האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפן.

אין איין יאָר האָט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל פאַרלוירן זיינע דריי גרויסע גדולים: קאַרל קאַוטסקי, אָטאָ באַוער און עמיל וואַנדער־וועלדען און דער צד־השוה צווישן די דריי איז נישט אין דער ענלעכקייט פון זייערע מיינונגען. אין קעגנטייל, זייערע מיינונגען זענען אין די לעצטע יאָרן געווען גאָר פאַרשידענע. דער צד־השוה, איז וואָס זיי אַלע דריי זענען אַן אויס־דרוק פון איין באַזונדערע דערשיינונג, וועלכע איז געווען יאָרגלאַנג דער סאַמע סוד פון דער שטאַרקייט און פראַכט פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג. און די דאָזיקע דערשיינונג איז: דער פּאָליטישער מנהיג פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג איז איר טעאָרעטישער לערער. אין דער באַוועגונג זענען פאַראַן טוער און קעמפער, פּראָפּאַגאַנדיסטן און טאַקטיקער, אָרגאַניזאַטאָרן און מוניציפּאַלע עסקנים און פאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן. אָבער צו דער פּאָזיציע פונעם מנהיג פלעגט די אַרבעטער־באַוועגונג, אין יענער תקופה, מאַכן אַרויפ־שטייגן דעם גייסטיקסטן מאַן וואָס זי פאַרמאָגט, דעם גרעסטן גדול פון וויסן און וויזיע, מיט וועמען דער גורל האָט איר געבענטשט. דען די סאָציאַליס־טישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין בלויז אַ פּאָליטישע פּאַרטיי; ענלעך צו יעדער פּאַרטיי וואָס אַנטשטייט אין אַ פּאַרלאַמענט אין גע־געבענע פּאָליטישע אומשטענדן; און זי איז אויך נישט נאָר אַן עקאָנאָמישער בונד, ענלעך צו יעדן אַנדערן פּראָפעסיאָנעלן אָדער קלאַסן־פאַרבאַנד, וועמענס גרענעצן זענען פאַרבונדן מיטן אָרט, און די ענינים זענען צייט־ענינים. זי וויל זיין אַ דערלייזונגס־באַוועגונג, וואָס טראָגט אויף זיך די לאַסט פונעם

פאָלקס־גורל און איר וויזיע — איז די וויזיע פונעם מענטשן און פון דער וועלט. זי האָט אויסדערוויילט שטענדיק איר רבין פאַר איר מנהיג; פון מאַרקסן אָן איז די דאָזיקע דערשיינונג געוואָרן כמעט אַ טראַדיציע אינעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און אָן שום אויסדריקלעכן באַשלוס איז עס געוואָרן כמעט אַ מין מנהג אין דער מערהייט פון די גרעסערע און קלענערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די דריי גרויסע נפטרים זענען גלייכצייטיק די באַדייטנדיקסטע אין טעאָרעטישער הלכה און אויך די אָנגעזעענסטע אין דער פּאָליטישער פירערשאַפט פון זייערע לאַנדעס־פּאַרטייען.

און נישט אין דעם באַשטייט די גורל־פראַגע פון די אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס אירע הויפּט־פירער זענען נסתלק געוואָרן — אייביק קען דאָך אַ מענטש נישט לעבן. די פּראָבע־פראַגע פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט איז איצט: צי וועט זי,ווירקלעך, האָבן ווילן און כוח צו קענען פאָרזעצן אָט־די דאָזיקע איינציק־אַרטיקע טראַדיציע, אַז דווקא אַזעלכע נאָר זאָלן, ווייטער, שטיין ביי איר שפּיץ, אויך אין קומענדיקע פּרוביר־צייטן. צי וועט זי מסוגל זיין צו באַשטייַן, אויך אין די טריבע טעג, אַז אירע גייסט־וויזיאָנערן און טעאָרעטיקער־לערער, זאָלן ווייטער געשטעלט ווערן אַלס אירע פירער למעשה, ווי זיי זענען עס געווען, זייט קאַרל מאַרקס ביז עמיל וואַנדערוועלדע.

אין די וואָרצלען פון אָט־דער דאָזיקער פראַגע שטעקט דער גורל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אונדזערע טעג, אין יעדן לאַנד און אין גאָר דער וועלט.

תרצ״ט

פעליקס פעכענבאַך

פעליקס פעכענבאַך, קורט אייזנערס געוועזענער סעקרעטאַר בעת דער אייליקער רעוואָלוציע אין מינכען און סעקרעטאַר פון דעם אינטערנאַציאָנאַל פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט, איז געפונען געוואָרן אַ דערמאָרדעטער. ער איז געווען אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד, און די מאַכט האָט מודיע געווען דעם באַקאַנטן נוסח: „ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפן און עס האָט אים געטראָפן אַ קויל”.

בלוט פון אַ סאָציאַליסט, און דערצו נאָך, בלוט פון אַ יידישן סאָציאַליסט איז פאַרגאָסן געוואָרן דורך אויסוואורפן, טמאים־מענטשן — טאָ וואָס־זשע צאַפּלסטו נאָך און וואָס ציטערסטו, האַרץ? איז ער דען דער ערשטער? איז ער דען דער לעצטער? ווייסטו דען וואָס מען טוט זיינע ברידער, טאַקע אין דעם איצטיקן מאָמענט, ערגעץ־ווו, אין אַ פינצטער ווינקל פון קאָנצענטראַציע־לאַגער? ביסטו דאָך שוין זאַט פון בלוט, האַרץ דו, בלוט פון ווייט און בלוט פון נאָענט און פון גאָר־גאָר נאָענט; טאָ פאַרוואָס ביסטו נאָך נישט פאַרשטיינערט געוואָרן, דו נאַריש האַרץ?

דאָס האַרץ אָבער, האַלט זיך ביי זיין נאַרישקייטן; אומגעקערט, דאַכט זיך, אַז זינט דאָס שלעכטס האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן, זינט דאָס האַרץ איז פאַרלאָפן מיט טרויער, איז נאָך ווי גרעסער געוואָרן זיין וואַכזאַמקייט איבער יעדן טראָפּן בלוט אונדזערן וואָס ווערט פאַרגאָסן און פון וועגן יעדן דורשטיקן נאָך אונדזער בלוט אין אַלע לאַגערן.

איך האָב געקענט דעם דאָזיקן צאַרטן ציטערדיקן בחורל, אים און דעם ברען פון זיין שמועס און זיין אידעאַלן מוט. ער איז געווען יוגנט־פירער נישט נאָר לויטן פּאָסטן, נאָר לויט זיין גאַנצן מהות און נאַטור. ווי האָט די דיכטערן רחל געזונגען וועגן יונתנען? צלם ענוג, נער רך בתלבושת הדר. לב אמונים. לא נטש רע בצר ובקרב אחור לא נסוג”.[1] גלייך ווי זי וואָלט עס וועגן אים געזונגען. נישט נאָר האָט ער קיינמאָל נישט צוריקגעטראָטן, נייערט ער האָט

1) געצערטלטער געשטאַלט, איידל־יינגל אין פּראַכט־קליידונג, געטריי האַרץ. ער האָט נישט פאַרלאָזט אַ פריינט אין שלעכטס און אין שלאַכט האָט ער נישט צוריקגעטראָטן.

געגאַרט נאָך שלאַכט, צו יענער שלאַכט אין וועלכער ער האָט געזען אַ הקדמה „צו דער לעצטער שלאַכט". באַהערשנדיקער שכל, לאָגישער אַנאַליז — נישט מיט דעם האָט ער זיך אויסגעצייכנט. ער איז, אָבער, באַשאַנקען געווען תמיד מיט אַ באַזונדערן חוש. ער האָט גוט געפּילט ווו אין יעדן מאָ־מענט לויערט די אמתע מלחמה צווישן דעם גוטן און בייזן, און ווען עס איז דער אַממייסטן געפּערלעכער טאָג אין דער דאָזיקער אַנטשיידנדיקער מלחמה. און צו יענעם סאַמע געפערלעכן טאָג און צו יענעם ריכטיקן אָרט פלעגט ער זיך אַ לאָז טאָן, מיטן גאַנצן ברען, ריזיקירנדיק זיין גאַנצן לעבן.

דערפאַר האָט ער זיך אַזוי צוגעקלעפּט דאַן צו קורט אייזנערן, זיין פאַר־ערטער לערער, און דערפאַר האָט ער אים ביים לעבן געדינט מיט אַזוי פיל טריישאַפט און דערפאַר איז אַזוי גרויס געווען זיין קנאות, צו דינען זיין אָנ־דענק, נאָכדעם ווי ער איז דערמאָרדעט געוואָרן. שפּעטער האָט ער אויך דער־זען די שאָטנס אין זייער ירושה. צו די קאָמוניסטן וואָס האָבן מיט גדלות זיך זיך אָנגעגעבן צו זיין די פּאָרזעצער פון קורט אייזנערס זאַך, איז ער קיינ־מאָל נישט צוגעשטאַנען. אָבער אין זיין האַרץ האָט ער געטראָגן דעם אָנדענק פון די מינכענער רעוואָלוציע־טעג, אַלס אויסצייכענונג פון זיין דרייסטן אויפ־שטייג, און ווי אַ חסיד וועגן זיין רבין, אַזוי האָט ער תמיד געטראַכט וועגן גוסטאַוו לאַנדויער און קורט אייזנער, די כהנים און די קרבנות פון יענער כהרף־עין׳דיקער רעוואָלוציע אין בייערן.

און ווי אַלע מיטגלידער פון יענער גרופּע, האָט אויך ער געהאַט אַ באַזונדערע באַציִונג צו ייִדן, צו אונדזער באַפרייונגס־באַוועגונג און צו אונ־דזער ווערק אין ארץ־ישראל: אַ באַציִונג וואָס איז געווען פּאַראורטיילט צו פּרובלעמאַטיק: דאָס פעלן פון יעדער זעלישער מעגלעכקייט צו אָפּפרעמדן זיך אינגאַנצן פון דעם דערהויבענעם ייִדישן ענין און דאָס פעלן פון יעדער זעלישער דרייסטקייט איבערצוגעבן זיך צו דעם. מעגלעך, אַז די אָנגעהעריקע צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן נאָך פון לאַנדויערן אַליין געהערט אונדזער לויב, און מעגלעך אַז די אַנטיסעמיטן פון בייערן, די פּאָרגייער פון היטלער־נאַציזם האָבן עס מיט זיי געלערנט אַ קאַפּיטל וועגן דעם ענין, בעת דער רעוואָלוציע און נאָך איר; פאַר זיי האָט זיך, דאַך, אָנגעהויבן דער סוף שוין דאַן, דערפאַר האָט ערנסט טאָלער נישט געקענט נישט קומען קיין ארץ־ישראל און נישט צו פאַרטיידיקן אונדז קעגן פיינט; אָבער אַז ער קומט קיין בערלין צום קאָנגרעס פאַר דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, קען ער נישט — נישט אָפּצוימען זיך פון אונדז, מען זאָל, חלילה, נישט מצרף זיין אים אינגאַנצן צו אונדזער ענין.

און ווי ער, אַזוי אויך פעכטוואַנגער: אויך ער קומט קיין ארץישראל אַ קוק טאָן וואָס ווערט געשאַפן אין לאַנד. צווישן איין אַרעסט און דעם צווייטן האָט

ער אויך דאָס באַוויזן דורכצופירן; און ער איז אויך זייער באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין באַזוך. און צוריקקומענדיק קיין דייטשלאַנד האָט ער זיך „אָנגענומען מיט מוט" און איז אויף אַ שטיקל צייט אַפילו אַריין אין דער „פּועלי־ציון פּאַר־טיי". עס געדענקען זיך מיר זייער גוט מיינע שמועסן מיט אים, פאַר זיין עליה און נאָך זיין עליה. ער איז אַפילו געפאָרן אין אונדזער שליחות צו רעפערירן און ווען עס איז דערשינען קורט אייזנערס בוך, האָט ער זייער געוואָלט, אַז זיינע רייד זאָלן ווערן אָפּגעדרוקט אין עברית (איינצלנע קאַפּיטלען זענען, טאַקע, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם „דבר"). אָבער שטענדיק האָט ער אָפּ־געהיט צווישן אים און אונדז אַ מחיצה, וואָס איז אוממעגלעך געווען זי צו באַזייטיקן. „דוק מרחקים": „מיט דער רעכטער האַנט דערנעענטערט, מיט דער לינקער האַנט דערווייטערט". אין צווישן האָבן זיך געמערט די אַרעסטן אין די געריכט־פּראָצעסן. מען האָט אים געמשפּט ווי אַן אויפשטעגדלער. מען האָט פאַרוועבט קעגן אים בלבולים. אַ לאַנגע קייט איז אויסגעהאַמערט געוואָרן קעגן אים און אירע רינגען זענען באַשטאַנען פון: פּראָצעס, אַרעסט און באַגנעדיקונג און ווידער פּראָצעס און אַ האָס אַ צוזאַמענגעדריקטער.

וואָרעם דווקא אָט־דעם באַזונדערן מענטשלעכן טיפּ, וואָס פּ. פּעכענבאַך איז זיין איידלסטער אויסדרוק, האָבן עס די טייוולאָנים פון דער נאַצישער רשעות אין דייטשלאַנד, אַמגליִענדיקסטן געהאַסט. זיין שיינקייט, זיין מוזישע צאַרטקייט, אויך דאָס פייער פון זיין טראַציקייט — איז פאַר זיי געווען — סאַמע גרויל. דען אין אים האָט געברענט אַ פאַרצייטיקער פונק, אַ פאַרבליבע־נער פון דעם נשמה־אוצר פון היינע און לאַסאַל; אָט יענער יִדישער רעוואָלו־ציאָנערער פונק, וואָס ווי דאָס בלוט פון זכריה הנביא ווייסט נישט פון קיין רו, שטילט זיך נישט איין און טוט דערצאָרענען פון אייביק־אָן אַלע וועלט־גבוזראדנס, און ער רעגט נאָר אָן זייער חיהשע גלוסט צו פאַרגיסן ניי בלוט כדי איינצושטילן זייער ווילדן ברויזן, — און ער שטילט אים נישט איין.

„שלאָווינער" — ווערן אַזעלכע גייסטער באַצייכנט אויף דער שפּראַך פון די העלדן פון דעם שוואַרצן האַס אין פויכטוואַנגערס בוך „ערפּאָלג", און זיי לויערן אויף זייער בלוט. האָבן זיי אים געפאַקט.

„ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, האָבן די וועכטער געשאָסן און איין קויל האָט אים געטראָפן" — אַזוי האָט פּערענבאַך אַליין פאַרויס געשילדערט דאָס איזדעקעווען זיך פון די רוצחים, אין זיין בוך „אין הויז פון די פריידלאָזיקע", וואָס ער האָט אָנגעשריבן באַלד ווי ער איז צום ערשטן מאָל באַפרייט געוואָרן פון זיין לאַנגן אַרעסט. איצט ווערט דער דאָזיקער אויסדרוק געווענדעט קעגן אים. גלייך ער וואָלט אַרויס גענומען געוואָרן פון זיין אייגענעם בוך.

און עס וועט געשען בעתן דערעפענען אַ ציוניסטישן קאָנגרעס און דער

מזכיר־נשמות וועט אַרויף אויף דעם באַלעמער און אויסרעכענען איינעם נאָך איינעם, אַלע אונדזערע טייערע וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן, וועט דאָך אויס־געלאָזן ווערן זיין אָרט צווישן די דערמאָנטע, וואָרעם ער איז דאָך אָפּיציעל, כלל נישט קיין „איינגעשריבענער" אין אונדזערע רעגיסטערס. אָבער אין האַרצן וועלן מיר טראָגן, זאַנפט־שטיל דעם אָנדענק אויך פון יענעם פלאַמיקן יונגנ־מאַן, וואָס האָט געקעמפט דעם געטלעכן קאַמף און איז פאַרצערט געוואָרן פונעם פייער בעתן אויסברוך פון דער רשעות קעגן אונדז, ביים אָנפאַנג פון דער לאַנגער בלוטיקער עפּאָכע, וואָס ציט זיך נאָך אים און קיינער ווייסט נישט איר סוף.

כ״ה אב תרצ״ג

וויקטאָר בערגער

סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין נאָרד־אַמעריקאַנער קאָנגרעס

אָרעם אין פּערזאָנען און אָרעם אין טאַטן איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער גרויסער אַמעריקע. זי קען נישט געמאָסטן ווערן מיט אייראָפּעישע מאָסן. און אויך דאָס וואָס זי פאַרמאָגט איז עס אין גרעסטן טייל אַ דערוווערב פון דעם ערשטן עמיגראַציע־דור, וואָס האָט מיטגעבראַכט זיין סאָציאַליזם אָן איינגעפּאַקטן אין דער וואַליזע און זיי האָבן אים אָפּגעהיט ער זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן דורך קאַלטע ווינטן אין דער נייער וועלט. צווישן די סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן זענען די הויפּט־פאַרזאָרגער אין אַמעריקע: דער יידישער ציבור און דער דייטשער. אינעם צענטער פון יידישן ציבור אין ניו־יאָרק דערשיינט אונדזער „פאָרווערטס" אין יידיש, און אינעם צענטער פון דער דייטשער איינוווינערשאַפט, אין מילוואָקי, דערשיינט די איינציקע סאָציאַליסטישע טאָג־צייטונג אין ענגליש, דער „מילוואָקי־לידער". אין די לעצטע יאָרן האָלט אין אונטערוואַקסן אַן אייגענע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ פון קינדער פון דער איינוווינערשאַפט, געבאָרענע שוין אין אַמעריקע, זי איז אָבער נאָך אין די וויקעלעך און זייער וועג איז נאָך פאַרהוילן פון אויג. געווען אַ צייט ווען דער איינציקער סאָציאַליסט אינעם קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען מאיר לאָנדאָן, געשיקט פונעם יידישן באַצירק אין ניו־יאָרק. און פאַר מאיר לאָנדאָנס דערוויילונג און נאָך זיין טויט, איז דער איינציקער סאָציאַליסטישער מאַנדאַט צום קאָנגרעס געווען תמיד רעזערווירט פאַרן פאָרשטייער פונעם דייטשן באַצירק אין מילוואָקי, דעם רעדאַקטאָר פון „מילוואָקי־לידער", וויקטאָר בערגער.

אַ סך מאָל, דורכאַנאַנד, איז וויקטאָר בערגער דערוויילט געוואָרן אין זיין מילוואָקי אַלס דעפּוטאַט, אַלס פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטן אין אַמעריקע צום קאָנגרעס; ער האָט זיך אָבער נישט באַטייליקט אין אים: ער פלעגט געפּסלט ווערן. אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון גאַנץ אַמעריקע, און צוליב זיין דייטשישן אָפּשטאַם איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן זיין קאַמפּס־כוח, זיין איינפלוס אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז געוואָרן קלענער און מינדערוויכטיקער פון דער

השפעה פון דעם אַמעריקאַנער דעבס. און אויב מען האָט באַוויזן צו באַזייטיקן דעבסן איז דאָך בערגערן אַוודאי. נאָך לאָנדאָנס טראַגישן טויט (לאָנדאָן און אַזוי ווי איצטער בערגער, זענען ביידע אומגעקומען אין אויטאָמאָביל־אַקצי־דענטן), איז בערגער דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעסמאַן. נאָך דעבס טויט איז ער דערוויילט געוואָרן אויך אַלס פּרעזידענט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע און אַז די געמיטער האָבן זיך איינגעשטילט, האָט ער ווידער געוווּנען זיין פּלאַץ אין קאָנגרעס און צוריק באַקומען זיין השפעה אין דער געזעלשאַפט.

ער איז געווען דער איינציקער סאָציאַליסט אינעם גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנגרעס. ער — איז די פּראַקטיע, און דאָך, איז ער זייער געשעצט געוואָרן אין דער גאַנצער קאַמער און ביי אַ סך פון די פּאַרלאַמענט־מיטגלידער איז ער אַפילו געווען באַליבט. ער איז געווען אַ מיטגליד אין קאָמיסיעס. אין איניקע — פּאַרזיצער; אין נאָמען פון פּאַרלאַמענט־הויז איז ער געשיקט געוואָרן אין וויסנשאַפטלעכע מיסיעס. זיין ערנהאַפטיקייט, זיין אומפּאַסנדיקע היסטאָרישע און סאָציאַלע בילדונג, זיין אָרגאַניזיר־כּוח און זיינע אָראַטאָרישע פעיקייטן זענען אים בייגעשטאַנען.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער באַזוכט דייטש־לאַנד. עס איז דאַן געווען יאָרן ווען די שנאה צו דייטשן איז געשטיגן אין אַ סך לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע. די אויגן פון די דייטשן זענען געווען געווענדעט צו זייערע אָפּשטאַמיקע ברידער אין אַמעריקע. אויף זיי, „אויף די דייטשן מיטן פּאַרבינדונג־שטריך" (דייטשן־אַמעריקאַנער) איז אָרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו איינשטעלן אַ בריק צווישן דייטשלאַנד און די פּאַר־איניקטע שטאַטן. און אין דייטשלאַנד גופא, האָט שוין דאַן געווימלט פון שנאת־ישראל. דאַן האָט בערגער געהאַלטן אין דייטשלאַנד זיין באַרימטע רעדע וועגן דער שלעכטער מידה פון שנאת־חינם, וואָס דייטשלאַנד האָט איינגעפירט און טרייבט כּלפּי אירע יידישע בירגער און וואָס איצט — זינט ווערסאַל — האָט זי אַליין פּאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון דעם, מצד די אַרומיקע לענדער. די דאָזיקע רעדע האָבן די דייטשן אויסגעהערט מיט ציין־קריצעניש און מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן. און די יידן־פּאַרטיידיקער האָבן געהאַלטן אין איין אי־בערהפּרן זי אין דער גאַנצער „פּאַרטיידיקונגס־ליטעראַטור" פון יענער צייט.

און ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די פּאַרייניקונג פון די צוויי סאָציאַ־ליסטישע אינטערנאַציאָנאַלן — דעם ווינער און דעם לאָנדאָנער — איז בע־גער געווען צווישן די אַקטיוויסטן פון דער פּאַרייניקונג. צו דער פּאַרייניקונגס־קאָנפערענץ אין האַמבורג האָט ער געבראַכט די בשורה וועגן דעם אָנשלוס

פון דער פּאַרטיי פון די פּאַרייניקטע שטאַטן און אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע האָט ער געטאָן אַלץ, כדי צו באַזייטיקן די שטערונגען און אָפּהאַלטונגען.

ער האָט זיך באַטראַכט ווי אַ גרויסער ייִדן־פּריינט. ווען עס איז נייטיק געווען איז ער תמיד אַרויסגעקומען צו פּאַרטיידיקן ייִדן און קעמפן זייער קאַמף; אפשר האָט גורם געווען צו דעם אויך די גרויסע צאָל ייִדן, וואָס אין זיין קליינער פּאַרטיי. אים איז אויך בייגעשטאַנען זיין קענען גוט די אייראָפּעיִשע לאַגע. ער איז געווען אין קאָנגרעס איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער אין דער קאָמיסיע פון אימיגראַציע־ענינים און האָט אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר אימיגראַציע־פרייהייט — צייטנווייז אויך אין קעגנערשאַפט צו דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע — און ער האָט געפירט דעם קאַמף מיט פּאַכקענטעניש און פּאַרעקשנטקייט. דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם האָט ער באַטראַכט אַלס איינע פון זיינע פונדאַמענטאַלע מיסיעס — אַלס סאָציאַליסט, אַלס דעפּוטאַט, אַלס דערוויילטער פון ייִדישע אַרבעטער, אַלס דייטש וואָס דער קאַמף פון די „נאָרדיקסן” קעגן פרעמדע ראַסן איז געריכטעט אויך קעגן אים און אַלס קעמפער פאַר די רעכטן פון דעם דייטשן קיבוץ אין אַמעריקע, צו דערהאַלטן זיין באַזונדערן כאַראַקטער. ער האָט אויך געוווסט צו שעצן די נאַציאָנאַל־ייִדישע באַוועגונג און האָט זיך באַטראַכט אַלס איינער וואָס ווייסט איר ווערט און אירע מעגלעכקייט־גרענעצן.

צום ציוניזם אָבער, איז ער געווען קעגנעריש. יעדנפאַלס איז ער פיל יאָרן געווען קעגן. די מומחים אויף ענינים פון ייִדנטום אין דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי, זענען דאָך געווען, אַממייסטן די „בונד”־מענטשן און זיי האָבן באַשלאָסן בעגאַטיוו, און זייער מיינונג איז — כנהוג — געווען אין דעם ענין די מיינונג פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; פון דער ייִדישער געשיכטע — און ער האָט, אויף זיין שטייגער, געקענט די ליטעראַטור פון דער דייטשער חכמת־ישראל, אי פון דער ענגלישער, און האָט אויך געלייענט פון מזרח־וויסנשאַפט און ארץ־ישראל־קענטעניש — האָט ער געצויגן פון דעם אַ סך באַווייזן און ראיות, כדי צו שטאַרקן די שטעלונג, זיינע און פון זיין פּאַרטיי.

פרילינג 1927 בין איך געווען, צום ערשטן מאָל, אין אַמעריקע, אין שליחות פון דער הסתדרות, און אין מיין רייזע איבער די אַמעריקאַנער שטעט, בין איך געקומען אויך קיין מילוואָקי. מיינע חברים האָבן מודיע געווען וועגן מיין קומען אינעם „מילוואָקי־לידער” און די צייטונג האָט מיר געמאַכט אַן אינטערוויו. אין נאָמען פון דער צייטונג איז געקומען, פירן מיט מיר דעם שמועס, אַ יונגע פרוי, וואָס האָט עטלעכע יאָר געלערנט אין אַן אוניווערזיטעט אין דייטשלאַנד, און רעדט גוט דייטש, ווי אַ מוטער־שפּראַך — פרוי פּראָפּוועלס. שמועסנדיק האָב איך זיך דערוווסט, אַז זי איז וויקטאָר בערגערס טאָכ־

טער. ווען זי האָט געוווינט אין דייטשלאַנד איז איר אויסגעקומען צו לייענען עפּעס אַ בוך וועגן דער נייער ארץ־ישראל — דאַכט מיר, פון אַלפאָנס פּאַקע — און זי האָט געוווסט צו שטעלן פראַגן אויך וועגן דער קאָאָפּעראַציע, וועגן חלוציות, וועגן דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און וועגן די באַציִונגען מיט די אַראַבער. דער שמועס איז געוואָרן לאַנג. און אויף מאָרגן איז דערשינען אין „מילוואָקי־לידער" אירער אַן אויספירלעכער מאמר, אין וועלכן עס זענען רעזומירט געוואָרן מיט האַרציקער באַציִונג און מיט גראַדן פאַרשטאַנד אַלע פּרטים פונעם שמועס. זי האָט מיר דערציילט, אַז איר פאָטער איז אַן אוהב ישראל און דאָך אַן עקסטרעמער קעגנער צום ציוניזם; זי אָבער, דענקט אַז ער איז נישט גענוג בקי אין די פּרטים פון די זאַכן און דערפאַר שלאָגט זי מיר פאָר איינצושטעלן אַ באַגעגעניש כדי צו שמועסן מיט אים. איך האָב מסכים געווען.

און אויף מאָרגן, צוזאַמען מיט דער ציַיטונג האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג פונעם רעדאַקטאָר וויקטאָר בערגער, צו קומען צו אים אין זיין אַרבעטס־צימער אין דער רעדאַקציע פונעם „לידער", אויף אַ שמועס.

ער איז געווען אַ מאַן אין די יאָרן; זיין עלטער אָבער האָט נישט פּאַרמינערט זיין גייסט־פרישקייט. ער האָט גערעדט אַ קלאָרן רייכן דייטש, טראָץ זיין וווינען אין אַמעריקע שוין פופציק יאָר. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם וואָס האָט ליב צו שמועסן. באַזיצט ברייטע היסטאָרישע ידיעות, מאַריך אין זיין אַרגומענטירן אָבער איז ערלעך אין דענקען. האָט ליב זיך גוט צוצוהערן, האָט אַ שנעלע תפיסה און אַ לייכטן שיקול־הדעת און לערנט בעת און דורך דיסקוסיע.

ער האָט אָנגעהויבן: „איך האָב געהערט וועגן אייער קומען; איך האָב זיך געטראָפן אויך מיט איינעם פון אייערע חברים; כ'האָב געלייענט היינט אייערע רייד. איך וויל, קודם־כל אייך דערקלערן פאַר וואָס אָפּאָניר איך מיך צום ציוניזם, דערנאָך וועט איר אַרויסברענגען וואָס איר האָט צו זאָגן".

און ער האָט אַרויפגעבראַכט אַ ריי אַרגומענטן, געווען צווישן זיי אַלטע באַהויפּטונגען וואָס האַלטן אין איין ווערן איבערגעחזרט דורך אַלע ציוניסטישע קעגנער; און אויך זיינע אייגענע אַרגומענטן, געבויט אויף היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס און אויף זיין אייגענער פּאָליטישער דערפאַרונג. עס זענען געווען באַהויפּטונגען, וואָס אויף זיי איז, בכלל, קיין ענטפער נישטאָ; אויך אַזעלכע וואָס זענען געבויט אויף מאַנגלהאַפטן וויסן, גענומען פון אַ צווייטן, דריטן קוואַל און אויף צווייפלהאַפטער, פאַרעלטערטער, ליטעראַרישער אינפאָרמאַציע. און אין דאָזיקן גאַנצן אָפּאָנירן איז נישט געווען קיין שמץ פון דער פּסלנות, וואָס איז אַזוי אָפט צו טרעפן אין אונדזערע דיסקוסיעס מיט סאָציאַליסטן ייִדן אָדער נישט־ייִדן. די פראַגע וועגן דער סאָציאַליסטישער „כשרות" פונעם

ציוניזם האָט אים כלל נישט אינטערעסירט. אָבער זיין סקעפּטיציזם, האָט זיך בעיקר קאָנצענטרירט אויף צוויי גרונט־פּונקטן: צי איז ארץ־ישראל ביכולת צו לייזן די יידישע וועלט־פּראַגע, און צי די יידן ווילן אָדער וועלן נעמען די דאָזיקע לייזונג מיטן גאַנצן ערנסט?

ער האָט געטענהט:

איר מיינט געוויס, אַז די אַראַבער־פּראַגע איז אַ פּראַגע פון מערהייט און מינדערהייט. און איר, קענטיק, זענט אויך איבערצייגט, אַז נאָך דעם ווי איר האָט אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן געלערנט זיך ווי אומצוגיין מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט, וועט איר קענען לעבן בשלום אויך מיט אייערע שכנים אין ארץ־ישראל. און איר, די סאָציאַליסטן, צווישן די ציוניסטן, האָט שוין, געוויס, גרייט אַ פּראָגראַם פון אַ סאָלידאַרישע לעבנס־אָרגאַניזאַציע, ווי כדומה, למשל, די פּראָיעקטן פון די עסטרייכישע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער און ענלעכע. איך שטעל מיר פאָר, און ווירקלעך, דאָס אַראַבישע פאָלק האָט אַן אַלטע און רייכע קולטור... ריכטיק, ריכטיק, אָבער, ווו איז זייער רעזערוו? — אין דער מדבר. און איין טריט פון אייך — וווינען דאָך די בעדוינער. צי האָט אַ קולטור־פאָלק געפּרוווט אַמאָל וווינען מיט מדבר־איינוווינער; צי האָט איר לפּחות אַן אַנונג וועגן דער שוועריקייט פון דער פּראָבלעם?

דאָס דאָזיקע און נאָך עפּעס. און דאָס איז פאַר אים דער עיקר: ער קען יידן. ער האָט זיי געקענט אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד. און ער קען זיי אין אַמעריקע. ער האָט געזען, ווי אַזוי זיי זענען געקומען קיין אַמעריקע. אַן אַ פונק צוגעבונדנקייט צו דעם דאָזיקן לאַנד און צו זיין קולטור. און ווי זיי האָבן זיך עס צוגעבונדן צו אים און ווי זיי האָבן עס געשלאָגן וואָרצלען אין אים. ניין, עס איז נאָך נישט אינגאַנצן באַפרידיקט, ביי יידן, דער אינסטינקט פון איינוואָרצלונג אין פרעמדע לענדער. און ווירקלעך, ער טרעפט זיך, צו־זאַמען מיט אַ סך יידן און מיט די פירער פון די רייכע יידן, אין ווייסן הויז און ער ווייסט: די יידן ווילן גאָר נישט אָט דאָס, וועגן וואָס איר, ציוניסטן, רעדן. זיי גיבן אייך, אפשר אַ ביסל געלט; מיינט איר, דעריבער, אַז איר מעגט דערפון דרינגען, אַז זיי ווילן אייער דער־פאָלג? אָבער ערנסט גענומען, ווילן זיי עס גאָרנישט. און אַ פאָלק, וואָס האָט אַזאַ נייגונג — קען מען נישט פאַר־ווירקלעכן מיט אים אַזאַ טאַט ווי דער, וואָס שטייט פאַר אייך פאָר.

עס איז געקומען מיין ריי צו רעדן. אַזוי גוט ווי ער האָט געקענט אויס־רעגן זיך בעתן רעדן, אַזוי האָט ער אויך געקענט זיך קאָנצענטרירן בעתן איינהערן זיך. ווען מיינע אַ באַהויפּטונג פלעגט אים אויסזען אומבאַגרינדעט, שלאָגט ער מיר גלייך איבער, מיטן פינגער און בעט צוגאָב־באַווייזן. אַז ער איז מסכים מיט אַ באַהויפּטונג, רייסט ער מיר ווידער איבער און גיט צו נאָך

באַוויזן פון זיינע. אין המשך פונעם שמועס האָב איך צווישן אַנדערן גע־פּרוווט אויך צו שילדערן דעם מצב פון די יידישע מאַסן אין מזרח־איראָפּע, זייער אימיגראַציע־נויטוועגדיקייט און דעם מאַנגל אין אויסזיכטן פאַר אַן אי־מיגראַציע אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

דאָ האָט ער געטאָן אַ שפּרונג אַרויס און פאַרשטאַרקערט:

— איר ווייסט נאָך גאַר נישט, ווי ווינציק, ווי נישטיק עס זענען די דאָ־זיקע אויסזיכטן. שוין עטלעכע יאָר אַז איך בין אַ מיטגליד אין דער קאָמיסיע צו שאַפן געזעצן פון אימיגראַציע אין די פאַרייניקטע שטאַטן. איך קעמף, ווי ווייט איך קען, פאַר עפענען די טויערן, און אַן שום אויסזיכטן. איר זאָלט עס גוט וויסן — צענדליקער יאָרן נאָך וועט אַמעריקע זיין געשלאָסן — פאַר־שלאָסן פאַר די יידישע עמיגראַנטן־מאַסן, אָן שום האָפענונג צו קענען אַריינ־קומען אינעווייניק.

און וואָס מער איך האָב גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פונעם ווערק, וועגן זיינע היסטאָרישע וואָרצלען און וועגן די רעזולטאַטן פון דער שאַפונג אינעם לאַנד, וועגן די שטרויכלונגען אינעם קאַמף מיט זיי און וועגן דער ערנסטקייט וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ביים גובר זיין די שטערונגען בעתן רעאַליזירן דאָס ווערק — האָט ער פון מיר נישט אָפּגעטאָן זיינע פאַרשנדיקע בליקן. ער האָט זיך איינגעהערט, געוויגן עס געדאַנקלעך, איבערגעלייגט זיך און געשאַצט.

דער שמועס האָט זיך פאַרצויגן שעהן־לאַנג. פון דריי בייטאָג ביז זיבן. און גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, ווען כ'האָב געזען דווקא דאָס קאַפּיטל וואָס איך בין בכלל, נישט אויסן געווען, דאָס מאָל צו באַרירן און איך האָב עס דערמאָנט נאָר ביים ראַנד פון אונדזער שמועס. דווקא דאָס האָט אים אַמ־שטאַרקסטן באַווירקט און צערודערט זיין געמיט: דאָס קאַפּיטל פון אונדזער קולטור־ווערק און איבערהויפּט — דער ענין פונעם ווידעראויפלעב פון דער העברעישער שפּראַך.

אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ טעגלעכע פּרעסע אין עברית, און אַן אַרבעטער־צייטונג דערשיינט אין עברית, האָט ער מיך אי־בערגעשלאָגן:

— דאָס הייסט אין עברית, וואָס איז געמישט מיט דייטש. כ'ווייס אַז איר באַצייכנט איצט אַזוי די דאָזיקע שפּראַך. אָבער דאָס איז דאָך די זעלבע שפּראַך, וואָס איך קאָהאַן דרוקט אין איר זיין „פאָרווערטס"?

און ער האָט נישט געוואָלט גלייבן אַז ער איז זיך טועה. מיט גרויס למד־נות און מיט דער קאָכיקייט פון אַ זיך זעלבסט־אַכטנדיקן מענטשן, וואָס פילט זיך באַליידיקט, וואָס מען וויל אים נאַרן, האָט ער מיך פאַרפּלייצט מיט אַ

שלל שלאַגנדיקע באַוויזן, אַז שוין אין די צייטן פונעם עוואַנגעליום איז די שפּראַך פונעם תנ״ך נישט געווען קיין רייד־שפּראַך ביי ייִדן; מען קען אָננעמען, אַז שוין אין די צייטן פון רבשקהן האָבן זיי גערעדט אַראַמיש און אַז אין אייראָפּע האָט אַ ייִד קיינמאָל נישט געפּרווט צו רעדן תנ״כיש און אַז די דאָזיקע שפּראַך איז דעפיניטיוו טויט, פאַרשווונדן, און עס קען כּלל, אויפן זין, אַפילו, נישט קומען, אַז אין אונדזער צייט זאָל אַ טויטע שפּראַך צוריק אויפלעבן. חיים איך וואָס, אַ נעכטיקער טאָג. איך האָב געפּילט באַשיינפּערלעך, אַז דער גאַנצער צוטרוי צו מיר און צו אַלע מייַנע רייד, וואָס איך האָב דערוואָרבן פאַר מיר אין די אַלע שעהן, איז פּלוצים, פאַרשווונדן און געוואָרן צו נישט, צוליב דער דאָזיקער „אויסגעטראַכטער מעשה״ מיט וועלכער איך בין געשטרויכלט געוואָרן.

איך האָב געהאַט מיט מיר אַ נומער פונעם „דבר״. איך האָב אים אויסגעשפּרייט פאַר אים און האָב געלייענט, ער זאָל הערן. ער האָט געזוכט דייטשע עלעמענטן — און אומזיסט. איך האָב ציטירט פּסוקים פונעם תנ״ך און פאַרגליכן זיי מיט דעם וואָס כ׳האָב געלייענט פאַר אים פונעם „דבר״.

ער איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן. האַסטיק איז ער אַרויס פונעם צימער אין די נאָענטע צימערן פון דער רעדאַקציע און האָט געבראַכט מיט זיך פון דאָרט די אַנדערע רעדאַקציע־קאָלעגן. האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר זיי, ווי מען שטעלט פאַר עפּעס אַ לעגענדאַרן מענטש.

— קוקט זיך גוט איין. דאָ האָט איר נעבן אייך אַ חבר פון ארץ־ישראל, וועלכער באַטייליקט זיך אין דער רעדאַקציע פון אַ טעגלעכער אַרבעטער־צייטונג אין דער שפּראַך פונעם תנ״ך. נישט אין ייִדיש־דייטש, נייערט ממש אין דער תנ״ך־שפּראַך. דאָס איז נישט די שפּראַך פון אייב קאַהאַנס „פאָרווערטס״. זיי האָבן דאָרט אָנגעהויבן רעדן תנ״כיש.

און ווען די פאַרוווּנדעטע רעדאַקציע־קאָלעגן זענען אַרויס פונעם צימער, האָט ער זיך טיפער אַריינגעזעצט אינעם פאָטעל, פאַרטיפט אין געדאַנק; אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן:

— הערט מיך אויס, חבר. עס איז פאַראַן איין שטריך אין דער ייִדן־פראַגע איבער וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט געוואַגט צו רעדן מיט ייִדן. איך ווייס אַז זיי זענען גענייגט צו באַליידיקן זיך. דער דאָזיקער שטריך אָבער, האָט אַ סך מכריע געווען אין מיין באַציִונג, און איך בין זיכער — אויך אין דער באַציִונג פון פיל אַנדערע. אייך, אָבער, מעג איך עס איצט זאָגן. איך האָב אייך דערציילט וואָס איך האָב געטאָן פאַר ייִדן און ווי איך האָב געקעמפט פאַר אייער אימיגראַציע. עס איז איבעריק צו זאָגן, ווי ווייט איך בין פון זיין אַן אַנטיסעמיט. איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין און פאַרגעבן

דעם באַשייד פון דער „יידיש־דייטשער שפּראַך". אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן אַ סך ייִדן פאַרלאָזט דייטשלאַנד און אַוועק קיין פּוילן. דייטשלאַנד איז געווען דעמאָלט, אָנגעזאַפּט מיט אַנטיסעמיטיזם — רדיפות און גירושים און שענדלעכע בילבולים און אויסשלאַכטונגען אינעם לויף פונעם גאַנצן יאָר־הונדערט. די ייִדן האָבן דאַן פאַרלאָזט דייטשלאַנד, זאָט פון שאַנדע און ווייטיק. קיין איין גוטן טאָג, קיין איין שעה פון ווירדע האָבן זיי נישט געזען אין יענעם לאַנד. וואָס־זשע האָבן זיי געטאָן? זיי גייען און נעמען ביי זייערע באַצווינגער און שונאים זייער שפּראַך, בינדן זיך צו צו איר מיט פעסטע בענד פון ליבע. פאַרבלייבן איר טריי, טראָגן זי מיט מיט זיך דורך פּוילן און רוסלאַנד און ברענגען זי אַזש קיין אַמעריקע און היטן זי אָפּ ביז היינט צו טאָג מיט ליבע און אייפער־צוגעבונדנקייט. פון וואַנען און פאַרוואָס אַזאַ דאַנק־אָנערקענונג צו בלוטיקע שונאים? און סוף־כל־סוף וואָס האָבן דאַן ייִדן געפונען אין דער דייטשישער שפּראַך פון יענער עפּאָכע? וואָסער קולטור־ווערטן האָט זי דאַן פאַרמאָגט? דאַן האָט דאָך דייטש נאָך נישט פאַרמאָגט נישט קאַנטן, נישט געטהען, נישט העגלען און נישט מאַרקסן, נישט אַנדערש, ווי נאָר אין זכות בלויז פון דעם געדיכטן האַס וואָס יענע דייטשן האָבן געהאַסט די ייִדן און אין זכות פון די רדיפות, וואָס זיי האָבן זיי גערודפט, זענען די ייִדן אַזוי צוגע־בונדן געוואָרן צו דער שפּראַך פון זייערע פאַרפאָלגער און האָבן זי געכאָוועט און געליבט הונדערטער יאָרן?!

— און אָט האָט איר מיך איבערראַשט מיט דעם וואָס איר האָט מיר דערציילט. איך האָב מיר עס נישט פאַרגעשטעלט. איך וואָלט אויך נישט גע־גלייבט, ווען איך וואָלט עס נישט געזען און געהערט. עס באַקומט זיך פון אייערע רייד, אַז דער נייער דור, וואָס האָט זיך איצט קאָנצענטרירט אין ארץ־ישראל, מיטן צוועק צו אויפשטעלן פאַר זיך דאָרט אַ היימאַט, האָט אויסגע־שניטן פון זיין צונג די שפּראַכן, וואָס זענען נישט זיינע; אַלע שפּראַכן פון די לענדער פון וועלכע ער איז אַוועק; און וואָס נאָך מער, ער האָט געהאַט מוט צו אומקערן פאַר זיך, פון ס׳ניי, אין אונדזער צייט, זיין אוראַלטע שפּראַך, וואָס איבער צוויי טויזנט יאָר האָט קיינער נישט גערעדט אין איר, און צופּאַסן זי צום מאָדערנעם לעבן. נישט אַנדערש, אַז אין צווישן־צייט, איז געוואַקסן אין אייער האַרץ דער געפיל פון זעלבסטווירדע און אַז די וואָרצלען פון זיין רצון זענען טיף און מעכטיק. אויב איר האָט אַזעלכעס געקענט אויפטאָן — וועט איר קענען פיל פיל אויפטאָן.

איך האָב אים געזאָגט, וואָס כ׳האָב געהאַט צו זאָגן ביז ס׳איז געוואָרן שפּעט. דער חבר וואָס האָט מיך באַגלייט האָט מיר דערמאָנט, אַז עס הייבט זיך באַלד אָן מיין עפנטלעכע פאַרזאַמלונג. מיר האָבן זיך געזעגנט.

אַ שעה נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרזאַמלונג. צווישן די געקו־מענע צו דער פאַרזאַמלונג איז געווען אויך וויקטאָר בערגער, זיין פרוי, וואָס פירט אָן די קולטור־ענינים אין דער מילוואָקער מוניציפּאַליטעט, זיין טאָכ־טער און נאָך חברים פון דער רעדאַקציע פונעם „לידער". מען האָט געגעבן אַן ארץ־ישראל־פילם. און נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיקט מיין פאָרטראַג איז בערגער אַרויף אויף דער טריבונע און צו אַלעמענס איבערראַשונג, האָט ער געהאַלטן אַ פּלאַמיקע רעדע צום גונסטן פון אונדזער ווערק אין ארץ־ישראל.

און מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט דערנאָך צוגעלייגט אַ האַנט צו אונדזער זאַך. ער האָט געשיקט איינמאָל אַ באַגריסונגס־בריוו צו דער קאַמפּיין־קאָנפערענץ; האָט אונטערגעשריבן זיין נאָמען אויף אַן אויפרוף און די חברים האָבן זיך באַנוצט מיט זיין נאָמען. מיר דאַכט זיך, אָבער, אַז מער ווי דאָס האָט ער נישט אויספייעט צו באַווייזן.

יענע ערשטע רעדע אויף אונדזער טריבונע — דעם 10טן מערץ 1927 — איז געווען אויך איינע פון זיינע לעצטע רעדעס אויף זיין לעבנס־טריבונע.

17.9.1929

יוסף בלאָך

אויב מיטן נאָמען סאָציאַליסטישער מנהיג באַטיטלט מען אַ מענטשן, וואָס האַלט אין זיינע הענט די לייצעס פון דער מאַכט אין דער פּאַרטיי, שטייט אָפּי־ציעל אין איר שפּיץ, האָט פאַרזיכערט זיך די מערהייט אין איר פאַרוואַלטונג און אים געהערט די הערשאַפט, דער רום און דער כבוד — איז ד״ר יוסף בלאָך, רעדאַקטאָר פון די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפטע״ אין משך פון צענדליקער יאָרן, וועלכער איז איצט געשטאָרבן איינזאַם און פאַרלאָזן אין דער עמיגראַציע אין פּראַג קיינמאָל נישט געווען קיין מנהיג. ער איז געווען באַשיידן און וויט פון מאַכט. ער פלעגט אויך אויף דער אָרענע פון דער עפנטלעכקייט נישט פיל דערשיינען, נישט אויף די פּאַרטיי־קאָנפערענצן און נישט אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער. די מאַסן האָבן אים נישט געקענט און ער האָט זיך נישט געצײַלט צווישן די אָפּיציעלע באַשטימער פונעם פּאַרטיי־גורל.

אָבער אויף וויפל אַ סאָציאַליסטישער מנהיג איז אַ לערער און די מיט־גלידער פון דער פּאַרטיי זענען זיינע תלמידים, וואָס הערן זיך איין אויפמערק־זאַם צו זיין וואָרט, סיי ווען ער איז מסביר זאַכן וואָס זענען אָנגענומען אין דער פּאַרטיי, סיי ווען ער טרעט אויס אַליין זיינע וועגן; אַ לערער וואָס ווידמעט די גאַנצע קראַפט פון זיין גרויסן פאַרשטאַנד די ברייטקייט פון זיינע רייכע ידיעות, כדי משפּיע צו זיין אויף דער פּאַרטיי אַ באַשטענדיקע גייסטיקע השפּעה, צו פירן זי מיט סיסטעמאַטישקייט, פאַרעקשנטקייט און גייסטיקע שטאַרקייט, צו ריכטן זי און פירן צום איינציקן פונקט, וואָס ער זעט פאַר די אויגן פון זיין באַוועגונג — דאַן זענען פאַראַן וויניק מנהיגים ווי ער אין דער גאַנצער גייסטיקער וועלט פון די סאָציאַליסטישער פּאַרטייען אין אייראָפּע.

זיין זשורנאַל „די סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפטע״ איז אַפילו אין זיינע בעסטע יאָרן קיינמאָל נישט געווען די טריבונע פונעם אָפּיציעלן געדאַנק פון דער דייטשישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

נאָך אין די צייטן פון עדואַרד בערנשטיינס „רעוויזיע״, אויפן שוועל פונעם לעצטן יאָרהונדערט, ווען ער איז געווען דאָן דער הערשער אויף אָט דער טריבונע, האָט זי געזוכט אירע אייגענע שטעגן; און אַזוי איז זי פאַר־בליבן ביי דער זייט פון וועג. פריער די „נויע צייט״, קאַוטסקיס חודש־זשור־

באַל און דערנאָך הילפּערדינגס „די נויע געזעלשאַפט", זיי האָבן אויסגעדריקט דעם אָפיציעלן געדאַנק מער ווי די סאָציאַליסטישע „מאָנאַטסהעפטע", וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין אַנדער גייסטיקער אויטאָריטעט ווי נאָר די אויטאָריטעט פון איר רעדאַקטאָר, יוסף בלאָך. אָבער געלייענט האָט מען זי און אויף אירע געדאַנקען איז מען דערצויגן געוואָרן.

דער לייענער־תּלמיד וועמענס געשטאַלט האָט תּמיד געשוועבט פאַר די אויגן פון אָט־דעם רעדאַקטאָר־רבי, איז נישט געווען נישט בלויז דער וויסנ־שאַפטלער פון פאַך. ער איז אויך, אָבער, נישט געווען דער מאַסנמענטש וואָס פאַרהייליקט דעם לאָזונג און דערוויטערט זיך פון אַנאַליז. זיין לייענער איז געווען שטענדיק דער פאָלקס־אינטעליגענט, וועמענס שכל איז אַ גראָדער און זיינע קענטעניש זענען גענוגנדיקע מען זאָל קענען אַנטפּלעקן פאַר אים, מיט ביינעם געשמאַק און קלאָרקייט פון הסבר, די סודות פון וועלט, מענטש און געזעלשאַפט. דער געבילדעטער אַרבעטער, סעקרעטאַר פון דעם אָרטיקן און דעם פּראָפעסיאָנעלן צענטער, דער לערער אין זיין כּיתּה, דער יוגנט־מדריך אין זיין קלוב, אַ מענטש פון דער לאָקאַלער מאַכט און אַ טוער אין די אינס־טיטוציעס פון דער שטאָט, די וואָס אַרבעטן אין דער פּאַרטיי און אין דער מדינה — זיי, האָט דער רעדאַקטאָר יוסף בלאָך געהאַט שטענדיק פאַר זיינע אויגן. זייער וועלט האָט ער געזוכט צו באַרייכערן און זיי האָט ער געטראַכט צו דערציִען צו דער מיסיע — די מיסיע פון דעם אַרבעטנדיקן, פרייען און גאַנצן מענטש.

די טריבונע וואָס בלאָך האָט געשאַפן איז געווען אַ סאָציאַליסטישע טרי־בונע, וואָס האָט זיך נישט איינגעשלאָסן אין די גרענעצן פון נאָר פּאַרטיי־ענינים אָדער בלויז סאָציאָלאָגישן פאָרשן אַליין. אין אָפּטיילונגען אַ סך, אין די צענדליקער, געפּאַסטע אין דער פאָרם פון איבערזיכטן, — געווען צווישן זיי אָפּטיילונגען שטענדיקע און געווען צייטמעסיקע — יעדער איינער פון זיי איז געווען אונטער דעם אָנווייז פון אַ רעדאַקטאָר־שרייבער און דורך זיי זע־נען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דעם אָנזיכטס־קרייז פונעם מענטש פון דער באַוועגונג צוויי מאָל אַ חודש אַלע ענינים־פלאַכן פון לאַנד: וויסנשאַפט, קונסט און גייסט־פאָרשונג, עבר און קעגנוואַרט, גרונט־פּראָבלעמען און הויפּט־דער־שיינונגען פון זייער לויפנדיקן לעבן.

און נישט נאָר פאַר זיינע לייענער איז דער דאָזיקער באַזונדערער סאָרט רעדאַקטאָר געווען לערער, נייערט ער איז אויך געווען לערער פאַר זיינע שרייבער. די צענדליקער שרייבער פון דעם דאָזיקן צוויי־וואָכן־שריפט און די צענדליקער רעדאַקטאָרן פון אָפּטיילונגען, צווישן וועלכע עס זענען געווען מענטשן מיט גרויסע נעמען און מענטשן פון מאַכט, יעדער אַ מומחה אין זיין

פּאַך, פּלעגן פּאַקטיש שרייבן לויט די גרונט־ליניעס וואָס ער, דער רעדאַקטאָר־לערער, האָט אָנגעצייכנט פאַר זיי אין אַ פאַרשמועס. אַליין האָט דער דאָזיקער גלענצנדער רעדאַקטאָר אַזוי גוט ווי נישט געשריבן. יאָרנלאַנג פלעגט אין זיין זשורנאַל נישט דערשיינען קיין נאָטיץ פון זיין פעדער. אָבער — מען קען זאָגן, אַז אין דעם זשורנאַל איז קיין איין נאָטיץ נישט אַדורך, וואָס זאָל נישט געווען טראָגן זיין שטעמפּל. זיין ציל איז געווען נישט צו שאַפן אַ פרייע טריבונע וואָס יעדער, וואָס האַלט אַ פען, זאָל אַרויפגיין און דרשנען פון איר; פאַר דעם זענען פאַראַן אין לאַנד אַ סך אַנדערע טריבונעס — ער איז אויסן געווען צו ריכטן דעם געדאַנקענגאַנג פון זיין דור, און זיין שרייבער־קאָלעגיום און מיטאַרבעטער האָט ער אויסגעקליבן צווישן יענע, וואָס האָבן געוואָלט זיין שותפים מיט אים אין דער אַרבעט פון דעם מין ווען ער איז זייער הויפּט־דיריגענט. די געוואַלדיקע רייכקייט פון זיינע קענטעניש, די ברייטקייט פון זיין פאַרשטאַנד, צוזאַמען מיטן קאָנצענטרירן זיין גאַנצן גייסטיקן לעבן אויף זיין רעדאַקטאָר־כהונה, דערצו נאָך זיין פערזענלעכע סימפּאַטיע און זיין גרויסע עניוות און אויסטאָן זיך פון יעדער פּניה און אייגננוץ, מאַטעריעלן און פּאָליטישן — דאָס אַלץ האָט אים געגעבן די באַזונדערע מעגלעכקייט אויסצואיבן זיין גייסטיקע מאַכט אויף זיינע שרייבער־קאָלעגן און אויף צענדליקער טויזנטער פון זיינע תלמידים־לייענער אין דער גאַנצער ברייט פון לאַנד און פון דער פּאַרטיי. און אַז ער פלעגט זיצן איינזאַם אַליין אין זיין פאָטעל, אין צימער פון זיין גרויסער ביבליאָטעק, קאָנצענטרירט אין זיך אינערלעך אָן צו אַרויסגיין פון זיין צימער אין דרויסן, און זיינע קלוגע, טיפע אויגן שוועבן אום איבער אַלע פּלאָנטערנישן פונעם דור און דרינגען אַריין אין רעגירונגס־פּראָבלעמען און סאָציאַלע קאָנפליקטן, פּאַרטיי־דורכפאַלן און גייסט־ און וויסנשאַפט־רעטענישן (מען האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז געווען, לויט זיין בילדונג, אַ געניאַלער מאַטעמאַטיקער און זיין פרייע צייט פלעגט ער ווידמענען דער דאָזיקער וויסנשאַפט) — פלעגט ער זאַמלען אַרום זיך די אויפטואונגען און אויספירונגען פון די אַלע, פלעגט זיי פילטרירן און אַנאַליזירן און צעטיילן צווישן צענדליקער שרייבער און מיטאַרבעטער זיינע לויט די אָפּטיילונגען צום ריכטן און צום קלאָרער מאַכן, איז ער געווען ווי אַ פּאַרצייטיקער געלערנטער מייסטער — אַ הערשער אין דעם פּאַלאַץ פון זיין געהיימניש.

מיך האָט באַגייסטערט זיין שיטה אין רעדאַקטירן.

פיל פלעגן זאָגן, אַז יענע רויטע העפטן, איבערפולטע און אָנגעפּראָפּטע מיט ידיעות און פאַקטן אָן אַ צאָל און וועמענס אַלע שרייבער „רעדן אין איין סטיל יעדע צווי וואָכן, אַזוי שוין זיבט יאָרן" — זענען אַ ביסל לאַנגווייליק. און, ווירקלעך, ס'האָט זיך צו־אָפּט געמערקט די אומזיכטבאַרע האַנט, וואָס

דיכטעט און פירט זיי אָן. די דאָזיקע העפטן אָבער האָבן געהאַט אַ גרויסע דערציִערישע קראַפט; און ער, יוסף בלאָך, איז געווען זיכער אַז דאָס איז דער איינציקער וועג צו קענען אויסראָטן די גיפטיקע דערנער פון ווייגאָרטן און פלעגן אים צום גוטן.

דען ער האָט גוט געוווסט וועגן די שלעכטע ווינטן וואָס שוועבן אַרום אין דייטשישן פאָלק און אויך צווישן די דייטשע אַרבעטער. זיין האַרץ האָט אים פאָרויסגעזאָגט נישט קיין גוטס. די זעלביקע באַזאָרגטקייט — אין אַ קלע־נערער מאָס — האָבן געטיילט אויך אייניקע פון די ייִדישע סאָציאַליסטן, וואָס זענען געווען באַאויפטראָגט איבער דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו מדריך זיין זי און צו פירן זי. צוליב מאַנגל אין גלויבן אינעם פאָלק, אין דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג און אין אירע פירער, האָבן פיל פון זיי אָפּגעגייגט לינקס. ער, בלאָך, האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון הדרכה; און ווי אַ דרדקי־מלמד האָט ער נישט אָוועקגעלייגט דעם טייטל פון האַנט, נישט ער און נישט דער קאָלעגיום פון זיינע מיטאַרבעטער, געהילפן און אונטער־העלפער — צוזאַמען מיט אים.

זיין ייִדישקייט האָט ער געטראָגן מיט באַוווסטזיין און אחריות, לויט זיין אויפפאַסונג און זיין דרך. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1872, אין רוס־לאַנד. אַ קינד נאָך, האָט מען אים געבראַכט קיין קעניגסבערג און זיין גאַנצע דערציִונג האָט ער באַקומען אין אַ דייטשער שולע. בעת ער איז געווען אין אוניווערסיטעט האָט ער רעדאַקטירט דעם „סאָציאַליסטישן סטודענט" און נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט איז דער אָרגאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „סאָציאַליסטישער אַקאַדעמיקער". כמעט פערציק יאָר האָט בלאָך רעדאַקטירט דעם „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס העפטע". פון די ערשטע טעג פונעם רעוויזיאָניזם ביז די היטלער־טעג. אין זיין קינדהייט אין קעניגסבערג האָט ער זיך נאָך געפונען אין דער געזעלשאַפט פון מזרח־ייִדן. זיין פאָטער איז געווען אַ שוחט אין דעם קוואַרטאַל ווו זיי האָבן געוווינט. אין בלאָכס גרוי־סער ביבליאָטעק אין בערלין האָבן זיך נאָך אַרויסגעזוזען צווישן די ביכער איבער מאַטעמאַטיק און סאָציאַליזם — העברעיִשע פאָליאַנטן, געבונדענע אין לעדער וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער: ש"ס און רמב"ם ספרים. די ליטעראַ־טור וועגן די דאָזיקע ספרים אין פרעמדע שפראַכן האָט ער געקענט און ער האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע מיינונגען וועגן זיי. אין די ערשטע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיר האָבן צו אים, צום ערשטן מאָל, גע־בראַכט דאָס ציוניסטישע וואָרט, האָט נישט געקאָסט קיין סך מי אים צו דעראָ־בערן, ווייל מיר האָבן אים געטראָפן שוין אַ פאַרטיק איבערצייגטן. לויט זיין אַלגעמיינעם באַנעם — דעם קאָנטינענטאַלן, וואָס אַ סך האָבן באַצייכנט, ווי אַן

אַנטי־ענגלישן — האָט ער אויסגעזעצט פיל קעגן דער ענגלישער מאַכט, האָט אַרונטערגעריסן אילוזיעס, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אינעם ציוניזם און אין דער וועלט; ער האָט אָבער פיל האָפענונגען פאַרבונדן מיטן קאָלאָניזאַציע־ווערק אינעם לאַנד; ער האָט פאַרהערלעכט שטאַרק דעם קבוץ־ווערק און האָט ברייט געעפנט די טירן פון זיין טריבונע פאַר דער אויפקלערונגס־אַרבעט. לעאָן כאַזנאָוויטשעס מאמר אין בלאָכס העפטן זענען, למעשה, געווען דער ערשטער מאמר, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן ציוניזם אין אַן אַלגעמיינער דייטשיש־סאָציאַליסטישער טריבונע, אין יענער צייט. און איך געדענק גוט מיט וואָס פאַר אַ פרייד ער האָט אים אָנגענומען. און פון דאַן אָן האָט ער נישט אויפגעהערט צו ברענגען וועגן דעם דאָזיקן ענין אין זיין זשורנאַל, אין אַלע זיינע אָפּטיילן און דערנענטערן צו אונדזער זאַך די מערהייט פון זיינע שרייבער, ייִדן ווי נישט־ייִדן. זיינע נישט־ייִדישע מיטאַרבעטער, לודוויק קוועסעל און הערמאַן קראַנאַלד האָט ער דערצויגן אַלס עקספּערטן אין פראַגן פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. ער פלעגט צוגרייטן מאַטעריאַל פון העברעיִש און פון אַנדערע שפּראַכן און קראַנאַלד פלעגט שרייבן אונטער זיין הדרכה, פאַר דייטשיש־סאָציאַליסטישע לייענער וועגן רופּינס און נאַבראַצקיס ביכער און וועגן אָנהייב פון דער קאָאָפּעראַציע און די וועגן פון דער קאָלאָניזאַציע. ער איז געווען דער וואָס האָט דערנענטערט צום ציוניזם זיין שרייבער, וועלכער איז דאַן געווען באַרימט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט ווי אַ סטאַטיסטיקער־פאָרשער און אַ סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר דעם פראָפעסאָר באַלאָד. דער אויטאָר פון „צוקונפט־קעניגרייך“; און אונטער דער השפעה פון יוסף בלאָך האָט ער דאַן אָנגעשריבן זיין בראָשור, פול מיט שווונג און האָפענונג, וועגן „גרויס־ציוניזם“. און זיינע ייִדישע שרייבער — יוליוס קאַליסקי, כהן־רויס, רפאל זעליגמאַן און דער איצטיקער ישראל־מיניסטער פרץ נפתלי — אַלע האָבן זיי טריי צוגעלייגט אַ האַנט, ביז עס איז נישט געבליבן אינעם ציוניזם קיין איין טאַט וואָס זאָל געווען זיין פאַרהוילן פון זיינע בליקן און וועלכן ער זאָל נישט געווען באַגלייטן פון ווייטנס מיט זיין קריטיש אויג. ער איז געווען דער וואָס האָט פראָפּאַגאַנדירט פאַר דער באַוועגונג אונדזער „רעכט אויף ארץ־ישראל, צוליב אונדזער רעכט אויף אַרבעט“ און ער האָט פרובירט דורך זיינע אייגענע וועגן צו דעראָבערן הערצער פאַר דעם. ער איז געווען דער וואָס האָט געוואָרנט פאַר די סכנות פון קריזיס, וואָס שטייען פאַר אונדזערע נאַציאָנאַלע פאָנדן. נאָך ביים אָנפאַנג פון דער קרן היסוד גרינדונג האָט ער געפאָדערט צו זוכן נייע וועגן פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָנליי; ער האָט פאָרגעשלאָגן צו איינאָרדענען דעם ארץ־ישראל־מאַרק לויט סיסטעמען ענלעכע צום שפּעטערדיקן „טראַנספער“, כדי צו איבערוועלטיקן די סיסטעם פון אָפענע טירן און

ער איז געווען דער, וואָס האָט פאַרויסגעזאָגט, אַז די שונאי־ישראל וועלן שפּע־טער באַשרענקען די געלט־זאַמלונגען פאַר ארץ־ישראל אין די גלות־לענדער אויך אין די גאָר פרייע אַפילו.

און ער האָט גוט געוווּסט אַז די שנאת־ישראל איז טיף, גיפטיק און אַז זי איז זייער פאַרשפּרייט אויף אַלע לעבנס־שטחים, אין דייטשלאַנד און צווישן די פעלקער. ער האָט אַלאַרמירט אַלע זיינע שרייבער צו קעמפן קעגן אַנטיסע־מיטיזם, נישט נאָר אין באַזונדערע אַרטיקלען, נייערט אין אַלע אָפּטיילן און אין אַלע מאמרים. און אויף אַ באַזונדער אייגנאַרטיקן אופן פלעגט ער מאַכן דורכשמוגלען דעם דאַזיקן קאַמף אין אַלע קעמערלעך פון זיינע העפטן; דורך אַ באַזונדער קליגלען זיך און מיט אַ באַשטענדיקער סיסטעמאַטישקייט. ביז אַ געוויסן גראַד האָט דער דאָזיקער קאַמף געדינט אים אַלס הויפּט־עיקר, אַלס רוקנביין פאַר זיין רעדאַקטירן. מיט זיין אָפן אויג האָט ער פאַרויסגעזען די אָפענע און פאַרבאָרגענע האַס־שלאַנגען, וואָס נישטערן אין דער דייטשער עפנטלעכקייט, ער האָט אַרויסגעהערט זייער געפּעדרלעכן שיפּען אין אַלע שטעגן פונעם דייטשישן וואַלד. און אין זיין גרויסן אָפּטימיזם האָט ער נישט אויפ־געהערט צו גלויבן, אַז דורך אויפקלערונגען און מעטאָדישער און געקליבע־נער הסברה, איז מעגלעך אַוועקצונעמען פון זיי דעם גיפט. און ער איז נישט מיד און נישט מאַט געוואָרן צו דערקלערן אין דער שפּראַך פון דעם גאַנצן טוץ אָפּטיילונגען פון זיין טריבונע, און מיט די פעדערס פון אַלע זיינע שריי־בער־תלמידים, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפן ראַנד פון דעם סאַמע שלאַנ־גען־גרוב.

און ווען די שלאַנגען, אַלע, האָבן זיך פּלוצים געטון אַ רוק אַרויס פון אומעטום, און האָבן זיך אַריינגעריסן און פאַרדעקט דאָס גאַנצע לאַנד — האָט דאָס שלעכטס איבעראַשט אויך אים, דעם מאַן מיט אָפענע אויגן און אַפילו איינפאַלן.

אין פּראָג, אין די טעג פונעם 18טן קאָנגרעס, — אין אויגוסט 1933 — אַ טאָג איידער מען האָט דערהרגעט טעאָדאָר לעסינגען, האָב איך אים געזען צום לעצטן מאָל, אַ פאַרטריבענעם, אַן איבעריקן, אַ שווער־שטאַמלענדיקן, וואָס פּרוּווט זיך ראַטעווען זיין גייסט, דורך אַ מאַטעמאַטיש בוך און שטרעבט קיין ארץ־ישראל.

שבת, דעם 14טן דעצעמבער 1936 (טבת תרצ״ז) אין דער עלטער פון 65 יאָר און אין טאָפּלטן גלות פּראָג, האָבן אים אינגאַנצן פאַרלאָזט די לעצטע רעשטן פון זיינע פיזישע כוחות.

איצט דערוויסן מיר זיך, אַז אויך דאַן, אין די יאָרן פון האַס און איינ־זאַמקייט, ווען ער האָט געוווינט אין זיין טאָפּלטן גלות אין פּראָג, ווען פאַר

זיינע אויגן איז אַוועק אין פייער זיין גאַנץ לעבנס־ווערק אין דייטשלאַנד, — אויך דאַן האָט די וויזיע פון אים זיך נישט אָפּגעטאָן.

ווען אויך די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפטע" זענען פאַרמאַכט געוואָרן, און די בעסטע שרייבער זיינע זענען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן ווי מעקענע פאַרן שטורעם און נישט נאָר דאָס אַליין, נייערט אויך אַ סך פון זיינע טרייע לייענער און תלמידים, טראָץ דער גאַנצער מי פון זיינע אויפקלערונגען אין דעם שאַרפזין פון זיינע אויסטייטשן, האָבן אָנגעהויבן צו אונטערשמייכלען זיך צו דעם אשמדאי וואָס האָט געהאַלטן אין אַרויפצווינגען זיין מאַכט, און זיינע אויגן האָבן קלאָר געזען פאַר זיך דעם חורבן פון זיין וועלט — אויך דאַן איז יוסף בלאָך נישט געווען נאָר בלויז אַ קרבן.

ער באַנוגנט זיך אַפילו נישט מיט דעם, וואָס ער צאָרנט און ער געפינט אויך נישט קיין פרייע צייט צו זיין אַ קלאָגער; ער זעצט פאָר צו זיין אַ וועלט־זעער.

און מיט אַ מעכטיקן כוח ברעכט זיך אַריין, איצט, דער חשבון פון זיין געפּייניקט פאָלק אינעם חשבון פון דער צעטראָטענער וועלט, און מיט אַן אור־גלויבן שטייט ער אויף דאַן, כדי צו זאָגן נבואה וועגן ביידנס ווידער־אויפקום אויב עס וועלן זיך נאָר געפינען אויף דער יועלט אויערן וואָס זאָלן זיך צוהערן.

און דאָס מאָל — אָן אַ טריבונע און אָן אַ לייענער־קהל, האַלט ער זיין וואָרט מינדלעך, גלייך ער וואָלט עס געוואָרפן פון זיינע האַרצנס־תהומות אין דעם פוסטן חלל פון דער וועלט; און אַזוי ווי ער האָט נישט פאַר זיך קיין אַנדער צוהערער, באַנוגנט ער זיך מיטן איינציקן צוהערער, וואָס דער גורל האָט אים באַשערט. זיין יונגערער תלמיד, אַ פליכטלינג, אַ געשטראָפּטער ווי ער, וועלכער האָט זיך געפונען דאַן אין גלות נעבן אים. דאָס איז זיין תלמיד פאַרערער, פעליקס שטעסינגער, אַ יידישער סאָציאַליסט, אַ פאַרטריבענער פון דייטשלאַנד, ער פאַרצייכנט די ווערטער ווי ער הערט זיי פון אים, מיט דער גאַנצער טיפקייט פון זייער אינהאַלט און פלאַמיקייט פון זייער פאָרמולירונג. עטלעכע יאָר נאָכדעם גיט ער איבער אין באַזיץ פון דער וועלט יענע געהערטע און פאַרצייכנטע ווערטער, ווי דעם לערערס לעצטע ירושה. און מיר האָבן איצט פאַר זיך אַ גרויסן בוך פון צען טיילן. און דער דאָזיקער בוך איז די צוואה פון אַן אָפּשטאַרבנדיקן יידישן סאָציאַליסטישן חכם אין סאַמע מיט פון די שרעקלעכע שווידער־יאָרן. דער נאָמען פון בוך: „די רעוואָלוציע פון דער וועלט־פּאָליטיק" און דאָס בוך האָט אַלס צוגאָב צוויי קונטרסים: איינער הייסט „די (יידישע) טאָפּלטע עמאַנציפּאַציע" און דער נאָמען פונעם צווייטן איז: „ארץ־ישראל אין מיטן פון דער וועלט־פּאָליטיק".

דאָס בוך איז אַ גרויליקער חשבון פאַר די פעלקער פון אייראָפּע און פאַר

דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַן אָפענע שטראָף־עקספּאָזע צו אַ דור פון שטרעבנדיקע, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט דערהויבענע און ריכטיקע געדאַנקען און האָבן נישט געוווּסט ווי צו רעאַליזירן זיי. „די מענטשן האָבן באַנקראָטירט און נישט די געדאַנקען". „די יסורים זענען עדות איצט, אַז מיר האָבן גע־בלאָנדזשעט פונעם גלייכן וועג".

און ער פּרוּווט אויפצודעקן די סיבות פונעם טעות, פאַרבייפירנדיק די געשיכטע פון די מדינות פון אייראָפּע אין די לעצטע 150 יאָר, זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ביז דער איבערוועלטיקונג פונעם היטלעריזם, אַלץ וואָס מיר האָבן געבלאָנדזשעט און געמאַכט אַראָפּפירן פונעם וועג. ווייל מיר זענען געווען געשלאָגן מיט פאַרבלענדעניש. די ברענענדיקע אמונה אינעם נצחון פון דעם גוטן „אם בקולי תשמעו" — טראָץ דעם גאַנצן גרויל וואָס אַרום — מאַכט אויפשווידערן.

און אַן אָפּקלאַנג פון די אַלטע נביאים פון ישראל דערטראָגן זיך פון דער געדיכטעניש פון די דורות: „די אימפּעראַטיוון פונעם מענטשלעך־גוטן, וואָס מוזן זיגן, זענען דאָך אויסגעקריצט אויף אייביק אויף די לוחות־הברית און דעם ספר הספרים (תנ"ך) און זייער רעאַלער פּירוש אין אונדזערע דורות האָט אָנגעהויבן זיך צו אַנטפּלעקן אין דער ירושה פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע און אויף די פונדאַמענטןביידע דאַרף מען בויען די סאָציאַליסטישע גאולה".

פון צווישן חורבן־בערג אַרויס זעט ער ווי די פאַרייניקטע אייראָפּעישע ציוויליזאַציע שטייגט אַרויף פון ס'ניי. „איר מערב־צענטער איז פּאַריז און איר מזרח־צענטער איז ירושלים".

זינט נאָך משה העס, האָט נאָך קיין יידישער סאָציאַליסט נישט אָנגעשריבן נאָך אַזאַ בוך, ווי ס'האָט איבערגעלאָזן אַלס זיין צוואה דער פּליכטלינג ד"ר יוסף בלאָך.

ט"ז טבת תרצ"ז

ב

אויף דער ציוניסטישער טריבונע

חיים װײצמאַן

דער מדינת־ישׂראל איז נישט באַשערט געװען צו געניסן פֿון דעם פֿולן ליכט פֿון איר נשׂיא, װאָרום ער האָט זוכה געװען צו דער רעאַליזירונג פֿון זײַן װיזיע ערשט אין סוף פֿון זײַן לעבן. אָבער דער גאַנצער לאַנגער באַרגיקער װעג, װאָס האָט געפֿירט אונדזער דור פֿון אָנהייב פֿון זײַן פּאָליטישער דער־װאַכונג ביז זײַן דערגרייכן אין דער היימאַט צו זײַן זעלבסטשטענדיקייט, קען נישט געמאָלט זײַן אָן דעם ליכט פֿון זײַן פּערזענלעכקייט. באַגריסט זאָל זײַן די כּנסת, װײַל זי איז עס, װאָס האָט זוכה געװען אָנצוטאָן דעם ערן־מאַנטל פֿון פּרעזידענט פֿון מדינת־ישׂראל אויף זײַן אַקסל און אַרויפֿברענגען אויפֿן קאָפּ פֿון דער מדינה די קרוין פֿון זײַן נאָמען. אינעם ליכט פֿון אָט־דער ירושה װעט זי געבענטשט און גרויס װערן און אויפֿהאָדעװען אַ דור יורשים װאָס װעלן איבערלאָזן די שײנע ירושה צו די קומענדיקע דורות.

אינעם מהות זעלבסט פֿונעם דור פֿון די ראשונים װאָס האָט געבראַכט צו באַגעגעניש די קולטור פֿונעם ייִדישן פֿאָלק מיט דער קולטור פֿון דער װעלט, איז פֿאַראַן אַ מעכטיקער װוּנדער. אין דעם־אָ ערשטן דור פֿון דעם פּריצייטיק פֿאַרגעקומענעם צוזאַמענשטויס פֿון די סטיכיעס, רופֿט תּמיד אַרויס בײַ אונדז באַװוּנדערונג די אַנטפּלעקונג פֿון ייִדישער גאונות, אינערהאַלב דער פֿולקאָמענהייט פֿון מענטשלעכער קולטור.

די ערשטע באַגעגעניש פֿון דער קולטור פֿון דײַטשע ייִדן מיט דער װעלט־קולטור — אָנהייב פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט — האָט אונדז געגעבן היינריך היינעס פּאָעזיע און פֿערדינאַנד לאַסאַלס אויפֿגעשטורעמטקייט; און די קולטור פֿון ליטװישן ייִדנטום — דער דאָזיקער פֿאָלקסטימלעכער אײַנגע־װאָרצלטער ייִדנטום, װאָס גאונים בישׂראל האָבן אים אויפֿגעצויגן און לומ־דים און משׂכּילים האָבן אים געכאָװעט, — אַ ייִדנטום װאָס האָט אָנגעזאַמלט אין זיך דאָס בעסטע פֿון דער פֿאָלקס־חכמה און דאָס שענסטע אויסדערװיילטע פֿון דער אומהס שאַרפֿזיניקייט און פּיקחות — װען ער, דער ליטװישער ייִדנ־טום, האָט אין אָנהייב פֿון דעם אַ װוּנדערלעכן יאָרהונדערט אַרויסגעשיקט פֿון זײַן נעסט זײַנע יונגע אָדלערס זיי זאָלן פֿליִען־שטײַגן, צום ערשטן מאָל, צו די הימלען פֿון דער װעלט־קולטור און אײַנזאַפּן אין זיך דאָס ליכט פֿון איר

בילדונג, האָט ער אונדז באַשאָנקען מיט וועלטלעכע עילויים, וואָס דער חן פון זייער טאַלאַנט האָט באַצויבערט פון נאָענט און פון ווייט. דעם דור פון די־אַ וווּנדערלעכע ליטווישע עילויים, טרעגער פון דער דאָזיקער געלויבטער ביכו־רים־ברכה, האָט אונדז סימבאָליזירט חיים ווייצמאַן.

פיר זענען די הויפּט־עטאַפּן, אין וועלכע זיינע וואָרצלען האָבן טיף גע־שלאָגן און זיי זענען עס די וואָס האָבן איינגעשטעלט די הויפּט־שטאַפּלען אין דער אַנטוויקלונג פון זיין געשטאַלט און מיט דער אייגנשאַפט פון אַלע פיר האָט ער דעראָבערט אונדזער האַרץ צו פאַרהערלעכן אים און ליבן אים.

דער ערשטער עטאַפּ — איז אינגאַנצן: היים־טראַדיציע; און זי איז פאַר־פלאַנצט אין דער סביבה פון פינסק־מאָטעלע, אין די שטעט פון פּאָלעסיע און ליטע. דער בחור וואָס האָט אַנגעהויבן אַרויפקומען האָט איינגעזאַפּט אין זיך די פאָלקס־חכמה, די פאָלקס־טראַדיציע און זיינע האָפענונגען, זיינע אייגנשאַפטן און זיינע גאַרונגען. די ווערטלעך פון די פיל פּעטערס, די אוצר־היטער פון אַ פאָלק וואָס ראַנגלט זיך, האָבן אים דערנאָך באַגלייט אויף אַלע פאַרפלאָנ־טערטע לעבנס־וועגן זיינע און זיי האָבן אים באַלויכטן, אַלע יאָרן, מיט זייער באַזונדערן ליכט. ווי די בעסטע פון די יידישע שרייבער אין זיין דור האָט ער נישט נאָר געלעבט מיטן פאָלק, נייערט דאָס פאָלק האָט געלעבט אין אים און ער האָט אים געטראָגן אינעווייניק אין זיך, וויסנדיק און נישט־וויסנדיק, ווי איינער טראָגט זיין איין־איינציקע געליבטע דאָס גאַנצע לעבן.

דער צווייטער עטאַפּ — איז דער עטאַפּ פון דער באַגעגעניש מיט דער דרויסנדיקער בילדונגס־וועלט. זיינע געביטן — די סטודענטישע קאָלאָניעס אין בערלין און אין דער שווייץ. וועגן איר האָט מען גערעדט און דערציילט וווּנדער, אָבער זי האָט זייער פיל געשטאַלטיקט די נשמה. אין יענע יאָרן, די ערשטע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע זענען די דאָזיקע סטודענטישע קאָלאָניעס אין אויסלאַנד געווען ווי אַ מין שאַפונגס־הויז פון די ערשטע טייַ־בעלעך פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פליִען הויך, „צו דער זון"[1]; די שאַרפע און לאַנגע „דיסקוסיעס", וואָס פלעגן ווערן געפירט אין זייער מיט, האָבן געדינט אַלס ערשטע גייסטיקע לאַבאָראַטאָריע פאַרן געדאַנק פון די דעראָבערער פון דער נשמה פון דעם דור יוגנט. די יונגע לייבן פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע האָבן זיך דאָך, צום ערשטן, צוזאַמענ־געשטויסן אין דיסקוסיעס מיט די אַנזאָגערס פון דעם פרילינג פון דער מענטשהייטס רעוואָלוציע; און די אָפּקלאַנגען פון די שטורמישע דעבאַטן האָבן זיך דערטראָגן ביז צו די פאַרוואָרפענע שטעטלעך; און די אידעאָלאָגישע פאָלע־

[1] אין אָריגינאַל „לקראת השמש" — אַ נאָמען פון ביאַליקס אַ ליד וועגן דעם זעלבן ענין.

מיקעס זענען געווען דער קוואַל און דער אָנפאַנג פאַר די גייסט־דערהויבענע ביי ייִדן אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט. סירקין און זשיטלאָווסקי פון דאַנען און פּלעכאַנאָוו און טראָצקי פון דאָרטן; סטרוווע און טוגאַן־באַראַנאָווסקי, פון איין זייט און מאַצקין און אבערסאָן — פון דער צווייטער זייט; צווישן די יונגע אויפשטענדלער ציוניסטן איז געווען אויך דער סטודענט חיים ווייצמאַן; אַלע צוזאַמען האָבן זיי די קאָלאָניע אין אויסלאַנד פאַרוואַנדלט אין אַ גייסטיקן צענטער פאַר דער ייִדישער יוגנט אין רוסישן תחום, וואָס האָט געזוכט אַ וועג. פון יענע סטודענטישע „מאַנסאַרדעס" זענען שפּעטער אַרויסגעקומען די שע־פער פון די פּאָליטישע פּאַרטייען ביי ייִדן און אינעם ציוניזם — זייערע בעסטע רעפּערענטן, זייערע פּראָקלאַמאַציע־שרייבער, מחברים פון פּראָגראַ־מען, פאַרמולירער פון רעזאָלוציעס אין אַלע זייערע וואַריאַנטן. פון זיי האָט ווייצ־מאַן געירשנט די תאווה פון פּאָלעמישן איבערשפּיצן און פון אָט דער טראַ־דיציע האָט געקוואָלן דער ווייַן פון דער „גענעראַל־דעבאַטע" וואָס פלעגט אַזוי באַצויבערן אים און אונדז אין זייערע עליה־מאָמענטן אויף ציוניסטישע קאָנ־גרעסן. אַז דער אַלטער ווייצמאַן פלעגט פאַרצייכענען אין זיין נאָטיצן־ביכל די אויסזעצונגען פון זיינע קעגנער און אָפּענענטן און פלעגט, נאָך אַ טאָג פון שטורמישע און פאַרמאַטערנדיקע דעבאַטעס, אָוונט צו, אַרויפגיין צום קאָנ־גרעס־פּאָדיום צו שלאָגן זיי אַלע רוקן־ביין, האָט מען דאַן געזען באַשיינפּערלעך אַז אין אים לעבט נאָך פּריש און יורדט די יוגנט־טראַדיציע פון די צייטן פון יענער קאָלאָניע אין בערן און בערלין, אין איר גאַנצער זיסקייט און ביטער־קייט און אַז איר בליציקע שאַרפקייט פאַרשאַפט נאָך פאַרגעניגן אים און זיין אוידיטאָריום צוזאַמען.

און צו דער פּרוכטיקייט פון די ערשטע צוויי עטאַפּן איז צוגעקומען די ברכה פונעם דריטן עטאַפּ: דער עטאַפּ פון דער כעמישער ווויסנשאַפט. זיינע גרענעצן: די ענגלישע מאַנטשעסטער. זיינע אינסטרומענטן: מעסיקייט, פּינקט־לעכקייט און אַ סך געדולד; די וועגן זיינע: בנעימותדיקייט, אמת און ליבע פאַר קלייניקייטן, צו אומוויכטיקייטן. וועגט מען, ציילט מען און מען קלאַסי־פיצירט און קיין איין קערנדל און טראָפּן בלייבט נישט, נישט צוגערעכנט צום חשבון. דאָס אויג איז אָנגעשטרענגט און דער מיקראָסקאָפּ פּרוווט און יעדער טראָט ווערט געוויגן אויף פּרעציזע וואָגשאָגן. ווער פאַרנאַכלעסיקט דען קלייניקייטן? ווער איז דען דוחק דעם קץ? ווען מען פעלט אויס געדולד? אַלע פּליטערלעך פון די שאַרפקייטן און פּאָלעמישקייטן זענען נאָר צום באַדינען און צום קאָכן די קאָקטייל און די געזעצן פון דער רעאַליטעט און זיי קען מען באַ־זיגן נאָר דורך שאַפן אַ צוגאָב־רעאַליטעט. מיט פּליס, אָן מיד צו ווערן און לויט דער גאַנצער האַרבקייט פון געזעץ, פאַרעקשנט און מיט שטאַרקן גלויבן,

אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן, אַ דונאַם און נאָך אַ דונאַם, אַ מענטש און נאָך אַ מענטש, דען אַזאַ פּליסיקייט־געמיט מוז ברענגען אַזאַ און אַזאַ מין רעאַקציע; אין דער כעמישער וויסנשאַפט איז קיין איילעניש נישטאָ און נישטאָ קיין נשׂיאת־פּנים און סוף־סוף וועט קומען דער געגאַרטער סוף, מעג עס זיך, ווען, פאַרזאַמען, אָבער קומען וועט ער, דאָך, קומען.

און אַלע אייגנשאַפטן פון די דריי עטאַפּן זענען טיפער און ברייטער געװאָרן און זענען געוואָרן באמת אַ גליק זינט זיי אַלע האָבן זיך באַהעפט אָן דעם פערטן עטאַפּ, דעם עיקרדיקן, דער וואָס שפּרייט זיך אויס איבער דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן און וואָס פון אים קומען אַלע זיינע נצחונות און דעראָבערונגען — דער ארץ־ישראל־עטאַפּ.

נאָך זיין גרויסן פּאָליטישן נצחון, ווען ער האָט זוכה געווען מיט כוח פון דעם באַזיץ פון די דריי ערשטע עטאַפּן צו דערגרייכן די באַלפור־דעקלאַראַציע און דעם באַשלוס פון סאַן רעמאָ און ער האָט געשטיגן צום שפּיץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ער אַריבערגעפירט זיין לעבנס־צענטער אין דער געגנט וואָס ער און זיין פאָלק האָבן געגאַרט און אין נהלל און אין דעם נוריס־בלאָק האָט ער געשלאָסן דעם רעאַלן פּאַקט מיטן געבויט־ווערנדיקן לאַנד.

זינט דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן די נייע ציוניסטישע דיפּלאָמאַטיע.

הערצל איז דערשינען אין נאָמען פון דער יידישער לעגענדע. איז נאָמען פונעם אַרב פון אייביקן פאָלק. וויצמאַן האָט שוין געקענט רעדן אין נאָמען פון רעאַליטעט, אין נאָמען פונעם אָנהייב פון פאָלקס־קעגנוואַרט אין דער היימאַט. אויך אים צו־הילף זענען נאָך נישט געשטאַנען נישט קיין אַרמיי און נישט קיין פלאָט. אויך פון אים האָבן נאָך גערעדט, הויפּטזאַכלעך, נאָר די דורות־גאַרונגען. אָבער צו דער לעגענדע פון די גאַרונגען זענען שוין צוגעקומען אויך די אויפטואונגען פונעם דור פאַרווירקלעכער און די דאָזיקע טאַטן זענען עס געווען די וואָס האָבן באַרייכערט זיין שטימע מיט אַ נייעם קלאַנג און האָבן צוגעגעבן אַ נייע שאַטירונג צו זיין שליחות.

פון איצט אָן רעדט שוין וויצמאַן מיט פירער פון פעלקער און מיט וועלט־הערשער אין נאָמען פון אַ פאַקטאָר וואָס פאַרמירט זיך און קומט צו, אין נאָמען פון אַ זיך־וועבנדיקער רעאַליטעט: און אַלע אוצרות פון פאַטער־הויז און גייסט־שאַרפקייט פון פאַרטיי־אָבות און די געדולדזאַמע פּינקטלעכקייט פון דער לאַבאָראַטאָריע פון אַ וויסנשאַפטלער־כעמיקער ווערן פון איצט אָן פאַרוואַנדלט — אַלע צוזאַמען — אין גרונט־שטיינער פון אַ דיפּלאָמאַטיע, וואָס פּרוווט צו לייגן פונדאַמענט־רייען פאַר דער נייער געזעלשאַפט, וועלכע ווערט געשאַפן אין דער אַנטיקער פאַטערלאַנד, וואָס גרייט זיך צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה.

ריכטיק האָט מען געזאָגט: די דאָזיקע צוויי זענען די פּערזענלעכקייטן וואָס באַצייכענען די אַנטוויקלונגס־הויכקייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג: הערצל און ווייצמאַן. ווייצמאַן אָבער איז געווען אַקטיוו שוין אין דער תקופה פון הערצלס פּרעזידענץ. ווייצמאַנס אַקטיוויטעט ציט זיך פּאַקטיש איבערן גאַנצן ציוניזם פון אָנהייב פון זיין אַנטשטייונג ביז זיין לעצטן אָטעמצוג. אויך אין דער תקופה פון הערצל דעם פּרעזידענט, איז ווייצמאַן דער ציוניסט, אַ יונגער שטורמער און אויפברויזער. נאָך איידער דער ערשטער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט איז ווייצמאַנס שטימע געהערט געוואָרן אויף די וואַל־פאַרזאַמלונגען אין די ליטווישע שטעטלעך און מיט גרויס הנאה פלעגט ער, אויף דער עלטער, ליב האָבן צו ציטירן זיין ערשטע רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קאַלענקאָוויטש, בעת די דעלעגאַטן־וואַלן צום ערשטן קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1897. ער אַליין האָט באַקומען אַ מאַנדאַט, אַלס דעלעגאַט, פון זיין שטאָט פּינסק, און נאָר מחמת מאַנגל אין הוצאות איז ער נישט געקומען קיין באַזעל. אינעם צווייטן קאָנגרעס האָט ער זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט; אינעם 4טן קאָנגרעס איז ער שוין געווען דער ראש פון דער אָפּאָזיציע און אינעם 5טן קאָנגרעס האָט ער פאַרנומען דעם פאָרזיץ־אַמט פונעם פּערמאַנענץ־אויסשוס. און זינט דאַן טרעפט ער זיך זעלבסט שטיין אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, פריער אַלס אַ „זעלבסטיקער" מנהיג, אַ דאַנק זיין פּאָליטישער שטורמישקייט און אַלס פּראָוויזאָריאַט און דערנאָך, אַלס אָפיציעל דערוויילטער פונעם קאָנגרעס.

און וויפל פאַרביטערונגען איז אויסגעשטאַנען ווייצמאַן — זינט ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט — פון די פלאָנטערונגען און ראַנגלענישן פון דעם־אָ פאָלק וואָס פון תמיד אָן פאַרביטערט ער די טעג און די יאָרן פון זיינע מנהיגים און וואָס האָט נישט געענדערט דעם־אָ כאַראַקטער זיינעם, די דאָזיקע פאָסטעמקע זיינע נישט ווען ער איז געשטאַנען ביים ראַנד פונעם אָפּגרונט און איינצייטיק ביים שוועל פון גרויסקייט.

מירן זיך נישט באַרימען דערמיט וואָס ווייצמאַן האָט זיך נישט אָנגעשטויסן אויף אַ קעגנערשאַפט, באַמערקונגס־וויכטיק, גראָדע איז, אָבער וואָס טראָץ אַלע קעגנערשאַפטן צו אים, האָט דער צויבער פון זיין פערזענלעכקייט אויף דער גאַנצער בונטער מחנה פון אַרום אים, נישט אַוועק, נישט פאַרשווינדן אין זיין פאָלקסטימלעכקייט און טרייהייט, און זיין פערזענלעכקייט און דער שיין פון זיין שטראַלנדיקער ליכט האָבן אים געגעבן די זעלטענע מעגלעכקייט, ביי אונדז, צו פאַרייניקן אָן אומה, וואָס טיף אין האַרצן, וויל זי, כלל, נישט פאַרייניקן זיך. דער טראַגישער גורל פון דעם דאָזיקן דור באַשטייט אין דעם וואָס ער קאָן נישט זיין קיין דור פון איינשטימיקייט. עס איז אונדז באַ־

שערט געוואָרן צו רעאַליזירן אונדזער באַפרייונגס־זאַך אין אַ דור פון צע־טיילטע אין זיין מהות, אין זיין גרונט, וואָס מוז אָבער פאָרט זיין פאַרייניקט — פאַרייניקט אַלס פאָלק און פאַרייניקט אַלס מדינה.

כדי צו קענען פאַרייניקן אַ דור, אויף וועלכן עס איז נגזר געוואָרן צו זיין צעשפּאָלטן, איז נייטיק דער מנהיג זאָל באַזיצן אַ באַזונדערן פּערזענלעכן צויבער. הערצלען, בשעתו, איז נתגלה געוואָרן דער סוד פון דער דאָזיקער וויזהייט. מיטן צויבער פון זיין פאַנטאַסטישער וויזיע און מיט דער ליכטיקייט פון זיין פּערזענלעכקייט, געקומענע פון ווייטנס, האָט ער פּלוצים, קאָנצענטרירט ווייטע און האָט קריסטאַליזירט אַ באַוועגונג. ווען די באַוועגונג אָבער איז שטאַרק פאַרצווייגט געוואָרן און אירע שפּליטערונגען זענען גרויס געוואָרן, איז, במילא, נאָך שווערער געוואָרן צו פאַרייניקן איר פון איר צעפּיצלטקייט און אַרויפברענגען איר צו דער דרגה פון אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס באַהערשט איר גורל און באַהערשט זיך זעלבסט און רודערט אין דער ריכטונג פון אויפ־לעב. זינט נאָך הערצלען איז נישט געווען אין דער באַוועגונג נאָך אַזאַ מענטש, באַשאָנקען מיט אַזאַ פאַרייניקנדיקן צויבער ווי ד"ר וויצמאַן. מיטן כוח פון זיין בליציקייט, וואָס דעראָבערט הערצער, מיט דער שטאַרקייט פון זיין אויפ־ריכטיקער איבערגעגעבנקייט צו דער וויזיע און מיטן ליכט פון דער אומהס נשמה וואָס האָט געשטראַלט פון זיין האַרצן, האָט ער אויפגעהויבן די שפּלי־טערן פון זייער צעברעקלטקייט און האָט זיי צוזאַמענגענומען מיט זייער פיל ליבע נאָך איידער זיי זענען געוואָרן קריסטאַליזירט אויך אין אַ זעלבסט־שטענדיקן פאָלק.

וויצמאַן האָט פאַרשטאַנען צו פאַרפעסטיקן די פאָלקס־פאַרייניקונג מיט צוויי זאַכן: ער האָט דערצויגן די באַוועגונג צו קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ און ער האָט געמאַכט שטאַרקן און דערהייבן אין איר דעם כבוד פאַר דער זעלבסט־שטענדיקייט פון דער אומה. איצט איז גראָד געוואָרן פופציק יאָר זינט וויצ־מאַן האָט זיך איבערגעבעטן — אויף דער מינסקער קאָנפערענץ — מיט דער יידישער אָרטאָדאָקסיע; יענער איבעראַשנדיקער צעקושן זיך פון דעם פירער פון דער פראַקציע מיט רבי ריינעסן פון לידע, האָט אָנגעצייכנט אַ נייע שיטה פאַר דער אויפלעב־באַוועגונג, נישט קיין שיטה פון בייגן זיך פאַר דעם שטאַרקן און נישט קיין שיטה פון מותר זיין אויף מיינונגען, — נייערט אַ שיטה פון דרך־ארץ פאַר דער פאָלקס־ירושה און טאָלעראַנץ צו דער מיינונג פון אַן אַנ־דערן. אָנערקענונג פון האַנדלונג — אין — צוזאַמען ווי איין פאָלק, טראָץ דער פאַרשיידנקייט פון מיינונגען און געפילן, וואָס זענען געבאַוועט געוואָרן אין לויף פון דורות.

און דער דאָזיקער אומה — וואָס האָט געהאַלטן אין צוזאַמענגענומען זיך

— איז זייער לייכט געווען ווידער זיך צו שפּאַלטן; ווען עס איז אַנטשטאַנען די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל און די זון פון דער סאָציאַליזם־האָפענונג האָט אָנגעהויבן שטייגן אין דער אומה און אויף דער אַרענע פון ציוניזם איז דערשינען דער חלוץ, איז עס געווען גאַנץ „נאַטירלעך", אַז אונדזער איינציקע מחנה זאָל צעשיידט און צעברעקלט ווערן און, מען זאָל, ווייטער, נישט קענען ביינאַנד געפינען קיין בשותפותדיקע שפּראַך. איז נייטיק געווען אַז עס זאָל דאָס מאָל אויפלייכטן בראש פון דער באַוועגונג, אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי ווייצמאַן, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אויפריכטיקע זעלישע התפעלות פאַרן צויבער פון דער וויזיע פונעם חלוץ־אַרבעטער און וואָס האָט געזען זיין לעבנס־מיסיע דינען אים — טראָץ אַלע דערוויטערונגען — אַלס העלפער און דערמוטיקער, כדי ער זאָל פאַרשטיין צו וואַכן איבער דער גאַנצקייט פון פאָלק, אַפילו אין אַזאַ פּרווו־צייט.

הערצל האָט גערעדט וועגן דעם, אַז „מיט דער פאָן פון אַרבעט וועט דאָס פאָלק אַריינגיין אין זיין מדינה" און אַז „די נייע געזעלשאַפט וועט זיין אַן אויסגעבעסערטע". חיים ווייצמאַן האָט געלעבט אין דער תקופה פונעם אָנהייב רעאַליזירן פון דער וויזיע און ער האָט זיך געפילט גליקלעך, איבערצייגנדיק זיך אַז פאַר זיינע אויגן קומט אויף אַ חלוצים־מאַסע וואָס פאַרווירקלעכן אין לעבן די וויזיע פון אַן אויסגעבעסערטער געזעלשאַפט. און וויפל האָט ער געליטן און געוויטיקט — זיין אַנגסט איז, באמת, געווען אומענדלעך — ווען ער האָט געזען אַז די געזעלשאַפט, אָדער די באַוועגונג נייגן־אַפּ, אָדער האַלטן אין אָפּנייגן, אומגליקלעכערווייז, פון דעם דערהויבענעם וועג וואָס זי האָט אָנגעצייכנט פאַר זיך און פאַר דער אומה.

יעדער ווייצמאַנס אויפטריט כלפי פנים און כלפי חוץ האָט געהייסן דערציִונג צו פאָלקס־זעלבסטשטענדיקייט און דערהויבונג פון יידישן פּרעסטיזש. אַן דעם מינדעסטן גדלותדיקן שטאָלצירן און אָן שום לאַסט פון דער טראַדיציע פון דיפּלאָמאַטישער שתדלנות, ווי אַ פאַרשטייער פון אַ שטאָלץ פאָלק פלעגט ער אויפטרעטן און ווי אַ גלייכער מיט גלייכע פלעגט ער רעדן מיט די וועלט־הערשער, ווען די זאַך פון דער זעלבסטשטענדיקייט איז נאָך געווען וויט פון דער רעאַליזירונג. אָן אַ זיגל פון אָפיציאַליטעט און אומזיכטיק פאַר קיינעם איז שוין דאַן אָנגעטאָן געוואָרן די קרוין פון נשיא אויף זיין קאָפּ. סיי פון דרויסן, סיי פון אינעווייניק האָט מען עס געשפּירט, הגם מען האָט עס נישט געזען באַשיינפערלעך. די גאַנצע באַוועגונג געדענקט נאָך זיינע צאָרן־ווערטער, וואָס ער האָט געוואָרפן כלפי די וועלט־הערשער, אין מאָמענטן פון פּראָבע און פּרווו. דורך זיין האַלטן זיך שטאָל־און־שטאָלץ, איז ווי אונדזער אַלעמענס שטאָלץ וואָלט העכער, שטאַלטנער געוואָרן און דורך דעם איז ווי קורצער גע־

ווארן דער ווענדונגס־וועג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער באַציִונג פון די וועלט־הערשער צו אונדז און אין אונדזער באַציִונג צו די הערשער.

אַן אַטמאָספערע פון רעספּעקט האָט געהויערט אַרום אים. אַ פייערלעכקייט איז געווען אויסגעגאָסן איבער אים, אַ פייערלעכקייט פון אַ דערהויבענער פּערזענלעכקייט און די דאָזיקע פייערלעכקייט האָט געמאַכט רוען איר אַטמאָספערע אויף יעדן וואָס האָט זוכה געווען צו זיין נאָענט צו אים. קיינער פון אונדז, פאַרגעסט נישט, דעריבער, קיין באַזוך אונדזערן ביי אים און קיין שמועס מיט אים, עפּעס ווי אַ מין „ויושט... את שרביט הזהב"[2] איז געווען אין יעדער איינלאַדונג זיינער צו קומען צו אים, אַ סך צייט נאָך איידער ער איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער מדינה און פאַרן באַשלוס וועגן דער מדינה, זיין שטרעבונג איז געווען דערהייבן די אומה צו זעלבסט־אַכטונג, וואָרעם אָן דעם איז נישט מעגלעך קיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט. אָן צו רעדן וועגן דעם אויסדריקלעך, יעדנפאַלס אָן צו רעדן וועגן דעם אַ סך רייד, ווינציקער אפשר ווי אַלע אַנדערע — האָט ער גערעדט וועגן „מלכות". ס'איז אָבער, נישט געווען קיין איין עפנטלעכער אויפטריט זיינער וואָס זאָל נישט געווען מאַכן רוען פּראַכט פון זעלבשטענדיקייט און פאַרשפּרייטן אַכטונג פון פאָלקס־סוווערעניטעט. און דורך דעם האָט ער דערצויגן די באַוועגונג צו זעלבסטשטענדיקייט און צו סוווערעניטעט פון שטאַט.

פיל צווישן אונדז האָבן געגאַפט וועגן סוד פון זיין פּריינטשאַפט, און ווירקלעך, עס איז אים שווער געווען צו דערהאַלטן אַפילו פריינט; און עס איז שווער געווען נישט צו דערהאַלטן די פריינטשאַפט־באַציִונגען, צו וועלכע די באַוועגונג איז געוווינט געוואָרן ווען זי איז נאָך געווען קליין און יונג. מיר האָבן אָבער געהאַט די זכיה צו זען נישט איינמאָל ווי וווּנדערלעך עס איז געווען די ברכה פון זיין פריינטשאַפט אין אירע העכסטע אויסדרוקן. ווי איידל, צום ביישפּיל, איז געווען זיין התבטלות פאַר אחד־העם'ן; ווי פּרעכטיק איז געווען זיין פאַרהערלעכן חיים נחמן ביאַליקן. שמריהו לעווינען האָט ער ליב געהאַט ווי די אהבה פון יונתן צו דודן. און אין מיין דור שוין און אין מיין אומגעבונג, ווי גרויס איז געווען זיין באַוווּנדערן אַרלאָזאָראָוון, ווי שיין איז געווען ווייצמאַנס ליבשאַפט צו ביילינסאָנען, און ביילינסאָנס ליבע צו ווייצמאַנען. צום ביישפּיל, איז געווען זיין התבטלות פאַר אחד־העם'ן; ווי פּרעכטיק איז געווויפל זאָרג ער האָט אַרויסגעוויזן צו קאַפּלאַנס געזונט־צושטאַנד און ווי גרויס איז געווען דער פאַרטרויען וואָס ער האָט געהאַט צו רמזס פּראַקטישקייט. כ'וועל נישט רעדן וועגן די לעבעדיקע, זאָלן זיי לאַנג לעבן. גינציק־רייך איז געווען

---

[2] אַ פּסוק אין מגילת אסתר: און דער מלך אחשוורוש האָט אויסגעשטרעקט אסתרן דעם גאָלדענעם סצעפּטער.

דער געוועב פון זיין ווונדערבאַרער פריינטשאַפט אין אירע העכסטע הויכקייטן, ווען נשמה מיט נשמה האָבן זיך פאַרבונדן. און ווי ער פלעגט זאָרגן־ציטערן איבער דער גאַנצקייט פון דער באַוועגונג און וועגן איר גיין־צוזאַמען אין פּראָבע־מאָמענטן.

גליקלעך איז די מדינה וואָס האָט אין יונגשאַפט זוכה געווען צו דער פרעזידענץ פון חיים ווייצמאַנען. עס איז אַ ברכה פאַר איר און זאָל זי זאָרגן פאַר דעם אַז זיין נאָמען זאָל פאַרבלייבן לעבן צווישן אונדז נישט נאָר ווי אַ סימבאָל. מען פאַרשפּאָרט זאָרגן וועגן דער אייביקייט פונעם סימבאָל חיים ווייצמאַן; מיט זיין טאָן פאַר דער באַפרייונג פון ישראל, האָט ער פאַר זיך דערקאָבערט אַן אָרט אַלס אייביקער סימבאָל אין אונדזער אייביקן ווערק. אויף אונדז אָבער, אויפן דור וואָס האָט זוכה געווען צו לעבן מיט אים פאַרן אויפקום פון דער מדינה און אין דער צושטאַנדקומענדיקער מדינה, אויף אונדז איז דער חוב צו זאָרגן, אַז נישט נאָר זיין נאָמען, זיין ווערק און זיין וויזיע, נייערט אויך זיין געשטאַלט און געזיכט־אויסזען זאָל פאַרבלייבן אַלעמענס־אַרב אויף דור־דורות.

כסלו, תשי״א

נחום סאָקאָלאָוו

(צום ברענגען זיינע ביינער קיין ישראל)

צווישן שריפטשטעלער פון אונדזער נייער ליטעראַטור, וואָס האָבן זייער דור געמוסרט, דערצויגן, קריטיקירט און מתקן געווען, און צווישן די מנהיגים פון דער ניי־יידישער פּאָליטיק, וואָס האָבן זיך גענומען פאַרווירקלעכן די גורלדיקע שינויים — איז באַלד פון אָנהייב געשטאַנען אַ שיידוואַנט. אויב איינער איז אַ שרייבער, איז ער נישט קיין מנהיג; אויב אַ פּאָליטישער פירער, איז ער נישט קיין שרייבער. אַ ירושה־זאַך, זעט אויס, פון יענע צייטן, ווען צווישן דעם רב און דעם שתדלן, צווישן דעם „אב־בית־דין און ראש מתיבתא״ און צווישן דעם „פרנס ומנהיג״, איז געלעגן אַן אָפענער תהום. פּרץ סמאָ־לענסקין, למשל, דער וואָרטזאָגער פון זיין דור אין דער ליטעראַטור, האָט זיך געמוזט באַנוגענען דערמיט, וואָס ער האָט דער ווייטנס געלויבט דאָס ווערק פון אַדאָלף קרעמיע, דעם שאַפער און פירער פונעם אַליאַנס. אחד־העם, וואָס האָט מער פון אַלע זיינע קאָלעגן געליטן פון דער דאָזיקער משונהדיקער ראָלן־פאַרטיילונג, האָט רעוואָלטירט קעגן דעם מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלאַנט. ער האָט אָבער דעם־אָ קאַמף אָוועקגעשטעלט ווי אַ געראַנגל מיט דער איבערהערשאַפט פונעם מערב איבערן מזרח, מחמת די ראשי־המדברים אין דער פּאָליטיק האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין מערב־אייראָפּע, און די ליטעראַרישע פערזענלעכקייטן — איז מזרח. אין דער אמתן אָבער האָט זיך די דאָזיקע איינטיילונג נישט אָנגעהויבן דווקא מיטן אויפקום פונעם מערב־ציוניזם: אויך אין דער תקופה פון חיבת־ציון, וואָס איז פאַקטיש געווען דורכויס אַ מזרח־פּראָדוקט, האָט זיך שוין אָט־די מחיצה גוט געפילט. אמת — דער שריפטשטעלער רש״י פין איז געווען שטאַרק אָנגעזען און דער זשורנאַליסט דוד גאָרדאָן איז געווען דער שופר פון חיבת־ציון — אָבער די לייצעס פון דער באַוועגונג האָט אויך דעמאָלט געהאַלטן נישט דער פּען־מענטש, נאָר ד״ר לעאָ פינסקער. דער מערב־ציוניזם האָט נאָך ווייטער געפירט די ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן פון מזרח, און די דאָזיקע ליניע איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אויך נאָך דעם, ווי די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך אַ קער־געטאָן אויף צוריק פון מערב צו מזרח.

דער ערשטער צווישן די ציוניסטישע וועטעראַנען, וואָס האָט אַ בראָך־געטאָן מיט אָט־דער אַלטער טראַדיציע, איז געווען נחום סאָקאָלאָוו. ער איז געווען דער ערשטער צווישן די אָנפירער פון דער נישט־ייִדישער פּאָליטיק, וואָס גלייך פון דער העברעיִשער רעדאַקציע איז ער אַרויס „קיניגן". נישט קיין זשורנאַליסט פון אַן אייראָפּעיִשער צייטונג איז ער געווען און נישט קיין פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט, נישט קיין פּראָפעסאָר און נישט קיין באַנקיר, אַפילו נישט קיין אַדוואָקאַט אָדער דאָקטער (פון זיי זענען דאָך על־פּי־רוב מאָביליזירט געוואָרן די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין איר ערשטער פאַזע) — אַ העברעיִשער שריפטשטעלער איז ער געווען. דער „צופה על מדינות" און „אורח לשבת", דער ליבלינג פון דעם „קורא נכבד" אין די שטעטלעך פון פּוילן און ליטע, דער וואָס האָט זיך מיט זיי צונויפגעטראָפן טאָג־טעגלעך און וואָך־וועכנטלעך, זיי געלערנט און מהנה געווען, זיי מוסר געזאָגט און דערצויגן, זיך אונטערגעהאַלטן און געשמועסט מיט זיי אויף די שפּאַלטן פון דער העברעיִשער הצפירה פון ייִדישן טעלעגראַף און — אין די יאָרן פון די ערשטע זוכע־נישן — פון דער פּוילישער איזראַעליטאַ, דעם אָרגאַן פון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין פּוילן. ער האָט דאָס אָבער קיין מאָל נישט געטאָן „פון דרויסן", נאָר פון אינעווייניק, תמיד „בתוך עמי", יאָר נאָך יאָר, צענדליקער יאָרן.

ער, סאָקאָלאָוו, האָט איבערגעאַנדערשט דעם אָנגענומענעם טראַפאַרעט, וואָס די ראשונים האָבן געהאַט איינגעשטעלט — און דער שינוי איז געראָטן.

בשעתו האָט מען כלל נישט געפילט, אַז ס'איז געשען עפּעס וויכטיקס. ווי פון זיך אַליין איז געקומען דער שינוי, אָן שטורעם און אָן שאַל פון נצחון; דער גוטער אָבסערוואַטאָר האָט אָבער יאָ באַמערקט די ראשונות, די ערשטיקייט פון דעם שינוי, דעם פאַקט אַז פון דעמאָלט אָן איז צעשטערט געוואָרן דער גדר. און צעשטערט האָט סאָקאָלאָוו דעם גדר, ווי אַ סך אַנדערע גדרים אין דער געזעלשאַפט און אין דער ליטעראַטור, נישט מיט קאַמפּס־מיטלען — סאָקאָלאָוו איז נישט געווען קיין בעל־מלחמה — נאָר מיט דער רייכקייט פון זיין אינטעלעקט, מיט דער שפע פון זיינע גייסטיקע כוחות. וואָרעם אויך אַלס העברעיִשער שרייבער און זשורנאַליסט האָט ער נישט אָנערקענט קיין גרע־נעצן, אַ חד־בדרא איז ער געווען, אַ מין אוניקום וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן. קיין עילויים, וואָס אַן אמת, האָבן אין יענער צייט נישט געפעלט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. כמעט יעדער שרייבער איז געווען בבחינת עילוי אין זיין סביבה. סאָקאָלאָוו איז אָבער געווען אַן עילוי אַפילו צווישן עילויים. ווי אַ וווּנדערקינד איז ער דערשינען. צו פופצן יאָר איז ער שוין געווען אַ שרייבער צווישן שרייבערס, און אַלס שרייבער האָט ער זיך אַריינגעריסן אין בייע געביטן און זיי פאַרנומען. מיט זיין „הצופה לבית ישראל" האָט ער טאָג־

אײן טאָג־אויס געצויגן די ייִדיש־פּוילישע פּראָווינץ פון איר ענגן ווינקל אַרויס און זי צונויפגעשמאָלצן מיטן גאַנצן ייִדישן פאָלק, וואָס איז צעזייט און צע־שפּרייט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט. מיט דער הילף פון זיין „דברי הימים" האָט ער דעם ייִדישן לייענער אַרויסגעפירט פון זיין ייִדישן תחום און פאַר אים אויסגעהאַקט אַ פענצטער צו דער גרויסער ברייטער וועלט. און אין ליטעראַטור גופא זענען פאַר אים צענומען געוואָרן אַלע מחיצות, אין אַלע ליטעראַרישע געביטן איז ער געווען אַ בן־בית, גלייך נישט פאַר אים זענען געשטעלט געוואָרן ליטעראַרישע גרענעצן. דערצויגן אויף פּוילישער חסידות, איז ער באַהאַוונט אויך אין לומדישע ענינים ווי די גרויסע רבנישע אויטאָריטעטן. און אַ בעל־מליצה איז ער ווי די גרעסטע משכילים. ער לאָזט זיך אַראָפּ אין די תהומות פון אונדזער עבר ווי אַמאָל די חכמי־ישראל אין דייטש־לאַנד; ער קען זיך אויף די פּאָליטישע געגנג פון מדינות און קאָמענטירט זיי ווי די בעסטע פּובליציסטן פון דער פּוילישער און פראַנצויזישער פּרעסע, וואָס דינען אים פאַר אַ מוסטער. ער קען אַלע שבע חכמות, רעדט און שרייבט אויף זיבן שפּראַכן, איבערראַשט תמיד דעם לייענער מיט זיינע רייכע ידיעות און פאַרשאַפט אים די גרעסטע הנאה מיט זיין ווונדערלעכן לשון; ער עפנט פאַר אים די פּאַלאַצן פון וויסנשאַפט, פּאָליטיק און קונסט און שפּאַצירט דאָרט אַרום מיט אים ווי אַ בן־בית.

יאָ, גאָר אַן אַנדער פּנים האָט דער העברעיִשער לייענער באַקומען זינט נחום סאָקאָלאָוו האָט פאַר אים געעפנט זיינע אוצרות. און שטאָלצירט האָבן מיט אים ייִדן אין גאָר דער וועלט. זיין אונטערשריפט איז געווען נ"ס — און טאַקע ווי אויף אַ נס האָט מען געקוקט אויף אים.

וואָס אַן אמת, נישט פון זיך איז דאָס אַלץ אים געקומען, אָבער אויך קיין מלחמות האָט ער דערפאַר נישט געפירט. כדי צו דערגרייכן דאָס וואָס ער האָט דערגרייכט, זענען נייטיק געווען באַזונדערע גייסטיקע אייגנשאַפטן. עס איז נישט גענוג געווען צו זיין אַן עילוי צווישן עילויים, אַ משכיל, אַ בעל־לשון. זיינע פענאָמענאַלע פעיִקייטן זענען דערויף געווען צו ווייניק. מען האָט נאָך געמוזט באַזיצן אויך אַ געוויסע עלאַסטישקייט און צופּאַסונג־פעיִקייט. און אויך אַ נאַטירלעכע טאָלעראַנץ איז נייטיק געווען. סאָקאָלאָוו האָט די אייגנ־שאַפטן פאַרמאָגט בשפע, און מעגלעך אַז דווקא דאָס האָט דער נייער דור אים לייכט נישט געקאָנט מוחל זיין. דאָס יונגע האַרץ האָט געזוכט דווקא דעם שאַרפן פּראָפיל, דאָס אַנטשיידענע וואָרט, דעם קלאָרן און זיכערן „יאָ" און דעם בפירושן אַנטשלאָסענעם „ניין". סאָקאָלאָוו דער פּיקח, דער אַלץ־ווייסער, האָט אַ סך פאַרשטאַנען און ווייניק געפאָדערט און האָט פאַרגעבן מער ווי אַ סך. אַ סך.

אָבער געננוי ווי דער יונגער דור האָט געוועגדט זיינע אויגן צום זעלבער און קריגס־קאָמאַנדיר, אַזוי האָט ער אַרויסגעקוקט אויפן היטער פון דעם פאָלקס אוצרות. ער האָט געזוכט דעם יעניקן וואָס זאָל ביידע עלעמענטן פאַראייניקן. אויף אַלע וועגן האָט ער אים אַרומגעזוכט און פאַר יעדער אַנטפּלעקונג זיי־נער, פון נאָענט צי פון ווייט, איז ער דאַנקבאַר געווען. און דער געזוכטער אוצר יענער קלייבט נישט אויס זיינע געטרייע טרעגער דווקא צווישן די וואָס זענען מיט אים שווער באַלאָדן. אָפט רייסט אַ מענטש אַרויס שווערע שטיינער פון פאַרצייטיקע שטיינהאַקערייען, לאָדט זיי אָן אויף זיינע אַקסלען און פאַלט אונ־טער דער שווערע משא — און בסך־הכל זענען דאָס נישט מער ווי שטיינער. אָבער אָפט מאָל טראָגט איין זיך אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט דעם דורותדיקן אוצר מיט אַזאַ מין לייכטקייט גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיין משא נישט געווען, עפּעס ווי אַ באַהאַלטן ליכט וואָס ליכטיקט אין זיין אינגעווייד, און דאָס ליכט גיט אַ שיין־אויף פון אַ וואָרט־אויסדרוק, פון אַ כלאחר־יד־געדאַנק, פון אַ פּשוטער באַמערקונג — און צעשטראַלט זיך, און באַלייכט די פינצטערניש ווייט־ווייט. דערפאַר טאַקע האָט דאָס האַרץ אַזוי געצויגן צו ביאַליקן. דערפאַר האָט זיך דאָס אויג אַזוי אָפּגערוט מיט באַגערונג און דאַנק — אויף דער פּער־זענלעכקייט פון נחום סאָקאָלאָוו.

מ׳האָט געזאָגט אויף סאָקאָלאָוון, אַז ער איז אַ „יודע הכל". וואָס־וואָס — איין זאַך האָט ער זיכער געקענט. און די קענטשאַפט זיינע איז געווען אַ פול־שטענדיקע, אַ טיפע און גרונטיקע — ער האָט געקענט יידן. געקענט זיי אין אַלע זייערע שאַטירונגען און וואַנדלונגען, געקענט זייערע אַלע שבטים און עדות, סטילן און נוסחאות, ביי זיך אין דער היים און אין דער פרעמד, פאַר דער אַסי־מילאַציע און נאָך דער אַסימילאַציע און בשעת דער אַסימילאַציע אין אַלע אירע גילגולים. זיין געניט אויג האָט זיי אומעטום נאָכגעקוקט, אויפגעדעקט זייערע געהיימענישן הינטער יעדן שלייער פון צייט און אָרט, שפּראַך און נוסח. פּונקט ווי אַ מענטש קען אויסגעפונדן זיין הויזגעזינד, נאָך מער: ווי אַ קינסטלער קען די העלדן פון זיינע שאַפונגען.

אין יאָר תרמ״ט (1889) — נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, — האָט סאָקאָלאָוו צונויפגעשטעלט אַ לעקסיקאָן פון אַלע יידישע שרייבער, וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט אויף גאָר דער וועלט און, ווי ער האָט שפּעטער אַליין דער־ציילט, האָט ער דעם לעקסיקאָן געמאַכט אָן דער הילף פון אַנקעטעס און ציר־קולאַרן, ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, נאָר גאַנץ פּשוט — פון זכרון. שוין דעמאָלט האָט ער אַלע גייסט־מענטשן פון זיין פאָלק געהאַט אין זכרון און מיטגעלעבט מיט זיי אַלעמען ווי מיט ברידער. און פון יענער צייט אָן איז ער דאָך ווייט אַוועק, סאָקאָלאָוו, האָט אַ סך געלערנט, אַרומגעוואַנדערט

אין פיל גלות־לענדער, איינגעשלונגען גאַנצע ליטעראַטורן, איינגעשטעלט אַן אַ שיעור פאַרבינדונגען, און דער זכרון זיינער — ממש אַ „בור שאינו מאבד טיפה״. אַ פענאָמענאַלער זכרון, וואָס האָט נישט געוווּסט וואָס עס מיינט פאַר־געסן, עס האָט אין אים ממש געשפּרודלט. זיינע פעליעטאָנען און ליטעראַרישע עסייען, אַפילו די שיחות־חולין זיינע, בשעת די הפסקות צווישן איין זיצונג און דער צווייטער זענען געווען אַן אויסטערלישער אוצר פון פאָלקס־קענט־שאַפט, פון באַלערנדיקן וויסן, וואָס נעמט אַרום גאַנצע לעבנס־תקופות מיט אַלע זייערע אַנטפּלעקונגען און פאַרהוילענישן.

דער צענטער איז געווען פּוילן. דאָס פּוילישע יידנטום האָט נישט אַרויס־געגעבן פון זיך קיין צווייטן שריפטשטעלער־קענער, ווי סאָקאָלאָוו. אַלט־וואַרשע און מאַקאָוו און פּראַגע און גאַנץ פּוילן — אַן אייביקן מאָנומענט האָט ער זיי געשטעלט. וויפל ליבשאַפט און נשמה האָט ער דערין אַריינגעלייגט! דאָס וואָס שמריהו לעווין האָט געטאָן פאַר די שטעטלעך פון ליטע, וואָס שלום־עליכם האָט געטאָן פאַר די יידן פון וואָלין און פּאָדאָליע, האָט נחום סאָקאָ־לאָוו געטאָן פאַרן פּוילישן יידנטום — געשטעלט אים אַ לעבעדיקן דענק־מאָל. ער האָט נישט אויפגעהערט צו פאָרשן זיין עבר, אַליין געשריבן און אי־בערגעזעצט פרעמדע ווערק וועגן זיין געשיכטע, פאַראייביקט אים אין זיינע אישים און אין אַן אַ צאָל עסייען. לייענט זיין וווּנדערלעכן עסיי וועגן דעם פראַנצויזישן פילאָסאָף אַנרי בערגסאָן, ניין — נישט וועגן בערגסאָנען גופא. נאָר וועגן דער באָבע זיינער פּערל־מירל און וועגן דער עלטער־באָבע, די צדיקת טעמערל; לייענט וועגן ר׳ שמואל זביטקאָווער און וועגן אַלע איבעריקע פאַרצייטיקע העלדן פון גענשע און דזשיקע; לייענט זיין שיר־המזמור פאַרן יידיש־פּוילישן אויטאָדידאַקט, דעם פריינד זיינעם, ר׳ חיים־יחיאל באָרנשטיין; לייענט וואָס ער האָט געשריבן וועגן ח. ז. סלאָנימסקי, דעם פריערדיקן רע־דאַקטאָר פון הצפירה, וועגן זיין פריינד און קעגנער יצחק־לייבוש פּרץ; לייענט וועגן יאָסל דעם יישובניק און קוקט זיך מיט די אויסגעצייכנטע פעליעטאָ־נען וועגן „אַלט־וואַרשע״. יאָ, דאָ איז דער צענטער. אָבער זיין לאַנדשאַפט האָט זיך צעשפּאַרט און צעשפּרייט איבער אַלע גלות־לענדער און איבער אַ סך תקופות. ווי טיף ער האָט זיך דאָס דערגרונטעוועט צו דער אָפּשטאַמונג פון שפּאַנישע אנוסים־משפחות און פאַרצייטיקע אַמסטערדאַמער גבירים! ווער האָט נאָך אַזוי ווי ער געשילדערט דעם נוסח פון די פראַנקפורטער יידן און דעם לעבן־שטייגער פון די יידן אין וויטעבסק? ווער האָט אַזוי ווי ער דער־פאָרשט דעם גייסט פון אַ יידישן געלערנטן אין שפּאַניע, פון אַ יידישן תלמיד־חכם אין אונגאַרן, פון אַ יידישן מאָלער אין האָלאַנד? ווער האָט נאָך אַזוי ווי ער געשילדערט די ראָטשילדס און די ראַטענויס? ווייל געקענט האָט סאָקאָ־

לאַוו זיין פאָלק מיט אַלע זיינע לעבן־שטייגערס און די פאַרשיידנסטע נוסחאות.

און געגווי ווי ער האָט פאַכמעניש און גרינטלעך געקענט דאָס יידישע פאָלק, אַזוי האָט ער כולל געווען אין זיך די גאַנצע עשירות פון דער העברעי־שער שפּראַך. אויך אין דעם פּרט געפינט איר ביי אים נישט קיין חילוק צווישן „צענטער" און „פּעריפעריע". אַלע שיכטן פונעם לשון זענען פאַר אים צו־טריטלעך, און אַלע זענען זיי אים גלייך ליב און טייער. אין די טיפסטע אָפּ־גרונטן פון דער שפּראַך, מיט אירע סטילן אין אַלע דורות, האָט ער אַראָפּגע־טויכט און אַרויסבאַקומען די פאַרבאָרגנסטע און רייכסטע וואָרטאָנטיקן, וואָס ער האָט אַריינגעפּאַסט אין זיינע שריפטן ווי זעלטענע איידלשטיינער און אַריינגעהויכט אין זיי אַ ניי לעבן. גאַנצע אוצרות — זאָגט מען — זענען אויפ־געהיט אין זיין נישט־פאַרעפנטלעכטן לעקסיקאָן, וואָס צענדליקער יאָרן האָט ער געזאַמלט פאַר אים פון כלערליי ספרים און ביכער. ער האָט שוין אָבער באַוויזן צו שענקען אומאָפּשאַצלעכע רייכט־מער סיי דער ליטעראַטור־שפּראַך, סיי דעם גערעדטן לשון אונדזערן אין לאַנד. שווער זיך פאָרצושטעלן דעם איבערגאַנג פון אונדזער העברעישער ביכערשפּראַך צום לעבעדיקן מאָדערנעם לשון אָן דעם גרויסן צושטייער, וואָס סאָקאָלאָוו האָט צו דעם בייגעטראָגן טאָג־איין, טאָג־אויס אין משך פון צענדליקער יאָרן.

מחמת זיין ברייטן וויסן און זיין געמיטלעכקייט, מחמת דער טיפער איינ־געוואָרצלטקייט זיינער און פיינעם חוש פאַר הומאָר — זענען אַלע עקסטרעמ־קייטן אים געווען פרעמד. ער איז תמיד געווען טאָלעראַנט, נאָכגיביק, האָט גוט פאַרשטאַנען מענטשלעכע שוואַכקייטן. זיין גאַנצע גייסטיקע עשירות, זיין פאַרצוויגטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, די חכמה פון זיין טיפן עלטער — דאָס אַלץ האָט ער געטראָגן מילד און רויק, געגווי ווי אַ שטילע, ברייטע אָזערע טראָגט אירע גרויסע וואַסערן שטיל און באַשיידן, אָן כוואַליעס און אָן אויפ־ברויזן.

ווייל נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך נישט געיאָגט נאָך אויפבראויזן און האָט נישט איבעריק פיל געהאַלטן פון די כוואַליעס וואָס פלעגן זיך צעשטורעמען אַרום אים. לגבי דער רייכקייט פון געשיכטלעכע דורות און געאָגראַפישע שטחים ווערן בטל אַ סך צייטווייליקע היפוכים און אָרטיקע אויפטרייסלונגען. דערפאַר טאַקע האָט ער אין זיך פאַראייניקט פיל געביטן, וואָס נישט יעדער איינער פון אונדזער דור איז מסוגל זיי צו פאַראייניקן.

די קללה פון גלות האָט ער שוין באַנומען אין זיין יוגנט. זיין בוך שנאת עולם לעם עולם, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אויפן אייביקן מקור פון אַנטי־סעמיטיזם, האָט ער אָנגעשריבן נאָך פאַר פינסקערס אויטאָ־עמאַנציפּאַציע. מיט די ערשטע חובבי־ציון איז ער אָבער נישט מיטגעגאַנגען: ס'איז אים נישט

געווען צום האַרצן זייער סעקטאַנטישקייט. אויך ווען, געפּאַנגען דורך הערצ־לען, איז ער מיטגעגאַנגען מיט דער גרויסער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, האָט ער זיך געהאַלטן אין איר פּאַר אַן „אַלגעמיינעם״, געוויזן די קונץ אַריי־בערצוּוואַרפן בריקן איבער די אָפּגרונטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע גופא, וואָס איר פאַנענטרעגער איז ער פאַרבליבן צענדליקער און צענדליקער יאָרן, ביזן סאַמע טויט.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ער האָט אי אָנגעפירט מיט דער ציוניס־טיש־פּאָליטישער אַרבעט, אי געטראָגן דעם יאָך פון דער קעגנוואַרט־אַרבעט, דעם קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין די לענדער פון גלות. רע־דאַקטאָר פון הצפירה און הערשער פון דער העברעיִשער שפּראַך, רעדאַקטירט ער גלייכצייטיק דעם יידישן טעלעגראַף און שרייבט אויף עטלעכע פרעמדע לשונות. ווען צו אים פלעגט זיך דערטראָגן דער אָפּקלאַנג פון אונדזערע שטור־מישע וויכוחים, פלעגט ער נישט איין מאָל צו אונדז אַראָפּקומען און באַרויִקן די צעהיצטע געמיטער. מיט אַ פאָטערלעכער פּיקחות האָט ער דאָס געטאָן. און באמת — וואָס פאַר אַ ווערט האָבן מיר מיט אונדזערע רייסערייען און שפּאַלטונגען לגבי די מאַסן, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך? ווי מילבן האָבן מיר מיט אונדזערע חלוקי־דעות ביי אים אויסגעזען. זיין פּקחות און זיין פאָטער־לעכקייט האָבן טאַקע אונדז נישט איין מאָל אַרויסגעהאָלפן, ווייל מיר האָבן געפילט, אַז פון אים רעדט אַרויס די אַלטע פאָלקס־חכמה.

אויף דער עלטער איז זיין ברייטער און טיפער גייסט נאָך געזעצטער געוואָרן. און געַנוי ווי ער האָט נאָך אַלס כמעט אַ בן־שמונים פּרעזידירט אויף די קאָנגרעסן, אָנטייל גענומען טאָג און נאַכט אין די זיצונגען, געפאָרן אין ווייטע שליחותן, געוואַנדערט קיין אַמעריקע, קאַנאַדע און דרום־אַפריקע, ווי ער וואָלט נאָך געווען אַ יונגערמאַן — אַזוי איז ער אויך פאַרבליבן ליטעראַריש פריש און מונטער ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. זיין טאַלאַנט איז ווי נאָך לויטערער געוואָרן און זיין ליטעראַרישע התמדה האָט נישט געוווסט פון קיין מידקייט. דער מלאך־המוות איז שוין געשטאַנען ביי אים צוקאָפּנס און זיין פעדער האָט נאָך אַלץ געסיליעט די פּערלדיקע אותיות. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט זיך דער לייענער זיינער נישט אויפגעהערט צו קוויקן מיט די שאָפונגען פונעם באַליבטן מייסטער. און נאָך אַ סך, אַ סך ליטעראַרישע פּלע־נער האָט ער מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַריין.

זאָט מיט יאָרן איז סאָקאָלאָוו אַוועק פון דער וועלט און אויך זאַט מיט מעשים, ווערק און דערפאַרונגען. די צאָל אַרטיקלען זיינע גייט אַוודאי אין די הויכע טויזנטער. צונויפגעזאַמלט געוואָרן איז אָבער נאָך גאָר ווינציק. אַחוץ זיינע גרויסע ווערק (למרנן ורבנן, נעורי הנשר, ברוך שפינוזה וזמנו, האנ־

הקיבוצי, תולדות הציונות, תולדות חיבת ציון, אישים און אַנדערע) איז די
גאַנצע ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער
פּעריאָדישער ליטעראַטור פון צוויי דורות. צונויפזאַמלען, סאָרטירן, אויס־
קלייבן און פאַרשפּרייטן זיי אין דער ברייטער עפנטלעכקייט — איז אַן ערנ־
פליכט פון ציוניזם. און די דאָזיקע אַרבעט האָט ערשט ביים אָנהייב;

זיין געשטאַלט אַלס פּרעזידענט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און נאָך
מער אויף די זיצונגען פון ציוניסטישן וועד־הפועל האָבן מיר אַלע מאָל באַ־
וווּנדערט. איין מאָל האָב איך אויך זוכה געווען אויסצופירן אַ שליחות צוזאַ־
מען מיט אים. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן, ביים העכסטן פּונקט פון
זיינע לעבנס־אויפטוען. אָנהייב די דרייסיקער יאָרן איז דאָס געווען. מען האָט
דעמאָלט געהאַלטן ביים איינקויפן דעם באָדן פון עמק־חפר. גאַראַנטירן פאַר
דער דאָזיקער קניה פון קרן־קימת האָבן געדאַרפט די קאַנאַדער ציוניסטן.
איז סאָקאָלאָוו אַרויסגעפאָרן צו דער קאָנפערענץ אין קאַנאַדע, און איך האָב
באַקומען די אויפגאַבע אים צו באַגלייטן. אָ, מיט וויפל פיקחות ער האָט דע־
מאָלט גערעדט צו די פירער פון די קאַנאַדער יידן און צו די יונגעלייט פון
יענער מדינה! ווי שיין זיין יידיש איז געווען! ווי פּאָטערלעך האָט געקלונגען
זיין פאָדערונג צו דער כלל־יידישקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג! ווי
פאָלקסטימלעך איז געווען זיין פּאָלעמיק מיט די רעשטלעך קעגנער, ווי פאַר־
כאַפּנדיק האָט אויסגעזען דאָס לאַנד אונדזערס אין זיינע שילדערונגען!

פון וויניפּעג קיין ניו־יאָרק פאָרט מען אַ גאַנצע נאַכט. דעם אַלטיטשקן
האָט זיך אָבער נישט געשלאָפן. איז ער אַרויס פון זיין שלאָפוואַגאָן און אַריין
צו מיר. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר ביידע געשטאַנען ביים פענצטער און ער
האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די קאַנאַדער יידן. וועגן די ערשטע
עמיגראַנטן און וועגן די לעצטע; וועגן די אויסוואַנדערער פון רוסלאַנד און פון
רומעניע; וועגן נוסח מאָנטרעאָל און נוסח וויניפּעג; וועגן דעם חילוק צווישן
די יידן פון וויניפּעג און די פון טאָראָנטאָ; וועגן דער ראָלע פון פאַרבינדלער
און פּשרה־מאַכער, וואָס עס פירן אויס די יידן פון אָטאַוואַ; וועגן די אונטער־
שיידן צווישן זייערע סטילן און נוסחאות — וועגן וואָס איר ווילט הערן און
געדענקען. אַזוי טיף האָט שלום־עליכם אַמאָל געקענט דעם כאַראַקטער פון
יעדן שטעטל אין פּאָדאָליע, אַזוי פילט הזז דעם טעם פון די פאַרשיידענע שבטים
אין ישראל אין אונדזער צייט.

און געבוי ווי ער האָט געוווּסט אַלע סודות און געקענט אַלע פאַרבאָר־
גענע שטריכן פון די קאַנאַדער יידן, אַזוי זענען אים געווען קלאָר אַלע געהיימ־
נישן פון יעדער איינציקן ישוב באַזונדער אין אַלע גלות־לענדער.

יאָ, ער איז געווען אַ מושלם אויף אַלע געביטן, נחום סאָקאָלאָוו. און מיר

פערזענלעך איז צום טייערסטן פון אַלץ געווען זיין טיף קענען דאָס יידישע פאָלק. מהמת דווקא אין אונדזערע צייטן, ווען די צעשפרייטקייט און די צעשפליטערטקייט פון יידן האַלט אין איין וואַקסן און די נשמה־וואָרצלען פון יעדן יחיד אין אונדזער פאָלק ווערן וואָס אַמאָל קירצער — דווקא איצט ווערט די דאָזיקע פאָלקסקענטשאַפט אַלץ וויניקער און שוואַכער.

און דווקא פאַר אונדזער באַוועגונג, וואָס באַזיצט נישט קיין שום אַנדער גואל און קיין שום אַנדער אָנשפאַר אַחוץ דאָס אָ "מיר" וואָס ווערט וואָס אַ מאָל מער פאַרטושט; דווקא איצט, ווען אונדזער גאַנצע האָפענונג איז אָפּהענגיק דערפון ווי ווייט עס וועט אונדז געראָטן דעם דאָזיקן „מיר", מיט אַלע נשמה־אייגנשאַפטן וואָס זענען באַהאַלטן אין אים, צו קאָנסאָלידירן און צו באַנעמען — דווקא איצט איז פאַר אונדז די דאָזיקע פאָלקסקענטשאַפט אַזוי וויכטיק און אַנטשיידנדיק.

דעריבער איז אונדז אַזוי ליב אָט די זעלטענע אייגנשאַפט, און דעריבער איז אונדז אַזוי טייער דער אָנדענק פון יענעם, וואָס איז געווען מיט איר אַזוי שלימותדיק געבענטשט:

י"ב שבט, תרצ"א — שבט תשט"ו

צבי פרץ חיות

ער איז געווען אַ גייסטיקער נאָבלמאַן. די שכינה פון אַ תלמיד־חכם און פון אַ וויסנשאַפטלעכן פאָרשער האָט זיך פון אים קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן; אויך נישט ווען ער פלעגט זיצן צווישן פּאָליטישע עסקנים, פאַרטאָן אין גע־זעלשאַפטלעכע ענינים. אַ מין פאָדעם פון איינזאַמקייט איז שטענדיק געווען פאַרצויגן איבער זיין אידעלן געזיכט, גלייך ווי ער וואָלט געווען תמיד אי איבעווייניק אין די טאָטן, אי אין דרויסן פון זיי. ער איז געווען באַליבט און געאַכט צומאָל אַפילו פאַרהערלעכט, אָבער, דערביי, אויך אומפאַרשטענדלעך, און צומאָל אַפילו עטוואָס פרעמד און כמעט תמיד — איינזאַם.

זיין וועג אין געזעלשאַפטלעכע ענינים איז, אין פלוג, געווען נאָר אַ וועג פון טריומפן, אויסגעבעט מיט דערפאָלג. ער איז געווען אַ צווייג פונעם שטאַם פון גדולים, רבנים און מיוחסים און אַ זון פון רייכע עלטערן. נאָך אין זיין יוגנט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פעיקייטן. אַלס סטו־דענט נאָך איז זיין נאָמען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט לויב. ער איז נאָך גע־ווען יונג ווען ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסאָר, אַ באַליבטער ביי זיינע תלמידים. זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פאַרשאַפן אים אַ נאָמען אין דער פרעמד און זיין גוטער כאַראַקטער, זיין גייסט־דערהויבנקייט, זיין טאָלעראַנץ און די רייץ פון זיין פּערזענלעכקייט דעראָבערן אים הערצער, אין דער היים. און ער שפּאַנט אַ זיכערער פון איין פּאָזיציע צו דער צווייטער: פון אַן אויסדערוויילטן סטודענט צו אַ פּראָפעסאָר, פון פּראָפעסאָר צום ראַבינער, און פון ראַבינער צום אויבערראַבינער אין דער גרויסער יידישער קהילה אין אייראָפּע, און פון דאַנען — צום אַלגעמיין־יידישער עסקן; און פון אַן עסקן — צום פּרעזידענט פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, און בלויז נאָר איין טראָט, — וואָס איבער אַ צופאַל איז ער נישט געמאַכט געוואָרן, — און עס איז גרייט פאַר אים אַ שטול אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ירושלים און אַ קאַטעדרע פאַר יידי־שער וויסנשאַפט אין העברעישן אוניווערזיטעט אויפן הר־הצופים — און ער איז דאָך נאָך בסך־הכל אין מיטן פון זיין לעבנס־עלטער.

ביי דעם אַלעמען הויערט איבער זיין פריוואַט־לעבן עפּעס אַ מין דריקנ־דיקער וואָלקן. אַלס קינד נאָך, אַ יתום. אַן איינזאַמער בחור זיין גאַנצן לעבן.

אַ וויסנשאַפטלער וואָס האָט זייער ליב זיין פאַרשונג און איז מצליח אין איר; זיין געזעלשאַפטלעכער גייסט, אָבער, צווינגט אים צו צעשטויבן זיין צייט אין פּאַלקס־ און אין פּאָליטישע ענינים, אַ כלל־מענטש פון מעכטיקן שווונג און פון גרויסער דערציִערישער השפעה, אַ פּערזאָן מיט אַ סך פּאָליטישע קענטע־נישן און וואַכזאַמען געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט — האָט ער זיך אַליין געבונדן צו אַ כסא־רבנות. אין די לעצטע יאָרן קומט נאָך צו אַ דויערנדיקע קראַנקייט; עס טרעפן אויך פאַמיליע־אומגליקן און צום שלוס אַ פּלוצימדיקער טויט — און אין די מיטעלע יאָרן.

צייטנווייז דאַכט זיך, אַז ער האָט אַליין זיך אויסגעקליבן זיין דואַליזם.

ער האָט גוט געוווּסט, אַז אויפן פאַרשונגס־געביט איז אים פאַרבאַהאַלטן אַ גרויסע צוקונפט: זיין געוואַלטיקער, אייגנאַרטיקער זכרון, דער ברייטער האָריזאָנט פון זיינע קענטענישן און די פרייהייט פון זיין פאַרשונג האָבן אים אָנגעוווּנקען דערגרייכונגען; נאָך פון זיין פאַרהערלעכטן וויסנשאַפטלעכן לע־רער, זיין לאַנדסמאַן, ווען מענס אָנווייזונגען זענען געווען פאַר אים אַ ריכט־שנור אין זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין תנ״ך — זיין געליבטער פאַרש־געביט — פון דוד הײנריך מילער — האָט ער געהערט זיין לויב און בנימין זאב באַכער, וועמען ער האָט זייער געאַכט, האָט אים געגעבן סמיכה. און, ווירקלעך, דאָס ווייניקע וואָס ער האָט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן האָט באַשטעטיקט זייערע האָפענונגען. זיינע פאַרשונגען אין דער געשיכטע פון דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום און, איבערהויפּט זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון תנ״ך־וויסנשאַפט, סיי די וואָס זענען פאַראַן אין זיינע ביכער, סיי וואָס איז אַנטהאַלטן אין זיינע לעקציעס וואָס זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן געגעבן אַ גרונט צו דערוואַרטן פון אים גרויסע זאַכן. וועגן זיין גרויסער ליבע צו זיין וויסנשאַפט־לעכער אַרבעט און, באַזונדערס, צו זיין אונטערריכט־אַרבעט האָט געוווּסט, יעדער ווער עס האָט אים געזען צווישן זיינע תלמידים, אָדער אין דער גע־זעלשאַפט ווי זיינע מיטאַרבעטער לערער, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט פאַר זיין פּעדאַגאָגיום וואָס ער האָט געגרינדעט אין ווין; זיין „פּעדאַגאָגיון" איז גע־ווען זיין ליבלינג־שאַפונג, וואָס האָט פאַר אים געדינט ווי אַ מקדש מעט אין דעם מדבר פון זיין עסקנות. אין אים, אין זיין „פּעדאַגאָגיון" האָט ער אַריינ־געגעבן דאָס בעסטע פון זיין דענקען. דאָרט האָט ער אַנטפּלעקט זיין הייסע ליבע צו תורה און אויך זיין פעיִקייט צו אָרגאַניזירן זאַכן, און זיין איבערגע־געבנקייט צו אים איז געווען אַן אומדערמידלעכע.

ער האָט אָבער, ווי בכיוון געקעמפט מיט זיין ליידנשאַפט צו וויסנשאַפט און איז איר בייגעקומען. ער האָט ווי מיט געוואַלד אָפּגעווענדט זיין לעבנס־גייסט פון בוך און פון דער פאַרשונג, און אַפילו פון דער אונטערריכטס־אַרענע

און ער האָט זיך געצווונגען איבערצוגעבן צו די בלאָנדזשענישן פונעם דור און צו דער באַוועגונג וואָס שטרעבט צו ענדערן דעם גורל פונעם דור. ער האָט, אַפנים, געשפּירט אַליין, די לאַסט פון זיין קרבן און, ווי ער וואָלט זיך אַליין געפרייט מיט דעם.

דער ציוניזם איז תמיד געווען זיין גייסטיקער באַזיץ. נאָך אין זיין יוגנט, ווען ער איז נאָך נישט געווען קיין אָפיציעלער עסקן און זיין גאַנצע צייט איז געווען געווידמעט דעם לערנען און דער וויסנשאַפט, האָט ער טריי געדינט דעם ציוניזם, און ווען ער איז געווען אַ ראַבינער־לערער אין איטאַליע, האָט ער פיל געענדערט אין דער אַטמאָספער וואָס האָט דאַן געהערשט אין יענער פעסטונג פון אַסימילירטן ראַבינערטום: אין דער ענדערונג וואָס איז דאַן אויפגעקומען אין דעם נייעם שיכט פון דער ייִדיש־איטאַליענישער אינטעליגענץ האָט ער געהאַט אַ גרויסן חלק. און זיין עצם אַריבערגיין פון טריעסט קיין ווין איז פאַר אים געווען אַ געוואַגטער ציוניסטישער שריט. דער דאָזיקער שטול, איז דאָך געווען דער שטול פון הערצלס גרעסטן קעגנער — פון פּראָפ׳ מאָריץ גידעמאַן — און די קהילה פון ווין איז דאָך געווען די הויפּט־פעסטונג פון דער פירנדיקער אַסימילאַציע אין אייראָפּע. זיין גיין קיין ווין איז געווען, דעריבער אַ מין דעראָבערונגס־גאַנג, אַ מין אויספירן הערצלס פאַראָרדענונג אין דער זעלבער קהילה זעלבסט, וואָס איבער זיין געראַנגל מיט איר איז באַשאַפן געוואָרן די עצם־לאָזונג.

אָבער אויך די דאָזיקע איבעראַשנדיקע דעראָבערונג האָט געדאַרפט געשען — און אין פיל הינזיכטן איז עס טאַקע געווען אַזוי — דורך גייסטאיידלקייט אַליין, דורך דעם זיג פון שכל־הישר, פון באַשטענדיקער דערציונג אין פערזענלעכער השפּעה. צו זיין גרויסער ציוניסטישער טעטיקייט, אָבער, האָט ער זיך איבערגעגעבן, ערשט שפּעטער, ביים אָנפאַנג פונעם פּאָליטישן אויפשוווּנג, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך דערנענטערט צום סוף און די ארץ־ישראל און די ציוניזם־פּראַגע איז געשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום פון דער וועלט. פון דענסטמאָל אָן — איז דער ציוניזם געוואָרן זיין גאַנצער טראַכטן־און־דענקען, וואָס האָט, ווי אַוועקגערוקט אין אַ זייט אַלע זיינע אַנדערע לעבנס־אויפגאַבעס און זיין גאַנצע שטרעבונג איז געווען זיך איבערגעבן דורכויס אין זיין דינסט; אַלע זיינע אייגנשאַפטן און פּאָזיציעס האָבן אים אויסגעזען זינט דאַן, נאָר ווי משרתים און אַרויסהעלפער אויף צו דערפילן זיין ציוניסטישע שליחות.

און זיין ציוניזם איז געווען אַ פּאָליטישער. די ענדערונג וואָס דער ציוניזם דאַרף אַריינברענגען אינעם גורל פונעם פאָלק און אין די באַציִונגען פון אַנדערע פעלקער צו אים, האָט ער געזען אין דעם, וואָס ער וועט דערווערבן

פאַר דער אומה די מעגלעכקייט צו קענען איינשטעלן אַ זעלבסטשטענדיקן פּאָ־ליטישן לעבן, לויט איר אייגענעם ווילן און צו קענען שאַפן פאַר זיך זעלבסט געזעצן.

אינעם דערווערבן פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט האָט ער שוין דאַן געזען די רעוואָלוציע, וואָס דער ציוניזם וועט ברענגען. נאָר דורך שאַפן גע־זעצן פאַר זיך וועט קענען דער גייסט פון דער אומה און דער גייסט פון איר קולטור אַנטפּלעקן זיך אין זיין אָריגינעלער געשטאַלט און אין זיין עטיש־מענטשלעכער ווערט. אָבער אין יעדן פּרווו מוותר צו זיין אויף דער פּאָליטי־שער פאָדערונג און באַנוגענען זיך בלויז מיט קאָלאָניזאַציע און קולטור־אַר־בעט. — ביי דער גאַנצער חשיבות וואָס ער האָט געגעבן די דאָזיקע אויפגאַבן — האָט ער געזען אַ פעלשונג פונעם ציוניזם. עס געדענקט זיך מיר גוט זיינע צאָרנדיקע רייד קעגן די וואָס זענען מבטל דעם ווערט פונעם פּאָליטישן פּראָגראַם, וואָס פּרווון מוותר צו זיין אויף דעם, צוליב פאַרבייגייענדיקע שוועריקייטן, אָדער איבער מאָטיוון פון פאַרקריפּלטער עטישקייט. מיט שטראָמיקן צאָרן פלעגט ער רעדן וועגן דעם. מיט גרויס וואַכזאַמקייט האָט ער נאָכגעפאָלגט יעדע ענדערונג אין דער וועלט פון פּאָליטיק און יעדן שינוי פון דער מאַכט אין ענגלאַנד, אפשר קען פון דעם עפּעס אַרויסקומען פאַרן פּאָליטישן ציוניזם. ווי איינער פון די גאָר ווייניקע אינעם ציוניזם האָט ער גרינטלעך שטודירט אַלע פּלאָנטערנישן פון דער דאָזיקער פרשה. ער האָט נאָכגעפאָרשט די פראַגן וואָס זענען אָפּהענגיק פונעם מאַנדאַט און פון די וועגן פון ענגלאַנדס הערשאַפט אין די קאָלאָניעס. ער איז געוואָרן אַ בקי אין אַלע באַשלוסן פון די פּאַרלאַ־מענט־הייזער און פונעם ראַט פון דער פעלקער־ליגע, ווי ווייט זיי האָבן נאָר וועלכן ס׳נישט איז באַריר מיט אונדזער ענין; ער האָט גערופן צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון די פּערזאָנען, וואָס באַשטימען דעם פּאָליטישן גורל און האָט זיך געגרייט צו אויפטוען. און ער האָט באמת, געהאָפט, אַז די־אָ קענ־טענישן זיינע, צוזאַמען מיטן באַהערשן די מערסטע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, די דערפאַרונג פון זיין פּערזענלעכן איינפלוס און זיין הויכע פּאָזיציע אין דער יידישער געזעלשאַפט, וועלן אים העלפן צו ווערן נוצלעך פאַרן פּאָליטישן ציוניזם.

און ער האָט געדענקט צו זיין אויך ניצלעך פאַרן ציוניזם אין די פּאָלי־טישע פּראָגנטן, אינעווייניק אינעם יידנטום. ער איז געווען איינער פון די וויינ־ציקע אינערהאַלב דעם ציוניזם, וואָס האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די לייי־טנדיקע יידישע קרייזן מחוץ דעם ציוניזם. צווישן די גרויסע פון דער פילאַנ־טראָפּיע און די קאַרפּן־קעפּ פון דער אַסימילאַציע, צווישן די רעליגיע־טרעגער און עלטסטע און חכמי־ישראל אין איטאַליע, אַמעריקע און פוילן. מען האָט

אים געזען ווי אַ פאַרמיטלער סיי פון דרויסן און סיי פון אינעווייניק. צוליב דעם האָט אויך ווייצמאַן געלייגט אויף אים האָפענונגען און האָט אים געשטעלט אין שפּיץ פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. און ער זעלבסט האָט געוווּסט, אַז מיטן אויסברייטערן די אַגענץ וואָרט אויף אים אַ נייע אויפגאַבע. ער וועט דאַרפן אויסנוצן אין דער דאָזיקער נייער סכנותפולער און אויסזיכטפולער אַרבעט, זיין גרויסע דערפאַרונג וואָס ער האָט דערוואָרבן צווישן ווינער גבירים דורך זיין ראַבינישער טעטיקייט, און צווישן די דזשאָינט־פירער דורך זיין אַלגעמיינער יידישער עסקנות.

אויב אָבער דער ציוניזם אין זיין פּאָליטישן רעאַליזירן, איז — לויט זיין טיפער איבערצייגונג, באַרופן צו ענדערן דעם גורל פון דער אומה, וואָלט דאָך דאָס באַשאַפן די ציוניסטישע באַוועגונג געדאַרפט לאַנג שוין, איצט צו טאָג, באַנייען דעם יידישן גייסט און אַנטפלעקן זיינע עטישע אייגנשאַפטן, פאַרענדערן די באַציִונגען פון די פעלקער צו אונדז און איינשטעלן פאַרשטענדעניש און אַכטונג צווישן דער וועלט און אונדז. עס געדענקט זיך גוט די געפילפולע רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן ערב דעם פערצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס און כמעט ערב דער אַנטיסעמיטישער קאַטאַסטראָפע, ביים דערעפענונגס־אַקט, וועגן „דעם ציוניזם און די באַציִונגען פון די פעלקער צו יידן": „פאַרנעמט איר פעלקער פון איראָפּע! הונדערטער יאָרן לעבן מיר דאָך צווישן איך, אַטעמען אייער לופט, רעדן אייער שפּראַך, פאַרגרעסערן אייער קולטור. פאַרוואָס־זשע איז נישטאָ נאָך קיין פאַרשטענדעניש צווישן אונדז? פאַרוואָס זענט איר אונדז מקנא אָדער האָט אונדז פיינט, באַוואונדערט אונדז אָדער האָט מורא פאַר אונדז? פאַרוואָס זאָלט איר נישט פאַרשטיין אונדזער גייסט? אָט האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט פאַר אייערע אויגן צו דערציילן אָפן וועגן אונדזערע שטרעבונגען. הערט, איר פעלקער, פאַרשטייט אונדז, יידן". אַזוי אָדער אין דעם זין האָט ער גערעדט מיט אמתן פּאַטאָס פאַר דער פאַרזאַמלונג פון דעלעגאַטן און קאָרעספּאָנדענטן אינעם פייערלעכן אָוונט פון קאָנגרעס־דערעפענונג, אין די טעג פונעם סאַמע שטייגן פון דער שנאה־כוואַליע. פאַר אַ סך פון אונדזעריקע האָבן די דאָזיקע רייד אויסגעזען צו נאַיִוו, אַלנפאַלס נישט עיקרדיק אין דעם מאָמענט; מיר האָבן נישט געקענט נישט שפּירן אַז די רייד זענען געווען ווערטער פון זיין אויפגעבראָזטן גלויבן און זיי זענען אויסגעדריקט געוואָרן, ווי וואָרענונגס־ווערטער אויפן שוועל פון דעם חורבן־פאַרוויסטונג, אַלס אַ לעצטער פּרווו, אַ שטאָלצער און פאַרצווייפלטער, פון אַן עמיסאַר פון איראָפּעיִשע יידן צו צונויפרעדן זיך מיט די פעלקער פון איראָפּע.

און וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון דרויסן, האָט ער נאָך מער געהאָפט צו זען אינעווייניק: ענדערונגען פונעם לעבנס־שטייגער און אַנטפּלעקונג פון דער

אייביקייט צווישן אונדז און אונדזער שאַפונג, באַלד גלייך מיט אונדזערע ערשטע טריט אין לאַנד. אונדזער גאַנצע האָפענונג צו זעלבסטשטענדיקייט און צו פרייהייט איז דאָך, חלילה, עלול צו בלייבן אַ ליגן, אויב פונעם אָנהייב אָן פון איר רעאַליזירונג וועט זי, חלילה, נישט זיין אָנגעזאַפּט מיט הומאַנע ווערטן און מיטן עכטן ישראל־גייסט. און געפאָדערט האָט ער עס ניט ווי אַ רעליגיע־זער ראַבינער און נישט ווי אַ מטיף פון אַ ליבעראַלן טעמפּל, אויך ווען ער פלעגט שטיין אויפן אַלטאַר אין זיין שול, האָט ער זיך נישט באַנוצט צופיל מיט רבנישע געווירצן און וואָס ער האָט פאַרגעטראָגן אויף דער שול־טריבונע, וואָלט ער געקענט פאַרטראָגן פון דער קאַטעדרע אין יעדן אוניווערסיטעט. אין זיין ציוניסטישער אָנשויונג און אין זיין נאַציאָנאַלער טעטיקייט איז ער, געוויס, געווען זייער טאַלעראַנט און זייער „וועלטלעך". אָבער דווקא זיין הור־מאַניסטישער גייסט און איידלקייט האָבן עס געפאָדערט פון אים. די כבוד־באַציונגען צו זיין פאָלק וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט ביי אים אין האַרצן און זיין אויפפאַסונג פון דער מיסיע פון יעדן פאָלק וואָס אַכט זיין אייגן ווערט. דערפאַר פלעגן אים אויפרעגן און באַליידיקן אויך דער שוים פון די רעדעס פון יענע אָנהעגנגער פון פאָליטישן ציוניזם, ווען זיי האָבן אים אויסגעזען ליי־דיק פון וועלכן נישט איז סאָציאַלן, עטישן און יידישן אינהאַלט און ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיי נישט ווינציקער ווי פאַר די וואָס מאַכן צו קליינגעלט די ווערט פון דעם פאָליטישן טרוים. עס געדענקט זיך זיין לעצטע רעדע. ער האָט גערעדט אין איר וועגן די צוויי וווּנדער־דערוווּרבונגען וואָס דער ציוניזם האָט דערוואָרבן אין לאַנד; זיי זענען אייביקע דעראָבערונגען און זיי אַנטהאַלטן אַ געוויסע באַלוינונג פאַר דער אָנשטרענגונג און אויך אַ באַרעכטיקונג פאַר דער שטרעבונג און דאָס זענען: די העברעישע שפּראַך לעבט ווידער אויף און ווערט אַ רעד־שפּראַך און די ערד פון ארץ־ישראל ווערט דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק: „דער דאָזיקער נביאישער אידעאַל, וואָס האָט נישט זוכה געווען רעאַליזירט צו ווערן אַפילו בעת יידן האָבן געוווינט אין זייער לאַנד, האַלט היינט צו טאָג ביי ווערן אַ רעאַליטעט, אַ דאַנק דעם ציוניסטישן קרן־קימת". דערפאַר האָט ער זיך גוט איינגעהערט וועגן אַלץ וואָס מען פלעגט אים דער־ציילן, וועגן דעם אַרבעטערס שאַפונגען אינעם לאַנד, וועגן זיין לעבן, זיין קבוצה און קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. דערפאַר איז ער אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נייער קולטור־פלאַנצונג, וואָס האַלט אין איין אויפוואַקסן אין די עמק־זידלונגען. דערפאַר האָט אים זייער ווייגעטאָן די פיינטשאַפט צו אַרבעטער, וואָס האָט פאַר זיינע אויגן געטאָן אַ שפּראָץ אַרויס, דווקא אין די קרייזן פון די באַשיצער פון פאָליטישן ציוניזם. אויך אין די רייד פון די אַרבעטער־רעדנער האָבן אים פיל אויסדרוקן אויסגעזען איבעריק און ער פלעגט זיינע תרעומות

אויף זיי אַרויסזאָגן אין זיינע פּערזענלעכע שמועסן מיט זיינע מקורבים צווישן די אַרבעטער־טוער. אים איז אָבער לייכט געווען זיי מוחל צו זיין אַלע זייערע „איבערטרייבונגען” אינעם זכות פון דער טריישאַפט פון די ארץ־ישראל אַר־בעטער צו עברית און איבער די עטישע ווערטן וואָס זיי פאַרווירקלעכן אין זייער סאָציאַלן לעבן אין לאַנד. און ער האָט באַטראַכט ווי אַן ערן־פליכט פאַר זיך צו קעמפן און שיצן זייער ווערק. אין דעם ווערק פונעם אַרבעטער און פונעם לערער אין לאַנד, האָט ער געזען אַ דערגרייכונג פאַרן גאַנצן פּאָליטישן ציוניזם; האָט ער זיך געפילט גליקלעך אין זיין ציוניסטישן גורל, אויב עס איז אים אויסגעקומען זיי צו קענען זיין בייהילפיק און ניצלעך.

צום פּאַרטיי־קאַמף, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין זיינע צייטן, אינעם ציו־ניזם, האָט ער נישט צוגעלייגט קיין האַנט. ער האָט נישט געזוכט קיין כבוד פאַר זיך און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט פלעגט ער טאַקטפול אַוועק אין אַ זייט, ווען מען האָט אים געוואָלט אַרויפצוגיין אויבנאָן. זיין ענִיוות אָבער, האָט נישט פּאַרטונקלט זיין זעלבסט־ווירדע. ער האָט זייער געגלייבט אין זיינע כוחות, און די אויפגאַבע וואָס ער האָט אויסגעקליבן צו זיין אין איר ניצלעך האָט ער געוואָלט אויספירן; און ער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש אויב מען פלעגט אים פאַרצאַמען דעם וועג צו דעם.

און דעם דאָזיקן ביטערן כוס האָט ער געטרונקען נישט איינמאָל אין דעם קורצן פּעריאָד פון זיין ציוניסטישער טעטיקייט.

עס געדענקט זיך דער באַשלוס פון דער ציוניסטישער קאָנפערענץ צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו סער הערבערט סעמיועל, גלייך ביים אָנהייב פון דער אַנטוישונג מיט ענגלאַנד און ברענגען פאַר אים די טענות וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט צו אים און צו זיין אַמט. ער, פּראָפעסאָר חיות, איז געווען צווישן די אָנהענגער פון דעם דאָזיקן פאָרשלאַג און ער איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס איינער פון די שליחים. ער, און יצחק גרינבוים מיט אים; אויף זיי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו פאַרמיטלען צווישן דער באַ־וועגונג און דעם ערשטן הויכקאָמיסאַר פון יהודה, וואָס האָט אַנטוישט די יידישע האָפענונגען. איך ווייס נישט צי האָט גרינבוים געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פון זיין איינפלוס אַז סעמיועל זאָל ענדערן דעם וועג פון זיין פּאָליטיק. ער, חיות, אָבער, האָט געגלייבט. נאָך אין סאַן־רעמאָ, אין די טעג פון דער פּאָליטישער הכרעה, איידער סעמיועל איז געוואָרן הויכקאָמיסאַר, האָט ער זיך מיט אים, אַמאָל, באַגעגנט און לאַנג געשמועסט וועגן ציוניזם, וועגן ענגלאַנדס ראָל און וועגן דער היסטאָרישער אויפגאַבע וואָס ליגט אויף אַ יידישן שטאַטסמאַן אין ענגלאַנד אין דער איצטיקער צייט. און ער האָט געשעצט דעם גוטן ווילן פון דעם הויכקאָמיסאַר און זיין יידישע אחריות

אויף שפּעטער. נאָך ווען ער, חיות, האָט געלעבט אין איטאַליע האָט ער זיך אויסגעלערנט צו קענען דעם טיפּ ייִדן, ווערמענס וואָרצלען זענען אינעם באָדן פון אַ פרעמד פאָלק און זיין טעטיקייט איז טריי און גאַנץ צו דער נאַציע, אין וועלכער ער לעבט און דאָך ציט זיך פון זיין האַרץ אַ וואַרעמע סטרונע צום ייִדישן פאָלק און צו זיין גורל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווייסט ווי צו געפינען אַ שטעג צו אַזעלכע ייִדן, אַז אין זיין האַרץ זענען פאַראַן שליסלען צו די הערצער פון די דאָזיקע ייִדן. און עס איז אַ ספק צי אַ צווייטער וועט וויסן צו באַנוצן זיך מיט זיי. און עטוואָס גאָר באַזונדערעס איז געווען צו הערן אין זיין באַקלאָגן זיך — אַ יאָר נאָכדעם ביי אַ צווייטער ציוניסטישער קאָנ־פערענץ — אויף דעם וואָס מען האָט נישט געגעבן יענער דעלעגאַציע די מעגלעכקייט צו גיין און אויספירן וואָס מען האָט אויף איר אָרויפגעלייגט. „מען האָט געדאַרפט קומען צו סעמיוועלן און נישט פירן מיט אים קיין דיפּלאָ־מאַטיע, נייערט פאַרלעזן פאַר אים אַ קאַפּיטל פון דער ייִדישער געשיכטע. איר וועט לאַכן פון מיר, איך ווייס עס; אָבער איך ווייס אַז עס איז געווען אונדזער פליכט אַזוי צו טאָן". געוויס האָבן פיל געשטויגנט אין זייער האַרצן איבער זיינע נאַיווע רייד, וואָס זענען נישט געווען איבערצייגנדיק; ס'איז אָבער אוממעגלעך געווען צו באַפרייען זיך פונעם פּאַטאָס פון זייער פאַרגלויבטקייט. און אין זיינע ווערטער אויך אויף יענער זיצונג, ווי נאָכדעם אין זיין רעדע אויף דעם דערעפענונג־אַקט פונעם פערצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז געווען צו שפּירן ווי אַ מין ווינט פון אַן אַנדער וועלט, אין וועלכער ער אַליין גאָר שפּאַנט אַרום, אין זיין שיינענדיקער איינזאַמקייט.

נאָך מער ווייטיק אָבער האָט ער געפילט, ווען עס איז פאַרשלאָסן גע־וואָרן פאַר אים דער וועג אויסצופירן זיין עיקרדיקע אויפגאַבע, די וואָס ער האָט געזען ווי זיין לעבנס־ווערק. אַ וויסנשאַפטלער־פאָרשער איז דער מענטש געווען, די וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פאָרשונג איז פאַר אים געווען, סיי אַן אַנטפּלעקונג פון גרויסער מעגלעכקייט, סיי אַ פאַרגעניגן פון גייסטיקן גענוס. אין פלאָרענץ איז ער געווען בלויז וויסנשאַפטלער. אין ווין איז ער אין גאַנצן איינגעשפּאַנט געווען אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. פונעם הר־הצופים אָבער, וואָס אין ירושלים, האָט אים געצויבערט די מעגלעכקייט צו פאַראייניקן זיינע ביידע הויפּט־אויפגאַבן צוזאַמען, און דאָרטן זיך קענען אַנטפּלעקן אינגאַנצן, און זיינע פולע פעיִקייטן. ער האָט געוווּסט ווי שווער עס איז די לאַסט וואָס דאָס באַטייליקן זיך אין דער ציוניסטישער פירער־שאַפט אין ארץ־ישראל לייגט אַרויף אויף איינעם, אָבער דער אונטעררירכט אינעם פאַקולטעט פאַר ייִדישער וויסנשאַפט האָט אים געלאָקט. ער איז זיכער געווען אַז דאָ וועט אים געלונגען צו פאַראייניקן די צוויי גרויסע אויפגאַבעס

צוזאַמען; וואָרום לויט זיין גאַנצן מהות איז אָט דער ציוניסטישער עסקן געווען אַ לערער, און אויף דער טריבונע האָט ער געשאַפן. זיין קלאָרער הסבר, זיין לויטערער לערנען און זיין פאָלקאָם באַהערשן דעם קעגנשטאַנד האָבן געדינט אַלס גאַראַנטיע פאַר זיין דערפאָלג. פון דער קאַטעדרע פאַר תנ״ך־פאָרשונג אינעם העברעישן אוניווערסיטעט — די העכסטע האָפענונג זיינע — האָט ער געהאָפט צו קענען אַרויסוויזן זיך אין זיין גאַנצער הייך און פאַר־בעם אין וויסנשאַפט און אין אונטעררייכט.

נישט ווייניקער ווי ער האָט געהאָפט אויף אַ דערלייזונג פאַר זיך, האָט ער געהאָפט אויף אַ דערלייזונג, דורך דעם, פאַר זיין קעגנשטאַנד גופא: די וויסנשאַפטלעכע יידישע פאָרשונג פון דעם תנ״ך. דעם אמתן פאַרשטיין פון תנ״ך און ריכטיקן אַריינדרינגען אין זיין לעבן־ און געדאַנקען־וועלט האָט ער באַטראַכט ווי אַ הויפּט־יסוד פאַר דער העברעישער קולטור וואָס האַלט ווידער ביים אויפלעבן. דאָס מורא האָבן פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און דווקא אין תנ״ך, האָט אים אויסגעזען ווי אַ ברענענדיקע באַליידיקונג פאַר זיין פאָלק און ווי אַ צייכן פון גייסטיקער אונטערדריקונג צו דורות גלות. ער האָט, אין קעגנטייל, געוווסט אַז אויך די התבטלות פאַר מסקנות אין דעם פּרט — וואָס קומען פון דרויסן, איז אַ באַגלייט־צייכן פאַר דעם. דערפאַר האָט ער געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער אמת־וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, וואָס וועט געגעבן ווערן פון דער הויך פון הר־הצופים, אינעם צענטער פון פאָלק, וואָס קערט זיך אום צוריק צו זיין זעלבסטשטענדיקייט. דאָ וועט זיך דאַרפן אַנטפּלעקן די גייסטיקע קראַפט פון אַ שטייגנדיקן דור און אויך די אינדיווידואַליטעט פון אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק ביי זיך אין דער היים. און אויך די פרייהייט פונעם אַנאַליזירנדיקן שכל און די איינגעוואָרצלטקייט פונעם קענען, פונעם חוש און געשמאַק.

און דערפאַר האָט ער אַזוי פאַרביטערט גערעדט ווען פון דער דאָזי־קער האָפענונג זיינער האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך. ער האָט נישט געגלייבט, אַז מען זאָל וואָגן פאַרטיידיקן, פאַר אים, דעם כבוד פונעם תנ״ך; און ער האָט נישט געגלייבט אַז זיין ציוניסטישע באַוועגונג זאָל אַזוי אָנבייגן דעם קאָפּ פאַר נישט־ציוניסטישע אַפּטרופּסים, שוין ביי אירע ערשטע טריט צום פאַר־ווירקלעכן איר האָפענונג. ער האָט אין דער־אָ האַנדלונג געזען נישט נאָר אַ באַליידיקונג פאַר אים, נייערט די באַליידיקונג פון תורה, די באַליידיקונג פונעם פאָלק וואָס שפּאַנט צו זיין אויפלעבן, און אינעם עצם־פּרילינג פון זיין ווידעראויפקום איז ער מסוגל מסכים צו זיין נישט צו באַלייכטן זיין העכסטע שאַפונג, מחמת מורא פאַר דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. עס איז אים זייער טרויעריק געוואָרן.

אָבער קעמפן — נייִן, אויף דענסטמאָל האָט ער נישט געקעמפט. דער דאָזיקער פיינער גייסט און עמפּינדלעכער מענטש האָט תכלית־שנאה פיינט געהאַט עלנבויגנס, וואָס שטופּן זיך. רויִק, מיט טאַקט, האָט ער זיך געשטעלט אין אַ זייט און האָט פאָרגעזעצט ווייטער צו אַרבעטן פאַרן אוניווערזיטעט און זאָרגן פאַר אים, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

און ער האָט געהאָפט אויף בעסערע צייטן, און ער האָט געגלייבט, אַז זיי וועלן קומען, און ער האָט געאַרבעט פאַר זיי אין גרויסן ווי אין קליינ־קייטן, ביז זיין לעצטן טאָג, וואָס איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען, און ער איז נאָך געווען דאַן אין סאַמע מיט וועג...

21.12.1927

אַרטור רופּין

פון צווישן די ייִדישע עקאָנאָמיסטן אין דייטשלאַנד איז ער אויפגע־שטיגן. צוערשט אַלס פאַרשער־רייזנדער, און שפּעטער אַלס קאָלאָניסט־קאָ־לאָניזאַטאָר, אַלס פאַרטרויונגס־מאַן פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע — וואָס איז באַאויפטראַגט געוואָרן אָנצופירן מיט דער קאָלאָני־זאַציע און מיטן אויפבוי פון לאַנד. באַלד נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער וויכוח צווישן די „פּאָליטישע״ און די „פּראַקטישע״, און אויסגעפירט האָבן די „פּראַקטישע״, איז ער אויפגעפאָדערט געוואָרן עולה צו זיין און באַמיִען זיך „אויפן אָרט״ צו טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פאַר־ווירקלעכונג פונעם ווערק, וועגן וועלכן ס׳האָבן געטרוימט ציוניסטן אין גאָר דער וועלט. אַזוי ווי זיינער צייט האָט זיך דער פאָטער פונעם פּאָליטישן ציו־ניזם, ד״ר הערצל, געווענדט צום באַרימטן אויטאָריטעט צווישן די עקאָנאָ־מיסטן — פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימער און באַמיט זיך צו דערוואַרבן זיין האַרץ און וויסנשאַפטלעכע איניציאַטיוו פאַרן ווערק פון דער ציוניסטישער געזעלשאַפטלעכער געשטאַלטונג פון ארץ־ישראל; אַזוי, מיטן זעלבן ציל, האָט זיך שפּעטער הערצלס שטעלפאַרטרעטער, דוד וואָלפסאָן, געווענדט צום יונגן עקאָנאָמיסט, וויסנשאַפטלער און פּראַקטיקער — ד״ר אַרטור רופּין, וועלכער איז קוים אַלט געווען 29 יאָר. ער האָט שוין דאַן באַוויזן צו באַקומען אַ וויסנ־שאַפטלעכן פּרייז פאַר זיין בוך איבער סאָציאָלאָגיע, שוין באַרימט געוואָרן מיט זיינע פאָרשונגען אויפן געביט פון קעגנוואַרטיקער ייִדישער סטאַטיסטיק און דעמאָגראַפיע אין די גלות־לענדער, און שוין געשטאַנען פעסט און זיכער אין דער רעאַלער מסחר־וועלט. ד״ר רופּין האָט זיך אָפּגערופן און איז גע־גאַנגען קיין ארץ־ישראל צו זען זי דירעקט אויפן אָרט און מאַכן פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס און אויספירונגען. און נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפונען, אַז טראָץ אַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטערונגען זענען דאָ אין לאַנד גרויסע מעגלעכקייטן פאַר ציוניסטישער רעאַלער טעטיקייט, האָט ער זיך נישט באַ־נוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג, נאָר ער האָט באַשלאָסן צו ווידמען איר אַלע זיינע כוחות, און פון דאַנען אָרויס — אויס־צושמידן זיין לעבנס־ווערק. זיינע פּראָיעקטן האָבן נישט אַזוי אַריינגעפּאַסט אין דער דעמאָלטיקער שטימונג פון דער באַוועגונג. די ציוניסטישע לייבן

האָבן זיך נאָך קעגנגעשטעלט יעטוועדער רעאַלער אַרבעט אין ארץ־ישראל. באָרדאַו האָט דאַן (1907) געזאָגט: „קאָלאָניזאַציע אָן זיכערע קאָנצעסיעס איז אַ שווינדל, אַ פאַנטאַסמאַגאָריע, און זי שטעלט אין סכנה דעם פּאָליטישן ציוניזם". און רופּין — דער פּראַקטישער, אויסגערעכנטער און געלאַסענער — האָט זיך אויף זיין שטייגער געלאָזן אין קאַמף קעגן די לייבן.

דעם גרויסן קאַמף פאַרן פּראַקטישן ציוניזם, — אַ פּאָליטישער קאַמף, אָנגעלאָדן מיט שטורעם און דראַנג, — האָט פון דער קאָנגרעס־טריבונע געפירט חיים וויצמאַן. אָבער דעם רוהיקן קאַמף, מיט ציפערן און פּראָיעקטן אין האַנט, האָט אין אַ געשלאָסענער קאָמיסיע — געפירט אַרטור רופּין.

און די דעציזיע איז אויסגעפאַלן לטובת דעם רעאַליזם.

אין יאַנואַר 1908, אויף אַ זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אין בערלין, האָט רופּין רעפערירט וועגן די רעזולטאַטן פון זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל און וועגן זיין פּאָרשלאָג צו גרינדן דעם ארץ־ישראל־אַמט אין יפו, — און אַלע ריכטונגען, רעפּרעזענטירט אין אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָבן זיך פאַראייניקט אַרום זיין פּלאַן. און אין יענע פאָרשלאָגן, וואָס ער איז באַאויפטראַגט געוואָרן מיט זייער רעאַליזירונג, זענען שוין דאַן געווען פאַרלייגט די קערנדלעך פון די עיקר־טעטיקייטן, וועלכע האָבן שפּעטער אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם תוכן פון זיין לעבן און זענען געוואָרן גרונטשטיינער פונעם ציוניזם אין זיין פאַרווירקלעכונג.

ער איז דאַן באַשטאַנען אויף דער גרינדונג פון דער „חברה להכשרת הישוב", וועלכע זאָל אַרענדירן פון קרן קיימת אַ פּאַרצעלע אין שכנות מיט כנרת; אויפן דאָזיקן באָדן זאָל געגרינדעט ווערן אַ לערן־פאַרם פאַר יידישע אַרבעטער, וועלכע וועלן זיך דאָרטן מכשיר זיין פאַר אַ קאָלאָניסטישן לעבנס־שטייגער אין לאַנד. אָט דאָס איז די פאַרם, וואָס אויף איר איז געגרינדעט געוואָרן און פון איר איז אַרויסגעקומען די קבוצה באַוועגונג אין ארץ־ישראל.

ער האָט דאַן געפאָדערט, פאַרפליכטן דעם קרן־קיימת, צו געבן דער חברה „אחוזת בית" אַ הלוואה פון 250 טויזנט פראַנק אויף אַכצן יאָר, כדי צו גרינדן אַ מאָדערנע יידישע פאָרשטאָט אין שכנות מיט יפו, — און דאָ אויף די זאַמדן ביים ברעג ים האָט זיך פונאַנדערגעבויט תל־אביב — דער היינטיקער גרויסער כרך.

און די נייע ווענדונג אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג איז באַשטאַנען נישט אין די פּראָיעקטן, וואָס זענען פאָרגעשלאָגן און אָנגענומען געוואָרן, נישט אין די גרויסע ביודזשעטן, וואָס זענען פאַר זיי אַסיגנירט געוואָרן, נאָר בעיקר אין אָט אַ דער נייער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן דער באַוועגונג.

די עליה פון ד״ר א. רופין קיין א״י האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ געשעעניש אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע. דער ארץ־ישראל־אַמט, וואָס איז אונטער זיין לייטונג אויפגעשטעלט געוואָרן אין יפו, איז געוואָרן דער צענטער און דאָס האַרץ פון די אינסטיטוציעס אין נייעם ישוב. דער אַמט איז בייגעשטאַנען דעם ישוב אין אַלע שווערע צייטן. ווער דען אַמאָל פון דער געשיכטע פונעם ישוב אָפּגעמעקט און פאַרגעסן ווערן די אַקציע פון רופין און זיין אַמט אין יענע יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה? ווער דען פאַרווישט ווערן די באַדייטונג פון ד״ר רופין אין די מלחמה־יאָרן, ווען ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון לאַנד און ער האָט זיך באַזעצט אין איסטאַמבול, פון וואַנען ער האָט געשטיצט דעם ישוב און געזאָרגט פאַר זיין רעטונג? — די אָנפירונג מיטן קאָלאָניזאַציע־ווערק אין לאַנד האָט רופין באַטראַכט אַלס אָנפירונג מיטן גאַנצן ישוב, דערביי האַלטנדיק אין זינען אַז די אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון ישוב זאָל זיין דורכגעדרונגען מיטן חלוצישן גייסט. וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די צווייטע עליה, די וואָס האָט באַלאַנגט צו זיין תקופה.

מען קען זיך טאַקע נישט פאָרשטעלן די עפּאָפּייע פון דער צווייטער עליה, דעם דערפאָלג פון איר ווערק און שאַפונג — אָן דעם נאָבעלן גייסט און אָן דעם אָפענעם אויג פון ד״ר רופין. און אַ סך מוט האָט געדאַרפט האָבן אַ פאַר־טרעטער פונעם מערב־ציוניזם זיך צוצוהערן צו די טרוימערייען און צוגלייך צו די שעפערישע פּאָטענצן, וואָס פערמענטירן אין האַרץ פון די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, אַ סך מוט צו פירן — און זיין געפירט, צו לערנען זיי, און צו גלייך צו לערנען זיך פון זיי. דער דאָזיקער זיווג צווישן דער רעגענערירנ־דיקער אומה און אירע חלוצים־באַנייער געהערט צו די געבענטשטע וווּנדער פון דער באַוועגונג, און ער קען נישט געמאָלט זיין אָן ד״ר אַרטור רופינס גייסט און ווערק.

רופין איז געווען דער מאַן פון טרוים און אויך פון ציפערן. דער דאָזיקער וויסנשאַפטלער איז געווען קודם־כל אַ פּראַקטיקער.

אויפן ווינער קאָנגרעס, אין יאָר 1925, ווו ד״ר רופין האָט רעפערירט וועגן דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, האָט אונדז געזאָגט דער פּאָעט רישאַרד בער־האָפמאַן, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל באַטייליקט אין אַ ציוניסטישן קאָנגרעס און האָט זיך פון באַלקאָן אַראָפּ, מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צום רעפעראַט: „היינט האָב איך זיך איבערגעבעטן מיט דער טרוקנקייט פון פּראַקטישקייט״. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אויך אין איר רוט די פּאָעזיע.

און צו צוויי געביטן האָט ד״ר א. רופין אַלע זיינע יאָרן געווענדט זיין

וויסנשאַפטלעך אויג און האָט זיי אַוועקגעשענקט אַלע זיינע פאָרשונגען; פאַר זיי האָט ער געזאַמלט מאַטעריאַלן, איינס צו איינס, און פרובירט און קאָנטראָ־לירט און נאָכגעפאָרשט און פאַרריכט און פאַרפולקאָמט — ביז ער האָט גע־שאַפן וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס האָבן געעפנט די אויגן פון דעם דור; דאָס זענען: קענען לערנען די כוחות, וואָס זענען אָנגעזאַמלט אין פאָלק, און קע־נען לערנען די מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַרבאַהאַלטן אין לאַנד.

די דאָזיקע צוויי קענטעניש האָט ער פאַרטיפט און פאַרפולקאָמט און האָט פון זיי אויסגעבויט צוויי וויסנשאַפט־דיסציפּלינען, וועמען ער האָט אומ־דערמידלעך געווידמעט זיין דענקען, ביז ער איז איןביידע געוואָרן דער העכ־סטער אויטאָריטעט און ביז זיי ביידע זענען געוואָרן דער „יכין" און דער „בועז" אין דער תורה פון אונדזער רענעסאַנס.

נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ ציוניסט האָט ער זיך פאַרנומען מיט שטו־דירן אונדזער פאָלקס־וועזן. אַלס גאַר אַ יונגער מענטש האָט ער רעדאַגירט דעם „מאָנאַטשריפט פאַר יידישע סטאַטיסטיק און דעמאָגראַפיע", געגרינ־דעט דורך סעגאַל און אַלפרעד נאָסיג, און די ערשטע אויפלאַגע פון זיין בוך „די יידן אין אונדזערע טעג" איז דערשינען נאָך פאַר זיין ערשטער רייזע קיין ארץ־ישראל. פון די דאָזיקע פאָרשונגען האָט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּגע־ריסן. אַפילו אין די שטורעמדיקע יאָרן פון בויען דאָס לאַנד פלעגט ער אַריינ־דרינגען אין אַלע פינצטערע ווינקעלעך אין די גלות־לענדער, פלעגט נישטערן און זאַמלען און פאָרשן און פאַרגלייכן, און אַזוי אַרום איז ער צוגעקומען צו זיין גרונט־ווערק אין פיר בענדער: „די סאָציאָלאָגיע פון די יידן", — אַ זאַמ־לונג פון זיינע רעפעראַטן אויף דער דאָזיקער טעמע אין דעם העברעישן אוני־ווערסיטעט אין ירושלים, וואָס מיטן צוגרייטן זיי צום דרוק האָט ער אָפּגע־שלאָסן זיין לעבנסוועג.

און מיט דער לאַנדקענטעניש האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַלע זיינע ציוניס־טישע יאָרן, פון זינט זיין ערשטער נסיעה קיין ארץ־ישראל, פון פאַר דער גרינדונג פון דעם ארץ־ישראל־אַמט. דער דאָזיקער שטודיע האָט ער אַוועק־געגעבן זיין גאַנץ האַרץ און האָט אין איר געזען אַ שליסל און אַ קאָמפּאַס פאַרן אויפבוי־ווערק, וועלכן ער האָט אויף זיך גענומען. מיט אַן אָפן אויג האָט ער נאָכגעפאָלגט דאָס ווערק, און מיט אַן אויג פון אַ זעער האָט ער מאָדעלירט די צוקונפט. אין זיינע רעפעראַטן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן פלעגט ער אונטערציען אַ סך־הכל פון דאָס אָפּגעטאָענע און אָנצייכענען פּראָיעקטן אויף ווייטער. אַלס אַ בוי־אַרכיטעקט האָט ער נישט אַראָפּגענומען זיין אויג פון דעם פּלאַן, און אַלס אַן אמתדיקער סאָציאָלאָג פלעגט ער שעפן נייע פלענער פון די לעבעדיקע קוואַלן, וואָס פליסן אין די טיפענישן פון דעם אויפבוי־ווערק.

ער האָט געהאַלטן אין איין צוציִען מענטשן פאַר פאָרשונג־אַרבעט אויפן געביט פון קענען דאָס לאַנד און האָט אַרום זיך קאָנצענטרירט מערערע כוחות. מ׳זעט דאָס באַשיינפּערלעך אין די הונדערטער מאמרים זיינע, פאַרשפּרייט איבער אַלע ציוניסטישע צייטשריפטן; מען זעט עס אין זיינע ספרים, אָנהייבנדיק מיט „סיריע אַלס עקאָנאָמישער סעקטאָר״ און „דער אויפבוי פון ארץ־ישראל״, ביז צו „דרייסיק יאָר קאָלאָניזאַציע״. די בעסטע עדות־זאָגער זענען זיינע מערערע תלמידים, וואָס האָבן דירעקט און אומדירעקט געטרונקען פון זיינע קוואַלן, איבערהויפּט פון דעם „אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמישער פאָרשונג״, וועלכן ער האָט געגרינדעט און האָט אים אין זיינע לעצטע יאָרן אָפּגעגעבן אַלע כוחות זיינע.

די פאָרשונג פון דאָס פּאַראַנענע האָט אים געדינט אַלס באַזע פאַר דער פאָרשונג פון דאָס מעגלעכע, און די פאָרשונג פון דאָס עווענטועל־מעגלעכע האָט אים געגעבן אַ גרונט צו פאָדערן פון פאָלק, אַז עס זאָל פאַרוואַנדלען דאָס עווענטועלע אין אומבאַדינגטע.

ער פלעגט פאַרלויפן די אַנטוויקלונגען. ער איז געווען דער מאַן פון פּלאַנמעסיקייט, — ער האָט געבויט אַ נייע געזעלשאַפט.

און אין יעדן ווענדפּונקט אינעם לעבן פון פאָלק און גורל פון לאַנד — איז זיין פּראָגראַם געגאַנגען פאָרויס און האָט באַלויכטן דער באַוועגונג איר וועג. זיין קאָלאָניזאַציע־פּראָגראַם האָט געדינט אַלס אַן אויסגעפּרובירטע תרופה קעגן בלעריי פּורעניות, — פלעגט ער האַלטן זיין פּראָגראַם אין איין קאָנטראָלירן און אויסבעסערן און צופּאַסן צו די געגעבענע אומשטענדן און מיטלען; אַזוי איז געווען אין די טעג פון דער טערקישער רעוואָלוציע; אַזוי אין די טעג פון דער מלחמה, און אַזוי — ווען מען האָט זיך געגרייט צום שלום; אַזוי בשעת די עקאָנאָמישע קריזיסן. און אַזוי אויך אין צייט פון דער גרויסער עליה. געלאַסן, קענענדיק אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע מניעות, באַלאָדן און באַלאַסטעט מיט דער ביטערערווירקלעכקייט, אָבער אויך באַלויכטן מיטן ליכט פון גלויבן אין דער צוקונפט, האָט געשפּרייזט זיין פּראָגראַם און געוויזן דעם וועג צו מעשים.

די פאָלקס־מאַסן, וואָס רופּין האָט געפאָרשט און געמאָסטן און אָנגעצייכנט די וועגן פון זייער עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן, זענען איצט צעשמעטערט און זייערע וועגן זענען מער קיין וועגן נישט. זיין בוך „צו דער פאָרשונג פון דער יידישער סאָציאָלאָגיע״, וואָס ער האָט אים פאַרענדיקט פאַרן טויט און וואָס האָט געזאָלט דינען אַלס אַ מין וועגווייזער, ווי אַזוי צו געשטאַלטן די צוקונפט, דאָס דאָזיקע בוך איז אין איין גרויזאַם־פינצטערע נאַכט פּלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היסטאָרישער מצבה פאַר אַ תקופה, וואָס איז אויס־

געגאַנגען און פאַרשוווּנדן און עקזיסטירט נישט מער. און דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָס ער האָט אויסגעמאָסטן יעדן טריט זײַנעם, צו באַפרוכפּערן און באַזעצן אים און אָנפילן מיט לעבן און שלום, דאָס דאָזיקע לאַנד איז איצט גאָר־גאָר אַן אַנדערע געוואָרן, אַנדערע די האָריזאָנטן און אַנדערע די מעגלעכקייטן. איצט, ווען זײַן טאָפּלטער וויסנשאַפטלעך־פּראַקטישער רעזומען און אירע ביידע פּלעכעס, פאָדערט גאָר נײַע קאַלקולאַציעס, איז אונדז דער קאַלקולאַטאָר פאַר־שוויגן געוואָרן אויף אייביק — — —

און צוויי זענען זיי די אייגנשאַפטן זײַנע, וואָס ביז היינט צו טאָג רופן זיי אַרויס באַוווּנדערונג אין האַרצן פון יעדן איינעם, וואָס טראַכט זיך אַרײַן אין דעם לעבנס־לויף פון דעם דאָזיקן חלוץ פון מערב: איין אייגנשאַפט איז די, וואָס האָט אים אין יענע, יענע יאָרן געגעבן די גייסטיקע מעגלעכקייט, אויפ־צוהייבן זיך פון זײַן שטעטל מאַגדעבורג, אין דײַטשלאַנד, און עולה זײַן ווי אַ פּיאָנער, נאָך איידער אין זײַן לאַנד איז געווען אַ וועלכע ס'איז עליה־באַוועגונג און איידער ס'איז געווען כאָטש אַ רמז פון ייִדישער עמיגראַציע פון דאָרטן בכלל; און די צווייטע אייגנשאַפט, אַ נאָכמער איבערראַשנדיקע און גע־בענטשטע, איז די, וואָס האָט דעם רעפּערענדאַר פון פּרייסן, אַרײַנגעגעבן אַ גייסט, צוצוהערן זיך מיט אַזאַ אָפן אויער און מיט אַזאַ נאָבעלער ברייטהאַר־ציקייט, צום אינערלעכן ברויזנדיקן אומרו פון דעם ייִדישן אַרבעטער פון רוסלאַנד — דעם שעפער פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין לאַנד אין אַלע אירע נײַע און דערשטויענדיקע פאָרמען, — צוצוהערן זיך צו אים, נאָכפאָלגן זײַן ווערק, לאָזן זיך פירן אין זײַן וועג און אויסציִען צו אים אַ געטרײַע האַנט, אַזאַ איבערגעגעבענע און אַזאַ געבענטשטע.

די דאָזיקע ביידע אייגנשאַפטן דאַרף מען באַוווּנדערן, אויף זיי ביידע — מיט אַן אינערלעכן ציטער — לאָזן פאַלן אַ ברכה, ווײַל אין זיי ביידע צוזאַמען האָט זיך אַנטפּלעקט דער נס פון אונדזער רענעסאַנס און אין דעם זיווג פון זיי ביידע שטעקט דער סוד פון אונדזער כוח, נישט צו פאַרלירן די האָפענונג אַפילו אין טרויעריקע צײַטן.

ווייניקע צווישן אונדזער איצטיקן דור אין גאָר דער וועלט קענען פאַר־צייכענען אַ לעבנס־וועג, וואָס זאָל זײַן אַזוי נייטיק, אַזוי פּרוכטבאַר און אַזוי ווײַטגרייכנדיק, ווי דאָס געבענטשטע לעבנסווערק פון אַרטור רופּין, דעם חלוץ פון דײַטשישן ייִדנטום אין די לעצטע יאָרן פון זײַן רעלאַטיווער רו, דער וואָס איז געוואָרן דער אַרכיטעקט פון דער ייִדישער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל אין די ערשטע יאָרן פון איר נײַער געשטאַלטונג.

בית־חולים, ביילינסון, תשט״ו

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

געשטאָרבן זשאַבאָטינסקי. געפּלאַצט די פידל מיט די געבענטשטע סטרו־נעס. פלוצים און אינדערפרעמד האָט געפּלאַצט די פידל, וואָס איז אַמאָל באַ־שטימט געווען צו זיין די ערשטע אין דעם אָרקעסטער פונעם יידישן רענעסאַנס. געווען באַשטימט — און נישט זוכה געווען.

ביטער ווי גאַל איז ער די לעצטע יאָרן געווען צום ציוניזם, צו זיינע שע־פער און פאַרווירקלעכער, און דאָך וועט עס נישט פאַרטונקלען זיין גלאַנץ־תקופה, וואָס וועט אויף אייביק בלייבן איינגעקריצט אין די לוחות פון אונדזער רענעסאַנס־געשיכטע. און אַז עס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז זיין האַרץ איז שטום געוואָרן, איז פאַר מיר פון ס׳ניי אויסגעוואַקסן זיין גאַנצע געשטאַלט אין פולן גלאַנץ פון זיין ערשטער דערשיינונג, זיין יוגנט־שטורעם, זיין פאַרכאַפנדיקער שפּראַך־צויבער און די דרייסטקייט פון זיין שטאָלצן קאַמף, און ס׳איז נאָכמער בולט געוואָרן די גרויסקייט פון דער אבידה פאַרן גאַנצן פאָלק.

דער היינטיקער דור אין ציוניזם ווייס זיינע קאָנפליקטן אינערהאַלב דער באַוועגונג, אָבער ווער פון די ציוניסטישע וועטעראַנען האָט נישט געקענט זיין קאַמף, וואָס ער האָט אַמאָל געפירט פאַרן נאָך דאַן יונגן ציוניזם קעגן אויסער־לעכע קעגנער, האָט מקדש געווען דעם נאָמען פונעם יידישן אויפקום־געדאַנק אין זיינע ערשטע שטורמישע טריט און האָט מלחמה געהאַלטן פאַר נאַציאָנאַליזם אין ציוניזם אַנטקעגן דער אַסימילאַציע און זעלבסט־פאַרנייגונג.

אין פרילינג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע איז ער אויפגעשטיגן אויף דער ציוניסטישער טריבונע, צוזאַמען מיט זיין רבין אברהם אידעלסאָן, צוזאַמען מיט זיין חבר און אָפּאָנענט בער באָראָכאָוו, — און פון זיינע ערשטע טריט איז ער געוואָרן „אַ פידל פאַר דער האָפענונג פון ציון". מיט זיין לויכטנ־דיקן טאַלאַנט, אַלס רעדנער און שרייבער, האָט ער איינגענומען פּאָזיציעס און האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אינערהאַלב און אויסערהאַלב דער באַוועגונג. יאָרנלאַנג איז ער געווען דאָס וווּנדערקינד און דער ליבלינג פון דער גאַנצער ציוניסטישער מחנה, — נאָך אין די טעג פון דער אוגאַנדאַ־דיסקוסיע; און שפּע־טער — אין די טעג פון העלסינגפאָרס. אויף זיינע מאמרים און פעליעטאָנען אין „יעוורייסקאַיאַ זשיזן" האָט זיך דערצויגן אַ גאַנצער דור. זיין קאַמף פאַר

אַ זעלבשטענדיק נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין רוסלאַנד, פאַר אַ העברעיִשער שול אין די גלות־לענדער, און בעיקר, זיין מלחמה קעגן אַסימילאַציע און שמד האָבן איבערגעלאָזן טיפע שפּורן. און זיינע גרויסע טורנעען איבער די שטעט און שטעטלעך פון דעם תחום־המושב אין רוסלאַנד — פאַר די וואַלן פון יאָר 1917 און בשעת די וואַלן — זענען געווען טריומף־מאַניפעסטאַציעס פאַרן אויפגע־ברויזטן ציוניזם, אַזעלכע וואָס אָן זיי קען מען זיך נישט פאָרשטעלן די ציוניס־טישע דעראָבערונגען אין פאָלק. — און אין דער גרויסער רוסישער פּרעסע, און דווקא אין דער פאָרגעשריטענער, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ בכבודיקע געהויבענע פּאָזיציע. „אַלטאַלענאַ" און „וולאַדימיר זש." — פריִער אין די צייטן פון אָדעס און שפּעטער אין די צייטונגען פון דער הויפּטשטאָט — איז ער געווען דער ליבלינג פון דעם רוסישן פּראָגרעסיוון לעזער און דער שטאָלץ פון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן לייענער.

און די דאָזיקע פּראַכט־תקופה, די תקופה פון גלענצנדן און באַצויבערנדן יונגן זיגער — זי איז געוואָרן זיין לעבנס־סטיכיע, זי האָט עס אים באַשאָנקען מיט מאָסן פאַרערער, און זי האָט עס פון אים אָוועקגענומען די פּסיכאָלאָגישע מעגלעכקייטן, אַריינצופּאַסן זיך אין אַ ראַם פון אַ באַוועגונג און אונטערצו־וואַרפן זיך דער דיסציפּלין פון אַן אָרגאַניזאַציע. ס'האָט אים געשיינט, אַז ער וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן דער אויסדערוויילטער ליבלינג, וואָס מוז שפּילן די ערשטע פידל, וואָס דאַרף גאָר נישט האָבן נעבן זיך קיין אָרקעסטער און קען, בכלל, נישט אַריינפּאַסן זיך אין קיין אָרקעסטער.

שוין פון סאַמע אָנהייב פלעגן אויסברעכן קריגערייען צווישן אים און דער באַוועגונג, און עס איז אין זיין דור נישט געווען קיין איינציקע ציוניסטישע עקזעקוטיווע — אַפילו נישט אַ רוסלענדישע, נישט נאָר אַן אַלוועלטלעכע — וואָס האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט זיינע מרידות און נישט פאַרזוכט דעם טעם פון זיין „אָפּאָזיציאָנערישקייט". עס שיינט, אַז זינט הערצלס טויט האָט ער אין דער גאַנצער באַוועגונג נישט געפונען קיין איינציקן מענטשן, וואָס ער זאָל זיך קענען וואָרעמען ביי זיין ליכט. קליין ווי היישעריקן האָבן אים אויס־געזען די פירער פון זיין דור, ווי מיניִמאַליזירער פון דער גרויסער ירושה. און הערצל איז דאָך געשטאָרבן, ווען זשאַבאָטינסקי האָט אָקאָרשט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דער אַרענע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיט זיין ווײַלן אין ארץ־ישׂראל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין דער צייט פון דעם ייִדישן לעגיאָן, האָט זיך אָנגעפאַנגען די עפּאָכע פון זיין טעטיקייט אין דעם אַלוועלטלעכן ציוניזם. דער ישוב האָט נישט פאַרגעסן זיינע טעג אין ירושלים און זיין זיצן אין טורמע אין עכו, ווען די רבנים פון ירושלים האָבן מתיר געווען צו חתמענען אום שבת אויף דער פאַראָרדענונג

צו באַפרייען אים פון תפיסה, און ווען די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט האָט אים געשטעלט אין שפּיץ פון איר וואַל־ליסטע צו דער אסיפת־הנבחרים. — אין יענער צייט האָט אויך פונדאַסניי אויפגעפלאַמט זיין טאַלאַנט אויפצו־שטורעמען די פאָלקס־מאַסן, — ס'איז געווען אין די בראשית־טעג פון קרן־היסוד, וועמענס אַ דירעקטאָר און וואָרטזאָגער ער איז געווען. דאַן איז ער אויך געווילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

און פון זינט ער איז אַוועק פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג האָט זיך פון אים ווי אָפּגעטאָן זיין צויבער־קראַפט און האָט זיך מער צו אים נישט צוריקגעקערט. פון דאַן אָן איז זיין טאַלאַנט אַממערסטן געקומען צום אויסדרוק אין ברעכן און צעשטערן, און נישט אין בויען. ער איז געשטאָרבן אַלס קעגנער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון אָרגאַניזירטן ישוב און פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד. אָבער די תקופה פון זיין מחלוקת מיט אונדז איז דאָך פאָרט געווען בלויז אַ תקופה אין זיין לעבן. אמת, אַ לאַנגע תקופה, פול מיט ליידן און ביטערקייט — פאַר אים און פאַר אונדז, אָבער געווען זענען דאָך פריִער — אויך אַנדערע תקופות, און צווישן זיי — פולע מיט גלאַנץ און צויבער.

עס וועט נאָך אַ סך דערציילט ווערן וועגן זיין לעבן און זיין ראָל אין דער באַוועגונג. היינט וועט דאָס פאָלק באַוויינען אַ גרויסן זון, פול מיט טאַלאַנט און פּאָעזיע, וואָס האָט זיך מיט זיין גאַנצער נשמה געצויגן צום טרוים פון דער גאולה, וואָס האָט באַצוווּנגען די הערצער פון מאַסן און פון יוגנט צום קאַמף פאַר פרייהייט און ווידערגעבורט, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט דעם לאַנגן וועג פון אַסימילאַציע ביז צו לעבעדיקן העברעיִש, און וואָס האָט געברענט מיט אַ הייליקן פייער פון דער האָפענונג אויף ייִדישער זעלבסטשטענדיקייט אין דעם ייִדישן לאַנד.

עס איז היינט אַ טרויער־טאָג פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק, וואָס גאַרט נאָך גאולה. *

א.

די ערשטע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, זענען געווען:

„זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר, בארץ לא זרועה״).[1] מיטן דאָזיקן העברעיִשן פסוק האָט זשאַבאָטינסקי געעפנט זיין הספד,

* 5. 7. 1940, אין דעם טאָג ווען ער איז נפטר געוואָרן.

[1] איך געדענק דיר דעם חסד פון דיין יוגנט, דיין ראָמאַנטישע ליבע, דיין גיין נאָך מיר אין מדבר, אין אַ נישט־פאַרזייט לאַנד (ירמיהו, ב־ב).

אין רוסיש, אויף הערצלען, כ׳ תמוז 1907, אין דער גרויסער שול „טהרת הקודש״ אין ווילנע. פאַר מיר איז דאָס געווען די ערשטע גרויסע ציוניסטישע רעדע, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט, אויסער דעם תחום פון מיין שטעטל.

עס איז דאַן אָנגעגאַנגען די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער רוסישער דומע. אין די ייִדישע ישובים האָט געפלאַקערט דער קאַמף צווישן ציוניסטן און נאַציאָנאַליסטן און צווישן אינטעליגענטן פון ייִדישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָבן זיך געשאַפן פּאָליטישע טריבונעס אויסערהאַלב די ייִדישע פּאַרטייען, אָבער איצט, בשעת די וואַלן, האָבן זיי קאַנדידירט אין נאָמען פון זייערע פּאַרטייען אין די צעַנטערן פונעם „תחום־המושב״, כדי צוציִען ייִדישע שטימען. אין ווילנע האָט זיך געפירט אַ קאַמף צווישן אַ באַרימטן ייִד — אַ „קאַדעט״ (קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן) און צווישן די ציוניסטן, און ער, זשאַבאָטינסקי, איז געקומען צו שטאַרקן די ציוניסטישע פּאָזיציע. און דעם דאָזיקן קאַמף האָט ער געווידמעט זיין הערצל־הספד, שילדערנדיק די „אַהיים־געקומענע״, וואָס האָבן זיך דערמאָנט אין זייער פּאָלק נאָר בעת מען קען געניסן פון זיינע וואַל־שטימען און מיט זייער הילף אַרויפּכאַפּן זיך אויף בענקלעך אין דער דומע, אין קעגנזאַץ צו הערצלען און זיינע נאָכפאָלגער, די געטרייע ייִדן, וואָס זענען געגאַנגען נאָך זייער פּאָלק ווען עס איז נאָך געווען אַ וויסטער „מדבר״, „אַ נישט פאַרזייט לאַנד״, און ווען קיין שום פּאָליטישע פאַרדינסטן האָט זיי דער דאָזיקער נאָכגיין נישט צוגעזאָגט.

און, זינט איך האָב באַקומען די ידיעה אַז זשאַבאָטינסקי איז מער נישטאָ און אין מיין פאָרשטעלונג איז אַרויפגעשווומען די געשטאַלט פון דעם מאַן און דער שטורעם פון זיין לעבן, מיט זיין צויבער און זיינע עקסטראַוואַגאַנציעס, מיט די יעניקע וואָס ער האָט פאַר דער באַוועגונג דערוואָרבן, און אַלע די וואָס ער האָט צעבראָכן, מיט אַלע יענע צייטן ווען ער פלעגט אַנטציקן און פאַרוווּנדערן, און די צייטן ווען ער פלעגט מאַטערן און פאַרביטערן, און איך האָב מיך געפרעגט, פאַרוואָס ווערט אַזוי פאַרקלעמט דאָס האַרץ — שטעלט זיך באַלד פאַר מיר אַוועק יענער פּסוק, דורך וועלכן איך האָב מיט אים געמאַכט מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט, דער פּסוק מיט זיין ספּעציפישער אינטאָנאַציע און מיט זיין אָראַטאָרישער זשעסטיקולאַציע, אָט אַזוי ווי איך האָב אים געהערט פון זיין מויל אַרויס אויף דער בימה פון „טהרת הקודש״, אין ווילנע, אין דעם פרימאָרגן פון מיין יוגנט און אין דעם מיטנטאָג פון זיין רייפקייט:

„זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך״.

צו יענער צייט, ווען זשאַבאָטינסקי איז געווען יונג, אַזוי ווי ס׳איז יונג געווען דער גאַנצער רוסישער ציוניזם, האָט זיך זשאַבאָטינסקיס טאַלאַנט צעשטראַלט און דערהויבן צו אַזאַ גלאַנץ, צו אַזעלכן צו וועלכן די אויפקומענדיקע

באַוועגונג איז גאָר נישט געווּוּנט געווען, און וואָס זי, די באַוועגונג, האָט נישט פאַרגעסן, אַפילו בעת די שווערע ראַנגלענישן מיט אים.

אַ נייע האַרמאָניע איז דאַן געשלאָסן געוואָרן צווישן דער דערשיינונג פונעם ציוניזם, אַלס פּאָליטישע מאַסן־באַוועגונג, און צווישן די אַנטפּלעקונגען פון טאַלאַנט און שיינקייט אינעם ייִדישן פאָלק. די טאַלאַנטן האָבן זיך געצויגן צו דער באַוועגונג און די באַוועגונג האָט מיט זיי שטאָלצירט. די באַוועגונג האָט אויסגעזוכט אין פאָלק באַגאַבטע פּערזענלעכקייטן און האָט זיך געיחסנט מיט זיי, און די טאַלאַנטפולע מענטשן אין דעם פאָלק האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער יונגער באַוועגונג און זענען געטראָגן געוואָרן אויף אירע כוואַליעס.

די באַוועגונג האָט זיך נאָר־וואָס געלאָזן אין שטורעם אויף דער גאַס און אויף דער יוגנט. די גאַס איז געווען „שוואַנגער מיט פרילינג״, פול מיט אומרו און אָנגעלאָדן מיט שטרעבונגען און האָפענונגען, און די יוגנט האָט זיך באַטראַכט אַלס באַרופן דורכצוברעכן נייע וועגן פאַר מענטש און פאָלק אין יענער גרויסער מדינה. האָט זיך געפּירט אַ מלחמה פאַרן הארץ און באַוווסטזיין פון יעדן ייִדישן בחור און פאַר יעדער באַגייסטערטער מיידל אין יעדער שטאָט און שטעטל. האָבן דאַן דער רעדנער־טאַלאַנט און די פּראָפּאַגאַנדע־עסטעטיק און די אויפטריט־קונסט פאַרגעשטעלט מיט זיך מלחמה־געווער, וואָס אָן דעם וואָלט די באַוועגונג בכלל נישט געקענט אויספירן איר שליחות אין פאָלק. איז דער גוטער רעדנער געווען אַ „קרדום לחפור בו״ פאַר יעדער באַוועגונג, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט פאַרווּרטיילן צו פאַרבלייבן אַ קליינע גרופּע. מ׳האָט דערציילט, אַז אוסישקין — דער „מורשה״[1] פון יעקאַטערינאָסלאַוו — זוכט באַגאַבטע ציוניסטישע רעדנער כדי אַרויסצושיקן זיי צום פאָלק. נאָך האָט מען דערציילט: אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ באמת טאַלאַנטפולן רעדנער איז אוסישקין גרייט אַרויסצושיקן אים ווען אַפילו ער טראָגט זיך אַרום מיט אידייען, וואָס אוסישקין האַלט פון זיי נישט, אַבי נאָר דער קאַנדידאַט זאָל גלייבן אין ציוניזם און אין ציון. ער האָט טאַקע דאַן געשיקט ב. באָראָכאָוון, יהודה נאָוואָקאָווסקין, יעקב ראַבינאָוויטשן און ער האָט געשיקט זשאַבאָטינסקין. באָראָכאָוו איז צווישן זיי אַלעמען געווען דער טיפסטער און אָריגינעלסטער, זשאַבאָטינסקי — דער גלענצנדיקסטער און פּראַכטפולסטער. זיינע אויפטריטן זענען געווען פייערלעכע, טריומפאַלע; זיין פּאָלעמיק מיט די קעגנער פון ציוניזם — די אַסימילאַטאָרן, די ווינאַווער־לייט, די בונדאָווצעס — האָט געשניטן ווי מיט אַ געשליפטן ראַזיר־מעסער, האָט געבליצט מיט באַצווונגענדיקער

---

[1] דער „אופּאָלנאָמאָטשענער״ — דער באַפולמעכטיקטער.

לאָגיק און געשאַפן עסטעטישן פאַרגעניגן, וואָס אַזוינס איז בכלל נישט געווען באַקאַנט ביי ייִדן צו יענער צייט. זשאַבאָטינסקי האָט איבערגעשטיגן אַל־ ציוניסטישע רעדנער פון זיין דור, האָט זיי אַלעמען געשטעלט אין שאָטן, און ס'איז געווען אַ מין חלום פון ציוניסטן אין אַ שטאָט צו האָבן זשאַבאָטינסקין צו באַזוך. די נשמה פלעגט זיי אויסגיין חדשים־לאַנג פאַר זיין קומען, און חדשים־לאַנג פלעגט דער באַזוך דינען אַלס מקור פון באַוווּנדערונג און עק־ זאַלטאַציע.

די דאָזיקע אויסטערלישע באַציִונג צו טאַלאַנט און עסטעטיק איז דאַן געווען באַזירט נישט בלויז אויף חשבונות פון פאַרטיי־טאַקטיק. ניין — די עצם־דערשיינונג פון אַ טאַלאַנט איז דאַן אויפגעפאַסט געוואָרן אַזוי ווי עס וואָלט געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער התגלות, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ דירעקטער באַוויַיז צו „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחילה",[1] אַזאַ מין באַוויַיז, אַז אָט האָבן זיך באַשיינפערלעך באַוויזן די שפּראַ־ צונגען פונעם געגאַרטן פרילינג, אַז אָט איז אַ צייכן פון גילוי שכינה.

די פּרוכפּעריק זענען דאַן געפאַלן ש. פרוגס לידער אויפן פעלד פון צעאַקערטע הערצער! ווי געשמאַכט האָט דאָס האַרץ נאָך דער זאַמלונג פון די שיינע פאָלקס־לידער פון מאַרעק און גינזבורג, ווי צוגעהערט האָט מען זיך צו די קונסט־טענער פון ליליען, שאַץ און איזראַעלס, ווי זשעדנע איז מען גע־ ווען נאָך אַ ייִדישן אָרנאַמענט, אַן אָריגינעלן ניגון און אַן עכט ליד, ווי ברייט האָט זיך פונאַנדערגעפּנט דאָס האַרץ, צו פאַרנעמען ביאַליקס דיכטונג!

די גאַנצע הערצל־לעגענדע, ביי זיין לעבן און באַלד נאָך זיין הסתלקות, האָט זיך אין דער ברייט און לענג פונעם פאָלק געטראָגן אויף די פליגלען פון בענקענישן נאָך דער התגלות פון ייִדישער שיינקייט. די־אָ באָרד, דער־אָ זשעסט און אָט־אָ די מאַיעסטעטישקייט און אָט־אָ דער פּראַכט פון באַזעלער פאַר־ לאַמענטאַריזם — דאָס אַלץ האָט זיך אַריינגעוועבט אין דער באַוועגונגס־הונגער נאָך דער פייערלעכקייט פון דעם שיינקייט־רענעסאַנס און נאָך דעם צייכן אַז טאָקע אין דער אמתן „עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע".[2]

און ווען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פלעגט דערשיינען אַ טאַלאַנט און מיט זיין דערשיינונג באַשטעטיקן און פאַרטיפן אָט־די אַלע געפילן, — אין זענען דען דאַן געווען ציוניסטישע דערשיינונגע אַנדערע ווי רעדעס? — פלעגט דער טאַלאַנט באַזונדער טייער זיין דעם ציוניסטישן האַרץ, און באַפליג־

---

[1] און איך וועל אומקערן דיינע שופטים ווי צו ערשט, און דיינע יועצים ווי אין אָנ־ הייב (ישעיה א׳־כ״ו).

[2] די צייט פון סאָלאָוויי איז געקומען און דער קול פון טערקלטויב לאָזט זיך הערן (שיר השירים, ב׳־י״ב).

לען פלעגט ער דעם ציוניסטישן אידעאַל זעלבסט. וואָס אָן אמת, נישט איין מאָל איז די באַוועגונג פאַרפירט געוואָרן צוליב אָט־דער בענקשאַפט. עס זע־נען געווען פאַלן, ווען וואָרט־שאַרלאַטאַנעס און רעדנערישע קונצנמאַכער פלעגן זיך דורכשלאָגן צו דער ציוניסטישער טריבונע. דאַן האָט אַ אַווינאָוויצקי זיך געקענט אַרויפכאַפּן אויבנאָן. נישט איין ציוניסטישער רעדנער האָט געדינט אַלס מאָדעל פאַר קאַריקאַטוריסטן־אַפּלאַכער. — נאָר דער גרעסטער עכטער אָראַטאָר; דער אומפאַרגלייכלעכער פאָלעמיסט, וואָס פלעגט מיט זיין שאַרפער צונג מאַכן אַ תל פון אַלע זיינע אָפּאָנענטן; וואָס האָט דעם ציוניזם מקדש השם געווען און וויט און ברייט פּאָפּולער געמאַכט און דווקא פון דער סצענע פונעם גויִישן טעאַטער אַראָפּ; איז עס געווען ער, וואָס איז געווען עקסטרעם־ייִדיש אין זיין אינהאַלט און פּאָלקאָם־רוסיש אין זיין פאָרם און שפּראַך; אַן אַרטיסט אין זיין נשמה — און וויל ער איז ער אַ דיכטער; האַלט רעדעס נאַכט איין, נאַכט־אויס, און דורך־און־דורך אַ קינסטלער: זשאַבאָטינסקי!

ב.

יאָ, נישט אומעטום איז ער געווען אויבנאָן. די ציוניסטישע פירער האָבן זיך שנעל אַרומגעזען, אַז דער דאָזיקער כישוף־מאַכער — שאַרט גאָר קוילן. זיינע עקסטרעמיסטישע דיבורים, וואָס פלעגן אָפּט שטיין אין קעגנזאַץ צו דער ווירקלעכקייט, גלייך ווי די באַשלוסן פון קאָנפערענצן און צענטראַל־קאָמיטעטן, פלעגן אָנוואַרפן אַ שרעק. פון מאָל צו מאָל פלעגן זיך פאַרשידענע ציוניס־טישע גדולים באַמיִען איינצוצאַמען דעם ילד־שעשועים, וואָס הייבט אָן ווערן געפערלעך, — באַמיִען — אָבער אָן דערפאָלג. — דער ראָמאַן צווישן אים און אוסישקינען, וועמען ער פלעגט עפנטלעך און נישט עפנטלעך רופן „מיין רבי און מיין האַר", האָט נישט לאַנג געדויערט, און וואָס ס'איז שפּעטער דער־פון אַרויסגעקומען האָט מער דערמאָנט אַנטוישונג אין ליבע, ווי ליבע. אויך אין פעטערבורג, ווו עס האָבן געהערשט זיינע פאַרערער און פאַרערטע — ראַזאָוו און אידעלסאָן, און די גרופּע תלמידים־חברים, וואָס האָבן זיך קאָנ־צענטרירט אַרום „ראַזסוועט" — האָט מען נאָך באַלד פון אָנהייב פאַרזוכט דעם טעם פון זיין בונטאַרישער אָפּאָזיציאָנערישקייט און זיין נישט קענען פאַר־טראָגן אַ מיינונג וואָס איז נישט ענלעך צו זיינער. מען פלעגט זאָגן: „כדי זשאַ־באָטינסקי זאָל זיך באַציִען צו זיין באַוועגונג ווי צו פולע הונדערט, מוז ער זיך אַליין באַטראַכטן אַלס אַן איינס, און זיינע חברים אַרום זיך אַלס — נולן". און אַז דאָס איז נישט געגאַנגען, האָט ער פאַרלאָזן די באַוועגונג, אָדער די באַוועגונג האָט אים „געמאַכט פאַרלאָזן". נישט דווקא אין די טעג פון דער „נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע" (צ"ח), נאָר אַ סך יאָרן פריִער, אינער־

האַלב דעם „כשרן״ רוסישן ציוניזם. ניין, איבער די ציוניסטישע מנהיגים האָט ער נישט געהערשט. ער האָט געקעמפט אַנטקעגן זיי, און זיי האָבן אים גע־צוימט, זיי האָבן פאַר אים מורא געהאַט, און ער האָט זיי אָנגעהויבן פיינט צו האָבן, און יאָרן לאַנג האָט זיין שנאה געהאַלטן אין איין וואַקסן.

אין דעם לינקן פליגל אין ציוניזם האָט מען זיך גאָר שנעל אַרומגעזען, אַז אַ „פרעמד פייער״ גליט אויף דער פאַן פונעם גרויסן מייסטער — האָט זיך כּאַר אים פאַרשלאָסן דאָס האַרץ. אַפילו די רוישיקע פאָרם און דער פאַרמעלער אינהאַלט — האָבן מער נישט פאַרכאַפּט. יאָ, דער פאַשיזם איז נאָך נישט גע־קומען אויף דער וועלט. און ער, זשאַבאָטינסקי, איז נאָך געווען פאַראַנקערט אין דעמאָקראַטיע, און דווקא אין דער אויבערשטער פון שטויסל, כמעט אַ שותּף צו גאָרקי אין די פּראָגרעסיווע צייטונגען „דיען״ און „נאָוו״, אָבער שוין דענסטמאָל פּראָפּאַגירט ער אַמביציעזן נאַציאָנאַליסטישן ציוניזם, וואָס קלייבט נישט איבער קיין מיטלען, איז נישט קיין מפונק לגבי פאַרבינדעטע, און אַלע וועגן זענען פאַר אים כשר. שטאַרק איז דער יצר־הרע, און „איינער צום אַנ־דערן — איז אַ וואָלף״ און „ווי איז דעם מענטשן, וואָס האָט נישט קיין דור־בינקע אונטער זיין פאַלע״. און דער ציוניזם מיינט „דאָס רעכט צו האָבן אונ־דזערע אייגענע אויסוורפן״, און דער אידעאַל פון העברעיִש איז, אַז „אַ פּראָס־טיטוטקע אויף די גאַסן פון תּל־אביב זאָל איינלאַדן אירע קליִענטן אין פליסיקן העברעיִש״. — ניין, דער מענטש האָט זיך פון אָנהייב אָן נישט באַליבט גע־מאַכט ביים לינקן פליגל אין ציוניזם. וואָס אַן אמת, ער האָט נאָך דענסטמאָל נישט געקעמפט קעגן דער לינקער באַוועגונג. ער פלעגט טענהן, אַז מיט זיין „גוייִשן מוח״ פאַרנעמט ער נישט די דאָזיקע גאַנצע „קאָמבינאַציע״. אָבער שוין דאַן האָבן די לינקע נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אים, און נישט ער צו זיי. דאָך, פאַר די „ציוניסטן פון אַ גאַנץ יאָר״, אַלגעמיינע ציוניסטן, די לעזער פון דער אַלגעמיינער צייטונג, גימנאַזיסטן און סטודענטן, אויך ציוניסטן פון דעם שטעטל, לערער און סוחרים און סתם „פּראַקטישע״ מענטשן, פאַר זיי אַלעמען איז ער געווען — פּראַכט און פייערלעכקייט און אַרכיקינסטלער, סיי אַלס מורה־הוראה און גרעסטער אויטאָריטעט אין די אינערלעכע פראַגן פון ציוניזם, און סיי אַלס פּראַכטפולער פאַרשטייער און פאַרטיידיקער פאַר דער אויסערלעכער וועלט.

עס זענען טאַקע אויך אויסער אים געווען ציוניסטן, וואָס האָבן געשריבן רוסיש. אָבער דאָס זענען געווען היימישע רוסיש־שרייבער. אויך אידעלסאָן, אויך פּאַסמאַניק, אויך אַלעקסאַנדער גאָלדשטיין האָבן געשריבן רוסיש — אָבער אין דער „יעווריייסקאַיאַ זשיזן״. אינדרויסן — אין דער גרויסער רוסישער פּרעסע — איז נישט געווען קיין פּראָמינענטער, איינפלוסרייכער ציוניסט.

בלויז ער אַליין — וולאַדימיר זש. און ער איז דאָרטן געווען אָנגעגומען און באַליבט. און דער „דאָרטן" איז שוין נישט געווען אַזוי ווייט. דער גוטער ציוניסט, דער אָנהענגער פון די עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטישע פרינציפּן, פלעגט יעדן טאָג לייענען די רוסישע צייטונג. בלויז אין גאָר באַגרענעצטע ציוניסטישע קרייזלעך פלעגט מען זיך באַנוגענען מיט דער העברעישער טאָג־צייטונג. די „ציוניסטישע גאַס" האָט שוין פון לאַנג אָן געלייענט רוסיש און האָט שוין אַרויסגעפּילט די דאָזיקע טאָפּלטקייט, איז זי ביז גאָר דאַנקבאַר געווען דעם דאָזיקן בריק־בויער, דער טרעגער פון פראַכט און שטאָלץ אינדערהיים, וואָס איז אַזוי באַליבט און אָנגענומען אויך אין דער אויסערלעכער גרויסער פרעסע.

דעריבער איז זשאַבאָטינסקיס אַ באַזוך אין אַ ציוניסטישער שטאָט געווען אַ טריומף־אַטעסטאַט פאַרן אָרטיקן ציוניזם, געווען — אַ יום־טוב. פון אַרומיקע שטעטלעך פלעגט די ציוניסטישע יוגנט פאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, טרינקען זיין אָראַטאָרישן ווין, ווייל אַ רעדע זיינע איז געווען אַ קינסטלערישע ציוניסטישע איבערלעבונג און ווייל דאָס האַרץ האָט געלעכצט נאָך אַ ציוניסטיש־קינסטלערישע איבערלעבונג. און נאָך דעם „אָוונט", נאָך דער רעדע, ווען דאָס פּובליקום פלעגט אַרויסגיין פון טעאַטער־זאַל, באַצויבערט פון זיין רעדנער־קונסט, איבערפולט מיט ליבע און פאַרערונג צום רעדנער, פלעגן זיך די מקורבים פאַרזאַמלען ערגעץ ביי איינעם פון די בכבודיקסטע ציוניסטן, און ער, דער פאַרגעטערטער גרויס־מייסטער, פלעגט נאָך מוסיף זיין, און אין אַ ביסל אַ פאַרטונקלטן זאַל פלעגט ער דעקלאַמירן אין רוסיש ביאַליקס „עיר ההריגה" — מיט דראַמאַטישער אינטאָנאַציע און גרויסער אַרטיסטישער קראַפט, און די שרעקלעכע ווערטער פלעגן באַקומען אַ באַזונדערן גלאַנץ און איינקריצן זיך אין האַרץ אויף אייביק. — און פון ביאַליקן — צו עדגאַר עלען פאָ, און פון עדגאַר עלען פּאָ — צוריק צו זשאַבאָטינסקין אַליין, און דאָסמאָל — אַ מייסטערהאַפטער פעליעטאָן אָדער אויסצוגן פון אַ דראַמע איבער די שפּאַלטונגען אין יידישע פאַרטייען און איבער דעם העלן שיין פון ציוניזם.

„הבימה" האָט נאָך נישט עקזיסטירט. קיין גרויסע נאַציאָנאַלע דראַמאַטישע איבערלעבונג האָט זיך נאָך פאַר אַ ציוניסט נישט צוגעטראָפן, און מען איז געווען זייער דאָרשטיק נאָך איר — איז זשאַבאָטינסקיס דערשיינונג אויפגענומען געוואָרן ווי קאַלט וואַסער אין הייסן מדבר, ווי אַ לעבעדיקער אָפּקלאַנג פון באַזעלער רייץ און הערצל פרעכטיקייט און ווי אַ רמז פאַר אַלץ וואָס איז נאָך באַהאַלטן אין שויס פון דער צוקונפט.

ג.

מער ווי דאָס דאַרשטיקע פובליקום האָט געטרונקען דעם דאַזיקן קינסט־לערישן געטראַנק, האָט אים געטרונקען זשאַבאָטינסקי אַליין. געטרונקען און נישט געקענט שטילן זיין דורשט. ער פלעגט זיך אַליין אָנשיכורן, ווען ער פלעגט לאָזן זיינע צוהערער טרינקען פון זיין וויין. און נאָך דער רעדע פלעגט ער זיך פילן גליך ווי ער וואָלט פלוצלינג געוואָרן פאַריתומט, איבעריק. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געציטערט פאַרן דאַזיקן פאַטאַלן מאָמענט. זיין גאַנצע תאווה צו הערשן איבער אַנדערע; זיין דאַזיק ליב האָבן צו זיין „אַן איינס נעבן בולן״, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ פאַרביטערונג קעגן אים; זיין גאַנצע שטרע־בונג צו פּערזענלעכער העגעמאָניע — דאָס אַלץ איז בעיקר געווען אַ זעלטענע גלוסטונג, צו שפּינען ווייטער און פאַרצוזעצן. די דאַזיקע ווונדערלעכע איבער־לעבונג פון אַ פאַרגעטערטן קינסטלער, וואָס הערשט פון דער סצענע אַראָפּ, — ציען ווייטער און נישט לאָזן איבעררייסן דאָס דאַזיקע טרינקען ברבים, וואָס מאַכט שיכור אַלעמען, און אים אַליין מער פון אַלעמען. זאָל זיך נאָר נישט אויסלאָזן דער דאַזיקער הערלעכער טריומף־באַל.

און דווקא אים האָט דער גורל געשטראָפט מיט אַזאַ מין באַל, וואָס לאָזט זיך אויס און פאַרענדיקט זיך שנעל. סוף־כל־סוף: וואָס אַזוינס איז אַ רעדע? אַפילו נישט קיין שיר, וואָס מען קען אים לייענען פון פּאַפּיר, געבן אים אויך אַנדערע צו לייענען, און שפּעטער, אויב דו ווילסט און ווען דו ווילסט, אומצו־קערן זיך צו אים; אַפילו נישט קיין אַרטיסטישע ראָלע אין טעאַטער, ווו דאָס שפּיל האַלט דעם אַרטיסט אין אַ באַשטימטער ראַם, בינדט אים פון פאַרויס מיט איינגעשטעלטע זשעסטן און באַוועגונגען און אינטאָנאַציעס, און ער, דער אַרטיסט, חזרט איבער זיין ראָל אָוונט־איין, אָוונט־אויס, אַט אַזוי ווי מען רע־פּעטירט אַ לעבעדיקע שאַפונג, וואָס הענגט מער נישט אָפּ פון דעם שעפער. גאָר אַנדערש איז מיט אַ רעדע, וואָס פאַרשווינדט ווי אַ חלום; אַ שמעטערלינג, וואָס זיין לעבנס־שפּאַן איז דריי פערטל שעה. דו האָסט אָפּגעזאָגט דיינס — און שוין, אויס שמעטערלינג. נישטאָ מער, פאַרשווונדן, מען קען אים מער נישט כאַפּן, אויסגעגאַנגען און צערונען געוואָרן צווישן די צוהערער.

ער, זשאַבאָטינסקי, האָט זיך אַפילו באַמיט קעגנצושטעלן דעם דאַזיקן אכזריותדיקן גורל פון אַן אָוועקשווימענדיקער רעדע. ער האָט פּרובירט באַל־זאַמירן דעם שמעטערלינג. אָנשטאָט אַן איינצלנע לעקציע פלעגט ער בעסער אַראַנזשירן אַ „טורנע״ — לענגאויס דער גאַנצער מדינה. אין יעדער שטאָט פלעגט ער איבערחזרן די זעלבע רעדע, וואָס איר פאָרם איז געווען פאַרויסגע־זעצט, ווי געגאָסן אין איין גוס, מיט איר אייגן לעבן, מיט די שטענדיקע איינע און די זעלבע זשעסטן, מיט די זעלבע אינטאָנאַציעס און קול־וויבראַציעס, און

די זעלבע אויסדרוקן פון התפעלות און פאַרוווּנדערונג. גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ זעלבסטשטענדיקע קינסטלערישע גאַנצקייט. — געווען אַזעלכע וואָס פלעגן אַפילו חוזק־מאַכן פון אים פאַר די דאָזיקע איבערחזרונגען, וועלכע מען האָט אויסגעפונען אַלס געמאַכטע, געקינצלטע, און מען האָט זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אייניקע האָבן אים אַפילו גערופן „קאָמעדיאַנט". אָבער ער האָט עס וואַרשיינלעך אויף אַזאַ שטייגער זיך געראַנגלט מיטן גורל פון זיין שאַפונג, רעוואָלטירט קעגן דעם אומדערבאַרעמדיקן גזר־דין אויף איר, און געטרוימט וועגן נאָך אַ ביסל אריכת־ימים פאַר איר.

און דער טיפער באַגער איז געווען — אויסצופאָרמירן די גאַנצע באַוועגונג ווי איין רעדנער־טריבונע, ווי אַ לאַנגער המשך צו יענעם „באַל", וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט אין זיינע יוגנט־יאָרן. אַ באַגער — צו הערשן איבער דער באַוועגונג מיט כמעט די זעלבע מיטלען, מיט וועלכע ער פלעגט אַמאָל הערשן אַלס רעדנער, איבער די מאַסן פון זיינע צוהערער — איבעררעאַשן זיי, מאַכן זיי אַנגענעם, איבערשרעקן זיי און אויסבעסערן זיי, שטענדיק מיט עפּעס אַ באַזונדערער איינצלנער עמאָציע, צי מיט אַ וועלכן ס'איז איינצלנעם געבאָט, ווען אַפילו אַ שטאַרק איבערגעטריבענעם, נאָר פיין צוגעשפּיצטן; אָדער מיט אַן עקסטרעמען אַבסורד, לאָגיש קאָנסטרויִרטן, וואָס איבערצייגט מיט דער לאָגישקייט פון זיין באַגרינדונג און איבעררעאַשט מיט דער אַבסורדאַלישקייט פון זיין רעזולטאַט, — און באַהערשן דאָס פּובליקום מיטן כוח פון דער לאָגיק און פון דעם אַבסורד צוגלייך.

די דאָזיקע פאַרשיכורנדיקע תאווה פון „אַ רעדנער — אַ פּרימאַדאָנע", וואָס איז נישט אומשטאַנד צו שיידן זיך פון דער מאַנטיע פון „אַ נאַציאָנאַלן וואָרט־זאָגער" און פון דעם ברייטן אַראַטאָרישן זשעסט, — אַ רעדנער פאַר וועלכן אַ ציבור איז זיין ציבור נאָר אויף וויפל ער איז מסוגל צו קאָנצענטרירן זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַרום אים, דעם רעדנער, און איינוויקלען אים אין אַן אַטמאָספער פון פאַרגעטערונג, און וואָס אויב ער איז מער נישט מסוגל דערצו, הערט ער אויף צו זיין זיין ציבור, — די דאָזיקע שרעקלעכע באַרוישנדיקער תאווה האָט נישט איין מאָל חרוב געמאַכט די פּאָליטישע קאַריערע פון נישט איין גרויסן רעדנער, וועלכער איז געווען „בלויז אַ רעדנער". און נישט איין באַוועגונג האָט געהאַט אויסצושטיין געבראָטענע ליידן צוליב דער דאָזיקער ליידנשאַפט. אַזוי איז געשען מיט מאַקלאַקאָוון ביי די „ק. ד.", און אַזוי מיט אַלגינען ביים „בונד". אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס זעלבע געשען מיט טראָצקין ביי די באָלשעוויקעס, ווי אויך מיט גרוזנבערגן. אויב איינער אַזעלכער איז אויסגעוואַקסן אויסערהאַלב דער ראַם פון אַ פּאָליטישער באַוועגונג — וועט ער זיך שוין קיין ראַם נישט געפינען. און אויב ער איז גרויס געוואָרן אי־

נערהאַלב דער ראַם און האָט זיך אַנטוישט — באַשמוצט ער אויף זיינע עלטערע יאָרן זיין אָרגאַניזאַציע, פאַרלאָזט זי און בויט זיך אויס אַן אייגענע נייע ראַם, אין וועלכער ער געפינט אויך קיין רו נישט.

דער איינציקער תיקון, וועלכער האָט געקענט לאָזן זשאַבאָטינסקין ראַטעווען זיך פון דער שטרויכלונג און וועלכער וואָלט אויך געקענט פאַרוואַנדלען זיין עיקר־טאַלאַנט אין אַ קוואַל פון ברכה פאַר אים און פאַר דער באַוועגונג — האָט זיין גאַנץ לעבן כאילו געהאַלטן אין איין אַנטלויפן פון אים, און אויף דער סאַמע עלטער האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָרן די האָפענונג, אַז ער וועט נאָך אַמאָל געפינען דעם וועג צו אים, צום תיקון.

ד.

אויף צוויי פעלדער האָבן זיך פון אָנהייב אָן אַנטפּלעקט די שעפערישע כוחות אין ציוניזם: אין דער קולטורעלער פאַרוואָרצלטקייט פונעם יידישן נאַציאָנאַליזם, און אין דעם גאָט־געבענטשטן אויפּטו אין ארץ־ישראל — מיט אַלע זיינע זוכענישן און מאַטערנישן. אַהערצו איז שוין פון לאַנג אַריבער דער שווערפּונקט פון דער באַוועגונג, — אין דעם פאַראַנקערן זיך אין דעם באָדן פון דער פאָלקס־נשמה מיט דער גאַנצער טיפעניש פון איר שפּראַך־שאַפונג און די גוואַלדיקע יסורים אירע, און אין דעם פאַרוואָרצלען זיך אין דעם באָדן פון דעם געגאַרטן לאַנד, אין דער קאָלאָניזאַציע און ערד־אַרבעט און דער שאַפונג פון אַ נייער געזעלשאַפט. צו די ביידע געביטן האָט אויך זשאַבאָטינסקי געפּרוווט זוכן אַ וועג. נישט איינמאָל האָט אויך אויסגעזען, אַז זיינע ערשטע פאַרזוכן זענען געווען זייער האָפענונגספול. אָבער ער האָט געפּרוווט — און האָט זיך פאַרהאַקט. די פרעמדקייט האָט גובר געווען, און אַ סך זענען געווען די שטערונגען. אַ באַרג איז אויסגעוואַקסן אינצווישן, און זשאַבאָטינסקי איז געבליבן אויסערהאַלב פון די ביידע שטחים. און אין זיין פרעמדקייט און יאוש איז ער געוואָרן אַ פיינט צו די ביידע.

זיין באַקאַנטשאַפט מיט ניי־העברעיִש האָט זיך אָנגעהויבן מיט שטורעם און דראַנג. זיין קאַמף פאַר איינצל־הערשאַפט פון העברעיִש אין דעם ציוניסטישן קולטור־פּראָגראַם איז געווען אַן אַבסאָלוטער. זיין קאַמף פאַר אַן אויסשליסלעך העברעיִשער שולע איז געווען אַן עקסטרעמער און האָט אַפילו דערשטוינט מיט דער עקסטרעמקייט. — ער האָט שטאַרק פּאָפּולאַריזירט די ווערטן פון דער נייער העברעיִשער דיכטונג, און האָט דערמיט אויפגעטאָן אַ זייער וויכטיקן דינסט. זיין פּאָפּולאַריזירן ביאַליקן אין קרייזן פון דער רוסיש־יידישער יוגנט וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן. און ס'איז אַ ספק, צי האָט נאָך איינער, אויסער זשאַבאָטינסקין, אַזוי פּאָפּולער געמאַכט דעם נאָמען און

דעם נאַציאָנאַל־קינסטלערישן װערט פונעם העברעיִשן דיכטער ביאַליק — צװישן נישט־ייִדן. ער איז געװען זײַן טרובאַדאָר צװישן פרעמדע און פאַר־פרעמדטע. און מיט זײַן שאַרפער צונג האָט ער געמאַכט צו שפּאָט די נישטי־קײט און אָפּגעריסנקײט פון די ייִדישע שריפטשטעלער, װאָס האָבן געשריבן אין דער רוסישער שפּראַך. „יושקעװיטש און איזמאַן האָבן מער נישט צו טאָן, װי צו דערװײַזן די גױים, אַז די לעגענדע װעגן שריפטשטעלערישע טאַלאַנטן בײַ ייִדן איז אַן אױסגעטראַכטע זאַך". אַזױ לערך האָט ער פון זײ חוזק געמאַכט און פאַראורטײלט, און מיט אַ ברײטן זשעסט פלעגט ער צײַגן, װוּ געפינט זיך הײַנט דער אמתער דיכטערישער טאַלאַנט בײַ ייִדן און װוּ רוט די ייִדישע קינסטלערישע שכינה: אין העברעיִש, אין ביאַליקס דיכטונג!

ער האָט אױך אַלײן געמאַכט אַ שפּרונג פון רוסיש, דער שפּראַך פון זײַן יוגנט און ליטעראַטור — צו העברעיִש, — אַ נחשון־שפּרונג. ער האָט גענו־מען לערנען העברעיִש און איז אַרױס זיגרײַך, — און ער איז דאָך שױן דאַן גע־װען אַ דערװאַקסענער און געװען אַ באַרימטער שרײַבער. ער האָט אױך אָנ־געהױבן האַלטן רעדעס אין העברעיִש און שרײַבן אין איר און אַפילו דיכטן — און דװקא מיט דער ספרדישער הברה און פּעדאַנטיש אָפּהיטנדיק די רײנסטע דיקציע. זײַן באַליבטן עדגאַר עלען פּאָ האָט ער איבערגעזעצט אין אַ שײנעם לעבעדיקן העברעיִש און ער פלעגט אים מיט פּאָמפּע דעקלאַמירן אין העברעיִש. ער האָט אַפילו געהאַלטן בײַ „מגייר זײַן" דאַנטען, הגם עס איז געװען לאַנג פאַר שטײבל און אײדער דוד פרישמאַן האָט איבערגעזעצט טאַגאָרען, און טשער־ניכאָװסקי — האָמערן. אַפילו אין קרײַזן פון די העברעיִסטן און אַפילו אין דער װעלט פון די העברעיִשע גימנאַזיסטן אין ארץ־ישראל האָט דער דאָזיקער „אָדעסער גױ" אַרײַנגעטראָגן אַ מין יום־טוב. מיט פּעסטע טריט האָט ער גע־שפּרײַזט צו העברעיִש, און ס'איז געװען דערפון אַ סך צו דערװאַרטן.

איז ער אָבער װײַט נישט דערגאַנגען. ערגעץ־װוּ בײַם סאַמע שװעל האָט ער זיך פאַרהאַקט. די אױטענטישע העברעיִשע קולטור, מיט דעם לאַבירינט פון איר פאַרגאַנגענהײט אין די זכרױנישן אין איר קעגנװאַרט, איז אים װײַ־טער פרעמד געװען. זי האָט אים נישט באַפרוכפּערט און נישט פאַרכאַפּט.

אױך דאָס פאָלק אַלײן, װאָס װעגן זײַן רענעסאַנס האָט ער נישט אױפגע־הערט צו רעדן, איז — דעם אמת־זאָגנדיק — געבליבן פאַרשלאָסן פאַר אים. — ער האָט געװוּסט פיל מער פון די געהײמענישן פון פרעמדע פעלקער, װאָס זײערע קאַמפּן האָט ער זיך פאַרבאָטן צו פירן, װי ער האָט געװוּסט פון דעם אינערלעכן װעזן פון דעם דאָזיקן פאָלק, װאָס זײַן באַפרײַונג איז פאַר אים געװאָרן דער ציל פון זײַן לעבן. ער האָט זיך כאילו גאָר נישט באמת אַרײַנ־צודרינגען אין דעם אינערלעכן װעזן פון זײַן פאָלק. עס פלעגט זיך אָפּט אַרױס־

שטעלן, אַז ער האָט "פיינט" דאָס דאָזיקע פאָלק און זיינע "סודות". ער האָט זיך אַפילו קאָנסטרויִרט אַ גאַנצע טעאָריע, וועלכע האָט אים מתיר געווען די דאָזיקע "שנאה": דאָס דאָזיקע פאָלק איז דאָך איצט אַ גלות־פאָלק, אַ שקלאַפן־פאָלק, און ס'איז אוממעגלעך ליב צו האָבן דעם דאָזיקן פאָלק אין זיין פאַרשקלאַפונג און גלייכצייטיק שטרעבן צו זיין גאולה. ווער עס וויל באמת גאולה "מוז" פיינט האָבן דאָס פאָלק — כל־זמן דאָס פאָלק איז אַנטוויינט פון גאולה. די דאָזיקע כלומרשט־עקסטרעמע און כלומרשט־ציוניסטישע טעאָריע האָט אילוסטרירט זיין פרעמדקייט און אָפגעריסנקייט און טיף־פאַרוואָרצלטע שנאה.

און נאָכמער ווי ער איז געבליבן פרעמד צו דער קולטור און מהות פונעם דאָזיקן פאָלק, וואָס דאַרף אויסגעלייזט ווערן, איז ער געווען פול מיט אומאומצוטרוי און אַלץ וואַקסנדיקער פרעמדקייט, צו דעם אויסלייזער, צו די וואָס פאַרווירקלעכן די באַפרייונג פון פאָלק — צו די חלוצים פון פאָלק. דאָ איז דער חשבון געווען פיל מער קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט, און דער סוף איז געווען נאָך טרויעריקער, אָנגעזאָפּט מיט האַס און שנאה.

לכתחילה האָט זיך כלומרשט אויך דאָ געוועבט אַ מין קרובהשאַפט. דער לעגיאָן איז געווען זיין ערשטע בריק צו דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. צוערשט אַ בריק געפלאָכטן פון העמונגען און ספיקות, און דערנאָך — באַזירט אויף זאַכלעכער מיטאַרבעט און אויף מאָמענטן פון דערהייבונג. אויך טרומפּעלדאָר איז געווען אַזאַ מין בריק. לכתחילה האָט זיך זשאַבאָטינסקי געקווענקלט אויך אין באַצוג צו אים. עפּעס איז ער געווען "צו רויט", און האָט גערעדט וועגן קאָמונע, און נישט אויפגעהערט צו נישטערן נאָך דער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער דווקא. זשאַבאָטינסקין איז דאָס אַלץ פרעמד געווען און דאָס האָט אים דערוויטערט פון טרומפּעלדאָרן. דאָך האָט ער לסוף מוותר געווען. אדרבא, נאָך טרומפּעלדאָרס טויט האָט ער אַפילו פאַרזוכט עפּעס צו בויען פאַר זיך אויפן דאָזיקן בונד צווישן טרומפּעלדאָרן און דער אַרבעטערשאַפט. נישט דווקא כדי צו באַקעמפן די אַרבעטערשאַפט, נאָר פיליכט אַפילו כדי אָנצושפּאַרן זיך אָן איר. אַזוי, אַלנפאַלס, האָט עס געשיינט אין אָנהייב. די ריגער פּראָגראַם פון בית"ר איז אין אָנהייב געווען אין דעם דאָזיקן גייסט, נישט זיכער — וואָס אָן אמת, נאָר אַזוי — מיט שיקול־הדעת. און אַפילו ווען דאָס געוועב האָט זיך שוין אָנגעהויבן רייסן, האָט נאָך זשאַבאָטינסקי געמאַכט אַ פּרוּוו אויפצושטעלן אַ טעאָריע פון "בייטראַליטעט" אין סאָציאַלע פראַגן; ס'הייסט ער וויל נישט פירן אַ קאַמף קעגן אַרבעטער. זיין באַוועגונג וועט קעמפן פאַר אומפּאַרטייִישקייט און פּאַסיווקייט אין די דאָזיקע פראַגן, וועלכע זענען אַלגעמיינע און זייטיקע און געפינען זיך "אויסערהאַלב דעם תחום פון פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם". ער, זשאַבאָטינסקי, מוז נישט גראָד זיין קעגן

אַרבעטער, אדרבא, ער וואָלט דווקא געוואָלט אַז אין זיין באַוועגונג זאָלן זיין אַרבעטער. ער וואָלט אַפילו גערן מסכים געווען, אַז אַט די אַלע אַרבעטער, אַט די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, זאָלן זיין מיט אים — קעגן דער „אַלטער", „פּשרהדיקער" ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט אַזוי פיינט. להי־פוך, ער האָט אין זיין פאַרמעגן אַפילו פאַרטיקע קאָמפּלימענטן און לויב־ווער־טער פאַר די חלוצים און פאַר אַ סך פירער זייערע, ווען זיי זאָלן נאָר וועלן שיידן זיך פון וויצמאַנען — זיין אַמאָליקער חסיד און היינטיקער קעגנער, ווען זיי זאָלן נאָר וועלן גיין מיט אים.

אָבער דאָ קומען נישט אין באַטראַכט קיין פּשרותדיקע באַציִונגען. די חלוצישע באַוועגונג — אויף איר האַלט זיך די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, איר קאָפּ איז פאַרפּוצט מיט אַ דערנער־קרוין פון גאולה־שליחים, און פאַר יעדן איינעם פון אירע חברים איז דער ציוניזם דער גאַנצער אינהאַלט פון לעבן. מיט איר וועט ער זיך נישט צונויפלעבן אויב ער געפינט זיך מחוץ דער מיסטעריע פון איר מיסיע. זי פון זיין צוויבערקראַפט וויס נישט, און דאָס וואָס זי פאָדערט פון אירע מענטשן — קען ער שוין נישט געבן; זי איז אויסגעפילט פון ציוניזם, ווי אויך פון אמתער גרייטקייט צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן. אין איר איז אַ פּערזענלעכער אָרעאָל, אי אַ נאַציאָנאַלער כוח, אי אַ סאָציאַלער טרוים. און ער איז — פונדרויסן. זיין זיין אינדרויסן — שטעלט אים מחוץ דעם גאַנצן יום־טוב אין ציוניזם. און אויב דער דאָזיקער ציוניזם וועט וייטער עק־זיסטירן און וואַקסן — איז אויס פאַר אַלע אייביקייטן יענער באַל זיינער אין ציוניזם.

די צוויי קוואַלן, וואָס נאָר זיי האָבן געקענט דינען אַלס אַנטי־טאָקסין און אויסהיילן אים פונעם גיפט פון זיין יוגנט־שיכרות: 1) די אורשפּרינגלעכע יידישע קולטור און 2) דאָס רעאַלע ווערק אין ארץ־ישראל מיט אַלע זיינע קאַמפן און קעמפער, — צו דיביידע האָט ער נישט באַוויזן דורכצוברעכן זיך אַ וועג, איז ער געבליבן פאַרשמאַכט און איינזאַם, אַ קרבן פון זיין יוגנטלע־כער פאַרליבטקייט.

ה.

און ווי אַ צוגאָב צו דאָס אַלץ איז מיט זשאַבאָטינסקין געשען דער גרעס־טער אומגליק, וואָס האָט נאָר געקענט טרעפן אַזאַ מענטשן ווי ער: ער איז געוואָרן אַן עמיגראַנט, וואָס אַן אמת, ער האָט אויך פריִער פאַרבראַכט יאָרן־לאַנג אויסערהאַלב רוסלאַנד. אָבער די ספערע פון זיין השפעה איז געווען רוס־לאַנד, און זיין פאָטערלאַנד — דער רוסישער ציוניזם, — אַפילו ווען ער האָט געוווינט אין רוים, אַפילו ווען ער האָט פאַרבראַכט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איצט

איז אים אָפּגעשטאָרבן דאָס רוסישע ייִדנטום. אים איז עס אָפּגעשטאָרבן. פּלוצים איז ער פון אַ פאַרגעטערטן געוואָרן אַן איבעריקער. די רוסישע שפּראַך, וואָס איבער איר, — און דעם אמת זאָגנדיק, טראָץ זיין גאַנצער פּאָליגלאָטישקייט — נאָר איבער איר, — האָט ער געהערשט אומבאַגרענעצט, איז „פאַרטריבן געוואָרן פון אַלע ווינקעלעך". זיין וועלט איז אויף זיינע אויגן פאַרברענט געוואָרן. אויך דאָ האָט ער געפּרוווט שאַפן זיך אַן אילוזיע, אַז אויך מיטן דאָזיקן גורל זיינעם וועט ער קעמפן און וועט אים בייקומען. ער איז געווען דער איינציקער צווישן דער גאַנצער ייִדישער עמיגראַציע פון רוסלאַנד, וואָס האָט זיך באַמיט פאָרצוזעצן די פּעטראָגראַדער טראַדיציע אַפילו אין פּאַריז. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף פרעמדער ערד זיין געצעלט — אויף דער זעלבערשפּראַך און מיטן זעלבן נאָמען, כדי צו קאָנצענטרירן אַרום זיך זיין אודיטאָריע, וואָס איז גלייך צעבראָקלט און צעשטויבט געוואָרן. ווי איינער וואָס טרינקט זיך האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן צעבראָכענע ברעטלעך. אָנגעכאַפּט און נישט געראַטעוועט זיך. דער שטורעם פון אין־דער־פרעמדקייט האָט גובר געווען.

ס'האָט גובר געווען די עמיגראַנטישקייט און איז געוואָרן אַ דרייפאַכע קללה פאַר אים: אַן עמיגראַנט פון רוסלאַנד, אַן עמיגראַנט פון ארץ־ישראל און אַן עמיגראַנט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז געוואָרן געגליכן צו יענעם דעמב, וואָס מיט איין ריס פון אַ שטורעם זענען אים פאַרלוירן געגאַנגען אי די זון פון אויבן, אי דאָס וואַסער פון אַרום און אויך די וואָרצלען פון אונטן.

און דווקא אין די דאָזיקע יאָרן פון זיין פאַריתומטקייט האָט אין ציוניזם זיך צעשטראַלט דאָס ליכט פון יענע צוויי כוחות, וואָס אומזיסט האָט ער זיך באַמיט צו ראָמאַנסירן מיט זיי, און וואָס צוליב זיי איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערן יאוש, און דער דאָזיקער יאוש האָט עס אים געשטויסן אַלץ נידעריקער: דער שטערן פון ווייצמאַן און דאָס ליכט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט.

צו ווייצמאַנס דערפאָלגן אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק איז זשאַבאָטינסקי קיין שותף נישט געווען. מילא, דאָס האָט מען נאָך געקענט פאַרלײדן. אָבער צו זשאַבאָטינסקיס דערפאָלגן אין דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע איז ווייצמאַן קיין שותף נישט געווען. ער איז נישט געווען אין רוסלאַנד אין די טעג פון העלסינגפאָרס, ער האָט מיט אים נישט צוזאַמענגעאַרבעט אין דעם קאַמף קעגן „מפיצי השכלה", ער האָט אים נישט געזען אין זיינע וואַל־קאַמפיינען און האָט אים נישט געקענט בעת זיינע דיספּוטן איבער העברעיִש, איבער דעם פוילישן באָיקאָט, איבער דער שמד־באַוועגונג און דער פּלאַטפאָרם פון זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דעריבער האָט זיך זשאַבאָטינסקין בכלל נישט געגלייבט, אַז ווייצמאַן וועט אים נאָך אַמאָל קענען אָפּ־

שאַצן און ליב האָבן, גלייך ווי עס האָבן אים אָפּגעשאַצט און ליב געהאַט די אַלע וואָס האָבן בייגעוווינט זיינע גרויסע דערפּאָלגן אין רוסלאַנד. און גלייך אַזוי ווי ער האָט אויפגעהערט צו גלייבן אין זיינע איצטיקע כוחות, אַזוי האָט ער מער נישט געגלייבט אין זיינע מעגלעכקייטן צו דעראָבערן נייע מענטשן, וועלכע האָבן אים נישט געקענט אין יענע גרויסע יאָרן, ווען זיין גלויבן אין זיך האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט. דעריבער האָט ער זיך באַלד באַצויגן מיט אומצוטרוי צו יעדן איינעם און צו יעדן געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר, וואָס האָט איצט פאַרנומען אין ציוניזם אַ הויכע פּאָזיציע און וואָס האָט נישט מיטגע־לעבט זיין דענסטמאָליקן פרילינג אין רוסלאַנד. ער האָט זיך אַפילו באַמיט צו פלירטעווען מיט זיי, האָט אָבער נישט געגלייבט אין זיין דערפּאָלג, איז ער גע־וואָרן אַלץ מער צוריקגעהאַלטן, פול מיט חשד, און פון דאַנען — איין טריט צו אַ דורכפאַל, און פון דורכפאַל — צו קריג, און פון קריג — צו ביטערן האַס.

די אַלע, וואָס זענען נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין צויבער אין זיין יוגנט (ציוניסטן פון דייטשלאַנד, אַרבעטער), האָט ער שטענדיק באַטראַכט אַלס „פרעמדע" און האָט מער נישט געגלייבט, אַז ער וועט זיי איינבייסן. און די ווייניקע וואָס האָבן אים יאָ געקענט אין זיין גלאַנץ־צייט און זענען פון דעסט־וועגן געוואָרן זיינע קעגנער (פּריזער אוסישקין, און שפּעטער אויך גרינבוים, סאָלאָווייטשיק, חיים גרינבערג) האָט ער באַטראַכט אַלס פאַררעטער. בלויז די, וואָס זענען אים געבליבן טריי ביז לעצט וואָס אין זייער האַרצן האָט שטענדיק פריש געלעבט דער אָנדענק פון זיין הערלעכער יוגנט — די רעשטלעך פון אָדעס און די פּעטראָגראַדער גרופּע — זיי אַליין האָבן געגאָסן פון זיין צוטרוי און אויף זיי אַליין האָט ער געבויט — סיי זיי זענען געווען מער וויכטיק, צי ווייניקער וויכטיק, סיי בכלל נישט וויכטיק.

און ווען דער רוסישער ציוניזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַכט־לאָזער און שוצלאָזער עמיגראַציע; ווען אין דעם אַלוועלטלעכן ציוניזם האָט אויפגעשיינט ווייצמאַנס זון און ס'האָט זיך צעוואַקסן די השפּעה פון דער אַר־בעטערשאַפט, און נייע כוחות, זענען צוגעקומען, מענטשן פון גרויסער וויזיע און שעפערישער טעטיקייט — און אַלץ אַזעלכע „אשר לא ידעו את יוסף" — און דער רוים פון דער באַוועגונג איז אויסגעפילט געוואָרן מיט מאַסן, וואָס נישט ער האָט זיי אויפגעשטורעמט, און מיט פאָדערונגען, וואָס נישט ער האָט זיי ווען עס איז אַרויסגעשטעלט — איז אים די באַוועגונג פאַרמיאוסט געוואָרן, די קאָנגרעס־אַטמאָספער האָט אים געשטיקט און דער ציוניזם איז פאַר אים געוואָרן אַ געשפענסט, גלייך ווי ער פאַר דער באַוועגונג איז געוואָרן אַ גע־שפענסט, און דאַן האָט ער עפנטלעך צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך דעם שקל,

וואָס ער אַליין האָט אים געזונגען באַגייסטערטע דיפיראַמבן אין יענע ראָמאַנ־טישע יאָרן.

און פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ, דער אכזריותדיקער, קאַרק־ברעכערישער, וואָס ס'איז שוין פון אים קיין רעטונג נישט געווען.

ג.

אין געוויסע מאָמענטן — מאָמענטן פון אויפרעגונג און נקמה־לוסט — פלעגט זיך ביי אים אָנצינדן אַ פונק פון גלויבן, אַז ער וועט נאָך באַנייען די אַמאָליקע כוחות און וועט אויפשטעלן אַ נייע ציוניסטישע באַוועגונג, אַזאַ ווי ער האָט זי אַמאָל ליב געהאַט, אַזאַ ווי זי האָט אים אַמאָל ליב געהאַט. און עס זענען געווען מאָמענטן, — מאָמענטן פון עקסטאַז און פייערלעכקייט, — ווען די רעשטלעך פון זיינע חסידים האָבן באַוויזן פונאַנדערצובלאָזן דעם פונק אין אַ פייער. באַזונדער האָבן זיך דערביי אויסגעצייכנט זיינע יונגע בית״רים, וואָס די העלדן־פאַרגעטערונג איז פאַר זיי געווען אַ קולט און אַ טייל פון פּראָ־גראַם. נישט וויכטיק ווער דווקא דער העלד איז, אַבי מען זאָל קענען אָנהענגען אויף אים די אַלע „העלדן־שילדן״, וואָס זיי האָבן געזען אין דער פרעמד, אין די קאַזערנעס פון די משוגענע טעג. אין יענע מאָמענטן פלעגט זיך אין זיין האַרץ צעשפּילן די אילוזיע, אַז דער נס איז שוין געשען: עס קומט צוריק דער אַמאָליקער צויבער; און די פאַרשווונדענע אַטמאָספער, די אַזוי באַגערטע — אַט־אַט קערט זי זיך אויך צוריק. דאַן זענען געבוירן געוואָרן די „געוואַגטע״ פּראָיעקטן. ער האָט דאַן ווידער געפאָכעט מיט דער שווערד; דאַן זענען גע־שאַפן געוואָרן די „צ״והר״ס און „נ״צא״ס און „פּאַריטעטן״ און „וועלט־רעפּ־רעזענטאַנצן״ אד״גל — אָבער דאָס אַלץ זענען געווען מאָמענטאַנע אויפברוי־זונגען. אין אַלע לאַנגע טעג פון יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אויסגעלאָשע־נער, אַ צעבראָכענער, אַן אַנטוישטער און פאַרביטערטער. אומעטום האָט ער געזען סכנות. רק ער פלעגט חושד זיין אַז מען וועבט אינטריגעס קעגן אים און זיין באַוועגונג, — ער האָט זיך אַנטוישט אין זיין פאָלק, זיין גאולה־באַוועגונג און אַפילו אין די סאַמע טרייע חסידים זיינע.

אין קאַמף קעגן זיינע הויפּט־אָפּאָנענטן, די טרעגער פון דער הגשמה־קרוין אין ציוניזם, און אין דער אָנערקענונג פונעם דור, האָט ער זיך נישט געקענט באַנוגענען מיט טשעפּען זיך סתם אין דער וועלט אַריין. מיט זיי האָט ער זיך געמוזט ראַנגלען אין דעם צענטראַלן פונקט פון זייער וועזן: מבטל מאַכן זייער גאַנצע ציוניסטישקייט און קעגנשטעלן זיי אַן אַנדער ציוניסטישן הינטערגרונט. פון דאַנען — זיין איבערגעטריבענע פּסיכאָלאָגישע נייגונג, צו פאַרפּאַנצערן זיך אין מאַקסימאַליזם פון פּאָליטישע ציוניסטישע פאָדערונגען

אין קאַמפּענסירן זיך דאָ פאַר אַלץ, וואָס דער גורל האָט פון אים אַוועקגענומען
אײפן געביט פון ציוניסטישער הגשמה; ס׳הייסט: איר, מיט דער פאַרוואָרצלט־
קייט פון אייער יידישן וועזן, מיט דער חלוצישקייט פון אייער ווערק און מיט
דער פּראַקטישקייט פון אייערע דערגרייכונגען, האָט — מיינט איר — פאַר־
שלאָסן פאַר מיר אַלע טריומפאַלע טויערן אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס,
וועל איך אָט אויפשטעלן און אָנשיקן אויף אייך אַ נייעם ציוניזם, וואָס וועט
באַשטיין פון בלויזע פּאָליטישע פאָדערונגען און וואָס לגבי אים וועט איר
זיין די וותרנים, די אַבסטרוקציאָניסטן, די פאַררעטער, די אַנטי־ציוניסטן.

די ייִנגערע פאַרערער זיינע האָבן גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ סכנות עס
דראָען דאָ זייער פירער. זיי האָבן זיך זייער באַמיט צו פאַרטרייבן זיינע יאוש־
שטימונגען. זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו דערגרייכן דאָס: ווידער
שאַפן אַרום אים אַן אַטמאָספער פון פאַרגעטערונג. זיי האָבן דאָס געטאָן אויף
זייער „דיקטאַטאָרישער" און „טאָטאַליטאַרישער" אידעאָלאָגיע: זיי האָבן גע־
רייכערט ווייעך. און ער פלעגט צו מאָל אַפילו איבעררראַשט ווערן פונעם
„גליק", וואָס האָט אים געטראָפן כמעט על־פי־נס, נאָכן יאוש, ווען די כוחות
זענען אים שוין אויסגעגאַנגען. — ווען־נישט־ווען פלעגט אים דוכטן, אַז מיטן
כוח פון די דאָזיקע אויפטרייסלונגען וועט אים נאָך געלינגען צוריק אויפצו־
הייבן זיך פון זיין ירידה און ווידעראַמאָל אויפשטורעמען וועלטן, פונקט ווי
אין דער ערשטער פאַרהערלעכונגס־תקופה.

דענסטמאָל האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז אויב עס איז
פאַר אים אויסגעשלאָסן צו בויען זיין באַוועגונג צוזאַמען מיט די אַרבעטער,
דאַן מוז זי זיך באַזירן אויף זייערע קעגנער און פיינט. נאָך אין רוסלאַנד האָט
ער קענען געלערנט די טעאָריע פונעם סאָציאַלן באַזיס פון אַ באַוועגונג. און
איצט איז בטל געוואָרן די טעאָריע פון „נייטראַליטעט", איצט איז געפאַלן
די דעציזיע. און פון קיין מאָראַלישע טאָרמאָזן האָט ער קיינמאָל נישט גע־
וווּסט. אויך נישט אין די טעג פון דער אַמאָליקער גרויסקייט. נאָך דאַן פלעגט
ער חוזק מאַכן פון „גלות־קוואַטש". און איצט, בעת דעם דאָזיקן פאַרצווייפלטן
קאַמף, אַוודאי און אַוודאי. עס לייגט זיך אָבער אויפן שכל, אַז אַפילו נאָכדעם
ווי ער האָט מיט זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיין גורל צווינגט אים אַרומצורינגלען זיך
מיט אַנטי־אַרבעטער עלעמענטן, איז ער נישט איינמאָל איבערראַשט און
אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ סך „משונהדיקע" דיבורים פון זיינע יונגע פאַר־
ערער. ער האָט דאָך זיכער געהערט וועגן דעם „הייליקן ליגן", וועגן מעשים
תעתועים און די בריונים, וועגן פלענער פון „געהיימע פאַרבאַנדן"; האָט ער
געגעבן זיין הסכמה דערצו? האָט ער זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק? האָט ער דאָס
געקענט צונויפפּאָרן מיט זיין אייראָפּעישער דזשענטלמענישקייט און זיין דע־

מאַקראַטישער פאַרגאַנגענהייט? איינס איז קלאָר: עס איז איצט געווען איבער זיינע כוחות, אָפּצוזאָגן זיך פון דער פּאַרציע פאַרהערלעכונג, וואָס איז אים מיט אַזאַ ברייטער האַנט דערלאַנגט געוואָרן אין די טעג פון זיין שקיעה. אַלע חטאים פון זיינע בחורים זענען באַלאַנסירט געוואָרן דורך זייער ליבע צו אים.

און איין האָפענונג האָט ער געהאַט: אויב ער וועט זוכה זיין און זיגן — וועט מען דאָס אים אַלץ שענקען, וועט מען שוין זיי אויך מוחל זיין.

אָבער פון זינט עס איז צערונען געוואָרן די וואַרעמע אַטמאָספערע פון פאַרגעטערונג אַרום אים, האָט זיך פון אים אויך אָפּגעטאָן זיין גלויבן אין זיינע טאַלאַנטן.

דעם דגוש האָט ער געשטעלט אויף פּאָליטישער טעטיקייט. אין זיינע רעדעס האָט ער נישט אָפּגעלאָזן די טעמע פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און העל־דישקייט, און אין זיינע אַרטיקלען האָט ער געפּרעדיקט און איינגעחזרט די טעאָריע פון כוח און דרוק. פּאַקטיש אָבער, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אמתן פּאָליטישן נצחון, אַפילו נישט אין די גוטע יאָרן זיינע. אין זיין גאַנצער לאַנגער פּאָליטישער קאַריערע האָט ער נישט געהאַט קיין איין און איינציקן ממשותדיקן פּאָליטישן זיג. און יענע פּאָליטישע אַקציעס, וואָס ער האָט אָנגעפירט — די אַמאָליקע סלאָווינסקי־געשיכטע, און די שפּעטערדיקע באַציִונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג, און אַפילו די זיינער־צייטיקע דיבורים וועגן זשוועניעל, און אין די לעצטע יאָרן — וועגן איטאַליע, דיבורים פון וועלכע עס איז בכלל קיינמאָל גאָרנישט אַרויסגעקומען, — אין דעם אַלעמען איז גאָרנישט געווען פון דער באַרימטער נאַציאָנאַלער גאווה און פון דער גאַנצער פּרעטענציעזער דרוק־טעאָריע און פון דעם „הדר".

און זיין „אומאָפּהענגיקע" באַוועגונג, האָט נישט נאָר נישט אָפּגעהאַלטן קיין נצחונות אין איר אויסערן־פּאָליטיק, נאָר זי האָט אויך נישט געהאַט קיינע דערפאָלגן אינערהאַלב דעם ייִדישן פאָלק. די „געוואַגטע" פּלענער, וואָס פלעגן אויפשווימען יעדן מאָמענט פון „התעוררות", זענען געווען נישט מער, ווי איינשפּריצונגען אין אַ גוססדיקן גוף, — פּלענער וואָס קיין איינער פון זיי איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

און אין די דאָזיקע יאָרן פון אָנמעכטיקן כעס האָט זיך אָפּגעטאָן די שכינה אויך אינדערהיים: נישט קיין שיר און נישט קיין איבערזעצונג, נישט קיין דראַמע און אַפילו נישט קיין שיינע רעדע.

בלויז אין מאָמענטן פון דראַנג און אויפברויז פלעגט זיך נאָך צעפלאַקערן דאָס לעצטע רעשטל פון אַ יוגנט־יצר, איז עס געווען אַ יצר־הרע פון פאַר־וויסטן און חרוב־מאַכן: אומוואָרפן דעם בוי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע, צעברעכן די „הסתדרות", נוקם זיין זיך אין זיינע פאַררעטערישע חברים

און אין זיינע קעגנער — בלוט־שונאים — און ריינמאַכן דעם טיש. און אָנגע־גורט האָט ער זיינע לענדן, און מיט הענט פון אַ בלינדן האָט ער זיך אַ לאָז־געטאָן אַרומצוטאַפּן די זיילן און בעטן זיך ביים גאָט פון זיין יוגנט: העלף מיר כאָטש נאָר דאָס דאָזיקע מאָל און גיב מיר צוריק מיין כוח, אומצוברענגען זיך אין דעם ציוניזם אינאיינעם. — אָבער אויך די דאָזיקע תּפילה איז נישט פאַר־נומען געוואָרן.

איינזאַם, צעבראָכן און האָפענונגסלאָז איז ער געשטאָרבן אין דער פרעמד, אין אַ טורנע איבערן גלות, — ווייט נישט קיין טריומף־טורנע.

און אויב עס זענען נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין טאָג פון זיין טויט ביטער באַוויינט אים און זיין פרילינג — זענען זיי געווען צווישן זיינע קעגנער. — ביי אַ סך פון די עלטערע צווישן זיי האָט דאָס האַרץ טיף געבלוטיקט, וואָס דער דאָזיקער פּראַכטפולער געשאַנק פאַר דער תּחיה־באַוועגונג האָט נישט זוכה געווען אויסצופירן זיין שליחות — — —

28.8.1940

לואיס ד. בראַנדייס

לויט די שטריכן וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער טראַדיציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג וועגן העכסטן ריכטער לואיס ד. בראַנדייס און זענען איבערגעגעבן געוואָרן שריפטלעך אָדער מינדלעך, האָט זיך באַקומען אַ געשטאַלט פון אַ זייער חשובער פּערזענלעכקייט וואָס הייבט זיך אַרויס פון צווישן פיל אַנדערע, אָבער זייער אַ ווייטע, אַ געוואַלטיקער מרחק צו וועלכן מ׳קען נישט דורכלייגן קיין וועג און מ׳קען נישט אַריבערוואַרפן קיין בריק. אַ הויכער, אַן אַרויסשטייגנדיקער באַרג וואָס מ׳זעט פון ווייטנס.

פון צייט צו צייט, הגם נישט זייער אָפט פלעגט אויך פּר׳ער זיך באַווייזן אויף דער אַרענע פון די ציוניסטישע מנהיגים אַן אַמעריקאַנער פּערזאָן; איז עס אַממייגסטנס געווען אַ מענטש אַן אָפּשטאַמיקער פון רוסלאַנד אָדער גאַליציע, וואָס האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע בחורוויז אָדער אַלס קינד נאָך, אָדער איינער פון די איינגעוואַנדערטע פון דייטשלאַנד אָדער אונגאַרן וואָס האָט זיך געהאַלטן ווי אַ מין אַפּוטרופּס איבער די רוסישע און גאַליציאַנער יידן. אַמאָל פלעגט עס זיין אַ ראַביי, אַמאָל אַ פילאַנטראָפּ; אָבער קיינמאָל, ביז אים, איז צווישן זיי נישט געווען קיין געבאָרענער אין קענטאָקי, וואָס איז אַ זון פון אַ קענטאָקער, פון די וואָס האָבן געוואָרעמט די געשטאַלט פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, וואָס קעמפן אירע קאַמפן ווי אַ טיף איינגעוואַקסענער אין איר באָדן, און איז אַ זאָרגער איבער איר גורל. לואיס ד. בראַנדייס האָט קיינמאָל נישט פאַרקערט מיט מענטשן פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, אַפילו נישט וועגן פילאַנטראָפּישע אָנגעלעגנהייטן און געוויס נישט וועגן וואָל־ענינים. עס האָבן אים אויך נישט פאַרבונדן מיט זיי, נישט מיט אַ טייל פון זיי קיין שום באַזונדערע רעליגיעזע בונדן און די אויפלעב־באַוועגונג אין אַמעריקע און אויסער אַמעריקע האָט ער נישט געקענט און ער האָט אַפילו איר נאָמען נישט געהערט ביזן סוף פון זיין מיטלעלטער; און ער איז, דאַן, איינער פון די ריכטער אין העכסטן געריכט וואָס דורך זייער מיינונג ווערן געפירט די פאַרייניקטע שטאַטן — פאַר אים האָט אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי ער, זיך נישט געהאַט באַוויזן אין דער ערשטער ריי אויף אונדזער ציוניסטישער אַרענע אין אַמעריקע.

און די דיסטאַנץ איז ווי געוואַקסן נאָך מער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך

באַוויזן. און באַוויזן האָט ער זיך, דווקא אין דער צייט פון סכנה און שווערן נסיון. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פערזענלעכקייט וואָס דערוואַרעמט הערצער, מיט שטאַרקער איבערגעגעבנקייט און מיט ווייטגייענדיקע פּלענער און ער האָט צוגעזאָגט. אַ פּולע. און — ביי דער ערשטער באַגעגעניש זיינער מיט דער וועלט־באַוועגונג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּאָזיציע — אַ געוויינטלעכע דערשיינונג אין יעדער באַוועגונג און אין לעבן פון יעדער געזעלשאַפט — און ער האָט אַ דערציטערטער אָפּגעשפּרונגען, צוריקגעצויגן זיך, ווי זיין ליכט וואָלט זיך געוואָלט אָפּטאָן.

די אויסטייטשונגען וואָס פיל האָבן געפּרוווט געבן דעם באַטייט פון אָט דער דערוויטערונג, זענען עלול געווען צו פאַרגרעסערן נאָך מער זיין ביי־סיקער דערוויטערונג. מען האָט געזאָגט אַז צווישן וואַשינגטאָן און פּינסק הויערט — אין זייער עצם־מהות — אַן אָפּגרונט, אָן אַן איבערגאַנג. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט אַז אָט דער מאַן האָט געזוכט צו טרעפן אין דעם עצם קיום פון דער איינגעשטעלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל ער האָט אָנגעוויזן אַז פאַרן יידישן פאָלק איז פון איצט אָן פאַראַן נאָר און בלויז קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אַליין. עס זענען ווידער געווען אַזעלכע וואָס האָבן צוגעגעבן אַז דער דאָזיקער מענטש האָט געלייקנט אויך אין דער באַלדיקער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, היות עס זענען נאָך נישט אויסגעראַמט געוואָרן די קראַנקייטן וואָס זענען איינגענעסטעט אין לאַנד; עס איז שטאַרק פאַרשפּרייט געווען די שאַרף־געפּליגלטע פּאָלעמישע פּראַזע, וואָס איז ווי אַ פייל געוואָרפן געוואָרן מיטן ווינט אין דער היציקייט פון מחלוקת, אַז „נאָכן פאַרשווינדן פונעם לעצטן אַנאָפעלס פון ארץ־ישראל וועט מעגן אַריין אַהין דער ערשטער יידישער קאָלאָניסט". איז דען דאָס אַלץ נישט געווען גענוג און איבער־גענוג צו פאַרגרעסערן די דיסטאַנץ וואָס איז אָן דעם אויך געווען גענוג גרויס, גרענעצלאָז גרויס און אָן שום האָפענונג אויף אַ דערנענטערונג?

צווישן די אַמעריקאַנער ציוניסטן וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים זיך אָפּ־געטיילט און וואָס האָבן נאָכן אָפּטיילן גענומען זיין נאָמען אַלס פאָן, זענען גע־ווים געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געקענט ווערן נאָענט. די רייד און די האַנדלונגען פון אייניקע פון זיינע נאָכפאָלגער און פון אַזעלכע וואָס האָבן זיך פאַררופן אויף זיין נאָמען, האָבן ווי באַשטעטיקט און אָנגעוויזן אויף זייער מחשבה פאַרויס; און אַ נייער שאָטן איז צוגעקומען און אויפגעשטיגן פון זיי צו פאַרטונקלען אויך יענע פאַרהערלעכטע און דיסטאַנצירטע געשטאַלט פון דעם „שווייגנדיקן" מנהיג.

זיין דערוויטערונג און דערווייטערן זיך האָט אויסגעזען ווי אַ הכרח, ווי אַ מוז פון דער רעאַליטעט, ווי אַ גזר־דין וואָס ס'איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו

ענדערן און מען דאַרף אים מקבל זיין ווי מיר האָבן מקבל געווען און זענען מקבל ענלעכע גורלדיקע דערשיינונגען.

ביז עס האָט מיר צוגעשפּילט דער מאָמענט, וואָס שאַפט צומאָלס איבער־ראַשנדיקע אומשטענדן און האָט מיר פאַרשאַפט צו הערן פון אים אַליין — אין רעכטן מיטן פון די ביטער־שלעכטע טעג אין לאַנד — צו הערן ווידער און אָבער, און צו איבערצייגן זיך גרינטלעך ווי שטאַרק עס איז זיין זאָרג און ציטער איבערן גורל פון אונדזער ווערק און האָפענונג אין לאַנד, ווי טיף עס זענען די וואָרצלען פון זיין קענען און וויסן אַלע פּרטים פון אונדזער בנין און אונדזער פאַרשריט, ווי גרויס עס איז זיין פאַרשטיין און אונטערשיידן צווישן פּוסטע דערוועלכונגען מיט וועלכע מען קלינגט הויך און ווערק ממשותדיקע, ווען אַפילו באַשיידענע, באַהאַלטענע וואָס זענען נאָך אין די וויקעלעך; ווי קאָנצענטרירט עס איז זיין באַאָבאַכטונג אויף אַלע פּלאַנטער־שטערונגען וואָס מען שפּרייט אויף אונדזער וועג פון אינעווייניק ווי פון דרויסן, פון נאָענט ווי פון וויט; ווי לויטער עס איז, טראָץ אַלץ זיין באַוווסטזיין וועגן דער זיכערקייט אין דער ליכט פון אונדזער צוקונפט; ווי טריי און פלאַמיק עס איז זיין ליבשאַפט און ברכה צו אַלע וואָס טוען מיט טריישאַפט די אַרבעט, די באַקאַנטע ווי די אים אומבאַקאַנטע, און ווי ברייט־צעשפּרייט זענען זיינע צוויי גוטע הענט צו העלפן, צו העלפן און ווידער צו העלפן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פאַרשטאַנד, מיטן כוח פון זיין דערפאַרונג, מיטן גרויס פון זיין איבערפלוס, ברייטקייט אין זיינע פאַרבינדונגען און מיטן פלאַם פון זיין גרויסן גרענעצלאָזן גלויבן.

און צי איך האָב יאָ געוווסט ווי צו דערקלערן וואָס אונדז איז געשען אין יענע טעג פונעם צעשייד, צי איך ווייס עס בישט, דער „עס האָט געמוזט אַזוי געשען" איז צעשמאָלצן געוואָרן. דאָס האַרץ נעמט שוין נישט אויף מער יענע באַרימטע אויפקלערונגען און קיין שום אויסטייטשונג וועט נישט אָפּשוואַכן און נישט ענדערן דעם־אָ טרייסטנדיקן און שטראַלנדיקן פאַקט וואָס איך האָב פאַר מיר.

דען ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר ווי איינער פון די ווייטיקנדיקע צווישן די נאָענטע, ווי איינער פון די סאַמע געציילטע און באַזאָרגטע אין אונדזער מחנה אינעווייניק, וואָס האָבן נישט אין זייער גאַנצער וועלט, באמת, מער נישט ווי אָט־דאָס איין און איינציקע לעבנס־ווערק.

דאָס איז געווען דער רושם וואָס לואיס ד. בראַנדייס האָט געמאַכט אויף מיר בעת מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים, אין די טעג ווען בן־גוריון האָט אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע אַרבעט אין דער ציוניסטישער פירערשאַפט. מיט חיים גרינבערגן בין איך דענסטמאָל געקומען אים באַזוכן, אין זיין אַרבעטס־

צימער אין אַ דאָרף, נעבן וואַשינגטאָן. דער שמועס האָט זיך דאַן געדרייט אַרום דעם נגב. „איין פוס נאָר, אויב מירן באַוויזן אַריינצושטעלן אין אילת, און אונדזער צוקונפט אין לאַנד וועט טאָפּלט ווערן פּאַרפּעסטיקט״. דער דאָזי־קער איינדרוק האָט זיך פאַרשטאַרקט מער בעת מיין לעצטן באַזוך אין סאַמע מיטן פון די געשעענישן, אין 1936, און אָנהייב פונעם געראַנגל. „איך — האָט ער מיר דאַן געזאָגט — האָב נישט אַזוי מורא פאַר גרויס־בריטאַניע ווי איך האָב מורא פאַר קליין־ענגלאַנד״. און ער האָט ברייט אַרומגערעדט דעם ענין וועגן דער דיסטאַנץ צווישן דיזראַעלין און גלאַדסטאָנען. גערעדט האָט ער ווי אַ מענטש אַ גאָר אינעוויינִיקסטער, ווי איינער וואָס זיין גאַנץ וועזן איז פאַר־בונדן מיטן וועזן פון אונדזער ווערק אין לאַנד, ווי איינער וועמענס אַלע ווונטשן זענען געגעבן צו די פאַר וועלכע די צוקונפט פון אונדזער ווערק איז פאַר זיי די שליחות פון זייער לעבן.

דעריבער איז זיין גליקוונטש צו בן־גוריונען געווען דאַן אַזוי אויפ־ריכטיק טריי. ער האָט מיר געשילדערט זייער אויספּירלעך די געשטאַלט פון הענריעטאַ סזאָלד און ער האָט מיר מסביר געווען אַז דער גאַנצער כוח פון „הדסה״ באַשטייט אין דעם, וואָס הענריעטאַ סזאָלד האָט פאַרשטאַנען צו שטעלן דעם טראָפּ אויף דער ווערט פון דער קולטור־אַרבעט אין איר פרויען־אָרגאַ־ניזאַציע און זי האָט געוווּסט ווי צו ריכטן איר צו פּראַקטישער אַרבעט, צו העלפנדיקער און בויענדיקער אַרבעט.

און ער האָט געוווּסט ווי צוצוגעבן זיינע מיינונגען אַ באַזונדערן געוויכט פון איבערצייגנדיקער זיכערקייט. ווי אַ ריכטיקער וועטעראַן וואָס באַטראַכט טאָקע אַן ענין פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן און צוגאַנגען, אָבער נאָך אַלע זיינע איבערלעבונגען איז ער געוויינט פעסטצושטעלן זיין מיינונג מיט פאַר־פליכטנדיקער קלאָרקייט, וואָס שליסט אויס יעדע צעגערונג — אַזוי האָט ער באַהאַנדלט און פעסט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן ענינים פון דער באַוועגונג און התישבות. און אין זיין אויסדריקן אורטיילן איז געווען ווי אַ ביי־טאָן אַ באַשטימענדיקער, ווי אַ מין פּסקנות צו וועלכער איך בין נישט געווען געוווינט; ווי עס וואָלט געפּסקנט אַן אָראַקל.

צי איז עס געווען די ריכטער־פּראָפעסיע זיינע, וואָס האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויף אים, אָדער די עלטער איז עס געווען וואָס האָט אים צוגעגעבן זיין געוויכט? אָדער אפשר איז עס גאָר געווען דער אַבסאָלוטער געפיל פון אונטערשייד צווישן גוטן און בייזן וואָס האָט געערט אויף די רעאַגירונגען פון זיין גייסט? דען דער־אָ געפיל האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון דיר אין יעדער באַגעגעניש מיט אים. אין זיין גייסט איז דער ציוניזם און זיינע הכרעות גע־בונדן דורך אַן אומצעררייסבאַרן באַנד מיט זיין אַבסאָלוטן אונטערשייד צווישן

גוטן און שלעכטן; און ערגעץ־ווו אין זיין וועזן איז אים קלאָר די דאָזיקע באַציונג צום אַבסאָלוטן. ער לעבט איבער. ער שפּירט איניקסט די דאָזיקע באַציונג און לויט איר איז ער מכריע. בראַנדייס איז געווען איינער פון די ווייניקע וואָס, אין יעדער מיינער באַגעגעניש מיט אים, האָט דער דאָזיקער געפיל מיך נישט אָפּגעלאָזן.

נישט אומזיסט האָט סירקין אַזוי פאַרהערלעכט בראַנדייסן און נישט סתם אַזוי האָט ער געזען אין אים, טראָץ אַלע דיסטאַנצן, דעם אויפריכטיקן און כּיל צוזאַגנדיקן פּריינט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ציוניזם.

לויס בראַנדייס׳ היסטאָרישער ווערט פאַרן אַמעריקאַנער ציוניזם און פאָלגלעך, אויך פאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע ליגט, דאַכט זיך מיר, נישט אַזוי אין זיינע מיינונגען און נישט אין זיינע פּלוגתות, נייערט איינעם עצם דערשיינען זיינעם אויף דער ציוניסטישער אַרענע אין אַמעריקע.

משה מענדעלסאָן האָט מער ווי אַנדערע געעפנט דאָס טויער פאַר דער השכלה־באַוועגונג ביי יידן נישט גאָר דורך דעם וואָס ער האָט בעסער ווי אַלע זיינע פאָרגייערס באַוויזן צו באַגרינדן די מעגלעכקייט פונעם צונויפגיסן דעם יידנטום מיט דער השכלה. זיין איבערוועגנדיקער היסטאָרישער ווערט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער אַליין, דורך זיין לעבנס־שטייגער האָט געדינט אַלס איבערצייגנדיקער און איבערוויגנדיקער מוסטער; אַז עס איז ווירקלעך פאַראַן אַזאַ מזיגה פון טרייער יידישקייט מיט געלייטערטער השכלה און ער איז געווען אַ זייער בולטער פאַקט „בראש קריה״ און דער דאָזיקער פאַקט מיט זיין אַבסאָלוטער אומבאַשטרייטבאַרער רעאַליטעט האָט מכריע געווען מער פון יעטוועדער טעאָרעטישער באַגרינדונג. און דער טויער איז געעפנט געוואָרן פון זיך אַליין.

די פיינלעכע און ברוויזנדיקע פראַגע אין האַרץ פון אַמעריקאַנער יידן: צי איז עס בכלל מעגלעך אַן אויפריכטיקער מיזוג פון אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם מיט טרייער ציוניסטישער אַקטיוויסטישקייט — לאָזט זיך, כלל נישט פאַרענטפערן בלויז דורך טעאָרעטישע באַטראַכטונגען און איבערלייגונגען אַליין. אויך דאָ האָט נישט געקענט קומען קיין באַרויקנדיקע און באַזאַכטע הכרעה, סיידן דורך אַ פאַקט. איז געקומען דער פאַקט בראַנדייס און האָט איבערגעצייגט נישט דורך דיסקוסיע, באַהאַנדלונג און באַגרינדונג טעאָרעטישנאָרמאַטיווער, נייערט דורך דער עצם דערשיינונג פון דער איבערצייגנדיקער רעאַליטעט. עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין קיין מער אַמעריקאַנער פון אים, דעם העכסטן ריכטער פון דער מדינה און, אָט זעט: עס איז נישטאָ קיין מער טרייער ציוניסט פון אים. וואָרעם ער אַליין, זייענדיק דער פון גאַנץ אַמעריקע פאַרערטער העכסטער ריכטער, האָט גענומען און זיך אַליין געשטעלט בראש

פון דעם אַמעריקאַנער ציוניזם — אַזוי אַרום איז געעפנט געוואָרן דער טויער.

אַלע אַנדערע זאַכן זענען צייטווייליקע. דער מאָמענט האָט זיי געבראַכט, געבאָרן און מיט אים צוזאַמען וועלן זיי פאַרשווונדן ווערן. דעם עצם־פאַקט אָבער קען מען מער נישט ענדערן. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, דאָס פאַרשי־כורטע פון עמאַנציפּאַציע און פון דער גרויסער אַמעריקאַנער לאָיאַליטעט, איז ענטפלעקט און מיט גרויס פאַרנעם אַרויסגעשטיגן אויפן וועג פון יידישער אַק־טיוויסטישקייט און ציוניסטישער טרייקייט.

ווינציק איז די צאָל פון די פערזענלעכקייטן וועמענס שריט זאָל אין דער היסטאָריע געווען אַזוי איבערוועגן די שאָל און אָנצייכענען אַ ווענדונג, ווי דער שריט פון העכסטן ריכטער לואיס ד. בראַנדייס אינעם גייסטיקן געפּלאָנטער פון אַמעריקאַנער יידנטום אין יענער צייט, סאַמע, ווען אַמעריקאַנער יידנטום איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו מכריע זיין אין גורלדיקע ענינים פאַר אונדזער אומה.

און נאָכדעם ווי די שאָל איז איבערגעוויגן און דער טויער האָט זיך געעפנט קען שוין דער שטראָם פון דער געשיכטע אַליין זיך דורכשלאָגן זיין וועג. אויף דער עצם־הכרעה ליגט אויף אייביק דער שטעמפּל: לואיס ד. בראַנדייס.

13.11.1936

בערטאָלד פּיוול

שוין יאָרן אַז מיר האָבן געוווּסט, אַז אין דער ווייטער טבריה, אָפּגעזונ־דערט פונעם טומל פון דער באַוועגונג, פאַר וועלכער ער האָט אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע יאָרן און פעיִקייטן, אָפּגעשיידט פון זיינע פיל פריינט וואָס מיט זיי צוזאַמען האָט ער געקעמפט אירע קאַמפן און געפורעמט איר געשטאַלט, לעבט דער קראַנקער בערטאָלד פּיוול זיינע לעצטע יאָרן. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אַדורך אַ בשורה, אַז ער זעצט איבער אויף דייטש ח. נ. ביאַליקס קינדער־לידער און אַז ער גרייט צו צום דרוק איבערזעצונגען פונעם אגדה־אוצר; איז עס געווען אַ טרייסט פאַר זיינע פאַרעדער, וואָרעם די שטילקייט אַרום אים, איז געווען אַ לאַנגע, אַ פאַרצויגענע. בעת דער פייערונג פונעם האַלבן יובל פון דגניה, האָבן מיר, איבערראַשט, דערזען אים, אַ צעבראָכענעם, אָן איינגעהויקערטן. ער איז געקומען אָנגעשפּאַרט אויף די אָרעמס פון זיינע פריינט, צו פרייען זיך מיט דער מוטער פון די קבוצות, אינעם טאָג פון איר יום־טוב. דאָס איז, אפשר, געווען די לעצטע באַוועגונגס־שמחה, וואָס ער האָט זוכה געווען צו באַטייליקן זיך אין איר.

און ערשט מיט נישט פיל יאָרן צוריק איז דאָך דער דאָזיקער מאַן גע־ווען דער לעבעדיקער גייסט פון דער גאַנצער באַוועגונג און דער אינטימער עצה־געבער פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט; און פאַר דעם, איז ער דאָך געווען דער פאַרגעטערטער זינגער פון דער ציוניסטישער יוגנט אין מערב־איירָאָפּע, דער וואָס האָט געשטורעמט צו קולטור און צו גייסטיקער באַנייונג. דערנאָך איז ער געוואָרן דער הויפּט פון דער קרן־היסוד פירערשאַפט, פון דער אָנפירונג פונעם נאַציאָנאַלן באַנק און דער פאַרטרויאונגס־מאַן פונעם לפני־ולפנים פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. און אין די אַלע ענדערונגען און בייטן איז אָט דער מאַן תמיד געווען אַ שיין־גייסט, אַן אײדעלע נשמה, פול מיט פּקחות, לעבנס־קונסט און לעבנס־פרייד. אַ מענטש פון פריינט און פריינט־שאַפט, און אַ מענטש פון וואָרט־קאַמף און אידייען־געפעכט און אַ מעין המתגבר פון אַ שפרודלדיק־שטראַלנדיקער גייסטיקער לעבהאַפטיקייט.

עס געדענקט זיך נאָך דער וויץ: דער שאַרפער פּיקח, איינער פון די ציו־ניסטישע גדולים אין רוסלאַנד, רעדאַקטאָר פונעם „ראזסוועט", אברהם אי־

דעלסאָן פלעגט דערציילן. ווען מען האָט אים געפרעגט, בעת זיין קומען פון איינעם פון די קאָנגרעסן, ווער איז דער קלוגסטער מענטש אינעם וועלט־ציוניזם האָט ער געענטפערט: דער צווייטער איז בערטאָלד פייוול.

די דאָזיקע ליבע און פאַרערונג פון דער באַוועגונג פאַר אַ פּערזאָן האָט ער דערוואָרבן שוין לאַנג צוריק. ביי זיינע ערשטע טריט, ווען ער האָט זיך באַוויזן אַלס יונגסטער צווישן די דעלעגאַטן אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ער איז דאַן געווען אַ בלום־יונגער סטודענט, אינגאַנצן איין און צוואַנציק יאָר אַלט; אַ מענטש פון מעהרן און אַ דערצויגענער אויף דער ווינער קולטור, אַ קינסטלער סטיליסט אין דייטש, אַ פאַרוואָרצלטער אין פרעמדער קולטור און אַ גלוסטנדיקער, לעכצנדיקער נאָך יידישע ווערטן; און אַ דיכטער־גייסט האָט געהילכט אין אים. איז דער דאָזיקער צעזונגענער יונגערמאַן פון מערב, וואָס זיין האַרץ האָט געצויגן צו מזרח, געוואָרן פון די ליבלינגען וואָס אינעם גאַנצן קאָנגרעס.

און דער ערשטער קאָנגרעס און דער צויבער פון זיין פירער האָט אים באַגאָסן מיט אַזאַ ליכט, וואָס האָט זיך שוין מער נישט אָפּגעטאָן פון אים; ווי שיין פלעגט פייוול רעדן וועגן דעם דאָזיקן קאָנגרעס און וועגן הערצלען יאָרן נאָכאַנאַנד.

הערצל האָט געוווּסט אַז דער דאָזיקער גייסטרייכער יונגערמאַן איז אַ ברכה פאַר דער באַוועגונג און ער האָט אים שטאַרק מקרב געווען. באַלד נאָכן קאָנגרעס איז בערטאָלד פייוול צוריקגעקומען אין זיין שטאָט ברין און צוזאַמען מיט ראָבערט שטריקער האָט ער געגרינדעט דאָרט די „יודישע פאָלקס־שטימע“, וואָס איז געווען איינע פון די ערשטע צייטשריפטן צו אויפהייבן די פאָן פונעם פאָליטישן ציוניזם; און זיי האָבן זיך געשטעלט צום רשות פונעם פאָליטישן ציוניזם; און זיי האָבן זיך געשטעלט צום רשות פונעם פירער. ביים גרינדן „די וועלט“ האָט אים הערצל גערופן צו אַרבעטן מיט אים צוזאַמען אין דער רעדאַקציע. ער איז דאַן אַריבער קיין ווין און עטלעכע יאָר איז ער געווען די רעכטע האַנט פונעם פרעזידענט.

און מיטן נאָמען בערטאָלד פייוול איז דאָך פאַרבונדן אויך דער ערשטער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענשטויס אין דער הערצליאַנישער באַוועגונג און דער אָנהייב פון דער געזעלשאַפטלעכער בייט פון שיכטן־דיפערענצירונג אינעם ציוניזם: די אַנטשטייונג פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע“, אין יאָר 1901, און דער אויפקום פון דער אָרגאַניזירטער אָפּאָזיציע צו הערצלען אויפן פינפטן קאָנגרעס. — דו ביסט עס, וואָס פאַרמעסט זיך צו מורד זיין קעגן מיר? — האָט הערצל, שטאַרק פאַרוווּנדערט געפרעגט זיין יונגן באַליבטן חסיד, בערטאָלד פייוול, אין די קולואַרן פונעם פינפטן קאָנגרעס, נאָך זיין רעדע. און פייוול

האָט פאַרנייגט דעם קאָפּ מיט ווינער העפלעכקייט און געענטפערט: — „יאָ, איך האָב דעם כּבוד צו זיין די אָפּאָזיציע פון זיין מאַיעסטעט".

פון דער דאָזיקער עלעגאַנטער אָפּאָזיציע אָבער, האָט זיך אָנגעהויבן די גייסטיקע דערוואַכונג אין דער באַוועגונג און די אַנטשטייונג פון אירע איִדישע פליגלען. צוזאַמען, אין איין שטעלונג מיט אים, זענען געווען ד"ר מאַרטין בובער, אַלעקסאַנדער הויזמאַן און צו זיי זענען צוגעשטאַנען לעאָ מאָצקין און חיים ווייצמאַן. זייער פּראָגראַם איז געווען: קולטור־אַרבעט; אַ סינטעז צווישן ד"ר הערצל און אחד־העם, דערוועקן די מאַסן דורך באַטאָנען דעם סאָציאַלן עלעמענט, אויפלעב פון האַרץ און באַנייונג פון גייסט.

ער איז נישט פאַרבליבן לאַנג אין ווין נאָכן אויפקום פון דער פראַקציע. מיטן שאַפן די אָפּאָזיציע האָט דער צענטראַל־פּונקט זיך אָפּגערוקט פון דער ציוניסטישער הויפטשטאָט און איז אַריבער קיין בערלין; און דאָ האָט זיך ביי אים נאָך מער צעבליט דאָס שטרעבן נאָך די גייסטיקע ווערטן פונעם מזרח־יִידנטום און צווישן די דייטשע יונגע ציוניסטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרהערלעכונג פון רוסישע יִדן און דאָס בעסטע פון דער יוגנט האָט אָנגעהויבן אַרויפקוקן צו דער ליטעראַרישער און גייסטיקער שאַפונג פונעם רוסישן יִדנטום. פון פאַרהערלעכן אחד־העמס פאָדערונגען האָבן די שטעגן געפירט צו פאַרהערלעכן י. ל. פּרצעס דיכטונג, צו באַגייסטערן זיך מיט דער ירושה פון חסידות און צו טויכן אין מאָריס ראָזנפעלדס לידער. עס האָט אויפגעשפּראָצט און צעבליט זיך דער באַגריף פון „קעגנוואַרט־אַרבעט", עס איז באַשאַפן געוואָרן דער „יודישער פאַרלאַג" (1902) און די יונגע כּהנים וואָס האָבן געדינט אויף זיין טריבונע זענען געווען: בערטאָלד פייוול דער איבערזעצער אין דייטש פון דער יונגער יִדישער פּאָעזיע און מיט אים צוזאַמען מאַרטין בובער, דער קינסטלער צו אַנטפּלעקן די גייסטיקע אוצרות פון דער חסידות; אפרים משה ליליען, דער זוכער פונעם יִדישן סטיל אין קונסט און דוד טריטש, דער בריקן־בויער צו דער רעאַלער ארץ־ישראל. אונטער פייוולס רעדאַקציע איז דערשינען דאָן „דער יִדישער אַלמאַנאַך", וועלכער האָט אין זיין צייט געדינט אַלס גייסטיקער אָנזאָגער פאַרן דייטשן ציוניזם. ער האָט אַרויסגעגעבן די זאַמלונג „יונגע האַרפן" — אַ מין „כּינור ציון" פאַר די מערב־יִדן, מיט זיינע איבערזעצונגען אין דייטש פון אברהם רייזענס און ש. פרוגס לידער. צו אַ באַזונדערער ליבע פון נאָענטע און ווייטע און צו שטאַרקער פאַרשפּרייטונג האָט זוכה געווען זיין בוך „די געטאָ־לידער", אַן איבערזעצונג פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער אין אַן אויפלאַגע וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן אַלס פּרעכטיקע מיט אַן אויספירלעכן אַריינפיר און מיט צייכענונגען פון א. מ. ליליען —

אַ מין אַנטפּלעקונג פונעם דיכטערישן ליכט, וואָס איז באַהאַלטן אין דער פאָלקס־קולטור פונעם ייִדנטום פון דעם דור.

צווישן די אָפּאָזיציע קרייזן פון יענער גייסטיקער פּראַקציע האָט גע־שפּראָצט און אויפגעוואַקסן אויך דער טרוים פונעם העברעיִשן אוניווערסיטעט. חיים וויצמאַן, מאַרטין בובער און ער, בערטאָלד פייוול, זענען געווען דער דריילינג אין דעם געדאַנק, און צוזאַמען האָבן זיי פאַרטראַכט און צוגעגרייט דעם פּלאַן, אים אויפגעשריבן און אַ גרייטן. אַ סיסטעמאַטיזירטן אים פאַרגע־שלאָגן פאַר דער ציוניסטישער פאַרוואַלטונגס־אויטאָריטעט.

בערטאָלד פייוול האָט דאַן, חתונה געהאַט מיטן אייניקל פונעם ליאָדער רבין, אַן אָפּגעווייכטע, וואָס האָט געוואָגט צו פאַרלאָזן דעם רבינס הויף און קומען אין דער דייטשישער הויפּטשטאָט צו פאַרפולקאָמען זיך אין בילדונג, זי האָט עס דאַן מיטגעבראַכט מיט זיך, אין די ציוניסטישע יוגנט־קרייזן אין בערלין, די בענקשאַפט צו דער טראַדיציע פון רייסישער חסידות און צו דער געדאַנקלעכער זעלישקייט פון חבד״ער התבוננות.

צום ערשטן מאָל, האָט זיך דאַן צו מיר דערטראָגן דער נאָמען פון בער־טאָלד פייוול, וואָרעם די דאָזיקע איבעראַשנדיקע חתונה איז געוואָרן דער הויפּט־שמועס סיי פון די חסידים און סיי פון די ציוניסטן אין די קליינע שטעטלעך, ווייט פונעם אָרט ווו דאָס איז געשען.

דער זיידע אַליין פלעגט אויסמיידן צו רעדן וועגן דעם דאָזיקן טרויע־ריקן ענין, וועגן דעם אַנטלויפן פונעם רבינס אייניקל פון שטעטל צו די אָרעמס פון די אויפגעקלערטע ציוניסטן אין בערלין. אין זיין אַנוועזנהייט פלעגט מען זיך היטן צו רעדן וועגן דעם; אָבער פון מויל צו אויער, און אין דער אָפּוועזנ־הייט פונעם זיידן, פלעגן די יונגעלייט פון „שטיבל״ דערציילן, אַז ווען די האַנט פון די משכילים וואָלט נישט געווען שטעקן אין דעם און ווען דער העב־רעיִשער שרייבער ראובן בריינין וואָלט יענעם יאָר נישט געווען וווינען אין לאָדי, אַלס העברעיִשער לערער — אַזאַ מסית ומדיח — וואָלט דעם רבינס אייניקל קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אַזאַ מין אומווירדיקע מחשבה צו אַוועק פון איר נעסט. און אין הויז פון דעם הויפּט פון די ציוניסטן אין אונדזער שטעטל, צווישן וועמענס שטענדיקע באַזוכער עס זענען אויך געווען פאַרערער פון בערטאָלד פייוולס דייטשע דיכטונג, האָט מען געהאָפט אויף זייער וויכ־טיקס, וואָס זאָל אַרויסקומען פון אַזאַ געבענטשטן צוזאַמענטרעף — צווישן אָפּשטאַם פון רבינס הויז מיט דעם ליכט פון דעם ציוניזם־דיכטער אין בערלין.

און פיל יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב נעענטער זיך באַקענט מיט פייוו־לען און ער איז דאַן לאַנג שוין געווען אַ בכבודיקער בעל־הבית און דירעק־טאָר פונעם באַנק אין שטראַסבורג, פלעג איך ליב האָבן צו הערן אים דער־

ציילן די פּרטים פון זיין באַזוך אין הויז פון זיין שווער אין ליאַדי און דעם שטאַרקן רושם וואָס האָט געמאַכט אויף אים דער חב"דישער „שלוש־סעודות"־טיש אין רבינס הויף.

ווען הערצל איז געשטאָרבן און וואָלפסאָן איז געוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, האָט מען פּיוולען איינגעלאַדן קיין קעלן אין דער רעדאַקציע פון „די וועלט", צו רעדאַקטירן דעם אָרגאַן, צוזאַמען מיט נ. סאָקאָלאָוו, וועלכער איז דאַן געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָנפירונג. דאַן האָט ער פון דער נאָענט דערקענט דעם „קויפמענישן ציוניסט". ווען עס האָט זיך פאַרזאַמלט דער ניינטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט פּיוול באַגייט, מיט מער התלהבות זיין יוגנטלעכע אָפּאָזיציאָנערישקייט און עס האָט נישט גענומען קיין סך צייט און ער האָט פאַרלאָזן די רעדאַקציע פון דער פירערשאַפט אין קעלן.

און נאָענט צו זיין פאַרלאָזן קעלן האָט זיך אָנגעהויבן אויך זיין אַוועק צוריק צום פּריוואַטן לעבן.

זיין פריינט, יוליוס סימאָן, פון מאַנהיים, זיין חבר אין ציוניזם, וועלכער איז געווען באַנק־דירעקטאָר אין זיד־דייטשלאַנד, האָט אים אָנגעשטעלט אויף אַן אַמט. ער באַזעצט זיך דאַן אין שטראַסבורג, וועלכע האָט נאָך געהערט צו דייטשלאַנד, און ער ווידמעט זיך אינגאַנצן צו באַנק־געשעפטן און צום בויען נייע קוואַרטאַלן אין שטאָט. אויך אין זיין נייער אַרבעט ווייזט ער אַרויס שטאַרקע פעיקייטן און ער דערוואַרבט זיך אַ גרויסן נאָמען אין די באַנק־קרייזן אין יענער שטאָט. זיינע פאַרבינדונגען מיטן ציוניזם און מיט דער ליטעראַטור ווערן אויך דאַן נישט איבערגעריסן. ער פלעגט פון ווייטנס נאָכפאָלגן די אַנטוויקלונג פון די זאַכן. פלעגט אָנקניפּן נייע פאַרבינדונגען מיט דער יידישער סטודענטישער קאָלאָניע אין זיין שטאָט. פלעגט נאָכשפּירן די אַנטוויקלונג פון די ענינים אין ארץ־ישראל — אָבער עטוואָס פון ווייטנס, וואָרום די מייסטע צייט זיינע פלעגט ער אַוועקגעבן פאַר די באַנק־געשעפטן, היפּאָטעקעס און הלוואות פאַר פּרעכטיקע קוואַרטאַלן וואָס האָבן, מיט זיין הילף און איניציאַטיוו, געהאַלטן אין איין צוקומען און פאַרמערט ווערן אין שטראַסבורג און — בינתים — טראַכט ער און וואַרט אויף דער צייט ווען ער וועט ווידער זיך קענען איבערגעבן דעם ציוניזם.

דענסטמאָל האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אים פון דער נאָענט. מיין אוניווערסיטעט־שטודיום האָט מיך געבראַכט פון פרייבורג קיין שטראַסבורג (1914). איך בין דאַן געווען פאַרטאָן אין תנ"ך־פאָרשונג און אין שטראַסבורג האָט דאַן אונטעררעכט פּראָפעסאָר ווילהעלם נאָוואַק, דער אויטאָר פון „וויסנשאַפטלעכע קאָמענטאַרן" צו תנ"ך. און דאָרטן האָט פאַרענדיקט זיין אונטעררעכט־צייט דער אַלטער אָריענטאַליסט נאָלדעקע. יענעם יאָר איז געקומען

אַהין אויך דער פילאָסאָף געאָרג זימעל; און הענריך ריקאַרט זעלבסט, מיין פילאָסאָפיע־לערער איז פרייבורג, האָט מיר געראָטן צו לערנען ביי אים. איך האָב דאָרטן געטראָפן בערטאָלד פייוולס הויז אינעם צענטער פון ציוניזם, אין יענער שטאָט. מאַדאַם פייוול, דאָס רבנישע אייניקל, די געקרוינטע פון לעגענדעס אין מיין שטעטל, און איצט אַ בעל־הביתטע פון אַ רייך הויז אין שטראַסבורג, האָט זיך צוריק אומגעקערט, דאָ, צו דער ביכער־וועלט און זי פלעגט זיצן מיט אונדז, אין דער אוניווערסיטעט אויף דער לערן־באַנק ביי די פילאָזאָפישע לעקציעס פון געאָרג זימעל. מיין יוגנט־פריינט צבי קיטאַין, דאָס אייניקל פונעם ליובאַוויטשער רבינס שוחט, האָט אויך געלערנט אין שטראַסבורגער אוניווערסיטעט. דערנטמאָל האָב איך דערקענט פייוולען פון דער נאָענט. טראָץ זיין רייפער עלטער איז ער דאָן געווען די נשמה פון דער ציוניסטישער אוניווערסיטעטס־יוגנט און די אַקס אַרום וועלכער עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער גאַנצער קרייז פון די אָרטיקע ייִדישע סטודענטן און סטודענטקעס. אין זיין ציוניזם איז געווען עפּעס אַ מין באַזונדערע לייכטקייט; אינגאַנצן ווי עפּעס אַ מין באַהעמישער שאַרפזין, געווירצט פון בייסיקער קריטיק איבער דער פלאַפּלעריי פון די ריטער פון אַסימילאַציע; עפּעס אַ מין צאַרט־איידעלע גאַרונג נאָך ייִדישער פאָלקס־דיכטונג פון מזרח־אייראָפּע און אַ בענקשאַפט צו אַ ווייטער זון וואָס ברענט אויף די פעלדער פון ציון.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ ציוניסטישער אָוונט אין יענער עלזאַסער שטראַסבורג אין דעם לעצטן יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויף דער בינע פון דייטשן קאַפעהויז לייכט אַ מגן־דוד־מנורה, איינגעהילט אין בלוי־ווייס; און דער פּרעכטיק־דעקאָריטער זאַל איז פאַרפלייצט פון ליכט און איז פול טאַנצנדיקע פּאָרלעך, יום־טוב געקליידטע די „פּאַסטאַליאָנען" פון דער פלי־פּאָסט זינקען אין קאָנפעטי און שפּאַלטן זיך דורך אַ וועג צווישן די יום־טובדיקע פּאָרלעך צו דערלאַנגען די צעטלען, לויט די ציפערן; ביים ענדע פון דער בינע, נעבן פינקלדיקן וויין, זיצט יענעם גאַנצן אָוונט בערטאָלד פייוול און שיקט בריוולעך אויף צעטלען געשריבענע. מען האָט דערציילט: קיין איין בריוול אַפילו, נישט קיין געגראַמטס, איז פון זיין פעדער נישט אַרויס יענעם אָוונט און קיין איין שיין מיידל אין יענעם זאַל איז נישט אַדורך אומבאַמערקט פון אויג פון זיין „מוזע".

און אַלס דעסערט צום דאָזיקן עלעגאַנטן פלירט האָט מען פאַרענדיקט דעם אָוונט ריין ציוניסטיש. ביים שלוס פונעם אָוונט איז פאָרגעקומען אַ שאַרפע דיסקוסיע וועגן ענינים פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און פון דער ייִדישער ליטעראַטור; און אין יענעם שמועס זיינעם איז געווען אויך שאַרפע שפּאַסן איבער דער דעמאָלטיקער עקזעקוטיווע, איבער דער אויסברייטערונג פון דער

רעאַקציע, „וואָס באַהערשט", עס איז געווען אויך בענקשאַפט נאָך די הערצל־טעג, פלענער פאַר אַ נייער טעטיקייט און ביטערע טענות קעגן די לייצעס־האַלטער.

ער האָט געהאָפט, איניקסט, אַז ווען עס וועלן זיך ענדערן די צייטן און עס וועט קומען אַ טאָג פאַר ממשותדיקער טעטיקייט אין ארץ־ישראל, וועט אויך זיין באַנקישע בויונג אויף עלזאַסער ערד קענען ברענגען נוצן פאַר בויען פון ציון, אויב די בויער פון ציון וועלן נאָר האָבן שכל אינעם אויסוואַל.

ביי אונדז, סטודענטן־ציוניסטן פלעגט ער זיך שטאַרק נאָכפרעגן צי איז צומאָל נישט נתגלה געוואָרן אין לאַנד אַ מין נייער ראָזענפעלד; צי איז אפשר אויפגעקומען אַ ניי געזאַנג פון י. ל. פרץ, אַ ניי ציון־געזאַנג.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג צווישן שטראַסבורג פון עלזאַס און מאַנהיים פון דייטשלאַנד און זיין גאַנצע זיכערקייט אין דער באַנק האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען פאַר אים יאָרן פון איזאָלירטקייט און שטורעם; און אין מיטן פון די יאָרן פון אָפּגעריסנקייט האָט זיך דערטראָגן די בשורה פון דער גרויסער דערגרייכונג — די באַלפור־דעקלאַראַציע — פונעם אָנהייב פון דער באַנייטער ציוניסטישער אַקטיוויטעט, פונעם אויספורעמען דעם געדאַנק וועגן באַשאַפן דעם קרן־היסוד.

און ווען דער שטורעם איז געשטילט געוואָרן און די צייט פון טעטיקייט האָט אָנגעפאַנגען, ווען זיין חבר ווייצמאַן איז אָפיציעל דערוויילט געוואָרן אינעם ענגן ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און דער צענטער איז אַריבער קיין לאָנדאָן און עס איז אָנגעקומען די תקופה פון גרויסע אַרבעטן, איז בערטאָלד פייוול גערופן געוואָרן, צוזאַמען מיט זיין פריינט יוליוס סימאָן צו אויפגעבן זייערע באַנק־געשעפטן אין זייערע שטעט און אַריין אין דער ציוניסטישער פאַרוואַלטונג אין לאָנדאָן. אָנפאַנגס, האָט די באַוועגונג אים נאָך געדענקט זיין „יוגנט־גנאַד", וואָס איז געווען אונטערן צייכן פון קולטור און האָט אים, צוזאַמען מיט זיין חבר שמריהו לעווין איבערגעגעבן דעם פּאָרטפעל פאַר גייסטיקער אַרבעט. שמריהו דאָן מיט זיין פנים צו מזרח, און ער, פייוול, — צו מערב; די דאָזיקע אַרבעט זיינע האָט אָבער אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט. באַלד נאָכן שאַפן דעם קרן־היסוד, איז פייוול אויסגעוויילט געוואָרן אינעם דירעקטאָריום און דערנאָך אַלס דירעקטאָר פונעם קרן־היסוד. דער זכות פון די יאָרן פון זיין באַנק־באַשעפטיקונג שטייט אים ביי מער, ווי דער זכות פון די יאָרן פון זיין ליטעראַרישער באַשעפטיקונג; און מען גיט אים איבער אויך אין דער באַוועגונג קאַסע־ענינים, עקאָנאָמישע ראַטגעבער, באַנק־וועזן און די אַרבעט פון אָנפירן אין לאָנדאָן דעם ציוניסטישן באַנק פאַר קאָלאָניזאַציע. דאָס

איז — זיין לעצטער אמת אינעם ציוניזם, איידער זיין טאָג איז, פאַר דער צייט פאַרגאַנגען.

וועגן זיין ראָל אין דער אָנפירונג פון די ציוניסטישע ענינים אין משך פון די ערשטע צען יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה, וועט נאָך אַמאָל דערציילן דער היסטאָריקער פון דער באַוועגונג צוזאַמען מיט דער גאַנצער פרשה פון די ראַנגלענישן פון דער באַוועגונג אין אירע פירערשאַפטן אין דער דאָזיקער תקופה. אַ סך גרויסע מעשים און אַפילו בלאָנדזשענישן.

אָבער אויב ווייצמאַן האָט, אין יענע יאָרן געהאַט אין לאָנדאָן אַ פריינט, וואָס האָט באַשאַפן פאַר אים די ציוניסטישע אַטמאָספערע, וואָס ער האָט אַזוי ביטיק געדאַרפט — איז עס געווען בערטאָלד פייוול, זיין בעל־עצה און פאַרטרויונגס־מאַן אין יענע יאָרן. און אויב אויף די קאָנגרעסן איז געווען עמעצער וואָס האָט געוווּסט ווי צו שטילן די געמיטער, אין אַ מאָמענט פון קריזיס און צו מקרב זיין די געמיטער צו ווייצמאַנען — איז עס, ווידער געווען בערטאָלד פייוול. אַלע אָנטיילנעמער אין די קאָנגרעסן געדענקען נאָך דעם איינדרוק פון זיין רעדע אין דער מסיבה פון ווייצמאַנס צווייטער „קרוינונג“, נאָך די יאָרן פון זיין דימיסיע; ער האָט דאַן פעסטגעשטעלט די באַהויפּטונג: „ווי צו דער באַוועגונג וואָס קען נישט אירע פירער“.

און נאָכדעם, צום סוף פון זיינע יאָרן, ווען ער איז שוין געשטאַנען אין זעקסטן צענדליק פון זיין לעבנס־וועג, איז אים, פייוולען, זיין דיכטערישע יוגנטלעכקייט בייגעשטאַנען צו אומקערן זיך צוריק צו אַ סטודענטן־לעבן, זעצן זיך ווידער אויף דער אוניווערסיטעט־באַנק און פאַרענדיקן זיינע דאָקטאָראַט־עקזאַמענעס, וואָס ער האָט, צייטלעך, נישט באַוויזן צו מאַכן, איבער דעם ציוניסטישן אימפּעט וואָס האָט אים איבערגעוועלטיקט.

און אַז ער איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר און ער אַ קראַנקער שוין, פאַר דער צייט, אַלט און איינזאַם, איז פאַרוואָגלט אין טבריה, האָט ער נאָך, דורך איייניקע פון זיינע פריינט און פאַרערער אוספּייעט צו הערן, פון ווייטנס, עטוואָס וועגן דער אַכטונג און פאַרערונג צו אים, וואָס זיי טראָגן און שפּירן אין זייער האַרץ, זינט זיין שטערן האָט אויפגעפינקלט אויפן הימל פונעם מערב־ייִדנטום, בעתן פרימאָרגן־אויפשפּראָץ פון דער באַוועגונג.

בית חולים בילינסון, שבט תשט״ו

לעאָ הערמאַן

בעט איך אויס דאָס „קיישל״ מיט זכרונות פון בערלין: זאַקסישע גאַס 8.

יענע יאָרן, וואָס האָבן פאַרבונדן אונדז ביידן און אונדזער ביידנס אַרבעט מיט יענעם הויז — דעם ציוניסטישן הויז אין דייטשלאַנד — זענען געווען געציילטע; און געמאָסטן מיט דער מאָסשטאַב פון דער צאָל יאָרן וואָס זענען אַריבער, זינט דאַן, וואָס באַדייטן זיי? אָבער, דאָס זענען געווען די יאָרן 1915, 1916, 1917 און 1918. און ווען עס זאָל נאָך מער ווערן די צאָל יאָרן, וואָס קומען נאָך זיי, און אויב זיי זאָלן זיין אַפילו ווי גרוי און ווי שווער — שווינ־זשע וועלן זיי קענען מאַכן פאַרגעסן יענע יאָרן? זיי זענען דאָך געווען, יאָרן בלוטיקע, יאָרן פון פאַרוואָגלטקייט אין דער פרעמד, יאָרן פון האָפענונג, פון בשורה און פון צוגרייטונג. יוגנט־יאָרן, יאָרן פון פאַרערונג, פון זיך זעלבסט און אַנדערע. אומפאַרגעסלעכע יאָרן.

לעאָ הערמאַן איז, דאַן, נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון פראַג קיין בערלין. אַ נייער גייסט האָט דאַן באַווירקט די „בר־כוכבא״־לייט, וואָס אַרום דעם „פאָם יודענטום״, אַ גייסט וואָס הייטערט און וואָס זאָגט אָן אַ סך. און ער האָט מיט־געבראַכט מיט זיך די גוטע דופט פון אָט־דעם גייסט, אַ פרעזענט צו דעם דייטשן ציוניזם און אירע פראָבע־יאָרן און פאַר איר צייטונג „די יודישע רונד־שוי״, וואָס ער האָט רעדאַקטירט. וויפל איז דאַן געווען די צאָל פון אַלע לייענער פון דער „יודישער רונדשוי״, אין וועלכער מיר האָבן צוזאַמען גע־אַרבעט? אין משך פון איין חודש אין יאָר 1933 האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל מער ייִדן ווי די גאַנצע צאָל לייענער וואָס די צייטונג האָט דאַן פאַר־מאָגט אין גאַנץ דייטשלאַנד. אָבער, וואָס איז, דענסטמאָל, געווען פאַר אונדז די „רונדשוי״, און וואָס האָבן מיר דען נישט אַריינגעלייגט אין יענע בלעטער. די בלעטער פון דעם מלחמה־פּאַפּיר, וואָס האַלטן איצט אין ווערן פאַרגעלבט, שטייען פאַר מיינע אויגן! ווי האָבן מיר זיך געפלייסט צו פאַרוואַנדלען די צייטונג אין אַ לעבעדיקן בריק צווישן דער יוירנדיקער ירושה פונעם מזרח־דיקן ציוניזם און דעם דורשט צו באַנייונג פון די מערבדיקע ציוניסטן; צווישן ארץ־ישראל, דער אָפּגעזונדערטער דאָן, און דער זיך ראַנגלענדיקער פאַרן גורל פון אונדזער צוקונפט און דעם אייראָפּע־גלות, וואָס פון איין זייט איז ער

געווען ווי פֿאַרשיכורט און פֿון דער צווייטער איז ער געווען פֿאַרטאָן אין רויקער זאָרגלאָזיקייט; צווישן די קהילות אין פּוילן וואָס זענען דערצאָבערט געוואָרן דורך דייטשלאַנד און האָבן געהאַלטן אין אָפּגיין אין בלוט און דעם יונגן דור וואָס האַלט אין אויפוואַקסן אין דעם לאַנד פֿון די זיגער און ער שטרעבט איבערצוגעבן זיך צום דינסט פֿון פֿאָלק. צווישן דער ירושה פֿונעם נעכטן, וואָס איז נאָך נישט אַוועק און דער מיסיע פֿון דעם מאָרגן וואָס ווערט ערשט געגאַרט. צווישן דעם אויפֿלעבונגס־טרוים פֿון דער יידישער יוגנט אין מערב און דעם אויפקום־ווערק, וואָס ווערט אויסגעטראָגן אויף די ברעגן פֿונעם כנרת.

נאָך דעם סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך האָב זיך ווידער אומגעקערט קיין ארץ־ישראל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָן, אין די יאָרן פֿון דער פֿאַראייניזאַמונג און פֿאַרווירונג, זענען יענע בלעטער פֿונעם „רונדשוי", וואָס מיר פֿלעגן אַרויסגעבן אין בערלין יעדן מיטוואָך, געווען אַ קוואַל פֿון טרייסט אויך פֿאַר פֿיל אין לאַנד גופא, וואָס זענען דאָ פֿאַרבליבן אָפּגעריסן, אויף דער וואַך פֿון אונדזער האָפֿענונג.

ווען איך, אַלזאָ, אַראָפּנעמען פֿון דער אויבערשטער פּאָליצע די גרויסע קאָמפּלעטן פֿון דער „יודישער רונדשוי", פֿון יענע יאָרן, וואָס צווישן זיי זענען פֿאַראַן די וואָס לעאָ הערמאַן האָט רעדאַקטירט איידער ד"ר מאַקס מאיר איז געקומען צו אונדז פֿון מינכען, צו רעדאַגירן די „רונדשוי", פֿריִער צוזאַמען מיט אים, און נאָכדעם אָן אים — און איך וועל זיי אַוועקלייגן נעבן מיר. נעבן זיי וועל איך אַוועקלייגן די שיינע און בייכיקע בענד פֿונעם חודש־זשורנאַל „דער יודע" פֿון יענע יאָרן, רעדאַגירטע אין אָפּענהיים, ווו עס האָט געוווינט דער רעדאַקטאָר און רבי מאַרטין בובער און געדרוקטע ביי אונדז אין בערלין. מיט יעדן מאמר און יעדער נאָטיץ אין יענעם זשורנאַל, פֿלעגט הערמאַן זיך באַשעפֿטיקן פֿאַרן פֿאַרעפֿנטלעכן און ער פֿלעגט זיי אַנאַליזירן און אָפּשאַצן אין דער „רונדשוי" נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן, און ער פֿלעגט מיטלעבן מיט זיי, צוזאַמען מיט זייערע שרייבער און זייער רעדאַקטאָר; און נעבן זיי וועל איך נאָך צוגעבן יענעם טונקל־גרויען זאַמל־בוך, וואָס מיר האָבן ביידע אַרויסגעגעבן, אַלס חנוכה־מתנה פֿאַר די זעלנער־לייענער, געפֿאַנגענע אויף זייערע פֿראָנטן: „טרויע" („טרייקייט") האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן, צו דערמוטיקונג און וואָרענונג אַז זיי דערוואַרט אַן אַנדער דינסט אין זייער פֿאָלק און אויפֿן פֿעלד פֿון זיין אויפֿלעב.

און אויפֿן עק טיש, ווייט פֿון אויג וואָס זעט, וועל איך אַוועקלייגן די געהיימע רשימה פֿון „עולי־ציון", די נעמען פֿון יענע יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן דאָן, אין דער צייט פֿון איזאָלירונג און צוזאַמען, שטיל

אַ נדר־געטאָן צו עולה זיין, ווי מיר האָבן עס געפּאָדערט פון אַנדערע, און לעבן אין לאַנד ווי אונדזער וויזיע באַפעלט אונדז. נישט אַלע האָבן אין ארץ־ישראל שוין, מקיים געווען זייער נדר. אַלע אָבער, אַלע זין און טעכטער פון דעם צענטראַלן גרעין פון „עולי ציון" האָבן עולה געווען און זענען געקומען איינער נאָכן אַנדערע, קיין ארץ־ישראל פיל יאָרן פריִער, איידער דער גזר איז אויס־געגאָסן געוואָרן אויף ייִדן אין דייטשלאַנד.[1]

און וואָס עס איז נישט קריסטאַליזירט געוואָרן אין דרוק אותיות, לעבט עס דען נישט, וואָר־לעבעדיק אין הארצן? צי קען מען דען פאַרגעסן יענעם טאָג, ווען די דעלעגאַציע פון ווילנע איז געקומען אויסצודערציילן־אויסקלאָגן, די צרות פון דער ייִדישער געמיינדע, וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס פון די גערמאַנישע באַהערשער, — און עס האָט זיך נישט געפונען קיין אויער וואָס זאָל אויסהערן זייער קרעכץ? געקומען איז דער רב רובינשטיין פון ווילנע און געקומען איז דער רב קארק פון קאָוונע. ווי אַנטרינענע פון אומגליק זענען זיי געקומען צו אויסשרייען דעם ערשטן גרויסן און ביטערן געשריי. און די „רונדשוי" איז געווען זייער איינציקער אַדרעס. צי קען מען דען פאַרגעסן ווי אַזוי הערמאַן האָט זיך אַ הייב־געטאָן און איז אַוועקגעלאָפן — אין מיטן פונעם ערשטן יאָר פון דעם פּאַטריאָטישן מלחמה־משוגעת — צו די איינצלנע־איינזאַמע און האָט זיי, אַלאַרמירט, צונויפגעבראַכט אין דער רעדאַקציע און צווישן זיי אָסקאַר כהן, דעם סאָציאַליסטישן רייכסטאַג־דעפּוטאַט, און יוסף בלאָכן, דעם רעדאַקטאָר פון „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטע" און יוליוס קאַ־ליסקי און נאָך אייניקע טרייע, צוזאַמען מיט זיי — זיי זאָלן הערן דעם ווייִ־געשריי, אפשר וועלן זיי צוזאַמען געפינען הילף. און זיי האָבן געהערט און נאָך ווי געהערט! איך הער נאָך מיין אייגענע אויפגערעגטע שטימע, ווען איך האָב איבערגעזעצט די תוכחה־רעדע פון אַלטן רב קארק און איך זע נאָך דאָס צאַפּלדיקע פּנים פונעם איידעלן אָסקאַר כהן.

אין יענעם טאָג, ווען מען האָט אונדז פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך אינעם „רונדשוי" מיטן וואָרט „ציוניזם" כדי נישט צו אויפרעגן דזשאַמאַל־פּאַשאַן, דעם מושל פונעם לאַנד און כדי עס זאָל נישט פאַרשאַפן קיין צרות דעם ישוב, און מיר האָבן זיך געקליגלט און האָבן גורס געווען „התישבות" און „דערהאַלטן דאָס עקזיסטירנדיקע".

און יענעם גרויסן פרימאָרגן — דעם אומפאַרגעסלעכן — ווען לעאָן הער־מאַן האָט מיך שטיל אַרויסגענומען אין גאַס אַריין, אין דער נאָענטער דיסעל־

[1] אינעם טעקסט: „לפני הסרת הטבעת" — אַ העברעיִשער אויסדרוק, וואָס באַטייט: אַ גזירה וואָס באַוועגט ייִדן תשובה צו טאָן, באַזירט אויף דעם אויסדרוק אין מגילת אסתר: ויסר המלך את טבעתו.

דאָרף־גאַס, אײנגאַנצן אַ שײנענדיקער פון פרײד, און ער האָט מיר, בסוד־סודות, דערציילט, אַז ער האָט נאָר־וואָס דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון דער ביוראָ אין קאָפּענהאַגען, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט: „די ענגלישע רעגירונג האָט אָפיציעל מודיע געווען ראָטשילדן, אַז זי רעאַליזירט די ציוניסטישע פּראָגראַם". צי האָט ווען אין אונדזער לעבן געפרייט זיך אַזוי דאָס האַרץ?

הײנט יענער אָוונט, ווען איך האָב זיי אָנגעזאָגט אין רעדאַקציע די בשורה, אַז דער ראָמאַנאָוו־טראָן איז געפאַלן און רוסלאַנד איז באַפרייט געוואָרן און מיט איר צוזאַמען די רוסישע ייִדן, „און עס פאַלן די קייטן", — האָט געהייסן דאָס לייטאַרטיקל וואָס איך האָב יענעם טאָג געשריבן פאַר דער „רונדשוי" און לעאָ הערמאַן האָט אים אַ טריומפירנדיקער הויך געלייענט פאַר אַלע זעצער און דרוקער. צי קען מען דאָס אויך אַרויפברענגען איצט אויף דעם זכרונות־טיש?

און ווען דאָס רעדאַקטירן די „יודישע רונדשוי" איז אַריבער צו אונדזער הבר מאַקס מאיר און לעאָ הערמאַן האָט זיך פאַרפעסטיקט אין דעם דערבײיִקן צימער פון דער פאַרוואַלטונג אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, ווען די וועלט־געשניידער האָבן איר אויך צעשניטן אין צווייען; און ער איז דאַן געווען סעקרעטאַר פון דער העלפט, וועמענס הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אין בערלין. ווי פאַרוואונדערט פלעג איך ווערן זען אים יעדן אינדערפרי אַריינקומען אין צימער מיט אַ דיק־אָנגעפּאַקטער טעקע, פול מיט הונדערטער, הונדערטער בריוו פון אַלע מינים סניפים און אגודות און ער הייבט אָן דיקטירן צו דער שרייב־מאַשין וועגן די סיכסוכים אין שטעט און שטעטלעך, וועגן לאָקאַלע אויפגאַבן, מאָמענט־פראַגן און פערזענלעכע באַציִונגען — אַזוי פון אינדערפרי ביז נאַכט, און טויזנטער פעדעם זענען אין זיין האַנט און ער געדענקט אַלע פרטים פון זייערע פאַרשיידענע מאַטערנישן און פלאָנטערנישן. טאָג־איין, טאָג־אויס, בריוו אין די הונדערטער ביז די טעקע ווערט איינגעדאַרט, אין אַ שפּעטער שעה, כדי מאָרגן אינדערפרי ווידער צו ווערן פול געפּאַקט און אַזוי — אין פאַרלויף פון חדשים און יאָרן.

אַ סך יאָרן זענען זינט דאַן, אַריבער. איך האָב אים געזען, נאָכדעם, אַ סך מאָל אָנפירן די אַרבעט פון קרן־היסוד אין לאָנדאָן, אין ירושלים. איך האָב אים געזען זיך פלייסן צו ראַטעווען דאָס פאַרמעגן פון טשעכאָסלאָוואַקישע ייִדן; צוגרייטן פּראָגראַמען וועגן ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־פילמען אין ניו־יאָרק און צאַפלען ווי אַ פיש אויף דער יבשה, זוכנדיק די נייטיקע געלטער צו רעאַליזירן די פּראָגראַמען, אונטערנעמען איניציאַטיוון, וועבן, פלאַנעווען אונטערנעמונגען און טאַטן. און, איבער עפּעס וואָס, האָט זיך מיר תמיד געדאַכט,

אַז מיט דעם כוח פון יענע יאָרן, — יענע יאָרן פון צוגרייטונג און פון פּלאַם אין ציוניזם־הויז אויף דער זאַקסישער גאַס, אין בערלין — ווערן עס ביי אים געוועבט און געפּלאַנט, אַצינד אַלע פּראָגראַמען־פּלענער און מעשים.

ערגעץ־ווו איז דאַן אָנגעצונדן געוואָרן דער פונק און זיין ליכט האָט אָנגעהאַלטן ביז איצט, ווען זיין לעבנס־ליכט איז געוואָרן אויסגעלאָשן.

י״ג אדר ב׳ תרצ״ח

ג

אין קרייז פון שריפטשטעלער

בוקי בן יגלי

אין דער פעטערבורגער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס ער איז געווען צווישן אירע פירער, אינעם קריסטלעכן שפּיטאָל, ווו ער איז געווען דער שעף־דאָקטער, אין דער רעדאַקציע פון דער ייִדיש־רוסישער ענציקלאָ־פּעדיע, וואָס ער איז געווען איר הויפּט־רעדאַקטאָר, אין דער אַקאַדעמיע פאַר ייִדישער וויסנשאַפט, ווו ער איז געווען אַ שטענדיקער לעקטאָר און נאָכן טויט פון איר גרינדער — דער באַראָן דוד גינצבורג — אויך איר רעקטאָר; און אַפילו אין דער אגודה חובבי שפת עבר, וואָס ער איז געווען איר פּרעזידענט — האָבן אים אַלע גערופן: ד״ר ליעוו סערגעיעוויטש קאַצנעלסאָן. מיר, אָבער, זיינע תלמידים, פלעגן אים אין אונדזער האַרץ רופן, אַזוי ווי מיר האָבן אים ליב געהאַט צו רופן, פון די צייטן פון זיין „שירת הזמיר״ — בוקי בן יגלי.

און אַ פּאַרצייטיקע שיינקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף דעם דאָזיקן נישט געוויינטלעכן נאָמען אין מיטן פון דער אַרומיקער פרעמדער און זיך־פאַרפרעמדנדיקער אַטמאָספער, עפּעס שטיפערישעס, קונדסדיקעס, עפּעס וואָס אויך דערהויבן־אייגנס, אָבער קעגנזעצלעך צו דער גאַנצער אַרומיקער רעאַ־ליטעט און איז חומשדיק־קינדעריש און היימיש.

אַ גרייז־גראָע לייבן־טשופּרינע אויפן קאָפּ און אַ יוגנטלעכע פרייד שיינט אַרויס פון די אויגן. אַ הויכע גריוועס האָר ווי שניי און דיקע ווייסע וואָנסן פאַר־הילן אַ פריינטלעכן שמייכל. און פונקען פון דיכטערישן טאַלאַנט בליצן דורך די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און דערקוויקן אונדז. אַזוי האָט בוקי בן יגלי זיך באַוויזן צו אונדז ביים אַריינגיין אין לעקציע־זאַל אין פעטערבורג צו דאָצירן פאַר אונדז וועגן דער „געשיכטע פון דער הלכה ביי ייִדן״; דער ניכ־טערער היימישער שכל וואָס האָט באַלויכטן זיין אָפּן געזיכט און די פאָטערלעכע פריינטשאַפטלעכקייט מיט וועלכער ער האָט אונטערריכט זיינע צוהערער און דיסקוטירט מיט זיינע אָפּאָנענטן, האָבן צוגעגעבן זיין געשטאַלט נאָך מער וואַרעמקייט און אַכטונג.

ער איז שוין געווען פּטור צו פירן דעם קאַמף פאַר דער „פאַראייניקונג פון דער תורה מיט דער השכלה״. דאָס האָבן געטאָן זיינע לערער פאַר אים; און ער האָט נאָך נישט פּרובירט אויסצוגיסן זיין גאַנצן שאַפן אין אַ העברעיִשער

פאַרעם — דאָס ווען זיך פאַרמעסטן צו טאָן זיינע תלמידים און זיינע נאָכ־קומער — ער איז נאָך געשטאַנען אין מיטן. וואָס זיינע פאַרגייער האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן און האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם, שטורעמדיק עס מיט האַק־און־אייזן, האָט ער צוזאַמענגעשמאָלצן געלאַסן און רויִק, ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט; און צו דעם, וואָס זיינע חברים האָבן געשטרעבט צו דער־גרייכן, האָט ער אויסגעבעט דעם וועג דורך דער רייכקייט פון זיין זאַפטיקער שפּראַך און מיטן חן פון זיין העברעיִשער דיכטונג. ער איז געווען אַ זייער געבילדעטער רוסישער דאָקטער; האָט געגאָלטן אַלס איינער פון די בעסטע דאָקטוירים אין דער רוסישער הויפּטשטאָט, אַ געניטער און טרייער תלמיד פון ווירכאָוו, דעם מעדיצינישן וועלט־גאון. און דערביי איז ער געווען ווי אַ פאַרצייטיקער תלמיד־חכם, אַ מובהק, אַ שאַרפער תלמודיסט און איז געווען דערצו אַ העברעיִשער סטיליסט, גלייך ווי די שפּראַך וואָלט געווען שוין פון לאַנג אַ לעבעדיקע און אַ גערעדטע אין זיין אַרום; און אין זיין רויִקן וועזן האָט ער נישט געפונען קיין שום סתירה צווישן אָט־די אַלע ווערטן; אין קעגנטייל. ער האָט נישט ליב געהאַט די שאַרפמאַכער וואָס פאַרטיפן די סתירה, פון וואָס פאַר אַ זייט ס'זאָל נישט זיין.

די וואָס פאַרפרעמדן זיך באַוווסטזיניק, די וואָס פאַרלייקענען זייער אָפּ־שטאַם און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער האָפענונג פון זייער פאָלק, זוכנדיק דורך דעם צו איינקויפן זיך אין ליבע ביים הערשנדיקן פאָלק — זיי פלעגט ער קאַטעווען מיט בייסנדיקע ריטער. עדות זאָגן וועגן דעם די אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער דאָקטער בעת דער פּלעוונער מלחמה און די פעליעטאָנען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „היום" ביי זיין פריינט קאַנטאָר. ער איז געווען צווישן די ערשטע קעמפער פונעם נאַציאָנאַלן דערוואַכן צווישן דער יידישער אינטעליגענץ קעגן דער רוסישער אַסימילאַציע, נאָך לאַנג איידער עס איז אַנטשטאַנען דער פּאָליטי־שער ציוניזם; און ער פלעגט אויך ביטער פאַרניינען די שרייבערישע משכי־לים וואָס האָבן האָלד געהאַט צו מאָלן די פאַרצייטיקע גדולי־ישראל ווי פינצ־טערלינגען, פאַנאַטיקער וואָס זענען פאַרקאָכט אין אבערגלויבנס. פאַר אים זענען געווען גאַלעניוס דער דאָקטער און שמואל ירחינאי, דער אמוראי, לייבלעכע ברידער וואָס זוכן ביידע צו דערגראָבן זיך צו איינעם און דעם זעלבן ציל. און ביידע צוגלייך, באַהערשן זיי די וויסנשאַפט פון זייער דור. און זינט זיין העפט וועגן „רמ"ח אברים" האָט ער נישט אויפגעהערט אויפצו־דעקן פאַרבאָרגענישן אינעם אַנאַטאָמישן וויסן פון די חכמי התלמוד. מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן פלעגט ער פאַר אונדז לייענען די פרקים אין מסיבתא „חולין". אויף די צוויי סקעלעטן פון אַ מענטשן און אַ בעל־חי, וואָס זענען פאַר

אונדז געשטאַנען, פלעגט ער, בעת־מעשה, אָנווייזן אויך באַטאָנען יעדן מוסקול און יעדן ביין, ווי עס האָבן עס באַצייכנט די חכמים אין צייט פון תלמוד און ווי עס באַצייכענען עס די מעדיצינער אין אונדזער דור. מיט פיל חריפות האָט ער עקספּאָנירט זיינע פּאָרטראַגן וועגן „ג׳ לוגין מים שואבים פוסלים את המקוה" (דריי מאָסן אָנגעשעפּט וואַסער פּסלען די מקווה), מיט אַ טיפן הסבר וועגן די באַגריפן „מים" און „טבילה" און וועגן דער צאָל דריי ביי די פּערסן, און וועגן דעם קאַמף מיט די חכמי־התלמוד וועגן די שטאַנדפּונקטן פון דעם זאַראַסטרא־מיטוס און וועגן דעם ענין פון „לוג" און „מים שואבים" און וועגן אַלע פּרקים פון טומאה און טהרה ביי ייִדן, וואָס פון איין זייט אַנט־האַלטן זיי פּרקים פון פאָלקס־היגיענע און פון דער צווייטער זייט זענען זיי אויסן אָפּצוגרענעצן זיך פון די פּערסישע באַגריפן פון זענד־אַוועסט; און ער פלעגט זיך אַריינלאָזן אין די פּרטי־פּרטים פון די הלכות וועגן ריטועלער ריינלעכקייט, סיי אין פּרס און סיי ביי ייִדן און אין די דינים פון טריפות אין תורה און אין תלמוד און די סימנים פון הויט־קראַנקייטן אין דער מעדי־צין פון זייער צייט און פון אונדזער צייט, אאַז״וו.

אונדזער לערער, שמעון דובנאָוו, דער העפלעכער, קאָלעגיאַלער און זייער סיסטעמאַטישער היסטאָריקער, האָט שוין נישט איינמאָל זיך באַקלאָגט ביי דער פּעדאַגאָגישער זיצונג פון די לערער פון דער אַקאַדעמיע, אַז „לעוו סערגע־יעוויטש „פאַרטרעפט" זיין גאַנצן קורס פון געשיכטע פון תלמוד און ווייטער פון די געזעצן פון טומאה „גייט ער נישט". ליעוו סערגעיעוויטש האָט זיך גוטמוטיק פונאַנדערגעשמייכלט. ער האָט צוגעזאָגט פּאָרצוטראָגן סיסטעמאַטיש וועגן דער גאַנצער געשיכטע פון דער תלמודישער ליטעראַטור ווי עס ווערט פאַרזיכערט אינעם פּראָגראַם. איז צוריקגעקומען צום אודיטאָריום און האָט ווידער רעפערירט וועגן... דער „צרעת" אין תורה און וועגן דער לעפּראַ אין דער מעדיצין און וועגן דעם גאַנצן ענין פון „שאת, ספחת ובהרת" און וועגן דעם סימפּטאָם פון „מראה שפל מן העור", „והיא כהה", „ואם תחתיה תעמוד", „ומראה עמוק מן העור" — אָן ענדע.

און אַז „ליעוו סערגעיעוויטש" האָט נאָכגעגעבן דעם פּעדאַגאָגן־באַשלוס און פלעגט רעדן וועגן די צדוקים און די פּרושים און וועגן דעם שטרייט צווישן די פּאַרטייטיקע תלמודישע פּאַרטייען האָט ער אין מיר געשאַפן דאָס געפיל ווי ער וואָלט גערעדט וועגן דעם קאַמף פון מאָדערנע פּאַרטייען אין אונדזער צייט. ער פלעגט רעדן מיט התלהבות, מיט שטורעם, ווי אַ פּאַראיינ־טערעסירטער צד, ווי אַ גרויסער אַפּאָלאָגעט פון פּרושים, מיט גוואַלטיקער בקיאות אין די פּרטים, וואָס געפינען זיך אין ש״ס און וואָס זענען פאַראַן ביי פלאַוויוסן, מיטן צוגאָב פון אַ דיכטערישער פאָרשטעלונגס־קראַפט; נישט פיל

זענען געווען די קוועלן מיט וועלכע ער פלעגט זיך קענען באַנוצן, אָבער יעדער פאַרוואָרפענע ברייתא וואָס ער האָט ציטירט, האָט געשטראַמט מיט לעבעדי־קייט און אינטערעסאַנטקייט. ער האָט אַריינגעבלאָזן אַן אָטעם אין דער פּער־זענלעכקייט פון די תנאים און אמוראים וועלכע מיר האָבן געקענט בלויז לויט זייערע נעמען, און אַ שפּרודלדיקן גייסט האָבן באַקומען די הלכות וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיי. זיי פלעגן פלוצים אויפקומען פאַר אונדז ווי לעבעדיקע גבורים, זיי און זייערע פלוגתות, זייערע תלמידים און זייערע אָפּאָנענטן. די גריבלער־לומדים וואָס מיר האָבן געהאַט צווישן אונדז, פלעגן אָפט געפינען וואָס אָפּצופרעגן. אָבער אויך זיי פלעגן זייערע קשיות געפינען ערשט אויף מאָרגן נאָך דעם פאַרטראָג; בעת דער לעקציע אָבער, זענען אויך זיי געזעסן באַצויבערטע און אָנגענומען זיינע באַהויפּטונגען אָן קיין שום איינווענדונג.

איינמאָל איז ליעוו סערגעיעוויטש אַריין אינעם פאַרטראָגן־זאַל. אַ צע־זונגענער, אַ שיינענדיקער און מיט דער התנצלות פון אַ גליקלעך קינד, האָט ער געבעטן דערלויבעניש דאָס מאָל נישט צו האַלטן קיין וויסנשאַפטלעכן פאַרטראָג אין רוסיש — ווי זיין שטייגער איז געווען — נייערט פאַרלייענען פאַר אונדז אַ היסטאָרישע דערציילונג, וואָס ער האָט, איצט ערשט אָנגעשריבן אין עברית. ער האָט אַרויסגענומען אַ גרינעם שילער־העפט, פאַרשריבן מיט קאַליגראַפישע העברעיִשע אותיות און האָט פאַר אונדז פאַרגעלייענט אין אַ געשליפענעם העברעיִש און מיט שפּאַנענדן דראַמאַטישן כוח, אַ דערציילונג פונעם לעבן פון רבי עקיבא און זיינע חברים. דאָס איז די דערציילונג וואָס איז דערנאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם פערטליעריקן „הזמן“ און דער שלוס אינעם „השילוח“ אונטערן נאָמען „מערפלי ימי קדם“ (פון די נעפלדיקע טעג פון פאַרצייטנס) און עס האָט מיר אויסגעזען גלייך ווי פאַר אונדזערע אויגן איז אינגאַנצן אַוועקגענומען געוואָרן יעדע מחיצה צווישן וויסנשאַפט און דיכ־טונג, וואָס האָט טאַקע, בעצם, פאַר אים קיינמאָל נישט געהאַט קיין ממשותדיקע האַפט.

און ס׳איז גלייך ווי בטל געוואָרן די גאַנצע גרויסע דיסטאַנץ, וואָס האָט זיך תמיד געשפּריט צווישן ד״ר ליעוו סערגעיעוויטש און בוקי בן יגלי...

און נאָכאַמאָל געדענקט זיך מיר זיין געשטאַלט אינעם לעקציעס־זאַל — אַ צעזונגענע, אַ שיינענדיקע. עס איז געווען אין אָנהייב פונעם לערן־סעזאָן פון יאָר תרע״א (1910), ווען ער איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון זיין ערשטער און איינציקער רייזע קיין ארץ־ישראל. ער איז געווען אין ארץ־ישראל בלויז געציילטע וואָכן, און עס איז געווען יום־טוב צייט און ער האָט נישט באַוויזן צו זען אַ פּולע. אָבער וואָס ער האָט יאָ געזען איז גענוג געווען צו שפּייזן זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט. און ביי זיין צוריקקומען האָט ער בשום אופן נישט

געקענט אָנהייבן זיין היסטאָריע־פּאָרטראַג, נישט דערציילנדיק אונדז פריער זיינע איינדרוקן פון זיין באַזוך אין לאַנד; און מיט אַ פריילעכער צעזונגענער שפּראַך האָט ער אונדז דערציילט וועגן דוד ילין און זיינע תלמידים און דעם העברעיש וואָס מען רעדט אין די גאַסן, און דער עיקר, וועגן די וויינגערטנער אין רחובות, און וועגן די ציטרוס־פּרדסים און וועגן אַרבעטער אין די וויינקעלערס אין ראשון־לציון. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען זיין גליק, אַז נישט אומזיסט האָט ער געזונגען זיין „שירת הזמיר״.

עס האָט זיך אָפּגעזוכט, סוף־כל־סוף דער העברעישער אויער, וואָס האָט וווּנדערלעך איינגעהערט זיך צו זיין דעמאָלטיקן געזאַנג...

צום העכסטן פאַרגעניגן פלעגט ער שטייגן ווען דער מעדיצינישער קאַבינעט זיינער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעדאַקציע. ער האָט אויסגעטאָן, דאַן, זיין דאָקטער־קיטל, האָט אָנגעטאָן דעם ציווילן שוואַרצן ראָק און האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דינען אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער יידיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז דאַן דערשינען אינעם בראָקהאַוז־עפראָן פאַרלאַג: — קאָרעגירן די מאַנוסקריפּטן וואָס זענען שוין געווען רעדאַקטירט דורך די רעדאַקטאָרן פון די באַזונדערע אָפּטיילונגען און דיסקוטירן מיט די שרייבער, די יונגע און די וועטעראַנען. אין זיינעם אַ בריוו צום בעסטן פון זיינע פריינט, צו דוד פרישמאַנען, האָט ער, אַמאָל, ביטערלעך זיך באַקלאָגט, אַז „ער שטאָפּט קעלבער פאַר אַ פרעמדער שפּראַך״. איך האָב אים אָבער געזען אויך אין מאָמענטן פון פאַרגעניגן, ווען ער האָט גענאָסן עולם־הזה פון דער דאָזיקער רעדאַקטירונגס־אַרבעט. איך און מיינע מאמרים, וואָס זענען געווידמעט געווען דער געשיכטע פון די קהילות (מינסק א״א) און בעיקר, דער געשיכטע פון משיחיזם (שבתי צבי, יעקב פראַנק און אייניקע פון זייערע תלמידים) האָבן געהערט צום אָפּטייל פון מיין לערער מ. ל. ווישניצער. אַליין האָב איך צו זיין אָפּטיילונג נישט געהערט. דער לערער וואָס פלעגט מיך ראַטן אינעם אויסקלייב פון די אַרטיקלען איז געווען שמעון דובנאָוו; אָבער איך בין אויך געווען געוויסערמאָס אַן אונטערפירער צו די מאמרים פון מיין חבר ש. שרייער (שרירא), וואָס האָט געשריבן פאַר די ערשטע בענד נאָך און דווקא אינעם תלמודישן אָפּטייל (אַפּאָסטאַטא, די כנסת הגדולה און אַנדערע אַרטיקלען) און צוזאַמען פלעגן מיר גיין מיטן מאמר אין האַנט צום ד״ר קאַצענעלסאָן וועלכער איז געווען רעדאַקטאָר אויך פונעם אָפּטייל פאַר תלמוד און אויך פוסק־אחרון אין דער גאַנצער ענציקלאָפּעדיע. מיט וואָסער וויסנשאַפטלעכער גענויאיקייט און מיט וויפל סטיליסטישער הקפדה איבער דער פינקטלעכקייט אין דער רוסישער איבערזעצונג פון די תלמודישע ציטאַטן; מיט וויפל פאָטערלעכער פריינטלעכקייט צוזאַמען מיט אַ פעסטן באַשטיין אויף דער אייגענער מיינונג

פלעגט ער אָנגיין מיט זיין רעדאַקטאָר אַרבעט; מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט צו תלמידים־אָנפאַנגער און מיט וויפל שטרענגקייט און הקפדה אפילו צו גרויסע און געניטע.

איינמאָל בין איך דערשטוינט געוואָרן צו זען ווי ער האָט אַריינגעוואָרפן אין קאָרב אַריין אַ גרויסן כתב־יד פון אַ באַרימטן וויסנשאַפטלעכן שרייבער. און דערנאָך איז ער געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און האָט אַליין געשריבן אַ נייעם מאמר אויף דעם תלמודישן וואָרט, וואָס איז שוין געווען באַשטעלט, און דער מאמר איז אים נישט געפעלן געוואָרן. וויסנשאַפטלעך רעדאַגירן מיינט — אָן רחמנות און אָן נשיאת־פנים!...

און ער פלעגט ווערן אויפגערעגט און אויפגעברויזט אויב עמעצער פון זיינע מיטאַרבעטער פלעגט אויסטייטשן אַן ענין אויף אַן אופן וואָס האָט אים אויסגעזען נישט ריכטיק, און בעיקר, אויב די אויסטייטשונג האָט — לויט זיין ראַציאָנאַליסטישער מיינונג — באַליידיקט די גדולה התורה. עס געדענקט זיך מיר ווי איך האָב איך אַמאָל געטראָפן אַן אויפגערעגטער. ער איז אויפ־געשפרונגען פון זיין שטול, ווי עמעצער וואָלט אים אַ ביס געטאָן, און אַרומ־געגאַנגען איבער זיין קאַבינעט אַן אויפגעברויזטער: ער האָט דערהאַלטן פאַר דער ענציקלאָפּעדיע אַ מאַנוסקריפּט פון אַ באַרימטן געלערנטן וועגן דעם ענין פון „בת־קול”. יענער געלערנטער האָט, אין פשטות, באַהויפּטעט, אַז די חכמי־התלמוד האָבן טאַקעווירקלעך געגלייבט, אַז אַ בת־קול איז אַרויס און געזאָגט: „אלה ואלה דברי אלהים חיים”[1], דאָס הייסט, אַז מען מיינט טאַקע אַ בת־קול ממש. יענער געלערנטער האָט אויסגעזען ביי אים ווי אַ פעלשער פון טעקסטן, און דער עיקר, ווי אַ באַשמוצער פונעם כבוד פון אונדזערע חכמים און ווי איינער וואָס שטעלט אין סכנה ממש דעם גאַנצן גורל פון יהדות. „אויב די גדולים פון יידישקייט האָבן געגלייבט אין אַזעלכע שווערמערייען, טאָ וואָס איז דער וווּנדער אַז אויך אונדזערע קינדער אַנטלויפן פון אַזאַ אומגעלומפּער־טער יידישקייט און טרייסלען זיך אָפּ פון איר”. און ער האָט מיט די בעסטע ראיות באַוויזן, אַז די חכמי־התלמוד האָבן גוט געקענט די נאַטור־געזעצן, און זיי האָבן גוט געוווּסט אַז קיין קול נידערט נישט פון דער הייך אַראָפּ צו אַרויס־זאָגן אַ מיינונג, און אַז די הכרעה איז נאָר אינעם שכל, מיט וועלכן גאָט ברוך־הוא האָט אונדז באַשאָנקען, און אַז דער בת־קול איז נישט מער ווי אַ מליצה וואָס באַצייכנט די מיינונג וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט און איז געוואָרן אָנגענומען דורך חז״ל אין בית־המדרש; און ער האָט זיך געפילט אַנטוישט און ווי פאַרצווייפלט, ווען אויך זיינע תלמידים האָבן נישט תיכף מסכים גע־

---

[1] די ווי יענע זענען רייד פון גאָט דעם לעבעדיקן.

זוען מיט זיין אויסטייטשונג, אין וועלכער ער האָט געזען, איינצייטיק, אי די זיכערע וואָרהייט און אויך די רעטונג פונעם כבוד פון די חז״ל.

וועגן דער דיסקוסיע וואָס עס איז געפירט געוואָרן אַמאָל צווישן אים און מ. ל. ליליענבלום מכוח דער פראַגע צי חיבת־ציון איז דאָס וואָס עס איז דער עיקר אינעם אויפלעב פון יידישן פאָלק אָדער דאָס אומקערן זיך צו ערד־אַרבעט — אומעטום אין וואָסער אָרט עס איז — איז דאָס וויכטיקסטע, וועגן דעם האָבן איך זיך ווידער דערוווּסט נאָר פון דער ליטעראַטור און פון הערן זאָגן. דער דאָקטער קאַצענעלסאָן, אין יענער צייט ווען איך האָב אים געקענט איז שוין געווען זייער איבערגעגעבן צום ענין פון ארץ־ישראל. פון זיין באַזוך אין ארץ־ישראל איז ער צוריקגעקומען אַ פלאַמענדיקער ציוניסט. די רעקאָ־מענדאַציע־בריוו וואָס ער האָט מיר געגעבן פאַר מיין עליה קיין ארץ־ישראל — אַ יאָר בערך נאָך זיין צוריקקומען, — צו זיינע פריינט דוד יעלין און ד״ר מאזיע און, דער עיקר, דער שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט מיר בעת זיין געזעגענען זיך מיט אים, האָבן מיר עדות געזאָגט אויף זיין טיפן זעלישן בונד צו ציון און צום העברעיִש וואָס האָט אויפגעלעבט אין מויל פון די ציון־ערד־אַרבעטער און פון אירע קעלטערער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, חוץ לעקציעס און ליטעראַרישע רע־דאַקטירונג, האָט ער געפירט הויפּטזאַכלעך אין צוויי געזעלשאַפטן: אין דער חברה „מפיצי השכלה״ ווו ער איז געווען אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד צענדלי־קער יאָרן, און נאָכן טויט פון באַראָן דוד גינצבורג איז ער אויך געוואָרן איר פאָרזיצער און אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אגודת „חובבי שפת עבר״. ער איז געווען איר פרעזידענט און איר אָנפירער בפועל ממש. זי האָט דאַן גע־מאַכט אַ פרווו צו עפענען אָפּטיילונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד, ענלעך צו דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט (ליטעראַטורנאַיע אָבטשעסטוואָ), אין דער אָנפי־רערשאַפט פון שאול גינצבורג און פונעם היסטאָריקער שמעון דובנאָוו און ענלעך צו דער געזעלשאַפט פאַר „היסטאָריע און עטנאָגראַפיע״ אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער זעלבער שמעון דובנאָוו און מיט אים מאַקסים מאַיסעיעוויטש ווינאַווער. און אין אָט די געזעלשאַפטן איז קאָנצענ־טרירט געווען, פאַקטיש, דאָס גאַנצע ביסל וואָכזאַמע געזעלשאַפטלעכקייט פון דער יידישער אינטעליגענץ אין דער רעאַקציע צייט, צווישן ביידע רעוואָלו־ציעס.

און ער איז געווען איינער פון די ווינציקע וואָס האָט באַוויזן צו אַרויפּ־שטייגן צו דער העכסטער שטופע אויפן לייטער פון דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט, אין דער הויפּטשטאָט פון רוסלאַנד, נישט דורך רייכקייט און נישט אין זכות פון אַ פאַרטיי אָדער דרויסנדיקע פאַרבינדונגען, נייערט נאָר

דורכן זכות פון זיין אייגענער תורה און געלערנטקייט און מיטן זכות פונעם צויבער פון זיין פערזענלעכקייט. אַלס אָרעמער און הונגעריקער יתום האָט ער אָנגעהויבן זיין לעבן ביי זיין שטיף־פאָטער אין טשערניגאָוו, אַלס ישיבה־בחור אין באָברויסק האָט ער דערוואָרבן זיין בילדונג, אַ מעדיצינער, אַבסאָלוט אָן מיטלען איז ער אַלס יונגער דאָקטער געקומען אין דער הויפּטשטאָט; זיין פאַרמעגן — איז זיין וויסנשאַפט און זיינע זעלבסטשטענדיקע מיינונגען, אומאָפּהענגיקע פון קיין שום זייטיקן פאַקטאָר; זיין לויטערער שכל נאָר און דער געווירץ פון פיינעם הומאָר אין זיינע אויפטריטן, און דער אוצר פון פּאָעזיע אין זיין גייסט, און די זויבערקייט פון זיין ליבע פערזענלעכקייט — זיי האָבן אים אויסגעטראָטן דעם וועג ביז צום רוסישן חודש־זשורנאַל פון פּראָפ׳ ווירכאָוו און צו די אויפגעקלערטע צווישן זיי וועטעראַנען־עסקנים אין דעם יידישן פּעטערבורג, וואָס זענען געווען צווישן די צוהערער פון זיין לערע אויף פאַרזאַמלונגען און לעקציעס. און פון זיך זעלבסט, אָן שום אָנשטרענגונגען פון זיין זייט, איז ער אַרויפגעבראַכט געוואָרן דורך זיי צום שפּיץ פון דעם בילדונגס־ווערק אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין רוסלאַנד.

אָבער אויך ווען ער האָט שוין געהאַט דערגרייכט צו דער הייך פון זיין געזעלשאַפטלעכן דערפאָלג, איז עפּעס ווי אַ פאָדעם, פון טיפן טרויער אויסגעצויגן געווען אויף זיין גלענצנדער פערזענלעכקייט און נישט דווקא בלויז איבער די שווערע פאַמיליע־אומגליקן וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אים.

און ווי מיר דאַכט זיך, האָבן צוויי זאַכן גורם געווען צו דעם טרויער־געמיט, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אים און וואָס איז אַזוי נישט צוגעפּאַסט געווען צו דער אויפגעהייטערטקייט פון זיין גייסט, וואָס איז באַשטימט געווען צו זיין גליקלעך און ליכטיק.

ערשטנס זיין נישט דערגרייכן צו מעדיצינישער פּראָפעסור; ער האָט געפילט אַ ברענענדיקע באַליידיקונג אין דעם, וואָס ער איז געצווונגען געווען דאָס גאַנצע לעבן — ביי דער גאַנצער ברייטקייט פון זיין וויסן — צו זיין נאָר „אַ מיטלמעסיקער דאָקטער״ ווי ער שרייבט, וואָס „גייט זיך אָפּ די פיס אַ גאַנצן טאָג, קלעטערנדיק אויף טרעפּ צו באַזוכן זיינע פּאַציענטן״. און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן וואָס ער איז פאַרמשפּט „צו גיין אין אַ פאַרלויף פון דרייסיק־פערציק יאָר באַזוכן קראַנקע פערצן שעה אַ טאָג, גיין אַרויף און אַראָפּ אין די פּעטערבורגער הייזער, אַ זאַך וואָס אַן אַנדער רעצעפּטן־שרייבער אָנשטאָט אים, וואָלט עס אויך געקענט טאָן״, ווי דוד פרישמאַן, דער בעסטער צווישן זיינע פריינט, האָט, טרעפלעך, אויסגעדריקט דעם דאָזיקן ווייטיק אין זיין נעקראָלאָג־מאמר. איך אַליין האָב נאָך געהערט פון ד״ר קאַצענעלסאָן דעם ביטערן אַנעקדאָט, וואָס דער אַלטער שרייבער בן־ציון כ״ץ שרייבט וועגן דעם

אין זיינע זכרונות: „כדי צו ווערן אַ דיכטער דאַרף מען געבאָרן ווערן אַ דיכ־טער. אָבער כדי צו ווערן אַ פּראָפעסאָר דאַרף מען געבאָרן ווערן אַ גוי". דער גאַנצער ענין פון אויפשטעלן אַ יידישע אַקאַדעמיע איז געווען פון זיינעט וועגן, ווי אויך פון וועגן זיינע חברים דעם באַראָן דוד גינצבורג און שמעון דובנאָוו, אַ מין יידישער ערזאַץ פאַר נישט קענען ווערן פּראָפעסאָר אין אַלגעמיינעם אוניווערזיטעט. און ווען קאַצענעלסאָן איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע אין ארץ־ישראל האָט ער מיט אונדז גערעדט וועגן זיין טרוים צו אַריבערפירן די גאַנצע אַקאַדעמיע קיין ארץ־ישראל. ער האָט אַפילו געפינען אַן אָרט אין ארץ־ישראל ווו צו איינשטעלן דאָרטן אַ סאַנאַטאָריע פאַר שווינדזיכטיק־קראַנקע — אין יריחו דאַכט זיך — וואָס וואָלט איבער די קלימאַטישע באַדינגונגען געקענט ווערן אַ וועלט־סאַנאַטאָריום, ווי דאָוואָס אין דער שווייץ און ווי מעראַן אין איטאַליע.

זיין צווייטער וויטיק, אפשר גרעסער נאָך פונעם ערשטן, איז געווען דאָס נישט האָבן באַוויזן צו אַנשרייבן זיין וויסנשאַפטלעך ווערק וועגן געשיכטע פון דער הלכה. ער האָט זיך מיט דעם דאָזיקן פּאַרלאַנג אַרומגעטראָגן אַלע יאָרן און זיין וויסנשאַפטלעך שרייבן, איז, זיין גאַנצע אַרבעט געווען ביי אים בעצם, ווי נאָר אַ מין אינסטרומענטן צוגרייטונג, אַ מין אויפשטעלן אַ רוש־טאָוואַניע פאַר דעם אייגנטלעכן בנין פון דעם בוך. אומזיסט האָבן אים זיינע פריינט אונטערגעאיילט. מען האָט אים נאָר געשאָטן זאַלץ אויף די ווונדן. ווי אחד־העם בשעתו, ווי רב־צעיר און ווי פיל נאָך אַנדערע, אַזוי האָט אויך ער געשריבן זיין גאַנץ לעבן און צו דעם גרויסן אומפאַסנדיקן ווערק וואָס ער האָט אַ לעבן־לאַנג געלעכצט אָנצושרייבן, האָט ער נישט אויספייעט צו קומען. און ער איז געווען איבערצייגט אַז דאָס וועט זיין דער־אַ ספר, וואָס ער איז באַשטימט צו געבן אים פאַר די יידן אין רוסלאַנד און וואָס איז באַשטימט צו ראַטעווען פון שאַנד און פון שמד און אַז דאָס איז די ירושה וואָס זיין חוב איז צו אי־בערלאָזן צו פאָלק ישראל, וואָס בויט זיין לעבן אויף זיין ערד אין ארץ־ישראל. די קאַפּיטלען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט צו דער פאָרשונג פון דער מעדיצין אין תלמוד, זיינע מאמרים אינעם „וואָסכאָד" וועגן „די צדוקים און פּרושים" און וועגן דעם איינשטעל פון „ריטועלער טהרה", זיינע מאמרים אין דער ענ־ציקלאָפּעדיע (דער רוסיש־יידישער) וועגן בית־הלל, וועגן די מדות דורך וועלכע די תורה ווערט געפאָרשט (המידות שהתורה נדרשת בהן) און וועגן פיל אַנדערע תלמודישע ווערטן און ענינים — האָט ער געזען ווי פונדאַמענט־שטיינער פון דעם געגאַרטן בנין; דער בנין אַליין האָט נאָר געשוועבט פאַר זיינע אויגן. אַמאָל פלעגט ער אָנרופן יענעם ספר „דור, דור והלכותיו" (יעדער דור און זיינע הלכות); אַן אַנדער מאָל האָט ער אים אָנגערופן „געשיכטע פון תורה

שבעל פה״. ווי שטאַרק האָט ער מקנא געווען זיין קאָלעגע דובנאָוון, וואָס האָט זוכה געווען — טראָץ זיין גרויסע פּאָליטישע און פּובליציסטישע טעטיקייט — צו מאַכן זיין געלערנטקייט אַלס פּראָפעסיע און דערפירן ענדגילטיק צום שלוס זיין גרויסן וויסנשאַפטלעכן ווערק.

און מערקווירדיק: אין 1917, ווען ער איז געוואָרן זיבעציק יאָר און אַ מידער פון דער אַרבעט איז ער אַוועק זיך אָפּרוען אין דעם שיינעם פּאַלוואַרק וואָס די „חברה מפיצה השכלה״, בראש פון וועלכער ער איז געשטאַנען, האָט פאַרמאָגט אין קרים און עס האָט זיך געעפנט פאַר אים די רויִקע מעגלעכקייט צוצוטרעטן צום שרייבן אַזוי ווי ער האָט געגאַרט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן נישט יענעם געגאַרטן בוך, וועגן וועלכע ער האָט געטרוימט אַלע יאָרן, נייערט — זכרונות פון די קינדער־יאָרן.

וואָס פאַראַ צויבער איז עס אין דעם קינדהייט־לעבן, וואָס די פליכט צו אַרויסברענגען אים איז בילכער און פריִער פאַר יעדער אַנדער פליכט?

אַזוי האָט ביאַליק נישט געוואָלט אַוועק פון דער וועלט, איידער ער האָט ווידער אָנגעשריבן צום צווייטן מאָל זיין „אבי״ און „יתמות״ און אין דער דאָזיקער צווייטער שאַפונג פון זיינע קינדהייט־זכרונות — וואָס זייער אָנפאַנג האָט ער אָנגעהויבן אין זיינע פריִערדיקע שירים — האָט ער דערגרייכט צו דער העכסטער לויטערקייט פון זיין שאַפונג. אַזוי האָט געטאָן פרץ. אַזוי האָט זיך אויסגעקליבן שלום־עליכם צו טאָן.

און יענער גרויסער וויסנשאַפטלעכער בוך, אויף וועלכן מען האָט געהאָפט און וואָס האָט געדאַרפט זיין דאָס לעבנס־ווערק פון ד״ר יהודה לייב קאַצענעלסאָן און צום שרייבן פון וועלכן ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געגרייט — איז אַזוי טאַקע נישט אָנגעשריבן געוואָרן.

***

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און איך בין געווען אַ געפאַנגענער אין דייטשלאַנד, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין געליבטער רבי, ד״ר י. ל. קאַצענעלסאָן, וועלכער איז יענעם זומער אויך געווען אין דייטשלאַנד, איז פאַרבליבן פאַרוואָרפן אין ראָסטאָק און האָט נישט געקענט צוריקפאָרן אַהיים. אַז איך בין אַרויס פון מיין געפאַנגענשאַפט און האָב פּרובירט מאָביליזירן ציוניסטישע הילף פאַר זיין באַפרייונג — האָב איך זיך דערוווּסט אַז ער איז שוין אַריבער די גרענעץ און איז אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד. זינט דאַן האָב איך פון אים גאָרנישט געהערט. סוף 1917, אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, איז דורך אַמעריקע דערגאַנגען צו אונדז די ידיעה, אַז די ייִדישע פּעטראָגראַד גרייט צו די פייערונג פאַר דעם 80־יעריקן יובל פון בוקי בן יגלי.

איך בין צוגעטראָטן צוגרייטן, דאַן, פאַר אונדזער ציוניסטישן וואָכנבלאַט „יידישער רונדשוי" אין בערלין אַ בלאַט וועגן זיין יובל און דאַן האָב איך מיך איבערצייגט ווי ווינציק עס איז די צאָל צווישן בערלינער חכמי־ישראל, וואָס ווייסן צו שרייבן וועגן אים. מיין פּראָפעסאָר, דער קאַטאָליק, הערמאַן שטראַק, וואָס האָט צווישן אַנדערע, געשריבן אויך, ווי באַוווסט, קעגן עלילת־דם און האָט איבערזעצט אין דייטש אַ געוויסע צאָל משניות־מסכתות און, אין יענער צייט האָט ער צוגעגרייט דעם יידיש־דייטשן ווערטער־בוך, האָט גוט געקענט ד"ר קאַצענעלסאָנס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און ער האָט מיר צוגע־זאָגט צו שרייבן וועגן אים. איידער אָבער מיר האָבן באַוויזן צוגרייטן דעם יובילעאום־נומער, האָבן די אַמעריקאַנער ציטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז ד"ר קאַצענעלסאָן איז נישטאָ מער.

טאָפּלט שווער איז געווען מיין טרויער פון וויטנס.

נאָר אינעם חודש־זשורנאַל „דער יודע",[2] וועלכער איז מיר געווען זייער טייער, האָב איך געפרוווט, אין אַ באַמערקונג, צום סוף פון דעם העפט, אויס־צודריקן: „ווי שטאַרק מיר האָבן אים געליבט"...

הכרמל, ז' אייר תש"י

[2] יאַר 1917, העפט 11.

קעגנאיבער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

א שטומע באַגעגעניש

דאָס איז געווען אינעם זאַל פון דער גרויסער ביבליאָטעק פון דער בער־לינער יידישער קהילה, אויף אָראַניענבורגער גאַס 28, אין די ווינטער־חדשים פון 1915, אין ערשטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דרויסן האָט געבושעוועט די שווערד. די יוגנט איז אַוועקגענומען געוואָרן אויפן פראָנט. אויך די ציוניסטישע יוגנט האָט עס געצויגן אין שלאַכט, אייגנוויליק און מיט התלהבות; און אינעם דייטשישן הינטערפראָנט האָט געברענט אַ פייער פון פיינטשאַפט צו אַלע פעלקער. וואָרום אַלע פעלקער זענען דאָך געוואָרן פיינט פונעם דייטשישן פאָטערלאַנד. און איך בין אַ ציוויל־געפאַנגענער פון אַ פיינט־לעך לאַנד. אומקערן זיך אַהיים צו מיינע עלטערן — האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר מיר יעדע האָפענונג. און צו ארץ־ישראל איז פאַרשלאָסן געווען יעטוועדער וועג, — נישט פאַר עליה, נישט פאַר בריוו־שרייבן און אַפילו נישט צו דער־האַלטן גלויבנסווערטיקע ידיעות. די פלענער וועגן מיין פאַרזעצן דעם שטו־דיום אין אוניווערסיטעט זענען צערונען געוואָרן. די אָרגאַניזירטע סאָציאַליס־טישע וועלט וואָס האָט זיך געהאַט איבערגענומען פריער צו קענען זיין אַ פעלדזנפעסטע מויער קעגן דער בלוט־וואַקכאַנאַליע — איז רויִנירט און צע־קרישלט געוואָרן, און אירע צעריסענע שטיקער ווערן געטראָגן אויף די כוואַ־ליעס פון די ריוואַלע שטראָמען. אַלץ וואָס מיר איז טייער געווען אין לעבן, איז פלוצים אַריינגענומען געוואָרן אין אַ קלעם פון אימה.

קיין איין שטראַל האָפענונג רייסט זיך נישט דורך דעם דיקן דעק פון צעפלאַקערטער פיינטשאַפט. אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט האָט אַראָפּגענידערט און באַוועלטיקט דאָס האַרץ.

איך האָב אויך דאַן נישט פאַרגעסן אַז ווען נישט איז וועט די נאַכט זיך ענדיקן און דער מאָרגנשטערן וועט אויפקומען; אָבער פון וואַנען, פון וואַנען זאָל אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס געפינט זיך אין דעם סאַמע ברען פון דעם צאָרנדיקן אין דער פרעמד שעפּן כוח צו שפּאַלטן און שניידן פאַר זיך אַ וועג פון דער דאָזיקער לאַנגער מאוימדיקער נאַכט, ביז דער פרימאָרגן וועט קומען?

ווי שטענדיק אין טעג פון אויסגאַנגלאָזיקייט ווערט אויסגעשטרעקט אַ רעטונגס־סצעפטער פון דעם בוך־ווינקל. וואָס מער דאָס בוך איז דערווייטערט פונעם טומל פון לעבן און זיינע נויטן, אַלץ מער זיכער איז די רעטונגס־אייגנשאַפט אין אים.

דאַן איז דערשינען מיין רעטונגס־ווונק אין געשטאַלט פון דער גרויסער ביבליאָטעק פון דער בערלינער קהילה. און דאָס בוך זעלבסט אין געשטאַלט פון מקורות — שאלות ותשובות און דרוש־ספרים — מכוח דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון באַוועגונגען ביי יידן אינעם 17טן יאָרהונדערט.

מיין לערער, דאַן דער טייערסטער לערער מיינער, דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, האָט מיר פאָרגעשלאָגן נאָך איידער איך בין אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד צו שטודירן, צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דעם אינערלעכן לעבן פון די יידן אין פוילן און רוסלאַנד, פאַר דעם זאַמל־בוך וואָס האָט געדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן פון דער געזעלשאַפט פאַר היסטאָריע און עטנאָגראַפיע, וועמעס פּרעזידענט ער איז געווען. ער האָט אויך צונויפגעשטעלט פאַר מיר אַ רשימה פון שאלות ותשובות וועלכע ער האָט מיר געראָטן צו נאָכזוכן. איך האָב נאָך אָפּגעהיט, ביי מיר, די דאָזיקע רשימה, געשריבן פון זיין האַנט. אין די ערשטע יאָרן פון מיין אוניווערסיטעט לערנען האָב איך נישט געהאַט קיין צייט פאַר דעם. אַצינד, ווען אַלע טויערן פון לעבן און פון טרוים זענען פאַרשלאָסן געווען, איז יענער באַהאַלטן געוועזענער פּלאַן דערשינען פאַר מיר ווי אַ ישועה־קוויטל. לויט די געזעצן פון דייטשלאַנד אין מלחמה־צייט, איז מיר דערלויבט געווען צו באַוויזן זיך אין גאַס נאָר צווישן אַכט אינדערפרי און אַכט אַזייגער אין אָוונט. און נאָר אינעם תחום פון איין גאַס. האָב איך מיר אויסגעקליבן די גאַס, ווו עס געפינט זיך די גרויסע ביבליאָטעק פון דער בערלינער קהילה. יעדן אינדערפרי נאָכן צושטעלן זיך צום פּאָליציי־רעוויר, וואָס איז באַשטימט געווען וועגן קאָנטראָל איבער מיר, פלעג איך אַוועקגיין אין יענער רייכער ביבליאָטעק, וואָס איז איבערגעפּולט געווען מיט אַלדאָס גוטס פון דער ליטעראַטור פון יידישן פאָלק און וועגן יידישן פאָלק; און אין אָוונט פאַר מיין צווייטן צושטעלן זיך אין זעלבן פּאָליציי־רעוויר פלעג איך אַרויסגיין פון דער ביבליאָטעק באַלאָדן מיט די פרוכט פונעם טאָג; און אין מיין איינזאַמען צימער אויפן פינפטן שטאָק, פלעג איך אין יענע לאַנגע אָוונטן קלאַסיפיצירן מיינע צעטלען וואָס כ'האָב געזאַמלט פאַרן טאָג און, לויט זיי, בויען, וואָס איך האָב געדענקט דאַן צו בויען; אין די הפסקות־שעהן פון מיטאָג־צייט, ווען די ביבליאָטעק איז נאָך געווען געשלאָסן און דער מיטיק אין שפּייז־זאַל, וואָס דערביי איז שוין געווען געענדיקט, פלעגן מיר אויך אַ קורצער ווילע זיך אַריינכאַפּן אינעם דערבייאיקן פאָלקס־„קענטאָפּ“, אַ פולער פון שמוץ און טומל, פון קינ־

דער און מיר פלעגן זיך זעטיקן „מיט דער קונסט פון דער מלחמה־פירנדיקער דייטשלאַנד".

אין דער ביבליאָטעק האָב איך געפונען אַלע ביכער פאַרצייכנטע אין דער רשימה פון מיין רבין, דעם היסטאָריקער, און נאָך מער פיל ענלעכע און אַזעלכע; און אויך ביבליאָטעקאַרן־מומחים, צוגעלאָזטע, און אַזעלכע וואָס קענען זייער פאַך, האָב איך דאָרט געפונען. לייענער, אָבער וואָס זאָלן מעיין זיין אין די ביכער האָב איך געטראָפן דאָרט זייער ווייניק, יעדנפאַלס נישט לויט דער צאָל ביכער־שאַפעס וואָס אין דעם לייען־זאַל און דרויסן פון אים און אויך נישט לויט די אַרבעטס־טישן, וואָס אין מיין זאַל, וועלכע זענען — אין זייער איבערוויגנדיקער מערהייט — געשטאַנען ליידיק. פאַרמיטאָג פלעגן נאָך קומען שול־לערער זיך צוגרייטן צו זייערע לעקציעס. אָפטמאָל פלעגן קומען פראָפעסאָרן פון דער ראַבינער־שול פון הרב הילדעסהיימערס נוסח, וואָס איז געווען נאָענט פון דער ביבליאָטעק, אויף אַרטילעריע־גאַס 14, אָדער לערער פון דער הויך־שול פאַר יהדות־לימודים פון דער פונדאַציע פון צונץ און מאַיבאַום, וואָס איז אויך געווען אין דער זעלביקער גאַס. איינמאָל האָב איך זוכה געווען צו זען דאָרטן אינעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן — אויך דעם אַלטן פראָפעסאָר אַברהם בערלינער; עס פלעגן דאָרט זיין סעמינאַריסטן וואָס האָבן זיך געגרייט צו עקזאַמענעס און עס זענען געווען ראַבינערס וואָס האָבן געגרייט דרשות. דער סעקרעטאַר פון דער קהילה, ד"ר יוסף מייזל, שפּ"רס אידעם, אַ מאַן מיט אַ הערצל־באָרד, פלעגט אַריינקומען גאַנץ אָפט צו זוכן מאַטעריאַל פאַר זיינע ביכער וועגן דער געשיכטע פון דער השכלה און איבער גרעצס לעבן און ער פלעגט זיך פיל גריבלען אין די צעטלען, וואָס אין די קאַטאַלאָגן פון מיטן זאַל און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָרט פלעגט זיך אויך גריבלען דעם גאַנצן טאָג, מיין יונג־פאַרשטאָרבענער פריינט י. נ. שמחוני, דער יונגער היסטאָריקער, וואָס פלעגט אונדז אַלעמען איבעררעאַשן מיט זיין גוואַלדיקן זכרון און וועמעס לעבן עס איז איבערגעריסן געוואָרן אין סאַמע בלי, נאָך איידער דער בייזער אומגליק איז געקומען.

ער האָט, ווי מיר דאַכט זיך, געדענקט אויף אויסנווייניק אַלץ וואָס איז געווען פאַרצייכנט אין די צענדליקער טויזנטער צעטלען פונעם קאַטאַלאָג און לויט מיין מיינונג האָט ער כלל נישט געדאַרפט זיך גריבלען אין זיי.

נאָכמיטאָג אָבער פלעגט גאָר ווינציק זיין באַזוכער אין דעם גרויסן זאַל דעם אָנגעשטאָפּטן מיט וויסן און מיט ספרים. רעכטס פון מיר, אין אַ וויטן ווינקל, איז געזעסן אַן אַלטער — דאַווידאָוויטש איז געווען זיין נאָמען — וואָס האָט געשריבן אַ פירוש צום ספר איוב. און מיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדעט צו דעם איינזאַמען ווינקל, לינקס אינעם זאַל, וווּ עס איז געזעסן

אַ גאַר באַזונדערער מין מענטש, אַ באַלאַדענער פון שווערע וואָנסן און שווערע געדאַנקען, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין באַמיִען אַז זיין געזיכט זאָל בלייבן פאַרשטעלט צווישן די בערג ביכער, גרויסע און קליינע, וועלכע זענען געווען אויסגעלייגט אין אַ האַלבן קרייז רונד אַרום אים און נאָר ווען ער פלעגט זיך פאַרגעסן, אַ צעשטרייטער, איבער פאַרטיפקייט אין טראַכטן און פלעגט אַנ־שפּאַרן זיין בלייפעדער אויף זיין העפט און אויפהייבן דעם קאָפּ צו דער סטע־ליע, האָב איך פון דערווייטנס געקענט גוט זען זיינע דיקע וואָנסן, וואָס האָבן ווירקלעך דערמאָנט פרידריך ניטשעס וואָנסן און כ'האָב גוט געקענט באַטראַכטן זיין שטערן, אַ צעאַקערטן פון קנייטשן און רייך אין פאַרשטאַנד.

לאַנגע שעהן פלעגן מיר אין דרייען — אָן קיין שום אַנדערן מיט אונדז — זיצן אַזוי איין טאָג אויס, איינגעטוליעטע צווישן די שאַפעס ביכער, טייערע און ליבע צום האַרצן. טאָג איין טאָג אויס; און פון זיך זעלבסט האָבן זיך גע־שפינט די פעדעם. איך האָב געשפּירט: אַ פיל געלערנטער מענטש, אַ גייסט־רייכער, אַ וואָגיק־דענקנדיקער איז זיך דאָ, אין לייען־זאַל מתבודד מיט מיר יעדן אָוונט. זיין נאָמען אָבער האָב איך נישט געוווסט.

ווי געזאָגט, האָב איך זיך באַשעפטיקט דאַן מיט שאלות־ותשובות און מיט דרוש־ספרים פונעם 17טן יאָרהונדערט. איינמאָל האָב איך נישט געהאַט עפּעס אַ ספר און איך האָב אים נישט געקענט באַקומען. איך האָב אים געבעטן איינ־מאָל און צוויי מאָל און ער איז נישט געווען. ביז די העפלעכע ביבליאָטעקאַרן — פרוי ברוידע — האָט זיך איבערגעבויגן צו מיר איבערן אַרבעטס־טישל און האָט מיר אויסגעזאָגט דעם סוד: יענער בוך געפינט זיך איצט דאָרטן אינעם לינקן ווינקל, אויפן טיש פון ד״ר בערדיטשעווסקי און מען קען אים נישט שטערן; ווען ער וועט אומקערן דאָס בוך וועט זי אים פאַרהאַלטן פאַר מיינעט־וועגן.

דאַן בין איך געוווּיר געוואָרן ווער עס איז יענער פאַרהוילענער, וואָס איז מיט מיר צוזאַמען אין זאַל.

אויף מאָרגן האָב איך זיך געטראָפן מיט אים נעבן דעם טישל פון דער ביבליאָטעקאַרן; ער האָט אומגעקערט דאָס בוך וואָס איך האָב נייטיק געהאַט און די פרוי ברוידע האָט מיר פון ווייטנס אַ ווונק געטאָן, געבנדיק מיר צו וויסן, אַז דאָס בוך שטייט צו מיין דיספּאָזיציע. טאָפּלט נייגעריק, בין איך שנעל צוגעקומען צום טישל, אָבער ד״ר בערדיטשעווסקי, נעבן וועמען איך בין געשטאַנען, האָט מיט גרויס פאַרזיכטיקייט פאַרשטעלט דאָס צעטל וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט, כדי איך זאָל נישט קענען אויסגעפינען דעם סוד וועגן זיין נאָמען — עס געדענקט זיך מיר גוט דער סוד פון זיין ווייכן בליק, וועלכער איז געווען אויך עטוואָס ווי דערמוטיקנדיק: אַט פאָדערט אַ יידישער

יונגערמאַן אַזעלכע פאַרגעסענע ספרים ווי די דאָזיקע; אָבער אויך פאַרזיכטי־קייט, עס זאָל זיך נישט פאַרפירן קיין שמועס, האָט ער אייפערדיק אַכטונג געגעבן אַז זיין נאָמען זאָל בלייבן פאַרבאָרגן.

און ווי באַלד עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז די ביכער וואָס מיר האָבן גענוצט זענען אָפט געווען די זעלביקע (ער איז קענטיק, געווען אַריינגע־טאָן דאַן אין צוגרייטן זיין דייטשן בוך „פּוסבאַרן יודאס" — פון יידישן קוואַל; און פון מיין פאַרשונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דרוק דער פרק „יידיש אין דער שאלות ותשובות־ליטעראַטור פון 16טן און 17טן יאַרהונדערט", איינער ערשטן היסטאָרישן זאַמלבוך פונעם ייוואָ). האָט זיך באַקומען נישט איינמאָל, אַז דאָס בוך וואָס איך האָב געהאַט נייטיק איז געווען אין דעם פּאַק ביכער, וואָס איז געלעגן אויף זיין טיש; און דאָס בוך וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן איז געווען ביי מיר, אויף מיין טיש; און די העפלעכע פרוי ברוידע פלעגט מיר נישט איינמאָל געבן אַ ווונק איך זאָל צוגיין צו איר טישל, כדי צו איבער־געבן דעם געפאָדערטן בוך פון מיין האַנט אין זיינער אָדער אומגעקערט; און תמיד — יענע פאַרזיכטיקע באַוועגונג פון פאַרשטעלן מיט זיין איידעלער אויס־געצויגענער האַנט דאָס קליינע צעטל, כדי עס זאָל מיר נישט ווערן אַנטפּלעקט דער סוד פון זיין נאָמען.

און זיין נאָמען איז מיר שוין דאַן לאַנג געווען באַקאַנט, וואָגיק, ליב און טייער. „מחנים" איז געווען איינער פון די ערשטע ביכער אין דער נייער העב־רעישער ליטעראַטור וואָס האָבן אָנגעזאָגט פרילינג און די שריפטן „צעירים", די דינינקע העפטן, פּובליציסטישע און באַזונדערס די היסטאָריאָזאָפישע, וועמענס פלאַם גרייכט ביז די טיפענישן פונעם חשבון פון אַלע דורות און פון דעם דור — און דער סטיל זייערער איז ווי אַ פייער־קויל אויפן מזבח — האָבן מיך אויפגערודערט ביזן גרונט. איך בין שוין געווען מיט אים, נאָך ווען ער האָט פּאָלעמיזירט מיט אחד־העמען; אים האָב איך נאָכגעפאָלגט, ווען ער האָט אויפגעדעקט די טיפע ריסן, וואָס שפּאַלטן־צעפּיצלען דעם טראַדיציע־געוועב פון דער אומה. און מער ווי עס האָט מיך געצויגן זיין פּאָלעמיזירן, האָט דאָ געווירקט און איינגענומען די קראַפט און אויפריכטיקייט פון זיין ווייטיק. ווינציק זענען דאַן געווען העברעישע שרייבער וואָס דאָס האַרץ זאָל אַזוי צע־אַקערט ווערן פון זייערע שאַפונגען, גריבלענישן און זוכענישן, ווי ער. דער ווילן צו הערן אַ לעבעדיק וואָרט פון אים איז געווען גרויס, אָבער זיין שיינע־דיקע האַנט וואָס האָט פאַרשטעלט האָט גוזר געווען שטומקייט, בין איך גע־צוווּנגען געווען צו שווייגן.

איינמאָל זענען מיר געקומען צו־פרי, אָדער דער ביבליאָטעקאַר ד"ר רענצער, האָט יענעם טאָג פאַרשפּעטיקט. יעדנפאַלס ביידע האָבן מיר זיך צו־

זאַמענגעטראָפן און געבליבן שטיין אויף די טרעפ פונעם דריטן שטאָק, נעבן דער פאַרשלאָסענער טיר, אַ קורצע ווײַלע וואָס דאַן האָט עס מיר אויסגעזען ווי לאַנגע שעהן. דרויסן טריפט אַ רעגן. אין קאָרידאָר איז קיינער נישטאָ, חוץ אונדז צוויי. ביידע האָבן מיר געוווסט, אַז שוין וואָכן אַז מיר פאָרען זיך בײַ די זעלבע ביכער. ד״ר בערדיטשעווסקי אָבער, אָנגעלענט אויף דער פענצטער־ראַם פונעם קאָרידאָר, האָט אַרויסגענומען פון טעקע אַ צײַטונג און האָט אײַנגעגראָבן אין איר זײַנע אויגן, כדי מײַן יצר־הרע זאָל מיך נישט אַ רעג־טאָן צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. ביז ד״ר רענצער איז געקומען און האָט אונדז אויסגעלייזט פון דער שווערער געשפּאַנטקייט.

אין אַ צײַט אַרום האָב איך געלייענט בערדיטשעווסקיס דערציילונג „הזר״ (דער פרעמדער), און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז עטוואָס ענלעכעס צו אַזאַ סיטואַציע האָט שוין איינמאָל געטראָפן עמעצן פון זײַנע העלדן.

און אַ סך יאָרן נאָך זײַן טויט, אַז איך האָב דערציילט וועגן אונדזער באַגעגעניש דעם פאַרשטאָרבענעם שרײַבער פּ. לאַכאָווער, בערדיטשעווסקיס אַ פרײַנט און פאַרערער, האָט ער, קענטיק, אַ טראַכט געטאָן מיט זאָרג, טאָמער האָב איך מיך געפילט געטראָפן דורך בערדיטשעווסקיס דערווײַטערנדיקער פאַרזיכטיקייט. האָט ער, מיט פיל ווייכקייט פון אַכטונג צו זײַן פאַרשוווּנדענעם פרײַנט, זייער און זייער אויספירלעך מיר אויפגעקלערט, ווי טיף עס איז אין אים געווען די באַדערפעניש צו אַבסאָלוטער התבודדות, און ווי גרויס עס איז געווען זײַן מורא פאַר יעדער באַגעגעניש מיט אומבאַקאַנטע פאַר אים.

וועגן דעם דאָזיקן כאַראַקטער־שטריך זײַנעם האָב איך אויך דאַן געהערט נישט איינמאָל און איך האָב פון פאָרויס עס מקבל געווען אויף זיך. און אין מײַן האַרצן בין איך דאַנקבאַר געווען דעם צופאַל, וואָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו זען מיט מײַנע אויגן דעם דאָזיקן גרויסן שרײַבער מתבודד, וואָס האָט אַזוי אויפגעשטורעמט מײַן געמיט זינט איך בין געוואָרן אַ שטענדיקער לייענער פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור. יאָרן־לאַנג האָב איך געגאַרט פאָרצושטעלן זיך זײַן בילד, וואָס איז געווען אוממעגלעך צו געפינען אין קיין שום בוך — און מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז דער שרײַבער פאַר־באָרגט בכיוון זײַן בילד פון זײַנע לייענער — און דאָ האָב איך זוכה געווען צו פאַרזאַמען אין זײַן אָנוועזנהייט לאַנגע שעהן אין לויף פון וואָכן, צוזאַמען מיט אים אין די פיר ווענט צווישן יענע ביכער־פּאָליצעס און צו באַקענען זיך מיט אים פון דער נאָענט, הגם אַ שטילע שווײַגזאַמע באַקאַנטשאַפט. אָן רייד, נאָר בלויז דורך ביכער, פון האַנט צו האַנט.

כסלו תש״י

בנימין זעגעל

וואָס האָט, אייגנטלעך, געטראָפן דעמאָלט, אויפן שוועל פונעם יאָרהונדערט, ווען הערצל איז דערשינען אין ווין און צעטיילט דעם דור אויף צווייען? ווי עס איז געשען, וואָס ער בנימין זעגעל, דער איינגעוואָרצלטער ייִד, דער שטורמער וואָס מאַכט שטורמען, איז דאַן פאַרבליבן דרויסן פון דעם נייעם קרייז? און ער איז, דאָך, דאַן געווען אין זיין פולער יוגנט־קראַפט, אַ פאַרענדיקנדיקער סטודענט, אַן אָנפאַנגנדיקער שרייבער און אויך אַן אָנהייבנדיקער העברעישער שרייבער, אָנגעזאַפט מיט ייִדישקייט ווי אַ מילגרוים, און באַלאָדן מיט טאַלאַנט, פול מיט גלויבן אין זיך און אינעם מענטשן בכלל, אָנגעזעטיקט מיט פרילינג און דורשטיק נאָך קאַמף? פאַרוואָס האָט עס געטראָפן אַזוי, אַז פלוצים איז אויפגעשטיגן אַ וואַנט צווישן זיי? איז צומאָלס דער אומגליק נישט געקומען צוליב דער סיבה פון די יאָרן. הערצלס רוף איז געקומען אַ ביסל צו שפעט פאַר אים אויף געציילטע יאָרן און האָט אים געטראָפן, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף אַ געוויסער עסטראַדע, און האָט שוין פאַרנומען אַ באַשטימטע פאָזיציע, האָט שוין געהאַט אויך אַ נאָמען און זיין עסטראַדע האָט שוין געהאַט, ביז אַ געוויסער מאָס, אויך אַ טראַדיציע? האָט ער, אפשר דערפאַר, זיך נישט צוגעהערט צום נייעם רוף און ער האָט זיך ווייטער פאַרפעסטיקט אויף דער אַנטקעגנדיקער בימה? אָדער אפשר האָט, דעריין, געשטעקט די האַנט פון מקורבים: עמעצער האָט נישט אָפגעשאַצט ווי געהעריק זיינע פעיִקייטן און זיינע כוחות און האָט אים געשטעלט אין שאָטן, אָדער אפשר נאָך אַ שטויס געטאָן אָן אַ זייט? צי האָט גורם געווען דערצו, זיין וויכּוח מיט זיין לאַנדסמאַן מתתיהו אחד אָדער זיין פאַרהערלעכן ווילהעלם פעלדמאַנען האָט באַווירקט? אַזוי צי אַנדערש איז שוין די וואָגשאָל דאַן געוואָרפן געוואָרן; דער אומגליק איז געווען זיינער, ווייל צוליב דעם איז ער געווען פאַרמשפט צו וואַלגערן זיך זיין גאַנץ לעבן אין אַ געווירבל פון באַוועגונגען נישט זיינע, און צו פאַרווענדן אומזיסט דעם פייער פון זיין וואָרט אויף אַן אויסגעדאַרטן באָדן; און דאָס אומגליק איז געווען אויך פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט פאַרלאָרן איינעם פון די בעסטע קעמפער, וועלכער איז פון אָנפאַנג אָן ווי באַשטימט געווען צו זיין איר באַדינער און היטער, ווען עס וואָלט דע־

מאָלט נישט געווען געשען די מיספאַרשטענדעניש און טעותדיקע בלאָנדזשע־נישן.

פון דאָהאָטין, דאָס שטעטל פון זיין קינדהייט און פון לעמבערג — דער שטאָט פון זיין יוגנט — איז ער אַרויס אין דער ברייטער וועלט מיט אַ גרויס פאַרמעגן און אַ רייכער ירושה פון וויסן און כאַראַקטער. אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך געווען אָנצוזאַמלען אין די אוצרות פון מזרח־גאַליציע, האָט ער אָנ־געזאַמלט גאַנצע הויפנס, צו זיך אין זיין באַגאַזש אַריין: אוצרות פון תורה און פון לעבנס־סטיל, פון מיליע און הומאָר, פון ליידנשאַפט און טאַלאַנט. ווער באַך, ווי ער, איז געווען אַזוי אָנגעזאַפּט מיט פאָלקסטימלעכקייט און אַ בקי אין די געהיימנישן פון ייִדישן פאָלקלאָר, ווי איינער פון די גאָר גרעסטע מומחים אויף דעם געביט? און ווער נאָך ווי ער האָט זיך באַצויגן מיט אַזוי פיל ביטול צו יעדן קולט פון פאָלקלאָר און פאָלקסטימלעכקייט אין די לעצטע יאָרן? ווער, דען, נאָך, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך פונעם כבוד פון ייִדן אין פוילן און גאַליציע און האָט געקעמפט, הויך און ווירדיק זייער קאַמף מיט יעדן פּיינטלעכן זשורנאַליסט, און פאַרלוימדנדיקן פּאָליטיקער — אונדזעריקער צי זייעריקער — און האָט געפירט די מלחמה פאַר פּאָליטישער און גייסטיקער איינגעוואָרצלטקייט, מיט שטאָלץ אין הייליקן אויפברויז? און ווער, דען נאָך ווי ער פלעגט אויסגיסן זיין ביטערן צאָרן אויף דעם נאַציאָנאַליזם וואָס ביי אונדז גופא, וויל גאָר שיצן די „געטאָ־מויערן" און אויפבויען נייע באַסטיאָנען, אָנשטאָט די צעשטערטע, כדי „צו אויפשטעלן אַ נייע צעשייד־וואַנט צווישן די ייִדן און פּאָליאַקן?".

ער אַליין פלעגט אָן אויפהער וואַרפן זיינע דאָרן־פיילן אויף די „קאָמער־ציאַנטן און די יעראַרכיע־לייט", וואָס שטאַמען אַליין פון די שטעטלעך פון גאַליציע און פוילן, וואָס זענען אויפגעקומען, נתגדל געוואָרן אין דער געזעל־שאַפטלעכקייט און אין דער שטאַטס־פּאָליטיק פון עסטרייך און אויף דער ביר־זשע אין ווין און זיי האָבן פאַרגעסן אָן דעם גורל פון זייערע ברידער אין דער היים, הערן זייער שאַנד און שווייגן און קוקן צו, ווי נישט זיי מיינט מען, צו אַלע בלוטיקע ליידן: און ווי פלעגט ברענען זיין צאָרן אויף די שוואַרצזערישע ציוניסטן, וואָס האָבן געוואָגט צו חלומען וועגן נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָ־נאָמיע ביי אונדז, די דובנאָוויסטן און די ייִדישיסטן — אַלע זענען מיר געווען ווי דערנער אין זיינע אויגן.

דער אידעאַל פון די ערשטע קעמפער פאַר דער ייִדישער עמאַנציפּאַציע, פון אָנפאַנג 19טן יאָרהונדערט — וואָס פאַר אונדז איז עס שוין געווען נאָר אַ דעראינערונג פונעם פאַרגאַנגענעם — איז נאָך תמיד געווען פאַר אים אַ וועג, אָן אָנווייזער; און די גאַנצע קריטישע היסטאָרישע אָפּשאַצונג וועגן יע־

נעם יאָרהונדערט, וואָס איז צווישן אונדז פאַרשפּרייט געווען, לויט אחד־העם און דובנאָוו, מיט אַלע זייערע אורטיילן און אויסדרוקן — איז אים געווען דער־ווידער. לויט ער האָט געזען אונדזער דור — שטייט ער ערשט אין רעכטן מיט פון אַ קאַמף־תקופה פאַר יענער עמאַנציפּאַציע. אין מערב־אייראָפּע האָבן מיר שוין דערוואָרבן אַ פּולע, און מזרח־אייראָפּע, אָבער, האָט זיך נאָך נישט אָנ־געהויבן דער קאַפּיטל פון נצחונות. און דאָרטן אויך, פּונקט ווי אין מערב, שטייט נאָך פאַר אַ לאַנגער וועג; און כל־זמן מיר האָבן אים נישט פאַרענדיקט ביז צום סוף טאָר נישט אָפּגעשוואַכט ווערן ביי אונדז איר קאַמפּס־אימפּעט. די זיך קולטורעל פאַרפרעמדנדיקע און פאַרלייקענענדיקע פון איין זייט, און די ציוניסטן און אויטאָנאָמיסטן, וואָס פון דער צווייטער זייט — ביידע צוגלייך — האָט ער באַטראַכט, ווי שולדיקע פאַר דער אומבאַהאָלפנקייט וואָס האָט באַ־הערשט די יידישע רייען אין אָנהייב פון זייער קאַמף. און זיין פּובליציסטישער פלוך האָט געדונערט אויף ביידע לאַגערן. ווער האָט עס אויסגעטראַכט דעם דין אַז אויף די מזרח־אייראָפּעישע יידן הויערט דער מוז צו גיין אַן אַנדערן וועג, ווי די יידן פון מערב־אייראָפּע זענען געגאַנגען? צי קען דען אַ יידישער מענטש זיך נישט פילן אין פוילן און אין דער פּוילישער קולטור פּונקט אַזוי היימיש, אַזוי אַ בן־בית, ווי זיינע ברידער פילן זיך אין דייטשלאַנד און אין דער דייטשער קולטור? הלמאי זיין חבר ווילהעלם פעלדמאַן — דער לערער און פירער, און פאָרשער פון דער פּוילישער ליטעראַטור? הלמאי דער פּאָעט יוליאַן טוּווים, דער היסטאָריקער אשכנזי? און פּאָליטיקער ליבערמאַן און דיאַ־מאַנט — די קעמפנדיקע סאָציאַליסטן? און ווער האָט עס פאַלש געפּסקנט, אַז דער דאָזיקער וועג מוז, נויטווענדיקערווייז, זיין דווקא אַ וועג פון אַסימילאַציע? דאָס דאָזיקע וואָרט אַסימילאַציע איז געווען פאַר אים דאָס אַמיינסטן פאַר־האַסטע. ווי פון אַ שלאַנג געביסן, פלעגט ער אויפשפּרינגען דערהערנדיק עס... אַסימילאַציע? וואָס געהערט ער זיך אָן מיט דעם? וואָס קערט זיך עס אָן מיט יידן? ווער קען עס באַהויפּטן, אַז נאָכן בטל ווערן פון די צעשיידנדיקע ווענט, וועט אויך אויסגיין די יידישע נשמה? אויך נאָך דער פולשטענדיקער רעאַלי־זירונג פון דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע — וועט נאָך אַלץ פאַרבלייבן אַ ברייט פעלד פאַר יידישער גייסטיקער אייגנאַרט, וואָס נייטיקט זיך, כלל, נישט אין פּאָליטישע מכשירים און שוץ־צודעקונגען. פיל איז די צאָל פון די וועזנטלעכע אייגנשאַפטן וואָס אונטערשיידן צווישן יידישן גייסט און דעם גייסט פון די פעלקער, און פיל זענען די אויפגאַבן וואָס דערוואַרטן אַן ערנסטן יידן צווישן יידן גופא. און זיי וועלן אַלעמאָל פאַרהיטן. עס איז פאַראַן אַ „הר המוריה" און ס'איז דאָ אַ „גאָלגאָטאַ" — האָט זעגעל איינגעקנעלט — און צווישן זיי ליגט אַ תהום. עס איז פאַראַן רעליגיעזיטעט, וואָס ביי יעדער ענדערונג

פון פאָרם און אינהאַלט, הערט זי קיינמאָל נישט אויף, און אין איר ליגט די אמתע ערבות פאַרן ייִדישן קיום. עס זענען פאַראַן ייִדן אין די מאַסן, וואָס צאַנקען און וועלקען אין זייער פּיין אין מזרח־אייראָפּע און אין מזרח פון דער וועלט. זיי שרייען, רופן נאָך הילף — און זי קומט נישט; און די זאָרג וועגן זיי איז הינטערשטעליק. עס זענען פאַראַן ווערטן גייסטיקע און ווערטן קינסטלע־רישע, אָנגעזאָפּטע מיט זעלבסטשטענדיקייט און זיי וואַרטן, מ׳זאָל זיך אָפּגעבן מיט זיי, מען זאָל זאָרגן פאַר זיי. און אויב איר ווילט נאָך מער — איז נאָך פאַ־ראַן אויך אַ העברעיִשע שפּראַך, און אַ העברעיִשע ליטעראַטור, וואָס שטערט ווינציקער ווי ייִדיש צו דער רעאַליזירונג פון דער בירגערלעכער עמאַנצי־פּאַציע; און אין דער לעצטער צייט האָט ער געוואָגט, אַפילו, צוצוגעבן: עס איז פאַראַן אינעם ציוניזם אויך אַן עלעמענט פון קאָלאָניזאַציע און פון חיבת־ציון, וואָס זיי קענען אויך זיין פון גרויס נוצן און ס׳איז אפשר אַ פליכט אויך דאָס איינצושליסן אינעם ייִדישן געוועב. אויב זיי זאָלן נאָר נישט זוכן צו פאַרדאַרבן דעם געוועב זעלבסט דורך סעפּאַראַטיסטישע באַצילן און זיי זאָלן נישט האַלטן אין איין רעדן וועגן נאַציאָנאַליזם, וועגן אָפּגעזונדערטקייט — וואָרום דאָס הייסט: שפּילן זיך מיט פייער! און פאַר דעם אַלעמען און איבער דעם אַלעמען — איז אויף דער וועלט פאַראַן אַנטיסעמיטיזם. וועלף הונגעריקע שאַרפן דאָס אויג אויף ייִדן, די צעזייטע און צעשפּרייטע שאָף אין יעדן לאַנד, אויף יעדער שפּראַך און אין יעדן קולטור־געביט. מיר אַליין, איבער אונדזער אַפּאַטיע און אונדזער יאוש, איבער אונדזער מאַנגל אין פעיִקייט און אונדזער מאַנגל פון שטאָלץ — מיר אַליין זענען שולדיק, וואָס אָט די פאַרגיפטעטע פיילן, געגאָ־סענע פון אומגעלומפּערטע שקרים און פאַלשקייטן, ווערן געוואָרפן אויף אונדז אַזוי האַסטיק און זענען אַזוי לעבנס־געפערלעך. אונדזער שוץ־קראַפט איז אָפּ־געשוואַכט געוואָרן. מיר הערן אונדזער שאַנד און מיר ענטפערן נישט אָפּ. מיר וויינען איבער די פאַלש־אויסגעטראַכטע בילבולים וואָס מען פאַרשפּרייט וועגן אונדז אין די מאַסן, און מיר נעמען זיך נישט אָן מיט קראַפט צו אויפדעקן זייער פאַלשקייט און די געמיינקייט פון די וואָס טראַכטן זיי אויס. אַנשטאָט בטל צו מאַכן זייער גיפט און אַרויסצורייסן זיי מיטן וואָרצל. זענען מיר נאַכ־לעסיק, אַפּהענטיק; אומפעיִקע זענען מיר. דעריבער זענען מיר אַליין שולדיק פאַר אונדזערע צרות. און דער פּאָליטישער ציוניזם און די נאַציאָנאַלע אויִ־טאָנאָמיע־חלומות העלפן נאָך מער צו אויפצובלאָזן די לעגענדע וועגן דער ייִדישער אָפּגעזונדערטקייט. — די געגאַרטע שטרעבונג פונעם אַנטיסעמיטיזם — און זיי העלפן אויך צו אָפּטויטן אין אונדז אַליין דעם ווילן און שטרעבונג צו קעמפן קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. „דער ציוניזם — פלעגט ער מיר זאָגן צום שלוס פון אונדזערע ביטערע דיסקוסיעס — ווען ער זאָל געווען קומען

נאָך דער רעאַליזירונג פון דער ענדגילטיקער עמאַנציפּאַציע וואָלט געוועז אין אים אַ גליק פאַר דער באַפרוכפּערונג פונעם יידנטום. היות, אָבער דער ציוניזם האָט זיך צוגעאײַלט און איז געקומען פאַר דער צייט, ווען מיר זענען נאָך ווייט דערווייטערט פונעם ציל־פּונקט — די עמאַנציפּאַציע — און די מלחמה פאַר איר פאַרווירקלעכונג מוז נאָך אָנגעהאַלטן ווערן און פאַרגעזעצט ווערן, און דער עצם־ענין מלחמה פאָדערט קאָנצענטרירונג, פאָדערט געשמידט זיין, איז אינעם ציוניזם, דעריבער, אַ סכנה פאַר אונדז און פאַר אונדזער צוקונפט.

אַזוי האָט געדונערט און געשטורעמט מיין אָפּאָנענט־פריינט, בנימין זעגעל.

און ער אַליין האָט געוואָלט זיין אַ לעבעדיקער און באַגלייבטער און טרייער עדות, אַז די ליידנשאַפט צום שוץ און די פעיקייט צו פאַרטיידיקונג, האָבן נאָך נישט אויפגעהערט אין אונדזער דור.

ווי אין די צייטן פון לודוויק בערנע און אליהו אָרשאַנסקי האָט ער אַרויסגעצויגן די שווערד פון דיסקוסיע און האָט, ווי אין פּייער־פלאַם, געברענט די פיינט רונד אַרום, און פאַרשטאָפּט אַלע פאַרלוימדערישע מיילער. באַרייזט טעאַדאָר לעסינג אַ ריי גאַליציאַנער שטעטלעך און אין אַ סעריע מאמרים אין דייטשישע צייטונגען גיט ער איבער זיינע איינדרוקן, וואָס זענען אים אויס צו זיין באַליידיקנדיקע, ווי די גרעסטע אָפּשפּעטנדיקע; פאַרמעסטן זיך דייטשע פּאָליטיקער צו פאַרשליסן די טיר פאַר איינוואַנדערער „אָסט־יודען"; צעטענהט זיך פּ. דעליטש, אַז דער אַלט־יידישער שאַפונג פעלט מקורותדיקייט; פּרובירט אַ רומענישער פּראָפעסאָר אַרויסצוקומען באַגרינדן די עטישע ווערט פונעם „נומערוס קלאַוזוס"; האָט דער דייטשער אַנטיסעמיט פּריטש געלעסטערט דעם גאָטהייט־באַגריף ביי יידן; און אַז דער צורר־אַנטיסעמיט רעוונטלאָוו האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון" — פלעגט ער, זעגעל, תיכף זיך וואַרפן אין קאַמף ווי אַ לייב, באַוואָפנט מיט וויסן און פּאַטאָס, מיט גבורה פון געדאַנק, און מיט שאַרפקייט אין שפּראַך און געשליפנקייט פון פּאָלעמיק און ער פלעגט פון זיי מאַכן אַש און רויך און פלעגט שלאָגן רוקן־לענד.

און די מערהייט פון די דאָזיקע טאַטן און זאַכן און פיל נאָך ענלעכע צו זיי, האָט ער געטון „אינקאָגניטאָ", אונטער פּסעוודאָנימען און גאָר אָן אָן אונטערשריפט, פון יעדער טריבונע וואָס האָט זיך נאָך געעפנט פאַר אים, און אין נאָמען פון יעטוועדער קאָמיסיע, וואָס האָט עס אים נאָר דערמעגלעכט, אָן דער אַבזיכט צו באַקומען דערפאַר פירסום אָדער כבוד. אַפילו די וואָס זענען גוט באַקאַנט אין אַלע וועגן און שטעגן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט ווייסן נישט אַז אין אונדזער דור, איז זעגעל געווען צווישן די גרעסטע טוער פון דער דאָזיקער אַרבעט. נישט פיל ביי אונדז ווייסן, אַז ער איז עס געווען דער וואָס

האָט באַוויזן צו צערייסן דעם געוועב פון ליגנס וואָס הילט איין די געשיכטע פון די קאָמפּליצירטע פּעלשונגען פון די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון“, און צו דערוויזן, אומבאַשטרייטבאַר, זייער אָפּשטאַם, זייער מחבר און פעלשער און זייער פאַרשפּרייטער אין פאַרשידענע שפּראַכן; נישט פיל ביי אונדז ווייסן, אַז דער בוך וואָס זעגעל האָט וועגן דעם אָנגעשריבן איז דער פונדאַמענטאַלסטער ספר, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער דאָזיקער פינצטערער שאַפונג, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פיינטשאַפט, פאַלשקייט און רשעות. פּונקט אַזוי ווייסן ווייניקע, אַז די באַרימטע זאַמלונג פון „שפּריכווערטער“ פון איגנאַץ בערנשטיין, וואָס האָט פאַר פיל, ביי אונדז, געדינט אַלס ערשטער קוואַל פאַר פאָלקס־וויסן און פאָלקס־ליבע, איז געזאַמלט געוואָרן פון אים בעיקר, אויב נישט אַממיינסטן. און ער האָט עס דעם דאָזיקן אוצר דערקלערט און פאַרטייטשט. און פּונקט אַזוי איז געוויס קנאַפּ די צאָל פון די וואָס ווייסן, אַז דער באַרימטער חודש־זשורנאַל „אָסט און וועסט“ — אָט־דאָס ווינקל פון „יפת אין די געצעלטן פון שם“[1] אין דייטשלאַנד, וואָס דער נאָמען פון לעאָ ווינץ האָט פיגורירט אַלס זיין רעדאַקטאָר, איז אין דער ווירקלעכקייט רעדאַקטירט געוואָרן יאָרנלאַנג און גאַנץ אָפט אויך אָנגעשריבן געוואָרן אַממיינסטן, דורך דעם־אָ בנימין זעגעל, אַ טייל אונטערגעשריבן מיט זיין פולן נאָמען און די מערסטע טייל מיט פאַרשידענע פּסעוודאָנימען (בר־עמי, ב. ספרא, ד״ר שיפער, ד״ר זאב, ב. ראהאטין און אַנדערע).

צי האָט ער מקבל באהבה געווען זיין פאַרבלייבן אומבאַקאַנט און אין שאָטן? זיין שטאָלץ האָט אים נישט דערלאָזט זיך צו באַקלאָגן אויף דעם. ער האָט אָבער גוט געוווּסט זיין ווערט און ער האָט אויך געוווּסט דעם אונטערשייד אין ווערט־און־וויכטיקייט צווישן אים און די זייער באַרימטע אין דעם יידיש־דייטשן און יידיש־פּוילישן צייטונגס־וועזן און געזעלשאַפטלעכקייט פון זיין דור. אָבער ער האָט באַטראַכט פאַר זיך ווי אַ זכות אויך די דאָזיקע אומגערעכטיקייט. ער האָט געוווּסט, זיכער, אַז ווען ער וואָלט געוועזן איינגעשטימט צו אָנשליסן זיך אָפיציעל צו איינער פון די אָנהאַלטנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרטייען וואָס שטרייטן צווישן זיך, וואָלט ער תיכף געוויס געקענט געניסן פון ביידע וועלטן, — אי באַרימטקייט, אי מאַטעריעלע גינסטן — וואָס ער האָט געהאַט אין אַזאַ קנאַפּער מאָס. ער האָט אָבער פאַרלייגט זיין געצעלט דרויסן פון ביידע שטרעמונגען און ער האָט, אַזוי אַרום, אָנגעוואָרן כבוד ביי ביידע. זיין גאַנצער שכר איז געווען, וואָס זיינע פיילן טרעפן אין ציל, ווען אַפילו זיין נאָמען בלייבט פאַרהוילן.

---

[1] „יפת באהלי שם“ — אַ מליצה וואָס ווערט באַנוצט אין זין פון וועלט־קולטור אויף אַ יידישקייט־טריבונע.

אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה זענען געשטיגן די כוואַליעס פון דער מחלוקת. גלייך ווי אַלע קעגנזאַצן פון זיין גייסט וואָלטן געוואָרן צונויפגעפלאָנטערט: לאַנדעס־פּאַטריאָטיזם און אַלוועלטלעכע ייִדישקייט, ייִדיש בלוט אויף די מזבחות פון די „פּאַטערלענדער" און ברענענדיקער אַנטיסעמיטיזם צווישן די פּעלקער פון די פּאַטערלענדער. זיין פּוילישער ייִדנטום איז צעשטערט און איז „דערלייזט" געוואָרן דורך דייטשלאַנד און איז אָוועקגעגעבן צום דייטשן ייִדנטום אין אַרענדע און זיינע פאַרבינדעטע אין דער מלחמה קעגן דעם ציוניזם טוען איר שליחות און פירן אָן, געשמאַק מיט דער דאָזיקער אַרבעט; און די ציוניסטן וואָס גיבן זיך איבער אין קאַמף פאַר די ייִדן אין פּוילן, מישן זיך אַריין אין די פּוילישע אינערלעכע ענינים, שטעלן אַרויס פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלע רעכט און דורך דעם פאַרהאַלטן זיי די אַנטוויקלונג, שטעלן אין געפאַר דעם שלום און רעגן אויף דעם אַנטיסעמיטישן פיינט; און זיין קאַמפּס־וועג אינעווייניק, אין דער ייִדישער מחנה גופא, איז אַזוי ווי דער וועג פון זיין קאַמף כלפּי־חוץ. אָן רחמנות אין דער פּאָלעמיק און אָן צירלעכע מאַנירן אין דער טאַקטיק. שטאָל קעגן שטאָל! אין דעם ציוניזם האָט מען אים באַטראַכט ווי דעם סאַמע געפערלעכסטן קעמפער אין דעם לאַגער פון די קעגנער, און אויך אין אַנטי־ציוניסטישע קרייזן, וואָס האָבן עקספּלאָטירט זיינע כוחות און אויסגענוצט זיינע פעיִקייטן, האָט מען זיך געקווענקלט צוצוטיילן אים דעם כבוד אין דער געזעלשאַפט. ווער ווייסט ווו עס קען אים פאַרפירן זיין טריישאַפט צום אָסט־יודענטום — און אויף וועמען ער קען מאָרגן אויסגיסן זיין פּאָלעמישן צאָרן.

צי האָט ער געפינען רו אין זיין געצעלט וואָס ער האָט אויפגעשטעלט מחוץ פון ביידע לאַגערן אַזעלכע ווי ער זוכן נישט קיין רו. ער האָט פּרובירט זיין כוח אין עטנאָגראַפיע, אין פילאָסאָפיע, אין דראַמע און אין געשיכטע — און ער האָט זיך נישט באַרויקט. זיין בוך וועגן „ייִדן און די וועלט־מלחמה" און „ייִדן און פּאָליאַקן", וועט אָוועקטראָגן דער צאָרן־טאָג, זיין בוך, אָבער, וועגן די ייִדן אין רומעניע, איז אַן איין און איינציקער אין זיין אַרט, און זיין סימבאָלישע דראַמע „דער וואַלד", מעג געלייענט ווערן מיט אינטערעס ביז היינט צו טאָג.

ער איז נישט דערגאַנגען צו קיין שום ברעג. ווי לאַנג דער זשורנאַל „אָסט און וועסט" האָט נאָך עקזיסטירט האָט ער נאָך געהאַט אַ טריבונע, לויט זיין גייסט: צווישן די קעגנערישע לאַגערן; אָבער אַז די טריבונע איז בטל געוואָרן, איז זיין ענגער שטעג נאָך שמעלער געוואָרן. נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט ער אַראָפּגענידערט אַ טרעפּל און האָט פאַרעפנטלעכט זאַכן אין דעם „אום דויטשן רייך", דער אָרגאַן פון די „דייטשן פון משהס גלויבן". ער

האָט אויך זיך באַטייליקט אַפילו אין „ק. צ. בלעטער", — דעם אָרגאַן פון די אַסימילירטע יידישע סטודענטן. אָבער גראָד דאַן איז פאָרגעקומען אַ געשעע־ניש וואָס האָט, ווי געעפנט פאַר אים נייע האָריזאָנטן: עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אויסגעברייטערטע יידישע אַגענץ. עס איז געוואָרן לעגאַל ארץ־ישראלדיקייט אָן ציוניזם. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן צום נייעם אויפטו און האָט געפּרוּווט צו זיין אַ טרעגער פון אָט דער ישראלדיקייט, צווישן די נייע וואָס זענען צוגעשטאַנען און צווישן די ווייטערע וואָס זענען נאָך נישט צוגעשטאַנען. יאָרן פאַר דעם נאָך, ווען עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דייטש פּרקים פון באַריכט פון אונדזער ארץ־ישראל־דעלעגאַציע פון „פּועלי־ציון" און אין זיי איז דערציילט געוואָרן, וועגן אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, וועגן די קבוצות און די מושבים, איז ער געווען דער, וואָס האָט אין די אַסימילאַציע־ציַיטונגען אויפגענומען דאָס העפט מיט אָפענע אָרעמס און עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו זאָגן עס דווקא דאָרטן. זינט דעם קאָנגרעס אין ציריך, האָט ער אויך אָנגעהויבן צו טראָגן די פאָן פון דער אויסגעברייטערטער אַגענץ און אַז ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטאָט ווין איז ער אויך אַריין — מיר דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל, נאָך זיין דרייסיק־יאָריקן קריג — אין אַ ציוניסטישער ציַיטונג און האָט אָנגעהויבן שרייבן אין שטריקערס „ווינער מאָרגנציַיטונג". אַ ווײַלע האָט עס אויסגעזען ווי „די ברעגן וואָלטן זיך דערנעענטערט".

אָבער זיי האָבן זיך נישט דערנעענטערט. זיין קראַנקייט האָט אים געפּיי־ניקט יאָרן. דער קאָפּ האָט געטראַכט און פאַרטראַכט וועלטן און די פיס זענען שווער געוואָרן און נישט געגאַנגען. צענדליקער יאָרן פון וואָגלעניש, פון בי־טערע אויפרעגענישן אין לעבן, פון נויט און עלנט, פון אַן איינזאַמען אומ־פאַרהייראַטן, אויפגעברויזטן יידישן אינטעליגענט, האָבן זיך געלאָזט פילן. און אויך די געציילטע קנאַפּע יאָרן פון גליק, וואָס זענען אים באַשערט געווען אויף דער עלטער, ווען נעבן אים איז געווען זיין חברטע־פאַרערערן, זיין יונגע תּלמידה־קרובה, האָבן נישט באַוויזן צו קענען אים ראַטעווען.

ווי איך האָב געהערט, האָט ער — איבערגעפּולט פון ווייטיקן און אַ היילונגסלאָזיקייט — אייגנוויליק פאַרלאָזן די לעבנס־אַרענע (1932).

אַ יידישער מענטש אָבער, — און מעג ער זיין זיינער אַ קעגנער שבקעג־נער — אַז ער פלעגט זיך טרעפן מיט אים, אויסער די גרענעצן פון דעם גע־זעלשאַפטלעכן וויכוח און נאָכדעם ווי דער פאָלעמישער שטורעם איז געשטילט געוואָרן — פלעגט זעגעל דערשיינען פאַר אים ווי דער האַרציקסטער מענטש, פול מיט מענטשלעכער פאַרשטענדעניש און מיטלייד, אַ ברודער צו יעדן דערדריקטן. אַ זוכער פון יידישע לאָמאַנאָסאָווס אין אַלע גאַסן, און באַדינער

זייערער מיטן לעצטן רעשט פון זיין קראַפט. אַ זאַפטיקער יידישער פאָלקס־מענטש, אַן אָנגעפּראָפּטער אוצר פון פאָלקלאָר און הומאָר. אַ שאַרפער. אינ־טערעסאַנטער מיטשמועסער, אַ גייסטרייכער דיכטער, אַ זיך ראַנגלענדיקער, איינזאַמער און אַ קראַנקער און אַן עלנטער. מיט אַ רייכער, צעריסענער און צעפּליקטער נשמה.

און ווען אַפילו מיילנווייט איז פון אונדז דער דאָזיקער מענטש, ווייט לויטן געדאַנקען־גאַנג און ווייט לויטן עלטער און ווען אַפילו מען וועט זאָגן טמא צו דעם וואָס ער האָט געזאָגט טהור, מוז מען איינזאַמלען אים אין האַרצן און געדענקען אים שטענדיק צום גוטן.

יעקב קלאַצקין

אין דער פרעמד, אין אַ ווייט און רויִק שווייצאַריש שטעטל, אין וועווע, וואָס נעבן לאָזאַן, ווייט פון דעם געוויש פון יידן און פונעם טומל פון יידישע ליטעראַטור־לייט, האָט ד״ר יעקב קלאַצקין געלעבט דאָס לעצטע יאָר פון זיין לעבן און דאָס יאָר איז פאַר אים געווען אַ יאָר פון גרויסע וועלט־אומפאַסנדיקע ליטעראַרישע פּלענער. ער האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט זיין גרויס פילאָסאָפיש בוך אין ענגליש. אין וועלכן ער האָט געזען די באַגרינדונג פון זיין וועלט־אַנשויונג וועגן לעבנס־אינסטינקט ביי מענטשן און ביי דער מענטשהייט, און ער האָט געהאַלטן אין אָנשרייבן פון דאָסניי דעם תמצית פון דעם דאָזיקן בוך אָריגינעל העברעיִש. ער האָט געהאַט פאַרטיק פאַר זיך אַ גאַנצן אוצר פון ליטעראַרישע און פילאָסאָפישע עסייען, געשריבן אין אַ קלאַצקינישן העברעיִש, אייניקע אויף אַלגעמיינע טעמעס, אַנדערע אויף יידישע טעמעס, אויף צייט־פראַגן, וועגן פּערזאָנען, וועגן באַגעגענישן און וועגן באַגריף־ענינים. צווישן זיי אַזעלכע, וואָס ער איז נאָך נישט געווען גרייט צו פאַרעפנטלעכן זיי באַזונדער. אַנדערע האָט ער געהאַלטן גרייט פאַר אַ צווייטן באַנד פון „זוטות״ (קליינינקייטן); און נאָר אייניקע פון די דאָזיקע עסייען האָט ער שוין געהאַט אָוועקגעשיקט פאַרן „התקופה״ אין נאָרד־אַמעריקע, פאַרן „קיום״ אין פּאַריז און פאַר טשערנאָוויצעס „בצרון״. אין עסיי, דעם לעצטן — אַ פילאָסאָפיש־פּעסימיסטישער עסיי וועגן די קריזיסן אין דער וועלט־קולטור און וועגן דער „אייביקייט״ פון דער נאַצישער פאַרדאָרבנקייט און רשעות — האָט ער נאָך באַוויזן אָוועקצושיקן צום יאָרבוך פונעם „דבר״ (תש״ז). ער האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט צוגרייטן צום דרוק אַ צווייטע פראַגמענטן־זאַמלונג פון געדאַנקען און דיכטונגען פון אויסדערוויילטע שעפער־פּערזענלעכקייטן פונעם לעצטן יאָרהונדערט, מיטן נאָמען „משנת אחרונים״, ענלעך צו זיין באַרימטער אַנטאָלאָגיע פון די גריכישע קלאַסיקער, מיטן נאָמען „משנת ראשונים״. די דאָזיקע זאַמלונג האָט אַנטהאַלטן אַן אויסשעפנדיקן און אייפערדיק־אויספירלעכן אָפּקלייב פון פיין־געשניצטע און קונציק־אויסגעטאָקטע פאַרטרעפלעכע אַפאָריזמען — דאָס בעסטע פונעם פאַרמעגן פון דער מענטשהייט אין די לעצטע דורות, אָנהייבנדיק פון מאָנטעניען ביז טאָמאַס מאַן, מיט פראַגמענטן פון געטע

און ניטשע, פון טאָלסטאָי און לאַסאַל, פון פרויד און בערנאַרד שאָו — אַ הונדערטער דיכטער און פילאָסאָפן און דענקער פון די לעצטע דורות. אין כאַראַקטעריסטישע און תמציתדיקע פסוקים האָט ער אָנגעזאַמלט דאָרטן פון דאָס שענסטע און בעסטע ביי די פעלקער און האָט עס איבערגעשאָפן אין זיין קרישטאָל־געשליפענעם נייעם העברעיש. ער האָט נאָר געוואָלט איבערגיין נאָך איינמאָל מיט דער פעדער איבערן מאַנוסקריפּט און פאַרענדיקן דעם שלייפן פאַרן איבערגעבן עס צום דרוק. ער האָט אויך געפּלאַנט וועגן אַ נייער און אויסגעבעסערטער אויפלאַגע פון זיין גרויסן בוך „אוצר המונחים הפילו־סופיים". אָן דעם איז ער געוועזן זיכער, קען מען בכלל נישט צוטרעטן צו לער־נען אין העברעיש די נייע פילאָסאָפיע. און ער האָט געהאַט אָן אַ צאָל ראיות און באַווייזן ווי ווייט דאָס פעלן פון אַ ריכטיקע און פּינקטלעכע דעפיניציע פירט צו פאַרמישן־און־פאַרווישן די באַגריפן און איז גורם צום אַראָפּנידערן דעם גייסטיקן ניווא פון דעם יידישן געדאַנק אין אונדזער דור און ווי ווייט דאָס ווערטערלעכע נאָכמאַכן, און הייס האָט ער גערעדט וועגן דעם, און די טאַנדעט־איבערזעצונגען, וואָס ווייסן נישט ווי צו שעפּן פון אָנגעזאַמלטע אוצ־רות אין די העברעישע מקורות, פאַרקריפּלען און פאַראָרעמען די שפּראַך מיטן געדאַנק צוזאַמען.

און ער, קלאַצקין, איז געווען נישט אַ ליטעראַט אינעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט און נישט נאָר אַ פילאָסאָף, וואָס האָט אָנגעשריבן זיינע העברעישע ביכער וועגן שפּינאָזאַ און וועגן הערמאַן כהן און זיין דייטש בוך וועגן אינס־טינקט פונעם באַוווסטזיין און זיין נייעם ענגלישן בוך און האָט געלייענט לעק־ציעס וועגן פילאָסאָפיע אין טשיקאַגער אוניווערזיטעט. אַ גרויסער גאָניסטער איז ער געווען פון דער וועלט־קולטור און האָט מהנה געווען דעם העברעישן לייענער פון איר רייכקייט און איז שטענדיק געווען דער מענטש פון זיין צייט. ער האָט אַרויסגעזאָגט מיינונגען וועגן ענינים פונעם דור און האָט געפסקנט שאלות פאַר די וועג־זוכער צווישן די באַנייער פונעם דור. זיינע מאמרים אין העברעיש און דייטש וועגן ציוניזם האָבן אויפגעבויט אַ גרונט־שיטה, די עקסטרעמע פאַר־ניינונג פונעם גלות, די פונדאַמענטירונג פון דער אומפאַרמיידלעכקייט אין דער אַסימילאַציע אין גלות און זיי האָבן דערצויגן אַ דור צום פאַרווירקלעכנדיקן ציו־ניזם; ער האָט אויך אויסגעטראָטן וועגן אינעם ציוניזם גופא. ער איז געווען אַ רעדנער פון גרויס איינפלוס און שווער וואָגיקער געדאַנקלעכער שטאַרקייט; נישט נאָר ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן און רעדאַקטאָר פון דער „וועלט", נייערט אויך ווען עס איז געענדיקט געוואָרן די צווייטע וועלט־מלחמה און ער, צוזאַמען מיט נחום גאָלדמאַן האָבן אַרויסגעגעבן אין היידעלבערג די חודש־שריפט „פרייע ציוניסטישע בלעטער", דורך וועלכע זיי האָבן געקעמפט פאַרן

פּאָליטישן ציוניזם און פֿאַר דער וויכטיקייט פֿון דער אַראַבישער פּראָגע. ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע וואָס האָט אונטערגענומען אַ פּאַרצווייפֿלטן קאַמף קעגן די אילוזיעס פֿון ציוניסטן בנוגע די כוונות פֿונעם „בריטישן אַל־ביאַן". עס איז נישט צו פֿאַרגעסן די וואָרענונגס־רעדע קעגן ענגלאַנד וואָס ער האָט געהאַלטן אין יאָר 1920 אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון די דייטשע ציוניסטן אין בערלין — נישט לאַנג נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און עס געדענקט זיך גוט אויך זיין שאַרפֿע קריטיק, פֿון דערוויטנס, נאָכדעם שוין ווי ער איז אַוועק פֿון דעם בריטן שליאַך פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף און האָט זיך אָפּ־געזונדערט מיט זיינע ביכער און עסייען.

און ער איז אויך געווען אַ ליטעראַרישער בוימייסטער פֿון ברייטן פֿאַר־נעם און האָט ליב געהאַט די ליטעראַרישע אַרכיטעקטור, אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער ענציקלאָפּעדיע „אשכול" האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעיִקייטן און פֿיל אָפּעטיט פֿון אַן אַרכיטעקטאָר. ער האָט אָנגעזאַמלט ידיעות, אוצרות גאַנצע, און האָט זיי איינגעשטעלט אין איינגעריכטעטע פֿורעמס. די דאָזיקע אייגנ־שאַפֿט האָט ער אַרויסגעוויזן אין זיין געדרוקטן בוך „משנת ראשונים" און אין „משנת אחרונים" וואָס ער האָט געלאָזט אין כתב־יד[1] און אינעם „אוצר המוג־חים הפילוסופים" (דער אוצר פֿון פֿילאָסאָפֿישע טערמינען) און אין די לעקציעס וואָס ער האָט פֿאַרגראַמירט און פֿאַרגעטראָגן זיי און וועגן וועלכע ער פֿלעגט רעדן אין זיינע ברויזנדיקע און באַרוישנדיקע שמועסן.

מיין לעצטן שמועס מיט אים האָב איך געהאַט אין לאָזאַן, עטלעכע חדשים פֿאַר זיין טויט, סוף 1947. זיין פֿריינט ה. ליגוס, וועלכער איז געקומען פֿון וועווע קיין זשענעוו, בעת דער סעסיע פֿונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט מיר געזאָגט, אַז קלאַצקין וויל מיך זען בעת מיין רייזע צוריק קיין ארץ־ישראל. מיר האָבן זיך געקענט פֿון דער צייט ווען מיר האָבן ביידע געוווינט אין בערלין, בעת ער האָט רעדאַקטירט די ענציקלאָפּעדיע „אשכול". איך האָב זיך גלייך פֿאַרבינדן מיט אים און מיר האָבן באַשטימט זיך צו טרעפֿן אין לאָ־זאַן. שעהן לאַנגע האָט געשטראָמט דער שמועס. ער האָט געבראַכט מיט זיך די מאַנוסקריפּטן פֿון זיינע עסייען און פֿון די „משנת אחרונים" און בלעטערנ־דיק די מאַנוסקריפּטן וואָס ער האָט געהאַלטן מיט זיך, האָט זיין שמועס גע־ברויזט פֿיל שעהן, ווי אין די ערשטע צייטן בעת אונדזערע טרעפֿונגען אין בערלין, ביים שלוס פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די זעלביקע שפּרודל־דיקע לעבהאַפֿטיקייט פֿונעם שמועס פֿון אַ געלייטערטן תלמיד־חכם. די זעל־

[1] שפּעטער איז דערשינען אויף דער דאָזיקער בוך, רעדאַקטירט פֿון א. קריב און אַרויסגעגעבן פֿון „עם עובד".

ביקע געניוויקייט אין דער פֿאַרמולירונג, די זעלביקע שאַרפֿע שפּראַך, די זעלביקע עקבערנדיקע קריטיק, די זעלביקע ליבע צו ציון און צו די בויער פֿון ציון, און דער זעלביקער טרעפֿלעכער אַנאַליז וואָס אייגנטלעך עס אונטערשיידט פּסולת פֿון סולת — נאָר גרויליך זענען געוואָרן די האָר־קרייזלען אַרום קאָפּ און זיין קערפּער אינגאַנצן, וואָס האָט אָנגעהויבן רונד ווערן און זיין גרויסער קאָפּ — האָבן אָנגעהויבן ווערן מער ענלעך צו הערמאַן כהן, זיין רבין.

צו יענעם שמועס האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ פּעקל פֿון זיינע פֿיל צעטעלעך, צונויפֿגעהעפֿטע צעלען, צעלען־וויַיז, די פּערל פֿונעם אייראָפּעיִשן געדאַנק און שאַפֿן אין אַלע לעצטע דורות. איך בין איבערראַשט געוואָרן פֿון דעם געלונגענעם אָפּקלייב און פֿון דעם אָפּפּסקנענדיקן געשמאַק זיינעם, און נאָך מער פֿון דער שיינקייט פֿון דער קרישטאָל־געשליפֿענער העברעיִשער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אַריינגעאָסן, אַזוי צו זאָגן, דעם דאָזיקן אויסדערוויילטן ייןמשומר. אין תּמציתדיקע אַפֿאָריזמען האָט ער פֿיין צונויפֿגעזאַמלט די גאַנצע אייראָפּעיִשע קלוגשאַפֿט און אין אַ לעבעדיקן עברית, אַ שיינעם און פּינקטלעכן, האָט ער פֿאַר דעם אויסגעפֿורעמט אַ פּאַראַלעל־אַנטשפּרעכנדיקן אַפֿאָריזם וואָס באַנעמט אים, הילט אים איין, און שעפּט אויס אין דער פֿולער פּינקטלעכקייט זיין גאַנצן אינהאַלט, און, ביי דעם, ווערט אויך אָפּגעהיט דער גאַנצער אייגנאַרט פֿון זיין העברעיִשן פּסוק. די „משנת אחרונים" איז אַרויפֿגעבראַכט געוואָרן צו דעם שטאַפּל פֿון „ראשונים" און האָט געגלאַנצט מיט די פֿאַרבן פֿון אירע נייקייטן. איך האָב נישט באַהערשט מיין התפּעלות און איך האָב אים שטאַרק צוגערעדט צונויפֿצוזאַמלען די פֿראַגמענטן און באַרייכערן מיט זיי אונדזער ליטעראַטור. פֿון די אָפּקלאַנגען פֿון אונדזער שמועס האָב איך געהערט און געפֿילט ווי שווער עס איז די איינזאַמקייט פֿון אַ העברעיִשן שרייבער אין אַ נישט־ייִדישער פֿרעמדער שטאָט, און ווי גרויס איז זיין באַדערפֿעניש זיך צו טרעפֿן מיט זיינע לייענער.

אַ צייט שפּעטער. ווען „עם עובד" האָט דערהאַלטן פֿון אים דאָס בוך צום דרוקן — און ער האָט אים שוין מער נישט געזען — בין איך טיף איבערראַשט געוואָרן לייענענדיק אין דער ווידמונג, אַז ער האָט האַרציק אָפּגעהיט דעם זכרון פֿון דער דאָזיקער לעצטער טרעפֿונג אונדזערער.

און צווישן זיינע נייע עסייען איז געווען איין עסיי. וואָס ער האָט מיר דאָן זייער פֿיל אויסגעלויבט — און, קענטיק, אַז ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט. אַז מיר זאָלן גוט פֿאַרשטיין וואָס אין איר ווערט געזאָגט. — דאָס איז געווען דער עסיי וועגן זיין פֿאָטער, דעם גרויסן לובלינער רב רבי אליהו קלאַצקין זכר צדיק לברכה — וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „העולם", נאָכן טויט פֿון זיין פֿאָטער אין ירושלים. דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער עסיי, אין וועלכן

דער זון, דער עילוי, אַנאַליזירט דעם וועזן און גייסט פון זיין פאָטער, דעם גאון, איז אויך אַ שליסל־עסיי צו פאַרשטיין דעם איגנעוויניקסטן רינגל, וואָס פאַרבינדט און פאַראייניקט די דורות.

דער געדאַנק פונעם דור האָט פאַרלאָרן אין אים איינעם פון זיינע באַ־גאַבטסטע פורעמער און די נייע העברעיִשע שפּראַך, די שפּראַך פון געדאַנק־אויסדרוק און אינטעלעקט־דיכטונג, וועט אים געדענקען און דערמאָנען ווי איינעם פון אירע באַזונדער אָריגינעלע שעפער, וואָס איז איר אויפגעקומען צווישן אַלע אירע אַרכיטעקטן.

י״א אייר תש״ח

לודוויק אריה שטראַוס

פונעם צעדער פון לבנון, וואָס היינריך היינע האָט מיט אַזעלכע 150 יאָר צוריק פאַרפלאַנצט אינעם טעוטאָנישן וואַלד, און וועמען דער צעבושעוועטער שטורעם האָט איצט אויפגעריסן מיט די וואָרצלען, זענען לעצטנס, דאָ פאַר אונדזערע אויגן, אָפּגעפאַלן די לעצטע גרינע צווייגן: מיט צען יאָר צוריק איז אין שפּיטאָל אין ירושלים געשטאָרבן די וווּנדערלעכע דיכטערין, עלזע לאַס־קער־שילער, וואָס האָט געדיכטעט העברעיִש אין דער דייטשער שפּראַך; און איצט האָט צוגעמאַכט זיינע טרוימערישע אויגן מיין צאַרטער פריינט, דער דיכטער לודוויק אריה שטראַוס.

פריִער נאָך, פאַרן אויסברוך פונעם שטורעם, ווען עס האָט אין דייטש־לאַנד נאָך געהערשט די זאַטע זיכערע רויִקייט, איז עלזע לאַסקער־שילער אַרומגעגאַנגען איבער דער דייטשישער ערד ווי אַ טרוימערישע אַמבאַסאַדאָרין, אַ געשיקטע פון אַ לעגענדאַרער קעניגרייך, ווי אַ צווייג פון אַ פאַרצייטיקן מזרח־שטאַם, וואָס האָט פאַרבלאַנדזשעט, אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן וועג אײ־נעם אייראָפּייער כרך. „דער פירשט פון טעבען" האָט זי זיך אַליין באַצייכנט, באַהערשט פון געמיט און שטימונג עקסטאַז. און אַ העברעיִשער דיכטער, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט איר אין דער דייטשישער הויפּטשטאָט, האָט געזונגען וועגן איר, ווי וועגן „דבורה אין געפענגעניש", און זי, אַ זייער אָנערקענטע און געליבטע, האָט געדיכטעט אין פאַרטרעפלעכן דייטש, ווייך־פאַרטונקלטע, פיין־פאַרנעפלטע און זייער־זייער געצערטלטע פערזן פון איר צעשטורעמטער פאַנטאַזיע, פול מיט וויזיעס און וואָגיק אין סימבאָלן. „די העברעיִשע באַ־לאַדן" און דער „רבי פון באַרצעלאָנע" — זענען פּאָעטישע אויסגעשרייען פון אַ ייִדישער נשמה וואָס איז פאַרזונקען אין רייכער פרעמדקייט און גאַרט צו־ריק צו איר אָפּשטאַם־קוואַל. דורך זיבן שלייערן רייסט איר געשריי צו איר פאַרגעסענער זעלבסטשטענדיקייט. זי פלעגט אַרומוואַנדלען דאָרטן ווי נישט אויף איר ערד, צווישן אַלע אירע פאַרערער און תלמידים, לייענער און נאָכ־אָמער.

און ווי נישט אויף איר וועלט האָט זי אַרומגעבלאָנקעט, אַן עלנטע און הילפלאָזע, דעם רעשט פון איר לעבן, אויך דאָ אין לאַנד, ווו אירע פריינט

און באַקאַנטע זענען געווען אַזוי ווינציק. איר איינזאַמקייט איז זיך דאָ נאָך מער צעוואַקסן, ווילק און אומווילק. דאָס קאָנקרעטע לעבן האָט זיך פאַר איר דאָ נאָך מער פאַרשטעלט ווי פון פאַרצייטנס און די אַקאָרדן פון איר דיכטונג זענען דאָ געוועדעט געוואָרן נאָך מער צו נישט דערגרייכבאַרע ווייט־קייטן. „מיין בלויער קלאַוויר״ איז איר לעצט בוך לידער, אין דייטש, דערשי־נען אין ירושלים און ער איז אַ מין אָפשייד־בוך פון אירן פריינט, אַ מין היי־ראַט־בוך מיט דער אייביקייט פון דער אומעקזיסטענץ.

מיין פריינט און חבר אריה לודוויק שטראַוס איז געווען אַ נאָך מער יונגער צווייג פון יענעם ווונדערלעכן אויסגעריסענעם דייטש־יִדישן לבנון־צעדער. אַזוי ווי זי, האָט אויך ער געזונגען אין אַ דייטש פון שטאַרקע אויסדרוקן אין דייטשן קלאַנג. אָבער ער האָט נישט געוואַרט ביז ער וועט אויסגעריסן ווערן דורך דעם שטורעם, ער האָט זיך פריִער אייגנוויליק אַליין אַריבערגעפלאַנצט אינעם ליטעראַטור־גאָרטן אין ארץ־ישראל. און דאָס פאַרפלאַנצן האָט זיך צוגענומען. אים האָט געטראָפן דער ווונדערבאַרער זעלטענער נס, אַז אויך אין דער נייער העברעיִשער שפּראַך האָט זיין פּאָעטיקע זוכה געווען צו איר באַנייטן אויפבלי.

ווי זיינע חברים, די דייטשע עולים וואָס זענען איינצייטיק מיט אים אָדער פאַר אים מצליח געווען אויף דעם געביט פון געדאַנק, וויסנשאַפט, עקאָנאָמיע און געזעלשאַפטלעכקייט אין ארץ־ישראל, אַזוי האָט ער זוכה געווען צו דעם, וואָס קיין נייער דייטשער עולה פאַר אים האָט נישט זוכה געווען. ער האָט אויפגעבליט ווי אַ יונג־זאַפטיקע צווייג אין דער העברעיִשער ליריק און איז געוואָרן דער ערשטער העברעיִשער דיכטער צווישן די שבי־ציון פון דייטשלאַנד אין אונדזער דור.

שוין דאַן, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער טרוים פון דעם חלוצישן און אַרבעטנדיקן ציון, האָט צונויפגעזאַמלט דעם ערשטן הויפן פון זיינע טרייע־ליבנדיקע, איז לודוויק געווען דער דיכטער אין אונדזער קליינעם קרייז. און אַז מיר האָבן אויפגעשטעלט אינערהאַלב די „עולי־ציון״ דעם אי־נערלעכן קרייז, דעם מער אינטימען, וואָס האָט געפאָדערט פון זיינע מיט־גלידער אַ נדר צו ווידמען זייער לעבן כדי אַריינצוטראָגן די בשורה פון חלו־ציש־סאָציאַליסטישן ציוניזם אין הארץ פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ און באַלד ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן, אַליין עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און דאָרט פאָרזעצן דאָס ווערק פון דער צווייטער עליה, און מאַרטין בובער האָט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן דעם קרייז ווי אַ געהיימען אָרדן, — איז לודוויק געווען איינער פון דעם דאָזיקן אינערלעכן געהיימען קרייז. וויפל האָפענונגען האָבן אונדז אויפגעבליט אין יענעם קרייז, ווען אין אַ געהויבענער שטימונג,

זאַלבע צען, אין דער וווינונג פון אונדזער חבר מאַקס מאיר אויף דיסעלדאָרף־גאַס, אין בערלין, אויפן שוועל פון דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1917, האָבן מיר אין גרויס באַגייסטערונג געפונען אַ סימבאָלישן נאָמען פאַר אונדזער קרייז און דעם געהיימען נאָמען האָבן מיר געדרשנט לויט אַלע כללים פון פרדס, אַרויסלייענענדיק אים דעם ייִדישן נביאישן פסוק: „ציון במשפט תפדה״; מיר האָבן געזען אין אָרדן אַן אינסטרומענט — „די ערשטע צאַנגע״, אַזוי צו זאָגן, פאַר דער גאַנצער צוקונפטיקער שאַפונג פון דער נייער געזעלשאַפט אינעם ייִדישן לאַנד ביים סוף פון דער מלחמה, ווי מיטן ערשטן צוואַנג, וועל־כער איז כידוע, געשאַפן געוואָרן ערב שבת, בין השמשות, און די צוואַנג זעלבסט, הגם זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון צוויי פאַרשיידענע קלינג־לען, איז דאָך אַ צוזאַמענגעשלאָסענע אינעווייניק, אַלס איין גאַנצע און איז באַהעפט ווי אַן איינס מיטן סוד פון איר טאָפּלטקייט. ווי באַנייטע זענען מיר געווען אין אונדזערע אויגן, ווען דער סימבאָל איז אונדז איינגעפאַלן, און ער האָט אונדז אַלעמען איינשטימיק ווי איינגעקרייזט אין זיין ברכה. און צווישן אונדז זענען געווען אויך וועטעראַנען פון דער באַוועגונג, ווי ד״ר מאַרטין בובער, דער אייגנטלעכער רבי פון דער גאַנצער גרופּע און דאַן רעדאַקטאָר פון אונדזער חודש־זשורנאַל „דער יודע״, ווי ד״ר וויקטאָר יעקבסאָן, מיטגליד פונעם ענגן אַקציאָנס־קאָמיטעט און דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער פּאָ־ליטישער אַרבעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי לעאָ הערמאַן, גענע־ראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי מאַקס מאיר, רעדאַקטאָר פון דער „יודישער רונדשאַו״ און ווי יוליוס בערגער, דער זייער טעטיקער אָנפירער פון דעם קרן־היסוד און מיר, דאָס הייפל יונגע בחורים און מיידלעך, דורכגענומענע פון דער זיכערקייט, רויִקייט און געוויסנהייט וואָס באַגלייט תמיד דעם פלאַם פונעם נעמען אויף זיך אַ נדר.

יענער טאָג אין בערלין, ווען מיר האָבן אויפגעשטעלט דאָס דאָזיקע געז־היימע און באַגרענעצטע קרייזל, אין וועלכן איך האָב אַריינגעטאָן די גאַנצע גייסטיקע ירושה וואָס איך האָב געבראַכט פון דער באַוועגונג פּועלי־ציון אין רוסלאַנד און פון מיין קורצער דערפאַרונג אַלס אַרבעטער אין ארץ־ישראל — איז געווען פאַר מיר גליך ווי יענער שפּעטערער טאָג, ווען איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין ארץ־ישראל אין די רייען פון דער „הגנה״. און זאָל עס געז־זאָגט ווערן, צווישן די יונגע, וואָס צווישן אונדזער דעמאָלטדיקן קרייז איז נישט געווען קיין איינער וואָס האָט נישט געהאַלטן וואָרט. אַלע זענען איינ־ציקווייז עולה געווען קיין ארץ־ישראל, אין די סאַמע ערשטע יאָרן, נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. און מיט אונדז אין יענעם קרייז איז געווען לודוויק.

פון יענעם קרייז, נאָכדעם ווי ער האָט געגרינדעט אַרום זיך דעם ברייטן און מער אָפּענעם צירקל פון „עולי־ציון", האָט שפּעטער אַרויסגעשפּראָצט דער דייטשישער „החלוץ", דער פּאָטער פון דער עליה־באַוועגונג בלוי־ווייס און פון י. וו. ב., און פון דעם דאָזיקן קרייז זענען אויפגעבויט געוואָרן דער־נאָך די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען אין דעם דייטשישן ציוניזם — די „פּועלי־ציון" און דער „הפּועל־הצעיר".

לודוויק האָט שוין דאַן זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז ווי אַ משורר. ער האָט געהאַט מיט זיך אין זיין טעקע אַ בינטל לירישע לידער, וואָס זענען דערשינען שפּעטער אין פאַרלאַג „אינדזל" (אומוואַנדלונג און באַטשאַפט, לייפּציג 1918). מיר האָבן שוין דאַן געליבט זיינע צאַרטע לידער וועלכע פלעגן באַרייכערן אונדזערע שטילע אָוונטן. ער האָט דאַן אויך וויט זיך באַשעפטיקט מיט פילאָ־סאָפיע און ליטעראַטור־געשיכטע און ווען דער קרייז האָט אָנגעהויבן זיינע וואָך־מסיבות, איז די צווייטע מסיבה געווען געווידמעט צום הערן זיין שיינעם, טיפן און זייער קריטישן פאָרטראַג וועגן באַגריף „סאָציאַלע גערעכטיקייט". שפּעטער, נאָכדעם ווי אינעם קרייז איז געפירט געוואָרן אַ לאַנגע דיסקוסיע וועגן פאָרטראַג, עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד, האָט ער אים פון ס'ניי איבער־געאַרבעט אין אַן אומפּאַסנדיקער פילאָסאָפישער עסיי.

און איינער פון די ערשטע אין דעם קרייז וואָס איז גלייך צוגעטראָטן לערנען עברית „מיטן גאַנצן ערנסט" און התמדה איז געווען לודוויק.

ווען ארלאָזאָראָוו האָט געגרינדעט אין דייטשלאַנד די פּאַרטיי „הפּועל הצעיר", צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער אים אויסגע־ווילט אַלס חבר צום רעדאַגירן דעם אָרגאַן פון דער יונגער פּאַרטיי „די אַר־בייט", אויפן נאָמען פון א. ד. גאָרדאָנס פּראָגראַמאַטישן העפט, וואָס מיר האָבן דאַן איבערגעזעצט אין דייטש און פאַרעפנטלעכט אין „דער יודע" (1916); עס האָט נישט געדויערט לאַנג און ער האָט אים איבערגעגעבן אינגאַנצן די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פונעם רעדאַקטירן.

און מיט וואָסער האַרץ־קלאַפּעניש איז לודוויק דאַן אַרויסגעפאָרן קיין פּראַג צו דער קאָנפערענץ פון דער התאחדות, טרעפן זיך דאָרטן מיטן וווּנ־דערלעכן זקן וואָס איז געפאָרן פון דגניה קיין אייראָפּע, כדי צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון „הפּועל הצעיר". ביי אַ גוטמוטיקער שטימונג בעת די מסי־בות פון „פּאָלקסהיים" אין בערלין, וואָס זיגפריד לעהמאַן און גערטרוד וועל־קאַנאַץ פלעגן אַזוי שיין־גייסטיק אָרגאַניזירן, פלעגן מיר אויספירלעך דער־ציילן וועגן אַ שפּאַסיקער און פאַרדריסלעכער מיספאַרשטענדעניש, וואָס איז אויסגעפאַלן, דאַן, אין פּראַג צווישן דעם אַלטן רבין דעם מחמיר א. ד. גאָרדאָן און דעם יונגן חסיד זיינעם לודוויק שטראַוס.

דער תלמיד האָט דערציילט דעם רבין מיט שעמעוודיקער זעלישער פּלאָ־טערניש, אַז ער האַלט ביי עולה זיין. האָט אים דער רבי געפרעגט:

— און וואָס דענקסטו צו טאָן אין ארץ־ישראל?

האָט לודוויק אים מגלה געווען זיין אינטימען סוד, מיט זיין פולער האַר־ציקער נאַיוויטעט און אין זיין בעסטן דייטש:

— איך וויל זיין „אַ שעפער״.

גאָרדאָן האָט פאַרביטן דאָס דייטשע וואָרט „שעפער״ — אַ פאַסטוך, אויף אַ מער צוגענגלעכן און פאַרשטענדלעכערן פאַר אים טייטש, אַ שעפער (אין דעם זין פון שאַפן ווערק) און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז שטראַוס איז פאַרטאָן אין דיכטן לידער, האָט ער אים חושד געווען, אַז ער גרייט זיך צו זיין אויך אין ארץ־ישראל אַ שרייבער און מאַכן זיין פּאָעזיע פאַר זיין פאַך. האָט זיך גאָרדאָן אַרויפגעוואָרפן מיט גרימצאָרן אויף די שרייבער, די אָפּגעריסענע פון זייער באָדן, וואָס דענקען צו ציִען יניקה פון זייער שאַפונג פון דער לופט אין קאָפּע־הויז און אַז ער זוכט מענער וואָס זאָלן וועלן אַרבעטן פיזישע אַר־בעטן ממש, אויף דער נאַטור־לאַנדשאַפט און שאַפן זייער ווערק, אינערהאַלב זייער פיזישער אַרבעט.

דער אַנגעשראָקענער תלמיד האָט נישט פאַרשטאַנען ריכטיק דעם צאָרן פון דעם פאַרערטן רבין; ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מוט צו אָפּענטפערן אים און ער האָט נישט געגלייבט, אַז מיט זיין דייטשישער שפּראַך וועט ער קענען אויפקלערן זיין רבין דעם טעות, וואָס ער האָט געמאַכט, איז ער אַוועק פון אים מיט אַ צעוויטיקט האַרץ. ערשט שפּעטער האָט זיינער אַ פריינט אויפ־געקלערט א. ד. גאָרדאָנען די מעשה און ער איז געקומען בעטן ער זאָל אים מוחל זיין.

נאָכן צוריקקומען פון פּראָג האָט זיך לודוויק נאָך מער איבערגעגעבן דעם לערנען עברית. און ער האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל ביז ער וועט גובר זיין די שווערע שפּראַך־מחיצה וואָס צעשיידט און שרעקט...

און בינתיים איז זיין דיכטונג אויך רייפער געוואָרן, אַ געלייטערטע ליריק, פול מיט געפיל און פּייזאַזש־בילדער, אין אַ דערהויבענער שפּראַך וואָס דער געזאַנג פון אירע סטראָפן און דער קלאַנג פון איר שורות, פאַרמעסטן זיך מיט דער איניקסטער עמאָציע פון זיינע געפילן און הילט זיי איין.

און די לידער זאַמלען זיך אָן אין ביכער, און די ביכער ווערן פאַרעפנט־לעכט אין יידישע פאַרלאַגן און אין אַלגעמיינע, אינדזל־פאַרלאַג, וועלט־פאַר־לאַג, בוך־קלוב אין האַמבורג און אַ דערציילונג אין פאַרלאַג ריטען וועלינג.

און, פאַרשטייט זיך, — אין שאָקען־פאַרלאַג, — און די עליה ווערט אַלץ אָפּ־געלייגט.

געפינט ער וועגן ווי צו צאָלן זיין חוב צו דער קולטור פון זיין פאָלק אין דער דייטשער שפראַך, אין וועלכער ער ווערט אַ הערשער.

געהאַט האָט ער אַ פריינט, אַ לערער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן זיין שוואָגער, פריץ קויפמאַן. קענער געדענקען גוט די באַדייטונג פון זיין צייט־שריפט דער „פריישטאַט", וואָס ער האָט געגרינדעט און רעדאַקטירט געציילטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. איידער נאָך עס איז פאָרגעקומען די גרויסע באַגעגעניש צווישן דעם דייטשן ייִדנטום און דעם פּוילישן און ליט־ווישן. אַ סך איידער די דאָזיקע געגנטן זענען דעראָבערט געוואָרן דורך די דייטשע אַרמייען — האָט שוין פ. מ. קויפמאַן גערופן די ייִדישע אינטעליגענץ פון מערב וואָס ווערט אויסגעליידיקט פון איר זעלבשטענדיקייט צו דערנענ־טערן זיך צום מזרח און דאָרטן שעפּן פון די לעבעדיקע קוואַלן, וואָס פליסן מיט אַ זאַפטיקער פאָלקסטימלעכקייט אין ייִדיש. אין דער דאָזיקער פּאַרטי־זאַנישער חודש־שריפט זיינער, אין וועלכער ער האָט איינזאַם אויפגעהויבן די פאָן פון דעם „אַל־יודענטום", וואָס נתן בירנבוים איז אַ געוויסע צייט געווען איר וואָרטזאָגער, האָט ער צום ערשטן מאָל געבראַכט אין דייטשלאַנד די מאמרים פון ב. באָראָכאָוו, זשיטלאָווסקי און לעשטשינסקי און אַנדערע און ער האָט געווידמעט פיל פלאַץ דער ייִדישער פאָלקס־פּאָעזיע וואָס ער האָט אַליין געזאַמלט און אַליין איבערגעזעצט. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער דאָזיקער טייערער מענטש פאַרגיפטיקט געוואָרן מיט גאַזן, אויפן שלאַכטפעלד. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר שוין געטרויערט אויף זיין טראַגישן טויט, אינעם בלי פון זיין לעבן, לאַנגע יאָרן. און ער, לודוויק, זיין יונגער פריינט און שפּעטער דער מאַן פון זיין שיינער שוועסטער, אַ טרייע מיטגלידערן פון אונדזער קרייז, האָט, אויף זיין שטייגער, געוואָלט פאָרזעצן זיין שוואָגערס ווערק. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו לייענען ייִדיש און האָט פאַר־עפנטלעכט אינעם שאָקען־פאַרלאַג אַ זייער שיינע זאַמלונג פון אַן אָפּקלייב פאָלקס־לידער, איבערזעצט פון ייִדיש אויף דייטש. מיט אַלע זיינע פּאָעטישע חושים און מיט דער גאַנצער טיפקייט פון זיין ציוניסטישער פאָלקס־ליבע האָט ער זיך איינגעהערט אין די קלאַנגען פון דער דאָזיקער פּאָעזיע, וועלכע איז געווען פאַר אים אי עקזאָטיש, אי באַקאַנט און טייער, ווי לויט דער ייִדישקייט פון איר גייסט, אַזוי לויט דעם דייטשישן וואָס איז אַריינגעטאָן אין איר שפּראַך און ער האָט זיך געקליגט און געפונען פאַר איר אַ פול־פּאַסנדיקן עקוויוואַלענט אין ליטעראַרישן הויכדייטש. מיט אָט די איבערזעצונגען זיינע האָט ער איבערגעשטיגן, אויף דעם געביט אַלע זיינע ריוואַלן אין יענער צייט

— מיט זייער פּינקטלעכקייט און מיט דער טריישאַפט צו זייער גייסט. דאָס איז געווען אַ שיינע פאַרזעצונג פונעם ווערק פון בערטאָלד פייוול, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט אַ האַלבן דור פריִער.

און אַז ס'איז אָנגעקומען די קאַטאַסטראָפע־אימה, אויפן שוועל פונעם אויסלאַז, ווען דאָס דייטשישע ייִדנטום איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין די גרעַ־נעצן פונעם באַנייטן געטאָ, און אַלט און יונג האָבן אָנגעהויבן, אין זייער יאוש, זיך גריבלען, כדי צו אַנטפּלעקן פאַר זיך אַליין די קוואַלן פון זייער גייסט, כדי צו וויסן, לכל־הפחות, פאַר וואָס און פאַר ווען איז געקומען אויף זיי דער דאָ־זיקער איבעראַשנדיקער און אומפאַרשטענדלעכער פאַרוויסטונג־שטורעם, און אויך צו זוכן אין די אוצרות פון די עלטערן אַ מער זיכערן אָנשפּאַר צו טראָגן מיט מער שטאָלץ און זעלבסטווירדע דאָס לעבן פון דער דערנידערונג און פון ליידן. דענסטמאָל איז זיי אונטערגעטראָגן געוואָרן ווי אַ רעטונגס־טרייסט דאָס בוך פון לודוויק שטראַוס און נחום גלאַצר: „מיסיע און שיקזאַל" (שליחות וגורל), וואָס איז דערשינען פאַרן סאַמע סוף אין שאָקענס גרויסן פאַרלאַג. פון דאָס בעסטע פון די שאַפונגען פון די מדרשים און פונעם תלמיד, פונעם זוהר און פון די היסטאָרישע כראָניקעס, פון די חסידי אשכנז און די משוררים פון שפּאַניע, פון דער קבלה־ליטעראַטור און דער מאַרטיראָלאָגיע, פּיוטים פון דער חסידישער און פון דער נייער ליטעראַטור, האָבן אָנגעזאַמלט די טרייע אָפּקלייבער, מיט ערודיציע און פיינעם געשמאַק, און אין אַ באַשיינטער דייַטשישער שפּראַך איז די דאָזיקע פּערלדיקע זאַמלונג אונטערגעטראָגן געוואָרן צו די בלאָנדזשענדיקע קינדער פון דעם טראַגישן דור. ווי די איבערזעצונג פונעם תנ"ך, געמאַכט פון מ. בובער און פראַנץ ראָזענצווייג, זייערע לערער און פריינט, אַזוי איז געווען דער דאָזיקער בוך, וואָס גלאַצר האָט צו אים ביי־געשטייערט פון זיין גרויסער ערודיציע און לודוויק האָט אין אים אַריינגע־בלאָזן דעם רייץ פון זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט. און דאָס בוך איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ נייטיקער געשאַנק, מיט וועלכן דאָס דייטשישע ייִדנטום איז באַגנאַדיקט געוואָרן אין דער צייט פון ליידן און הכרעה.

ווען לודוויק האָט עולה געווען און האָט זיך באַזעצט אינעם לאַנד, אַ גע־וויסע צייט, אַלס אַרבעטער, דערנאָך אַלס לערער, פריִער פאַר קליינע קינדער און דערנאָך האָט ער באַקומען זיין פּלאַץ אַלס לערער פון אַלגעמיינער ליטע־ראַטור פאַר דערוואַקסענע, און זיינע תלמידים האָבן אים ליב באַקומען, פריִער אין בן־שמן און דערנאָך אין העברעיִשן אוניווערזיטעט און אין „בית מדרש למורים" (סעמינאַר פאַר פאָלקס־לערער), און צוזאַמען מיט זיין איינוואָרצלען זיך אין זיינע קעגנשטאַנדן האָט זיך פאַר אים געעפנט דער פייזאַזש פון ארץ־ישראל, מיט זיינע פאַרבאַרגענישן און סימבאָלן. זיין באַרוישונג־באַגייסטערונג

מיטן נייעם פּאַטערלאַנד האָט געזוכט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַ פּאָעטישן אויסדרוק. האָט דאָך זיין דייטשיש געדינט אים די ערשטע יאָרן, האָט אים אויך דאָ געדינט זיין דייטש אַלס אונטערפּירער. זיין לידער־ביכל „ארץ־ישראל" וואָס איז דערשינען אין שאָקען־פאַרלאַג נאָך אין 1935, איז אַ באַגלייבטער עדות ווי אַזוי אַ פאַרגעסן פּאַטערלאַנד ווערט בהדרגה אויפגענומען פון זיין באַגאַבטן זון, וועלכער באַאָבאַכט איר מיט גאַרנדיק־בענקנדיק אויג און הערט זיך איין מיט אַ צעזונגענעם האַרץ, צוריקקומען צו איר פון ווייטע ווייטענישן, לייטזעליקן אירע לאַנדשאַפטן, די בערג און דעם פלאַך, די פעלדזן און די זאַמדן, דער ים און דער תבור, סדום און יריחו, דער מאָרגנשטערן און דער אָוונט, דער חמסין און דער רעגן, דער אַרבעטער, דער לאַנדווירט און דאָס קינד, דער אַראַבער און ווידעראַמאָל דער אַראַבער — אַלע זיי האָבן זיך גע־קערט צו אים כדי צו פאַרטרויען אים זייער סוד. און ער האָט געמיינט צו אַנטפּלעקן זיי אַלעמען זיין באַהאַלטענעם סוד. מיר האָבן באַוואונדערט די דאָ־זיקע באַנייטע ציון־ליבע פון אַ דיכטער, אין וועמענס פּאָעטיקע איז נישטאָ גאָרנישט פון ירושה־מליצה און וואָס אָטעמט אין גאַנצן מיט זיין אורשפּרינג־לעכקייט. אויך די דאָזיקע לידער, וואָס ער האָט דאָן געזונגען אין ארץ־ישראל און וועגן ארץ־ישראל זענען דענסטמאָל געווען פאַר די איבערגעבליבענע ברידער אין דייטשלאַנד — וועמען זייער גורל האָט זיי גערופן עולה צו זיין, — אַ באַלזאַם פאַר זייערע גייסטיקע ווייטיקן און אַן אָנשפּאַר אין זייער בהלהדי־קער עליה.

אָבער, מיט זיך אַליין, האָט ער שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעהויבן צו רעדן עברית אָדער אויך עברית. זיין האַרץ אין אים האָט אָפּגעקלונגען צום העברעישן קלאַנג, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך דערטראָגן צו אים פון געדיכטעניש פון די דורות. און ער האָט ליב באַקומען דעם וווּנדער פון דער התגלות פון דעם זיך פאַרנדיקן פערז. און ער האָט זיך געפרייט מיטן יום־טוב פון נייעם קנס־מאָל צווישן דעם בילד און דעם אויסדרוק, וואָס האָט אָנגעהויבן אָנשלאָגן זיך אין זיין וועזן און אין זיין ליד.

זיין צניעותדיקער בליק האָט געשיינט בעת ער האָט מיר געבראַכט, אין דער רעדאַקציע פונעם „דבר" צום דרוק דאָס ערשטע קליינע בינטל העברעישע לידער. לויט זיין באַרמהאַרציקער שטימע, בעת ער האָט מיר טעלעפאָנירט וועגן אָט דעם באַזוך, האָב איך שוין געקענט זיך אָנשטויסן, אַז ער האָט מיר צו ברענגען אַ גרויסן בשורה. און אַז ער האָט מיר געבראַכט די לידער איז אויף זיין פּנים געווען אויסגעגאָסן אַ געצווימט־איינגעהאַלטענע אָבער לייכטנ־דיקע פייערלעכקייט. און מיט פיל באַטאָנונג האָט ער מיר פאַרגעלייענט די קורצינקע שורות, געבויטע ווי פיין־געשליפענע מירמל־שטיינער, וואָס יעדעס

ווארט האט זיין גרויס געוויכט און אַלטערטימלעכן שיין, און דער פיינער גו־מען פילט אין די פערזן דעם פרישן טעם פון ביכורים־פרוכט. מירביידע זע־נען געווען באַרוישט. און אַז די לידער זענען דערנאָך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער שבת־ביילאַגע פון „דבר", האָבן די בעסערע צווישן די זיך־איינהערנ־דיקע צום כאָר פון אונדזער פּאָעזיע געשפּירט אַז איינער אַ נייער און זייער צוזאָגנדיקער האָט זיך באַוויזן אויף דער בימה פון אונדזער דיכטונג.

זינט דאַן האָבן זיך די שירים געמערט און זיי זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין אַ העברעיִשן בוך — דאָס בוך „שעות ודור", אַרויסגעגעבן פונעם „מוסד ביאַליק". צו דער קייט פון אויסדערוויילטע ייִדישע דיכטער איז צוגעקומען נאָך אַ רינג, אַ זיכערע, אַ זעלבסטשטענדיקע און אַ באַגלייבטע־טרייע וואָס וועט פאַרבלייבן ווי אַ באַזונדערער אָריגינעלער ווען צווישן די דיכטער פון אונדזער דור.

צו די לאַנדשאַפט־בילדער — דער פליסטער פונעם ווינט, און די בלייב־קייט פונעם פרימאָרגן, דאָס צוויטשערן פונעם פויגל ביים אויפגיין פונעם מאָרגנשטערן, און די שטאָלצע איינזאַמקייט פון דעם פאַרבליבענעם איזר־רערן — קומען צו די „שירי־חזון" און „שירי תפילה", און די דיכטונג איז געשריבן נישט נאָר מיט גרויס באַאַבאַכט־קראַפט, נייערט אויך מיט אַ באַ־זונדער אויער וואָס הערט זיך וווּנדערבאַר איין, און איבער דעם אַלעמען, מיט אַ טיף־רעליגיעזן געפיל, וואָס מאַכט אויפלעבן די בילדער און באַזעלן די סימבאָלן.

און זיין העברעיִש איז גלייכצייטיק אי צוגענגלעך און איינדרייטיק, אי לוי־טער־קלאָר. זיין העברעיִש איז ווי אינגאַנצן באַפרייט פונעם לאַסט פון רייכ־קייט וואָס דריקט אויף איר אָפּטמאָל. נישט קיין פּסוקים פון תנ"ך און נישט קיין ירושה פון אונדזער נייער פּאָעזיע. גלייך ווי אַ נייער מענטש וואָלט אַרייג־געקומען און אָנגעהויבן פון ס'ניי זיין וועג. נאָר שטעגן פאַרבאָרגענע פאַרן אויג, שטראַלן אַרויס פון אים צו די בעסטע מוסטערן פון דער שפּאַניש־העברעיִשער שירה און צו די פּייטנים פון מיטלעלטער. איז עס צומאָל נישט געווען קיין רעזולטאַט פון זיין באַשעפטיקן זיך מיט זיי בעת ער האָט צוזאַ־מען מיט זיין פריינט גלאַצר צוגעגרייט זיין גרויסע אַנטאָלאָגיע? יעדנפאַלס — מיר האָבן פאַר זיך אַ ליריש־קינסטלערישן בויגן, וואָס ציט זיך פון אַ פּילנדיקן האַרצן פון אַ יונגן מאָדערנעם דיכטער־דענקער און טראָגט זיך אי־בער דורות אָפּגרונטן ביז ר' שלמה איבן גבירול און אבן עזרא פון איין זייט, און רילקע און העלדערלין און סטעפאַן געאָרגע, פון דער אַנדערער זייט.

ער, מיין פריינד, האָט נישט זוכה געווען צו זען זיין בוך לידער אין העברעיִש, וואָס ער האָט אַזוי געגלוסט נאָך אים אין דער פרעמד און אין ארץ־

ישראל. אין דעם טאָג פון זיין זעכציק־יאָריקן יובל, ווען דאָס בוך איז שוין געווען פאַרטיק צום דרוק און די דיכטערן־קריטיקערן לאה גאָלדבערג האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג, שיין און טריי, וועגן זיין פּאָעטישער אייגנאַרט, איז שוין פאַרבאָטן געווען פאַר זיינע פריינט צוצוגיין צו אים און באַגריסן אים פּער־זענלעך. די דאָקטוירים האָבן שטרענג פאַרזאָגט מען זאָל וואַכן איבער דער רויקייט פון זיין מיד האַרץ.

קיין סך צייט האָט אויך נישט געהאָלפן די בעסטע רו. עס האָט נישט גע־נומען קיין סך טעג, פון דער יובליי־פייערונג ביז צום טאָג פון אבלות נאָך אים. אויך דאָס בוך זיינס וואָס האָט געגלאַנצט אין דער ביכער־שאַפע, איז נישט געווען אימשטאַנד צו אָפּשוואַכן די ביטערקייט פונעם שווערן טרויער.

נישט נאָר איין לעצטער צווייג פונעם אַרויסגעריסענעם לבנון־צעדער, וואָס הענריך היינע האָט פאַרפלאַנצט איז אַוועק. ער האָט פאַרלאָזט די וועלט ווי אַ יונגער בוים, וואָס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין דעם לעבעדיקן גאָרטן פון ר׳ יהודה הלוי.

תשט״ו

אברהם וואַלט ליעסין

ווער וועט אונדז קענען דערקלערן די דאָזיקע ליטעראַרישע דערשיינונג, וואָס אַפּילו אין די טרוקן־פּראָוויזאָרישע יאָרן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, גאָענץ צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווען די ליטעראַטור איז דאָרטן געווען בעיקר נאָר אַ זשורנאַליסטישע און אינעם צייטונגס־וועזן האָבן געהערשט נישט קיין „קאַרפּן־קעפּ" און אין איר גאַנצן מהות איז זי געווען סך־הכל ווי אַ יונגע קאָלאָניע אויף קעסט ביי דער מעטראָפּאָל פון רוסלאַנד און פוילן, און די בעסטע פאָרשטייער וואָס זי האָט פאַרמאָגט זענען געווען געסט געקומענע פון יענער זייט ים צו משפיע זיין גייסטיק, אויף די ברייט־פאַרוואָגלטע מאַסן. ווי אַזוי איז עס געשען וואָס, אויך דאָן, איז די איינציקע ליטעראַרישע צווייג, וואָס האָט געגרינט און געבליט און געשפּייזט פון זיינע פּרוכט אַפּילו די מעטראָפּאָל אַליין איז געווען דווקא די פּאָעזיע? און מיט וואָס דערקלערט זיך עס וואָס אויך אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע וואָס האָט דאָן נאָך זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין גייסטיקע רייכקייט, האָט געבליט די דיכטונג מער ווי די אַנדערע ליטעראַרישע פאָרמען און זי איז געווען גאָר אַנדערש אין איר גייסט און העכער אין איר ניוואָ פון דער גאַנצער סביבה און האָט באַשיינט און דערנערט די גאַנצע הוילקייט אַרום?

פלעגט דען די ייִדישע יוגנט נישט זינגען מיט דבקות מאָריס ראָזענפעלדס לידער אין אַלע גלותן ווו מ'רעדט ייִדיש? און צי האָט מען דען נישט איבערגעזעצט דאָן „איך האָב אַ קליין ייִנגעלע" אויך אויף דייטש, און ענגליש, און רוסיש, און פּויליש, און איטאַליעניש, כמעט ווי שפּעטער ביאַליקס שירים און ווי רחלס שירים היינט? און באָוושאָווער, עדעלשטאַט און ווינטשעווסקי, פאַר מאָריס ראָזענפעלדן; און יהואש און משה לייב האַלפּערין און מאַני לייב נאָך ראָזענפעלדן; און די גרופּע גרויסע דיכטער נאָך שפּעטער — זענען דענסט־מאָל נישט געווען צענטראַלע, אַזוי צו זאָגן, מעטראָפּאָלישע, לויט זייער מהות און השפּעה? און אין דעם העברעיִשן אינדזל אין אַמעריקע איז דען נישט געווען די גרופּע דיכטער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר מקורותדיקייט, רייפקייט און באַשטענדיקייט?

עטוואָס פונעם סוד פון דעם איינזאַמען איילבירט־בוים וואָס וואַקסט ביי

אונדז אין לאַנד הויך, אינמיטן וועג, און אין זיין צעצווייגטקייט פאַרשפּרייט ער דעם שאָטן ווייט-ווייט און דערשיינט ווי אַן איינציקער הערשער איבערן גאַנצן פאַרגעלבטן שטח, וואָס ציט זיך אַרום — איז באַהאַלטן אין אָט דער איינזאַמער, שטאָלצער און שטראַלנדיקער יידישער דיכטונג.

האָט אברהם אָבינו אַמאָל פאַרפלאַנצט אַן אשל־בוים אין דער וויסטעניש פון חברון — קענען אים נישט בייקומען נישט די וויסטענישן פון זאַמד און נישט די לעגיאָנען פון יאָרן.

און דעם אויבנאָן אין דעם־אָ גאַנצן גרינענדיקן דיכטערישן אינדזל אין אַמעריקע האָט פאַרנומען און געשיינט אַרום־און־אַרום פערציק יאָר נאָכאַנאַנד אברהם ליעסין, רעדאַקטאָר פון „די צוקונפט" און דיכטער פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע און יידישער גבורה, דער פאַרצייטיקער ווי פון דער נייער, דער רעוואָלוציאָנער־יידישער.

ווען אברהם וואַלט־ליעסין איז אַרויס פון זיין שטאָט מינסק און האָט איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע איז עס געווען נאָך פאַר הערצלס רוף צו יידן און אויך איידער דער „בונד" אין זיין אָרגאַניזירטער סטאַדיע איז אויפגעקומען. ליעסין האָט אַלזאָ, אין דער היים נאָך גאָר נישט געוווּסט וועגן דער מוראדיק־שטאַרקער שנאה, וואָס האָט גענומען אויסוואַקסן צווישן דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אינעם בונד, און דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויפלעב־באַוועגונג פונעם ציוניזם; ער האָט נישט געוווּסט פון דעם און ער איז צו איר קיינמאָל קיין שותף נישט געווען. ער איז געווען אַ סאָציאַליסט און אַ יידישער סאָציאַליסט, אַן איינגעוואָרצלטער אין דער גייסטיקייט פון זיין פאָלק. אין „בלומקעס קלויז" אין מינסק איז ער געוואַקסן און אין דער מינסקער „שואבי־מים"־שול איז ער רייף געוואָרן. זיין ערשטער אַרויספאָר אין דער גרויסער וועלט איז געווען זיין נסיעה אין דער ישיבה פון די מוסרניקעס אין סלאָבאָדקע און דערנאָך אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. אָבער ווען די משגיחים פון דער וואָלאָזשינער ישיבה האָבן אים געכאַפּט ביי חילול־שבת, באַהאַלטענערהייט און האָבן אים פאַרטריבן מיט בזיון און מיט „איסור אכסניא" און ער האָט זיך געווענדט צום השכלה־צענטער אין ווילנע, האָט ער באַוויזן צו פאַרזוכן שנעל דעם טעם פון די גרויסע רוסישע שרייבער און זיין האַרץ האָט זיך ברייט געעפנט פאַרן רוף פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט יהודה־לייב גאָרדאָנס שירים און וואָס ער האָט טיף אָפּגעשאַצט ר' משה־חיים לוצאַטאָס לידער אין מיכלס טרויעריקע און צאַרטע פּאָעזיע — האָט אים זיין האַרץ נישט געצויגן צו די עסקנים פון חיבת־ציון, וואָס ער האָט געקענט אין זיין שטאָט

מינסק, געזען אין געשטאַלט פונעם אָפיציעלן „קאַזיאָנע" ראַבינער אָדער פונעם גבירס בוכהאַלטער. אים האָט באַצויבערט דאָס „גיין אין פאָלק" פון די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן און גאָר גיך איז וואָלטס נאָמען באַרימט געוואָרן צו לויב־און־ליבע אין אַלע קרייזלעך פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט אין ליטע. כמעט פון זיך אַליין איז אויפגעקומען אַ מין אָרגאַניזירטע גרופּע „וואָלטאָווצעס", וואָס מיט איר נאַציאָנאַלן אָפּנייג האָט זי אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די אָפיציעלע מנהיגים פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין יענע שטעט. מען האָט זיך געשראָקן וואָלט זאָל חלילה נישט פאַרפירן אויף צוריק די גאַנצע באַוועגונג מיטן פלאַם פון נאַציאָנאַלן וואָרט און מיט זיין דערהויבענער גייסטיקייט. דערוויל, אָבער, האָט זיין נאָמען אָנגעהויבן ווערן באַרימט אַלס דיכטער. דוד פינסקי איז געווען דער קוואַטער, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אינעם היכל פון דיכטונג אין יידיש; די פירער פון דער באַוועגונג האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אים און זיין גוטן נאָמען. דאָס עצם שרייבן יידיש איז דאַן געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין „נאַציאָנאַלן אָפּנייג".

„נישט אויס קעגנערשאַפט צו העברעיש בין איך דענסטמאָל געוואָרן אַ שרייבער אין יידיש" — זאָגט ער עדות אויף זיך אַליין אַ סך יאָרן שפּעטער — „נייערט אויס אַבסאָלוטער קעגנערשאַפט צו רוסיש, וואָס איז דאַן געווען פאַרשפּרייט צווישן אַלע יידישע סאָציאַליסטן אַרום מיר". און זיין פאַרביטערטער געראַנגל מיט די אַסימילאַטאָרישע ווינטן וואָס האָבן געהערשט אין זיין פּאַרטיי, האָט נישט אויפגעהערט נישט אין די יאָרן, ווען ער האָט געוווינט אין רוסלאַנד און נישט נאָך זיין אויסוואַנדערן (אָנהייב 1897) אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין זיינע זכרונות זענען פאַראַן שפּאַנענדיקע קאַפּיטלען וועגן די געראַנגלענישן וואָס ער האָט געפירט מיט אָנגעזעענע גדולים אין דער פּאַרטיי — מיט אַרקאַדי (אַלעקסאַנדער קרעמער און מיט טימאָפעיעו (ד״ר קאַפּעלזאָן) מיט איסאַי (יודין אייזנשטאַט); און שפּעטער, אין אַמעריקע, מיט מיט אַלגינען, מיט אַב. קאַהאַן און מיט מיכאל זאַמעטקין — איבער זיין אָפּיקורסישער „פאַרליבטקייט אינעם נאַציאָנאַליזם". און ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט בעת דעם גרויסן שטרייט וואָס האָט זיך געפירט אינעם „בונד" צווישן די „האַרטע", ד״ה: די קעגנער פונעם צונויפגיסן זיך מיט דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — און די „ווייכע", וואָס האָבן געשטיצט דעם צונויפגיסן. דער קאַמף האָט זיך געפירט מיט גוואַלטיקער אָנשטרענגונג אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ, דער גרעסטער און שטורמישסטער קאָנפערענץ אין דער גאַנצער געשיכטע פונעם „בונד" אין רוסלאַנד:

ליעסין וועלכער איז געקומען צו דער קאָנפערענץ אַלס גאַסט פון אַמעריקע, איז דאַן שוין געווען ברייט באַקאַנט און האָט באַוויזן, אין דער צווישנ־

צייט באַליבט צו ווערן, ביי אַלע יידיש־לייענער און ער איז געווען דער עקס־טרעמסטער און שטורמישסטער רעדנער צווישן די אָנהענגער פון דער נאַ־ציאָנאַלער פּראָגראַם: דער „בונד" דאַרף זיין נישט נאָר אַ טייל פון דער רו־סישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נייערט אויך אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק" — האָט געדונערט זיין וואָרט. און אַ צווייט מאָל: „נישט די יידישע סאָציאַליס־טישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, נייערט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פונעם יידישן פאָלק, אין דער וועלט". די ווערטער זענען געוואָרפן געוואָרן ווי פאַר דער צייט און זיי זענען נישט אַריינגעדרונגען אין די אויערן. די „האַרטע" זעלבסט, זיינע חברים אין קאַמף — ווי א. ליטוואַק (חיים יאַנקל העלפאַנד), וועלכער איז געווען אין גאַנצן אַ יידישער פאָלקס־מענטש און אויך אסתר פרומקין פון איין שטאָט מיט אים, מיט ליעסינען, און זיינע אַ תלמידה און פאַרערערין פון איר יוגנט אָן — האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם „ציוניזם", וואָס קלינגט פון זיינע רעדעס, און דערציטערטע, האָבן זיי זיך פון אים דער־ווייטערט. און אַז ער איז צוריק געקומען פון יענער קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גאַליציע, קיין ניו־יאָרק, זיין נייער היים, איז די מלחמה פאַרגעזעצט געוואָרן מיט מער קראַפט. די גאַנצע אַטמאָספער וואָס האָט גע־הערשט דענסטמאָל אין „פאָרווערטס" — וועלכער האָט דאַן געוועלטיקט אויף דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן — איז אים געווען דערווידער. דאָס ביליקע און שרייערישע איזדיעקעווען זיך איבערן „יידישן קלעריקאַליזם", וואָס זיין פריינט ב. פייגנבוים האָט אָנגעפירט, דער־הייבנדיק די מלחמה קעגן דער רעליגיע צו דער העכסטער אויפגאַבע פון זיין צייטונג, איז געווען פאַר ליעסינען אַ פיינלעך־ווייטיקלעכע איבעראַשונג. אַזוי ווייט, אַז עס איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג צווישן אים און אַב' קאַהאַנען זעלבסט, וואָס האָט דאַן פראָטעזשירט אויפן ברייטסטן אופן די דאָזיקע גאַנצע „פאַר־גוישונג". אַלס רעדאַקטאָר האָט אַב. קאַהאַן אַפילו געפּרוווט אַרויפצולייגן זיין האַנט אויף ליעסינס שאַפונגען גופא. איז ער אַוועק פונעם „פאָרווערטס". עס איז אים געשען אַ נס, וואָס זיינע פאַרערער אין דער פעדעראַציע האָבן געשאַפן באַזונדער פאַר אים אַליין אַ ליטעראַרישע טריבונע, אויף וועלכער די פירער פון דעם „פאָרווערטס" האָבן נישט געהאַט קיין שליטה, הגם די „פאָרווערטס" געזעלשאַפט האָט זי געשטיצט. ער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „די צוקונפט", דער חשובסטער חודש־זשורנאַל פאַר יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. און צוזאַמען מיט דעם און אויך אַ דאַנק דעם איז ער געוואָרן איינער פון די געציילטע פערזענלעכקייטן, וואָס די יידישע ליטעראַ־טור פון זיין דור האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום זיי, און פון דער דאָזיקער יידיש־סאָציאַליסטישער טריבונע האָט ער, ליעסין, אָנגעהויבן זאָגן זיין וואָרט אין

דעם פלאַמענדיקן און אויפקלערערישן לייט־אַרטיקל און דער עיקר — אין זיינע גרויסע פּאָעמעס, וואָס זענען געוואָרן אַדעס צו דער יידישער גבורה פון אַלע דורות.

עטוואָס ענלעכס צו דעם וואָס ביאַליקס דיכטונג איז געווען פאַר דער העברעישער ליטעראַטור — איז ליעסינס פּאָעזיע געווען פאַר די לייענער פון יידיש: אַ דיכטונג וואָס האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אינעם דור. אָנפאַנגס איז די פּאָעזיע געווען פאַר אים אַ מין פאַן, כדי צו זאַמלען יידישע יוגנט אַרום דער סאָציאַליסטישער אויפשטענדלערישקייט: דער הסבר, אָבער וואָס ער אַליין האָט געגעבן פאַר זיינע לידער איז נישט קיין גענוגנדיקער אויסטייטש. זיין פּאָעטישער גייסט האָט איבערגעשטיגן זיין פּראָפּאַגאַנדיסטישע מיסיע און האָט זיך באַפרייט פון איר, און ווי אַ דיכטער „לשמה" איז ער געווען דער פּאָעטישער העראָלד פונעם מהות פון דער רעוואָלוציאָנערע גבורה אינעם יידנטום, אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס: ער האָט געוווסט און האָט געלערנט: די יידישע מאַרטיראָלאָגיע האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט די „דונערן אין דרום" אין די אַכציקער יאָרן און איר אָנפאַנג, ביי אַלע וויטיקן פון אירע ליידן און שיינקייט פון איר מסירת־נפש, גרייכט ביז צו די טעג פון חורבן הבית. די געוואַגטע אויפשטענדלערישקייט פון דער יידישער גבורה קעגן דער פויסט וואָס הערשט מיט רשעות און אומדערבאַרמקייט, הייבט זיך אָן ניט מיטן „בונד" און ניט מיט די טעראָריסטן צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם: עס איז אַ לאַנגע גאָלדענע קייט וואָס איר יחוס־בריוו ציט זיך ביז צו ר' עקיבאן און די עשרה הרוגי מלכות און אין דער־אָ קייט זענען פאַרפלאָכטן די קדושים פון מאַגענציע (מיינץ) און די פּרנסים פון וואָרמיזא (וואָרמס), דער מהר"ם פון רוטענבערג און דער פּייטן ר' אמנון הקדוש. די אנוסים פון דער אינקוויזיציע און די אומגעבראַכטע דורך חמי"ל (באָגדאַן כמעלניצקי) און גאָנטאַ — טאַטעס און זיידעס זענען זיי אַלע פון זייערע קינדס־קינדער היינט: פונעם יידישן שוסטער הערש לעקערט, וואָס האָט געגומען נקמה פונעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואַל און איז עקזעקוטירט געוואָרן (דעם 29סטן מאַי 1902), פון העסיע העלפמאַן, די טאָכטער פונעם יידישן פישער פון אַ שטעטל פון מינסקער גובערניע, וואָס האָט זיך באַטייליקט אינעם מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן (אין יאָר 1881), פון די אויפשטענדלער אין ווילנע, פון די קעמפער אין דווינסק און פון אַלע געפייניקטע פונעם „בונד" וואָס אין אַלע תפיסות פון דער צאַרישער רוסלאַנד. דאָס שטייגן פון זייער העלדנמוט איז, פאַר אים, איינע און די זעלביקע. וועגן זיי אַלע גלייך ווערט זיין דיכטונג דערהויבן. אין זיינע פּאָעמען איז רייף געוואָרן און זיך געשטאַרקט די יידישע שפּראַך; ביז אים האָט זי קיינמאָל נישט פאַרמאָגט שורות פון אַזאַ כוח, ווי פון שטאָל־געשמידטע און אָנגעזאַפּטע מיט

זעלישן פלאַטער פאַר דעם פראַכט און יסורים־שיינקייט פון די געפיניקטע. זיינע לידער זענען לויב־מזמורים פאַר די גייסט־העלדן וואָס פאַראַכטן אי די קייטן, אי די וואָס שמידן אין די קייטן. צווישן די רעוואָלוציאָנערן פון צווישן דער יידישער יוגנט, איז דורך דער דאָזיקער דיכטונג, מיט אַמאָל אויפגעשטיגן אַ דרך־ארץ־געפיל פאַר די פאַרגאַנגענע דורות, וואָס זענען ביז דאַן געווען דערנידעריקט ביז גאָר. די פאַראַכטונג צו זיי איז געווען אַן מין אומבאַשטרייטבאַרע אַקסיאָמע. און דערביי איז די עצם־דערשיינונג פונעם יידישן סאָציאַליסטישן אויפשטענדלער אין רוסלאַנד, שטאַרק פאַריידישט געוואָרן און אין ליעסינס דיכטונג איז זי געשטיגן צו דער שטופע פון מקדשי השם, וואָס ווערן פון אייביק אָן פאַרערט אין אונדזער אומה.

די געאָגראַפישע דיסטאַנץ צווישן דער רעדאַקציע אין ניו־יאָרק און דעם טעטיקייט־פעלד פון די געפייניקטע פונעם „בונד" אין רוסלאַנד, האָט נאָך מער פאַרגרעסערט ביים דיכטער די מעגלעכקייט צו דערהייבן זיי צו אַן ענין פאַר זיין דיכטערישער מוזע. די בונדיסטן־אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַמעריקע און האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער קליינלעכער אָפּפרעמדונג אין די סאָציאַליסטישע רייען — זיי האָט ער געהאַסט, קעגן זיי האָט ער געקעמפט; די בונדיסטן, אָבער, וואָס אין רוסלאַנד, די ווייטע פון אויג, זיי זענען געוואָרן נאָך מער נאָענט צום האַרצן. זיי האָט ער געזען ווי די טרעגער פון דעם דערנער־קראַנץ פון פאַרצייטיקע מאַרטירער.

און ווען עס האָט זיך דערטראָגן צו אים די ידיעה וועגן דער קעמפערישער גבורה און דער טרייער שעפערישקייט פונעם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל, האָט זיין האַרץ זי אויפגענומען מיט ברייטער פרייד. זיין גאַנצער קאַמף פאַר יידישקייט צווישן זיינע חברים, די זיך אָפּפרעמדנדיקע סאָציאַליסטן, האָט אָנגענומען פון איצט אָן מער שטאַרקייט און אַ מער קאָנקרעטע ממשותדיקייט. ווי אַ פלאַם אָן אַ קנויט האָט זיין ברויזנדיקע עמאָציע זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיקן נייעם און אַזוי געגאַרטן לעבנס־פּאַקט, וואָס האָט זיך ווי אַ בשורה דערטראָגן צו אים פון די פעלדער פון יהודה און גליל. און ער האָט מיט פרייד געשטעלט צום דינסט פון דער חלוציות סיי די פראָזע פון זיין פובליציסטיק און „די צוקונפט", און סיי זיין רייף־געוואָרענער דיכטערישע מוזע. נאָך איידער אין די „געווערקשאַפטן" איז געווען וועלכע נישט איז באַוועגונג וועגן דער אַרבעטנדיקער ארץ־ישראל, האָט ער איר אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געווידמעט איר זיין גייסט. פונקט ווי עס האָט געצויגן זיין האַרץ צום יידישן רעוואָלוציאָנערן קעמפער אין רוסלאַנד, אַזוי האָט עס אים געצויגן צום חלוץ אין ארץ־ישראל. אין ווייטע שיינקייט האָט אויפגעגלאַנצט און האָט זיך מצרף געווען

צו אַ צווייטער ווייטער שיינקייט, און ביידע האָבן זיי געענערט זיין זעלישע קעגנערשאַפט צו דער נאָענטער רעאַליטעט אַרום אים.

ווען די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געקומען, איז ער געווען דער ערשטער צווישן די נישט־ציוניסטישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע וואָס האָט זי באַגעגנט מיט אַ פלאַמענדיק־באַגריסנדיק לייט־אַרטיקל אין „די צוקונפט" (1918) און ער האָט שוין אויך דאַן געפּרוווט אָנצווייזן אויף די געפאַרן וואָס זענען פאַרבונדן מיט איר און אויף די גוואַלדיקע התחייבותן וואָס די דעקלאַראַציע לייגט אַרויף אויף אונדזער יידישן דור. ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט צו פאַרלייענען דעם אַרטיקל פאַר זיינע פריינט. פאַרלייענען אים איין מאָל און ווידעראַמאָל. ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים צום ערשטן מאָל (1927) זענען שוין געהאַט אַוועק קרוב צו צען יאָר זינט יענער מאמר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און דאָס פּאָליטישע און קאָלאָניזאַטאָרישע בילד אין ארץ־ישראל איז דאַן, אין פיל הינזיכטן, געווען געענדערט. אָבער מיט וואָס פאַר אַ ריינעם און אויפריכטיקן שטאָלץ האָט ער מיך אַוועקגעזעצט, דאַן, נעבן זיך, אין זיין באַשיידענער וווינונג, אין די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, און האָט מיר פאַרגעלייענט דעם גאַנצן מאמר יענעם, פון אָנהייב ביזן סוף, מיט אַ געפילפולער באַטאָנונג און מיט יוגנטלעכן ברען.

און פאַר דעם, ווען בערל קאַצנעלסאָן איז געקומען קיין ניו־יאָרק, אין דער ערשטער דעלעגאַציע פון דער הסתדרות, נאָכדעם ווי די אַרבעטער־באַנק איז געגרינדעט געוואָרן (1921) און ער האָט אָנגעהויבן קלאַפּן איבער די טירן פון די יידישע אַרבעטער־פירער צו דערוועקן זייער האַרץ, האָט ער אין ליעסינס טיר, בכלל, נישט געדאַרפט אָנקלאַפּן. ליעסין האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אַזאַ דעלעגאַציע; און ער אַליין האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון בערלס האָטעל און האָט אים געפרעגט מיט וואָס קען ער אים בייהילפיק זיין. מיטן גאַנצן האַרצן האָט ער ברייט געעפנט די טויערן פון „די צוקונפט" פאַר די ווערטער פון די חברים פון ארץ־ישראל און פאַר דער אָפּשאַצונג פון העברעישע ביכער און שרייבער. און ער האָט נישט איין מאָל זיך ביטער באַקלאָגט פאַר מיר אויף אונדזערע חברים, פאַרוואָס זיי באַנוצן זיך נישט פיל מער מיט דער „צוקונפט"־טריבונע און אויך איבער דעם ווי שווער עס קומט אים אָן צו קריגן אַ ציוניסטישן מאמר אַלס ענטפער אויף אַ בונדיסטישן קעגנערישן אַרטיקל, וואָס ער איז געצוווּנגען צו פאַרעפנטלעכן.

און הגם ער איז געווען זייער באַליבט ביי זיינע חברים און פאַרערט אין זיין באַוועגונג, האָט ער פון דעסטוועגן זיך זעלבסט געפילט ווי אויסער זיין פּלאַץ. זיינע לייענער האָט ער קיין סך נישט געזען און דער אָפּקלאַנג פון זיין וואָרט פלעגט זיך דערטראָגן צו אים נישט איבעריק אָפט. די אומגעבונג זיינע

איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון אירע ווערטן און ער האָט געגאַרט מען זאָל אים הערן, מען זאָל אים פאַרנעמען. מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן פלעג ער פאַרלייענען אויפן קול זיינע מאמרים און שירים פאַר זיינע פריינט־באַזוכער. קיין איין רייזע קיין ניו־יאָרק איז נישט אַדורך פאַר מיר אָן צו ווידמען אַן אָוונט פאַר אַ באַזוך ביי ליעסינען — דאָס איז געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכע זאַך; און עס איז נישט געווען אַ באַזוך ביי ליעסינען, וואָס זאָל זיך נישט ענדיקן מיט זיינער אַ פאַרלעזונג פון זיינע זאַכן פאַר מיר. ער האָט פאַרגע־לייענט מיט באַטאָנונג שטאַרקן געפיל, דיכטונג ווי פּראָזע, סיי זאַכן געדרוקטע מיט יאָרן צוריק און סיי פון אַ מאַנוסקריפּט, אָן ערשטע איצט אָנגעשריבענעם. און איך האָב געוווּסט — עס איז, כלל נישטאָ וואָס צו חידושן זיך אויף אָט־דער באַדערפעניש צו באַגעגענען זיך אויג־אויף־אויג מיט אַ לעבעדיקן לייע־נער און דערפילן דעם איינדרוק פון זיינע ווערטער אין דער פולער קאָנקרעט־קייט. אגב, די דאָזיקע זעלישע באַדערפעניש איז, קענטיק, כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן שרייבער וואָס איז פאַרמשפּט צו שאַפן אין אַ פרעמדער סביבה.

ווי ער, אַזוי אונדזער פריינט דוד פּינסקי, אַזוי איז אויך געווען פּרץ הירשביין בשעתו; אין ווילנע האָט מען זיך געדאַרפט איינבעטן ביי אים ער זאָל פאַרלייענען פאַר אַנדערע פון זיינע שאַפונגען. אָבער אין קאַלגארי און אין ניו־יאָרק איז געווען אוממעגלעך אַ באַגעגעניש מיט אים אָן צו ווידמען אַ שעה אויף צו הערן אים פאַרלייענען פרקים פון זיינע רייזע־באַשרייבונגען. זעט אויס, אַז דאָס איז דער גורל פון שרייבער וועלכע זען אַז זייערע ווערק זענען ווי געשיקט אין אַ ליידיקן חלל.

און ליעסינס מוזע איז דערצו נאָך ווי געבענטשט געוואָרן מיט אַ ווידער־שפּרוך פון אייגנשאַפטן, וואָס גיט איר צו אַ באַזונדערן חן: דאָס איז די קראַפט פונעם עטישן פּאַטאָס אין זיינע דיכטונגען, וואָס ווערט לויטערער און קלע־רער דורך דעם חוש פאַר הומאָר און דער שאַרפקייט פונעם סאַרקאַזם. אַ קונ־דעס, אַ שטיפער פון זיין קינדהייט אָן און אַ זייער קלוגער, האָט ער זיין גאַנץ לעבן געוווּסט ווי צו שמייסן מיט דער בייטש פון זיין איראָניע, אָט די געשמאַק־לאָזע און גייסט־ליידיקע וואָס האָבן געווימלט אַרום אים. אַזאַ זעלטענער זיווג איז אַ גרויסע מעלה פאַר אַ דיכטער, ווען מען זעט, ווירקלעך, אַז ווי די פּאַ־טעטישקייט פון דערהייבנדיקער דיכטונג, אַזוי אויך די סאַטירע פון זיין שניי־דנדיקן צאָרן, קוועלן ביידע צוזאַמען פונעם זעלביקן לויטערן עטישן קוואַל. ביי אונדז איז געבענטשט מיט אַזאַ דערהויבענער באַהעפטונג אונדזער דיכטער נתן אַלטערמאַן און דערפאַר האָט ער אַזוי דעראָבערט אונדזער האַרץ אינ־גאַנצן.

און פונקט ווי ליעסין האָט האָלד געהאַט צו פאַרלייענען זיינע ווערק פאַר

זיינע פריינט, אַזוי האָט ער נישט געקענט אַכטונג געבן אויף זיי און האָט נישט ליב געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט זיי נאָך זייער אָפּדרוקן. עפּעס אַ מין באַזונדערע אַפּאַטיע האָט אים געשטערט צו זאַמלען זיי, אויסבעסערן זיי און צוגרייטן זיי צו אַ זאַמלונג. צווישן זיינע פריינט זענען געווען פאַרשפּרייט לעגענדעס וועגן אַט־דער „פוילקייט" זיינער צו וועלכער זיי האָבן נישט געקענט געפונען קיין עצה. און ווירקלעך: יאָרנלאַנג האָבן די מיטגלידער פון דער „אַסאָסיישאַן" גענומען אויף זיך, ווידער און אָבער אַרויסצוגעבן אַלע זיינע שריפטן; מען האָט וועגן דעם באַשלוס געהאַט מיטגעטיילט אין דער עפנטלעכקייט און ער האָט אויך שוין געהאַט געגעבן זיין צושטימונג פאַר דעם, און די זאַך איז נישט אויסגעפירט געוואָרן נאָר איבער זיין פאַרזאַמען און אָפּהאַלטן די קאָרעקטורן. און ווען זיינע דריי בענדער געזאַמלטע לידער זענען סוף־כל־סוף דערשינען, שיינענדיקע אין זייער פּראַכט, האָט ליעסין שוין נישט זוכה געווען צו פרייען זיך מיט זיי. — — —

ער פלעגט פיל רעדן איבער זיין צער וואָס ער האָט נישט זוכה געווען צו זען ארץ־ישראל. משפּחה־קראַנקייטן האָבן אַ סך גורם געווען צו דעם. זיין ליבע פרוי איז קראַנק געווען די גאַנצע צייט און נאָך דעם האָט געשטערט זיין איינציקע טאָכטער וואָס איז געווען פון שוואַכן געזונט. און ער אַליין איז קיינמאָל נישט געווען קיין אויספירער פון זיינע פּראַקטישע באַשלוסן. ווען מען האָט אָבער געגרינדעט די קבוצה רמות מאיר און אַ פאָרשטייער פון „יכין" איז געקומען צו אָרגאַניזירן די וואָס ווילן זיך באַטייליקן אין יענעם ישוב־פּונקט, איז ליעסין געווען פון די ערשטע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַ נחלה דאָרטן און ער פלעגט זייער פּינקטלעך פון זיין מאָגערן געהאַלט אַריינטראָגן זיינע איינצאָלונגען. מענדל ראָזענבוים, זיין פריינט און פאַרטרויונגסמאַן, דער געוועזענער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער און אויף דער עלטער אַ מענטש פונעם „הנוער העובד" אין „נען" האָט געזאָלט געווען זיין אַ מין פאָרשטייער און מדריך זיינער אין זיין געגאַרטן פּרדס, נעבן זיין קיבוץ, ווען ער, ליעסין, וואָלט געווען זוכה געווען און דערלעבן. איינע פון די שטענדיקע טעמעס, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו באַשמועסן מיט זיינע געסט פון ארץ־ישראל, איז געווען — דער אויסזען פונעם לאַנד. נעבן אים פלעגט ליגן אויסגעשפּרייט די גרויסע מאַפּע פון ארץ־ישראל און די קלענערע פון ירושלים און עס האָט קיין סוף נישט גענומען צו זיינע פראַגעס: ווי ווייט אַ מענטש וואָס שטייט אויבן אויפן שטאָט־מויער אין ירושלים, דערגרייכט מיט זיין בליק צו זען? ווי ווייט אין אַ פאַרוואָלקנטן טאָג, און אויף וואָסער דיסטאַנץ אין אַ לויטערן טאָג? ווי זעט אויס דער וועג פון ירושלים קיין ענתות? און ווי זעט אויס דער שטעג וואָס פירט פון באַרג ציון צום עמק יהושפט? און ווי אַזוי גייט אויף די זון פונעם

כנרת? און ווו, פּינקטלעך, ענדיקט זיך דער באַרג גלבוע? און ווי איז די פּלאַראַ אויפן באַרג תבור? און צוזאַמען מיט דער דאָזיקער פראַגע לייענט ער דיר פאַר אַ פראַגמענט פונעם ליד וואָס צוליב אים, טאַקע, איז אים נייטיק, בדיוק, צו וויסן דעם ענטפער אויף אָט־דער פראַגע, און אַ גאַנץ קאַפּיטל פון אַ צווייטן שיר, וואָס דאַרטן פעלט אים דער פּינקטלעכער ענטפער אויף דער אַנדערער פראַגע. און דו קענסט זיך נישט באַפרייען פון שטימונג ווי אַזוי אָט דער „בונדישער" דיכטער לעבט מיט דעם פּייזאַזש פון ארץ־ישראל און מיט דער אַטמאָספערע פון אירע לאַנדשאַפט־געשטאַלטן, טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון איר, לעבט זיי־מיט לויט די פסוקים פון תנ"ך, לויט ציטאַטן פון פלאַוויוס, לויט אולברייט און נעלסאָן גליק און לויט אשחור הפרחי און נישט האַבנדיק געזן קיינמאָל דאָס לאַנד הערט ער נישט אויף צו דענקען און צו פילן איר לופט און איר אויסבליק.

„אין דער שטילקייט פון חצות־שעה, ביים ליכט פונעם לאָמפּ אויף מיין טיש... הער איך זיך איין דעם ווייט־ווייטן געזאַנג פון די חלוצים" — זאָגט ליעסין אַליין וועגן זיך אין יאָר 1926; און בעת ער רעדט וועגן דעם פראַכט און גלאַנץ פונעם ציוניזם, שרייבט ער, ביי אַ דערהויבענער שטימונג: „אין דער זעלבער צייט ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן איז, לויט דער לעגענדע געבאָרן געוואָרן משיח און אין דעם דור ווען דאָס משיחישע איז חרוב געוואָרן איז געבאָרן געוואָרן דער ציוניזם" און ער זעצט פאָר לויט זיין שטייגער צונויפצופלעכטן דורות און זאָגט: „און הינטער דעם געזאַנג פון די חלוצים פאַרנעמט מיין אויער אַן אַנדער געזאַנג, אַ זייער זייער ווייטע און דאָך אַזאַ נאָענטע: פון אַלע צייטן פאַרשידענע און פון אַלע לענדער פאַרשידענע פאַרנעמט מיין אויער; פון די אבלי־ציון פון ערשטן חורבן און פונעם צווייטן חורבן און פון די הונדערטער און טויזנטער חורבנות פונעם גלות, פון די ברע־נענדיק־טרוקענע וויסטעס פון מיטל־אַזיע, פון די זאַמד־דונעס פון תימן־לאַנד, פון די שפּיציקע בערג פון צפון־אַפריקע, פון די טעמפּע געטאָס פון דרום און מערב־איראָפּע, פון די אייז־וויסטעס פון גלות־פוילן און רוסלאַנד, סאַראַ וועלטן־ברום! סאַראַ דורות־געשריי! אין דער מיט פון אונדזער מענטשהייט אויף דעם פּלאַנעט איז נישט צו געפינען קיין שום גלייכן צו אָט־דער באַצוי־בערנדיקער שיינקייט".

און נישט נאָר די געשטאַלטן פונעם לאַנד האָט ער מיטגעלעבט און נישט נאָר דאָס זינגען פון די חלוצים און די טרוים־בילדער פון דער גבורה און די ליידן פון דער אומה אין ווייטע דורות פלעגן אָנרעגן זיין גייסט און זיין מוח, בייערט אויך טרוים־בילדער פון דער וועלט און פערזענלעכקייטן פונעם יידישן

און דעם וועלט־סאָציאַליזם האָט ער געזען מיט אויגן פון דער סימבאָליק פון ייִדישער געשיכטע.

אַז ליעסין וויל שילדערן מאַרקס קאַמף פאַר אונטערדריקטע און באַרויבטע, שרייבט ער: „אַזוי ווי עמוס פון תקוע, אַזוי האָט אויך מאַרקס פון טריער איבעראַשט אַלע „זאַרגלאָזע אין ציון און זיכערע אויפן באַרג שומרון". און ווען ער וויל מאָלן דעם אייפער פון מאַרקס פאַרדעכטנדיקן קאַמף קעגן די אָפּנייגן פון באַקונין און זיינע חברים, זאָגט ער: „און אַזוי ווי די אַמאָליקע גרויסע רבנים, וואָס האָבן אַזוי פלאַמיק געוואַרט אויף משיחן און דאָך אַזוי פלאַמיק געמוזט באַקעמפן די פאַלשע אָנזאָגער, וואָס האָבן געוואָלט דוחק זיין דעם קץ, אַזוי האָט אויך מאַרקס געמוזט אַוועקלייגן גרויסע כוחות אויפן קאַמף קעגן אָט־די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיקער, וואָס האָבן געוואָלט דוחק זיין דעם קץ — קעגן אַ ווייטלינג, אַ באַקונין און פיל אַנדערע". און אַז ער האָט געשילדערט מיט פיל ליבע די געשטאַלט פון זיין תלמיד־פאַרערער אינעם „בונד" און זיין שטאַרקן אָפּאָנענט בנוגע ציוניזם, די געשטאַלט פונעם מאָסקוויק־בונדיסט אַשר סאָלאָווייטשיק, „אַ מענטש פון די קעלער־שטובן פון ווילנע און וואַרשע", שרייבט ליעסין: „און פלעג איך קוקן אויף זיינע אומרויִקע און אומעטיקע אויגן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם צער פון דער וועלט און אויף זיין פאַרמעטענעם תענית־פּנים, וואָס איז דורכגעלויכטן געוועזן פון אַ פאַרבאָרגענעם אינערן ליכט, פלעג איך ביי זיך אָפט טראַכטן: וויפל צענדליקער דורות ייִדן פאַר אים האָבן עס געפאַסט הפסקות, געוויינט אויף גלות השכינה, געגרייט זיך אַ לעבן צו שטאַרבן מיט אַ קדושים־טויט, ביז וואַנען עס זענען אַרויסגעקומען פון זיי אַזעלכע אַשרס.[1]

ער האָט שטאַרק געוואָלט, אַז אין ארץ־ישראל זאָל מען וויסן וועגן זיין שאַפונג און ווערק. ער האָט זיך לחלוטין נישט געיאָגט נאָך „פּובליסיטי" און ער האָט קיינמאָל נישט פאַרטיידיקט נישט זיין נאָמען און נישט זיינע רעכטן; אָבער אַז ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ברענער האָט על פּי טעות צוגעשריבן זיין שיר „דער הונדערטסטער קרעמער אין גאַס", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין רוסלאַנד נאָך, איידער ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע — צו אברהם רייזין האָט עס אים גוואַלדיק פאַרדראָסן און ער האָט נישט איינמאָל איבערגעחזרט פאַר מיר: „איך ווייס, אַז דער דאָזיקער שיר איז זייער באַליבט ביי איך, זאָגט־זשע זיי דאָרטן אַז איך, און נישט רייזין האָב אָנגעשריבן דעם־אָ שיר, פאַרוואָס זאָל מען מיך באַזלענען און אַוועקנעמען ביי מיר דאָס ביסל

1) די לעצטע צוויי ציטאַטן זענען גענומען פון ליעסינס בוך „זכרונות און בילדער" (פון שטיינס פאָלקס־ביבליאָטעק ביים ייִדישן קולטור־קאָנגרעס). די ערשטע האָב איך אינעם בוך נישט געפונען און זי איבערזעצט פון דער העברעיִשער איבערזעצונג (איבערז').

מיינס וואָס איז אָנגעקומען צו אייך און איז, צו מיין פרייד, באַליבט געוואָרן ביי אייך?". און ווען רחל האָט איבערגעזעצט זיין ליד וועגן כותל־מערבי אויף העברעיש און מען האָט מיך — איך בין דאַן געווען אין אַמעריקע — באַ־אויפטראָגט אַריינצוקומען צו אים און בעטן ביי אים דערלויבעניש צו פאַר־עפנטלעכן אים, האָט זיין פנים אויפגעשיינט און איינהאַלטנדיק זיין גאַנצן גע־צוימטן שטאָלץ האָט ער, איבערחזרנדיק עס עטלעכע מאָל, אָנערקענט, אַז די בשורה האָט פאַרוואַנדלט פאַר אים דעם דאָזיקן טאָג אין אַ יום־טוב.

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט אים אין יאָר 1936, נאָך אונדזער לעצטן שמועס, האָט ער מיך אומגעקערט פון די טרעפּ און מיר געזאָגט: „פון דעסט־וועגן וואָלט איך וועלן, אַז איר זאָלט זיי דאָרטן זאָגן, אַז דעם ערשטן שיר מיינעם האָב איך געשריבן אין עברית. ס'איז גוט זיי זאָלן עס וויסן".

איך האָב שוין נישט זוכה געווען צו זען זיך מיט אים נאָך אַמאָל. ווען איך בין ווידער געקומען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע, מיט צוועלף יאָר שפּע־טער און איך וואָלט דענסטמאָל געקענט אים דערפרייען מיט אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען און זכרונות וואָס בערל קאַצנעלסאָן האָט צוזאַמענגעקליבן און אברהם קריב האָט איבערגעזעצט (זכרונות והוויות, עם עובד, תש"ג) און מיטן האַרציקן עסיי, וואָס בערל האָט אָנגעשריבן וועגן אים (דער מבוא צום דערמאָנטן בוך און „בחבלי אדם") און מיט זיינע גרויסע פּאָעמעס, וואָס שמשון מלצר האָט פון ס'ניי איבערגעדיכטעט אין עברית — האָב איך שוין נישט געהאַט וועמען צו דערפרייען. אין די קרייזן פון זיינע פאַרערער האָט מען זיך דאַן שוין געגרייט צו זיין צענטן יאָרצייט.

תשט"ו

אהרון זאב אשכולי

אויך אשכולי? איז אויך ער אויסגעכאַפּט געוואָרן פּלוצים אין רעכטן מיט לעבן פון מיטן געוועב פון זיינע פיל פּלענער? און קיינער אַרום אים האָט נישט געשפּירט אַז אַ שאָטן פון אַ געפערלעכער קראַנקייט הויערט איבער אים? ערשט נעכטן, דאָך, האָט מען אים דערציילט, אַז ער איז איינגעלאַדן געוואָרן פון ירושלים קיין תל־אביב צו באַגלייטן דעם גאַסט פון דער הסתדרות, וואָס איז געקומען פון פראַנקרייך. און מיט געציילטע טעג צוריק, ערשט, איז ער געזעסן דאָ ביי זיין אַרבעטס־טיש אין רעדאַקציע און האָט געגרייט פּראָגראַ־מען פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. און ערשט־אָ האָט ער מיר געבראַכט זיין גרויסן כתב־יד פון הונדערטער זייטן, אַ זאַמלונג פון אַ פולע מאַטעריאַלן וועגן די משיחישע באַוועגונגען ביי יידן און וועגן די ימות המשיח (משיחס צייטן) ווי זיי ווערן געשילדערט אין העברעיִשע ליטעראַרישע דאָקומענטן פון אַלע דורות — וואָס ער האָט צוגעגרייט צום דרוק אונטערן נאָמען „ספר המשיח" און מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט אים, געגריבלט זיך אין אים און געדענקט נאָך און נאָך זיך צו גריבלען.

מיטן דערהאַלטן די דערשיטערנדיקע ידיעה וועגן זיין פּלוצימדיקן, שנעלן און אומדערוואַרטעטן טויט, איז ווי עס וואָלט מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן דער פאַרוואָס פון זיין גרויסער צעשפּרייטקייט און צעוואָרפנקייט און פון זיין אימ־פּעטפּולן ברויזנדיקן וואַרפן זיך אויף פאַרש־געביטן, אַזוי ווייט איינער פון דעם אַנדערן, אַזוי פאַרשיידנאַרטיק און אויך נישט געוויינלעך. ער האָט אויך געאײַלט אין וועג אַריין.

ער איז געווען אַ פּאָליגלאָט, וואָס האָט באַהערשט צען שפּראַכן און זיין פאָרש־אינטערעס איז פאַרשפּרייט געווען אויף זייער ווייטע וועלטן. זיין בוך וועגן דער ליטעראַטור פון די אַביסיניער יידן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין פיל המשכים אינעם „סיני" האָט, דאָך געהאַט אַ צאָל לייענער צום איבער־ציילן אויף די פינגער פון איין האַנט און אַריינגעלייגט אין אים האָט ער אַ געוואַלד מיט אַרבעט; און דאָס בוך אַנטהאַלט אַ מאַסע דאָקומענטן, וואָס קיין העברעיִשער לייענער האָט זיי פריִער פאַר די אויגן נישט געזען; און די אַלע אַביסינישע פאָרשונגען זענען געווען פאַר אים נאָר אַ מין איבערגאַנג צווישן

זיינע פאַרשונגען איבער חסידות — מיט וואָס ער האָט אָנגעהויבן ווען ער האָט געהאַט פאַרענדיקט זיין שטודיום אין דער פאַריזער ראַבינער־שול — און זיינע פאָרשונגען איבער יידישער עטנאָגראַפיע וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין זיין ספר „ישראל" (תרצ"ג) און האָט אים פאַרעפנטלעכט אין ירושלים אַלס פאָלקס־בוך וועגן דעמאָגראַפיע איבער אַלע יידישע שבטים לויט תפוצות, שפּראַכן, לעבנס־שטייגער — צוויי יאָר פאַרן חורבן פונעם אייראָפּעיִשן יידנ־טום...

און הגם נאָך זיין עולה זיין האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין די דעראייגענישן פון ארץ־ישראל און אין קאָמענטירן די וועלט־דעראייגענישן פון די העברעיִשע לייענער אין לאַנד און ער האָט מיטגעמאַכט מיט אונדז אין דער רעדאַקציע פונעם „דבר", ווי איינער פון די טאָג־מיטאַרבעטער און נאַכט־מיטאַרבעטער ביי איבערזעצונגען, קאָמפּילאַציע, אָדער אָריגינעלע אַרבעטן, האָט ער פון דעסטוועגן נאָך געפונען אויך זעלישע מעגלעכקייטן צו פאַרנעמען זיך שטענ־דיק מיט זיינע פאָרשונגען, אויסברייטערן זיי, שאַטירן זיי און, גאַנץ אָפט, אי־בערדאַשן אונדז מיט זיי. און ווי דער גורל פון איינעם וואָס זיין געלערנטקייט איז נישט זיין פאַך און זיין השראה איז גרעסער ווי זיין פלייס האָט ער נישט אויסגעמיטן אויך ווייטע השערות און נישט איינמאָל האָט ער באַצאָלט פאַר דעם־אָ טייערן פרייז ביז ער האָט באַוויזן צו באַרייכערן אונדז מיט זיין גרויסן און פונדאַמענטאַלן בוך וועגן „ספּור ר' דוד הראובני" (ת"ש), מיט וועלכן די היסטאָרישע געזעלשאַפט אין לאַנד האָט אָנגעהויבן איר היסטאָריאָגראַפישע ביבליאָטעק. דער ספר אַנטהאַלט אַ מבוא, אַ רייכן אין כמות און אַ פולן אין איכות וועגן יענער משיחישער באַוועגונג. צוזאַמען מיט אַ טריי קאָנטראָליר־טער אויפלאַגע פונעם כתב־יד זעלבסט פונעם טאָג־בוך פון דוד ראובני און מיט אַ פולער דאָקומענטירטער און קאָמפּליצירטער ליטעראַטור וואָס איז מיט אים פאַרבונדן, קאָרעגירט, אויפגעקלערט, באַשיידט און באַלויכטן.

און איינצייטיק מיט דעם האָט ער אַרויסגעגעבן די וויזיעס פון ר' שלמה מולכו און ער האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן די זעונגען פון ר' חיים וויטאַל און האָט — לערך צען יאָר נאָכאַנאַנד — געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר זיין משיח־בוך און ער האָט געפאָרשט די געשיכטע פון משיחישע נטיות צווישן די פוילישע אימיגראַנטן אין פאַריז און ער האָט זיך געגרייט צו שרייבן אַ גרויסן בוך וועגן דער געשיכטע פון יידישער קונסט, און ער האָט פאַרעפנטלעכט אַן איבער־זיכט איבער דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און ער האָט פאַרעפנטלעכט אַן עסיי איבער ליטעראַטור־פּראָבלעמען בכלל און ער האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט אַ בוך וועגן זיין געבורט־שטאָט, לאָדזש, וואָס

פון איר קומט צו אים זיין דינאַמישקייט און זיין נייגונג צו פאַרשלינגען און אַרומנעמען ענינים און טעמעס.

און ביי דעם אַלעמען איז ער אויך אַן אונטערדריקט־מאַן, אַ הגנה־מאַן, און אַ ציוניזם־מאַן און אַ הסתדרות־מאַן און אין די יאָרן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה אויך אַ מיליטער־ראַבינער אין איטאַליע און אין מצרים, און אין די יאָרן פון אונדזער באַפרייונגס־מלחמה אויך אַן אָפיציר פון דעם יידישן מיליטער און אַ צו־קבורה־ברענגער די טויטע אין מיליטער, שטעלט איין זיין לעבן ביים זוכן קערפּערס פון אונדזערע געפאַלענע העלדן און ביים ברענגען זיי צו קבר־ישראל.

אַלס צוגאָב צו דעם אַלעמען — אַ מערקווירדיקער בעל־זכרון, אַ מענטש פון אַ שאַרף אויג און שאַרפער צונג. אַלס „איוב" — דיסקוטירט ער מיט קעגנער פון רעכטס און פון לינקס; אַלס אהרון־זאב — ווייזט ער אַרויס אויך אַ דערציילער־טאַלאַנט און ברענגט אַרויס קאַפּיטלען וואָס פאַרשפּרייטן ליכט אויף דער קעגנוואַרט. מען געדענקט גוט זיין לעצטע דערציילונג וועגן דעם ירושלימער פרומאַק־קנאי, וואָס האָט זיך איבערגעבעטן מיט זיין זון, דעם הגניסט ביי זיין לוויה. זענען מיר נישט אויפגעשוידערט געוואָרן ביים לייענען די דאָזיקע דערציילונג?

און צי איז דען נישט געווען אין אים זעלבסט עטוואָס פון איבערבעטן זיך מיט דער טראַדיציע־וועלט, ווען ער האָט אויפגעהויבן די פאָן פונעם „העובד הדתי" (רעליגיעזן אַרבעטער) אין דער הסתדרות און האָט אָנגעהויבן זאָרגן וועגן די פּרינציפּן פון יידישן „יורי" אין דעם געזעץ פון דער מדינה.

אַרום דעם האָט זיך, דאָך, געדרייט נאָר וואָס מיין שמועס מיט אים, זיין לעצטער שמועס אין רעדאַקציע־צימער.

און ער איז דאָך נאָך געווען בלוט־יונג, צו די פופציקער נאָך נישט צוגעקומען.

ער האָט זיך צו שנעל געאיילט אין וועג אַריין, מיין פריינט אשכולי.

ח' כסלו תש"ט

מיכל ראַבינאָוויטש

ר׳ מיכל ראַבינאָוויטש איז געשטאָרבן! עס איז אַוועק אַן אָנגעפּראָפּטער אוצר פון תורה, ליטעראַטור און ייִדיש וויסן. עס איז אַוועק אַ ביבליאָטעק אַ גאַנצע, אַן אָנגעפּאַקטע מיט פאָלקס־וויסן, שטייגער און פאַרגאַנגענעם לעבן און ליטעראַטור פאַרבאָרגענישן און ביכער־קענטעניש און ראַנגלענישן פון באַוועגונגען, און איניקסטער וויסן פונעם לעבן פון דערהויבענע ייִדן אין אונדזערע און אין פאַר אונדזערע דורות, אין דער רבנישער וועלט, און ליטעראַרישע קרייזן און אין די געזעלשאַפטלעכע געמאַרקן. די ביכער־קראָם „הדרום" וועט שוין מער נישט זיין קיין צוזאַמענטרעף־פּלאַץ פאַר בוך־מענטשן פון ירושלים אָדער וואָס פאַרזאַמען אין ירושלים. די פייל האָט געטראָפן אין האַרץ פון די אויס־דערוויילטסטע פון ירושלים, פאַראָרעמט איז געוואָרן ירושלים!

אומזיסט וועט איר זוכן אין ענציקלאָפּעדיעס און האַנט־ביכער, ביאָגראַפיעס אָדער ביבליאָגראַפיעס וועגן דעם דאָזיקן טייערן פאַרשטאָרבענעם, דעם ערודיט. ער האָט נישט פאַרפאַסט קיין ביכער, הגם ער האָט זייער פיל געשריבן אין זיין לעבן און נאָך מער האָט ער זיך געגרייט צו שרייבן און וועגן זיך האָט ער נישט געלאָזט שרייבן. צופיל האָט ער געוווסט דעם סוד פון ביכער־מאַכן און די געשיכטע פון אַלע זייערע פאַרפאַסער. און עפּעס אַ מין ליטוויש־ייִדישע פּיקחות און אַ תורה־משכילישע חריפות האָט אים אָפּגעהיט ער זאָל נישט אונ־טערצייען אין שריפט דעם סכום פון זיין געשטאַלט. דער שר פון ספרים איז ער אַליין געווען, טאָ צו וואָס זאָל ער צוגעבן נאָך אַ בוך צום גאַנצן מעכטיקן בי־כער־אוצר וואָס ער האָט אין זיין זכרון און אין זיין האַרצן, אַרום אים און נעבן אים? און אַלץ וואָס ער האָט געשריבן האָט ער נאָר געשריבן כלאחר־יד. גלייך ווי ער וואָלט עס געשריבן אומגעאַכט. ווי פונקען וואָס שפּריצן אַרויס פון אַ ברענענדיקן אַלטאַר. צו וואָס, בכלל שרייבן, אַז מען קען שמועסן? אַ ר׳ מיכלס שיחת־חולין — נישטאָ נאָך אַזאַ תורה־שמועס. ווער וועט קענען איבערציילן די צאָל שרייבער און געלערנטע, וואָס האָבן הויפּנס־פולע געשעפּט פון זיינע קוואַלן, וואָס האָבן אונטערזוכט זייערע סברות ביים ליכט פון זיין זכרון און וואָלטן נישט דערגרייכט צו דעם וואָס זיי האָבן יאָ דערגרייכט אָן זיין באַלערנ־דיקע הילף?

אַמאָל — איז ער געווען אַן עילוי; פון מיר, אין ליטע, האָט ער געשטאַמט. אין אַלעקסאָט, אין שאַוול, אין טעלדז און אין סלאָבאָדקע, האָט ער געלערנט ביי די גרויסע רבנים און ראשי־ישיבה. אָנגעזאַפּט און איבערפולט מיט תורה איז ער אַרויס פון די ישיבות.

דערנאָך איז ער געוואָרן אַ משכיל, אַ חריף. אין „המליץ" איז ער געווען דער שאַרפער פּעליעטאָניסט. פלעגט זיך אונטערשרייבן „צבי רבין". דאָס וואָס ש. י. יאַצקאָן אין זיין „חזון היום" איז געווען פאַר סאָקאָלאָוון אין „הצפירה", איז צבי רבין געווען פאַר לעאָן ראַבינאָוויטשן אין „המליץ": דער קאַמף־פירער. און לויט דעם כאַראַקטער און ניוואָ פון די דאָזיקע צוויי פאַר־שידענע פעליעטאָניסטן פלעגט, אין יענער צייט, באַשטימט ווערן די געשטאַלט פון די צוויי צייטונגען. שפּעטער איז ער געוואָרן דער איידעם און נושא־כלים פון ר׳ מאיר האַלפערן, דער מחבר פונעם „ספר הנוטריקונים" און אייגנטימער פון דער גרויסער יידישער בוכהאַנדלונג אין מינסק; אַ צענטער פאַר פריינט פון ציוניזם, העברעיִשער קולטור און פאַרשפּרייטער פון דער נייער העברעיִ־שער ליטעראַטור און ווייסרוסלאַנד. דאָן איז ער אויך געווען אַ ציוניסטישער עסקן און אַ געוויילטער צו קאָנפערענצן, צוזאַמענפאָרן און צו דער קהילה.

מיטן אָנקום פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער קערענסקי־רעוואָ־לוציע, הייבט זיך אָן דאָס שטייגן אַרויף פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטי־קייט און איינצייטיק מיט דעם — די פּרווו־צייט. ער איז דערוויילט געוואָרן אי־נעם נאַציאָנאַל־ראַט פונעם ווייסרוסישן יידנטום, געוואָרן רעדאַקטאָר פון אַ ציוניסטישער צייטונג אין יידיש. אין דער אָנפאַנגס־צייט פון די באָלשעוויקעס איז ער געווען איינער פון די ווינציקע ציוניסטן, וואָס פלעגט געפינען אַ גע־מיינזאַמע שפּראַך מיט זיינע געוועזנע תלמידים וואָס זענען אַוועק לתרבות רעה צו דער יעווסעקציע, און ער פלעגט ראַטעווען וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט ראַ־טעווען. ער האָט געגרינדעט אַ קאָמיסיע פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע אין ווייסרוטלאַנד, האָט געהאַלטן רעפעראַטן וועגן פאָלקלאָר אינעם פעדאַגאָגישן אינסטיטוט און האָט אומגעהויער געליטן די צרות־לאַסט פון יע־נער צייט. און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צו עולה זיין איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אוצרות אַלטע טייערע ספרים, פּעק מיט זיינע פאַרשריבענע פאַפּירלעך און אַ שפע פון פּלענער; ער האָט „איינגעשטעלט זיין צעלט" אין הארץ פון דער נייער ירושלים, האָט זיך אַוועק־געשטעלט הינטער דער סטאָיקע פון זיין בוכהאַנדלונג „דרום" און איז געוואָרן דאָרטן — אַ שם דבר.

ער האָט נישט אויפגעהערט זיין ציוניסטישע עסקנות אויך אין ירושלים: אין דעם פּראָגרעסיוון אַלגעמיינעם ציוניזם, אין „בני־ברית", אין לייי־ און

שפּאַר־קאַסע, אין „ישורון". אָבער זיין הויפּט־באַשעפטיקונג — דער ביכער־געביט. די בוכהאַנדלונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרלאַג, און די ביכער — פונדאַמענטאַלע. פון ווייטנס קלאַפּן געלערנטע אין זיינע טירן און פאַרטרויען אים זייערע כתבים און ער גיט זיי אַרויס. און אַרויסגעבן הייסט ביי אים: פאַר־ריכטן, מגיה־זיין און אַוועקשטעלן די זאַכן צו דער פּינקטלעכקייט. אַ וויסנ־שאַפטלעכער אַנשטאַלט אַן און פאַר זיך, אַ מין פריוואַטער „מקיץ נרדמים".

און בינתיים שפּריצן די פונקען; אין שיחת־חולין, אין ענטפערס צו גע־לערנטע, אין פאַרטראַגן וועגן פאָלקלאָר און אין פאַרטראַגן וועגן דעם ווילנער גאון, און אין בריוו צו שרייבער, און אַ פאַרגיכטנדיקע קריטיק וועגן כתבים פון וועטעראַנען און אין עצות קלוגמאַכנדיקע, וואָס ווערן געגעבן צו אָנפאַנגער און אין פלענער אויף פלענער, און דער עיקר אין מינדלעכע הערות, אויפ־קלערנדיקע, איבערוויזנדיקע, בליציקע און אַזעלכע וואָס שטעלן די פּרטים אויף זייער פּינקטלעכקייט.

און בינתיים — רוקט זיך אָן די עלטער און עס קומט אונטער אַ קראַנקייט און פּרוווּ־טעג קומען אָן.

וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט אין די צייטן פון מלחמה און וואָגלענישן האָט ער נישט באַוויזן צו אַרויסראַטעווען ביים סוף פון אונדזער גרעאַנגל אין ארץ־ישראל: בעתן אויפרייס אויף דער גאַס בן־יהודה האָט דער אומגליק נישט אויסגעמיטן זיין ביכער־אוצר, און מיטן חורבן פון זיין ספרים־אוצר איז זיין לעבן חרוב געוואָרן.

זיין וואַכזאַמקייט, זיין געשליפענע שאַרפקייט, זיין סבר־פנים האָבן פון אים, אמת, אויך דאַן זיך נישט אָפּגעטאָן.

אָבער די נייטיקע כוחות צו קענען אָנהייבן פון ס'ניי — זענען שוין נישט געווען:

די קראַנקייט האָט זיך געשטאַרקט און האָט אים באַזיגט.

גלייך ווי אַ וועלט אַ גאַנצע וואָלט אַוועקגערוקט געוואָרן און נישטאָ איר מער.

וועל איך איבערטרייבן אויב איך וועל זיך אויסדריקן: ער האָט נישט אי־בערגעלאָזט קיין גלייכן צו זיך?

אַזעלכע ווי ער געפינען זיך שוין נישט אין אונדזערע צייטן.

ט"ז מרחשון תש"ט

ד

אין מול נבו

ב. באָראָכאָוו און זיין ירושה

א.

בער באָראָכאָווס ליטעראַרישע ירושה, אין אַלע אירע שפּראַכן, אַלע קעגנ־שטאַנדן, אַלע ניואַנסן אירע, אין דרוק און אין שריפט, איז נישט בלויז נאָך נישט אינגאַנצן קאָמפּלעטירט געוואָרן און נישט פולקאָם — אין אַן אויפלאַגע פון „אַלע שריפטן" — פאַרעפנטלעכט געוואָרן, נאָר זי האָט זיך נאָך אַפילו נישט אויסגעפורעמט אין איין גאַנצקייט אין דעם באַוווסטזיין פון זיינע פאַרערער. און נישט, חלילה, צוליב נישט גענוג רעספּעקט, נאָר צוליב דער אייגנאַרטי־קייט אינעם גילגול פון דעם דאָזיקן רעספּעקט.

ווייל עס וואָלט געווען אומגערעכט צו קלאָגן זיך, אַז מ'האָט געלאָזט פאַרגעסן דעם נאָמען פון ב. באָראָכאָוו. אדרבא, צווישן די דענקערס, וואָס זענען אויפגעקומען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — דער פּראָלעטאַרישער און דער נישט־פּראָלעטאַרישער — זענען דאָ וויניק אַזעלכע, ווי באָראָכאָוו, וואָס יאָרנלאַנג נאָכדעם ווי זייער לעבעדיקע שטימע איז שטיל געוואָרן, האָבן זייער לייענער און נאָכפאָלגער, מיט אַזאַ עכטער פאַרערונג געלאָזט קלינגען זייערע נעמען. אַפילו נאָכדעם ווי די באַוועגונג האָט זיך געשפּאָלטן, און דערנאָך ווידער געשפּאָלטן, האָבן ביידע צדדים אין דער געשפּאָלטענער באַוועגונג נישט מותר געווען אוי זייער רעכט צו פאַראַנקערן זיך אין באָראָכאָווס לערע. אויך ווען פונעם ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישן דעמב האָבן יאָרן נאָך יאָרן געשפּראָצט בייע צווייגן, האָבן זיך אויך זיי, די בייע, געיחוסט מיט זייער שטאַם און האָבן מיט כוונה געזויגן פון זיינע וואָרצלען. מערערע שריפטן און מאַניפעסטן באָראָכאָווס זענען אין זיין פּאַרטיי קאַנאָניזירט געוואָרן. און אין האַרצן פון זיינע חברים און תלמידים, אָפּאָנענטן און פאַרערער, סיי די וואָס האָבן געלעבט אין זיין מחיצה און סיי די וואָס האָבן זיך מיט אים בלויז צופעליק געטראָפן, ווערט דער אָנדענק פון זיין אויסטער־לישער פּערזענלעכקייט געטראָגן מיט אַן אומגעוויינטלעכער וויטאַליטעט. דאָך זענען צווישן די גלאָריפיצירטע מענער אין דער באַוועגונג וויניק „אַרכיווירטע" ווי ער — ביודעים צי בלא־יודעים. אַפילו זיינע פאַנאַטישסטע חסידים, וואָס זענען גרייט זיך „ממיתן" פאַר אַן אות אין א שריפט זיינעם, פלעגן גאָר נישט

אַכטגעבן אויף וואָס ער אַליין האָט געשריבן אין אַן אַנדער שריפט זיינעם, אַפּילו גאָר אַ נאָענטן צום פּריַערדיקן. איינער אַ מאמר זיינער האָט געמעגט איבער־געדרוקט ווערן אין מערערע אויפלאַגעס, איינער נאָך דעם אַנדערן, אין פאַר־שיידענע שפּראַכן און פאַרשיידענע אינטערפּרעטאַציעס, און דערביי אָבער האָבן אַנדערע מאמרים זיינע געקענט בלייבן שטעקן אין מאַנאַטשריפטן, גלייך ווי זיי וואָלטן גאָרנישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און נישט זיינע פאַרערער און נישט די באָראָכאָוו־ערודיטן האָבן זיך מטריח געווען אַרויסצוגעמען זיי פון דער גניזה און איבערצוזעצן אויף אַנדערע שפּראַכן. אַ סך האָט דאָ בייגעטראָגן די צעשפּרייטקייט — געאָגראַפישע, שפּראַכלעכע און ווינזנטלעכע. אָבער נאָכ־מער האָט דערצו גורם געווען דער גורל פון דער באַוועגונג.

ווייל איבער פאַרשיידענע „קאָנטינענטן", טעריטאָריעלע און גייסטיקע, האָט זיך צעשפּרייט דאָס קורצע און פולע לעבן פון ב. באָראָכאָוו. בלויז 15 יאָר, בערך, האָט געדויערט זיין טעטיקייט אויף דער געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טריבונע. 21 יאָר איז ער אַלט געווען ווען ער האָט אין אַ רוסיש־ציוניסטישן זאַמלבוך (קיעוו, 1902) פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן רעפעראַט־עסיי איבער דעם „כאַראַקטער פונעם ייִדישן שכל"; און 36 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז, — אין יאָר 1917, אין רוסלאַנד, נאָך דער רעוואָלוציע, — צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן, אויפגעטראָטן אויף דער טריבונע פונעם צוזאַמענ־פאָר פון „פּועלי־ציון" — זיין פּאַרטיי, זיין שאַפונג, וואָס צען יאָר פריער האָט ער פון איר אַוועקגעוואַנדערט און אָקאָרשט האָט ער זיך צו איר צוריקגעקערט פון זיינע צווייטע, איבעראַקעאַנישע וואַנדערונגען, צוריקגעקערט אַ פאַרערטער, אַ געגאַרטער, אַ שרעקנדיקער און אַ נישט־פאַרשטאַנענער, צוריקגעקערט אַ מאָנענדיקער, אַ צוימענדיקער, זינגענדיק זיין ליד וועגן „נייע צייטן — נייע פייגל", זיין שלום־ליד אויף דער ערד. — אַלע פופצן יאָר פון זיין טעטיקייט זענען דורכגעגאַנגען אין וואַנדערונגען און וואָגלעניש, אין אָפּטראָגן זיך און פאַרהאַלטן זיך — פון לאַנד צו לאַנד, פון שפּראַך צו שפּראַך, פון שטודיע צו שטודיע און פון איין עפּאָכע־שטורעם צום אַנדערן, — פון רוסלאַנד קיין גאַ־ליציע, פון גאַליציע קיין בעלגיע, פון בעלגיע קיין ווין, פון ווין קיין ניו־יאָרק און צוריק קיין רוסלאַנד. און יעדעס מאָל האָבן „פעלדזן פאַרשטעלט די ספע־רעס": געביט־פעלדזן, ריכטונג־פעלדזן און שפּראַך־פעלדזן. — אין פאַרשיי־דענע געביטן האָט זיין גייסט דאָמינירט: פּובליציסטיק און סאָציאָלאָגיע, פילאָ־סאָפיע און פילאָלאָגיע, ביבליאָגראַפיע און געשיכטע און ווידעראַמאָל פּובלי־ציסטיק — אַ שטורעמדיקע, באַגייסטערנדיקע און ביטער־קריטיקירנדיקע. — די רוסישע שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אָנגעהויבן זיין שאַפונג און מיט דער הילף פון וועלכער ער האָט געמאַכט זיין גאַנצן ציוניסטישן און פּועלי־ציוניס־

טישן „קאַפּיטאַל", — ביז צום יאָר 1907, ווען ער האָט אָנגעהויבן לערנען זיין פעדער צו שרייבן יידיש, — די רוסישע שפּראַך איז געווען לגמרי אומבאַקאַנט זיינע נייע תלמידים און פאַרערער, וואָס ער האָט דערוואָרבן, נאָכן יאָר 1907, אין גאַליציע און אין ווין. נאָך לאַנגע יאָרן איז זיין גייסטיקער בייטראַג, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן אין זיינע ערשטע, אין רוסיש געשריבענע, פונדאַמענטאַלע ווערק, געבליבן פאַר זיי אַ ספר החתום. — און פון דער אַנדערע זייט — זיינע עקאָנאָמישע, סאָציאָלאָגישע און פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונגען, צו וועלכע ער האָט זיך גענצלעך אָפּגעגעבן אין די יאָרן פון זיין נע־ונדעווען איבער מערב־אייראָפּע און אין וועלכע ער האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס אומדערמידלעכער, קלאָרזיכטיקער וויסנשאַפטלער, וואָס קאָנטראָלירט זיינע אַלגעמיינע אויספירונגען דורך פּרעציזע אַנאַליזן, — די דאָזיקע ווערק זענען בכלל נישט דערגאַנגען צו זיינע תלמידים אין רוסלאַנד, ווו עס האָט דענסטמאָל געהערשט די פּאָליטישע רעאַקציע און ווו די באַוועגונג איז פּאַראַליזירט געוואָרן. און ווען ס'זענען אָנגעקומען פון ווילנע זיינע ווונדערבאַרע פילאָלאָגישע אַרבעטן אין יידיש־פאָרשונג, האָבן זיי פאַרכאַפּט נייע לייענער־קרייזן און אַנטציקט נייע פאַרערער, וואָס „לא ידעו את יוסף". און נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, ווען די כוואַליעס פון יענער צייט האָבן אים אַוועקגעטראָגן צו די ברעגעס פון ניו־יאָרק, און דאָרטן — אין די טעג פון דער מלחמה און פון דער באַוועגונג פאַרן יידישן קאָנגרעס, אין די טעג פון חורבנות און האָפענונגען און רעוואָלוציעס אין אייראָפּע, האָט ער פונדאַסניי אויפגעברויזט און האָט זוכה געווען צו אַ נייעם פּאָליטישן פּרילינג, האָט מיטינגירט, געשטורעמט, געמאָנט און דעפינירט פּראָגראַמען — אַלץ פון דער פּאַרטיי־טריבונע אַראָפּ, און פון דער טריבונע פון דער באַוועגונג פאַר אַ יידישן קאָנגרעס, און פון דער טריבונע פון דער טעגלעכער פּרעסע; און געווען איז ער דענסטמאָל אין אין אַמעריקע — צוזאַמען מיט נ. סירקין, פּ. רוטענבערג, ד. בן־גוריון און י. בן־צבי — דער פירנדיקער גייסט פון דער באַוועגונג, — אין אַלע יענע טעג האָבן זיינע ווערטער און מעשים נישט געקענט אַרויסרופן קיין אָפּהילך נישט צווישן זיינע אַמאָליקע תלמידים אין רוסלאַנד און נישט צווישן זיינע שפּעטערדיקע תלמידים אין עסטרייך, ווייל די מלחמה־מויערן האָבן זיי צעשיידט.

און אָט אַזאַ איז ער פאַרבליבן: דער באַהאַלטענער, פאַרהערלעכטער לערער, דער פאַרגעטערטער נסתר, וואָס ווערט געטראָגן אויף אַלעמענס ליפּן און איז פאַררינגלט אויף זיבן שלעסער.

און ווען דער אומגליק האָט ווי אַ דונער געטראָפן די גאַנצע באַוועגונג, ווען ער איז (דעם 17טן דעצעמבער 1917 — ב' טבת תרע"ז) יונגערהייט אַרויסגעריסן געוואָרן, אינמיטן זיין פּראָפּאַגאַנדע־טור איבער רוסלאַנד, בעת

די צוגרייטונגען צו די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ער האָט געזאָלט זיין דער לידער פון זיין פּאַרטיי־פראַקציע; ווען דער שווערער טרויער האָט די צעטרייסלטע באַוועגונג ווידער פאַראייניקט אַרום זיין נאָמען און זיין גייסטיקער ירושה, ווען מען האָט אָנגעהויבן פּובליקירן זיינע געזאַמלטע שריפטן — האָט זיך נאָכמער פאַרטיפט דער תהום צווישן דאָס באַקאַנטע און פאַרהערלעכטע אין זיינע ווערק און צווישן די פאַרשלאָסענע פאַרחתמעטע. פון איצט אָן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט נישט בלויז די אונטערשיידן אויף די געביטן פון שפּראַך און קעגנשטאַנד, נאָר אויך אויף די געביטן פון סטיל און שול. „אונדזער פּלאַטפאָרם" און „די קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע", למשל, זענען דערשינען אין מערערע אויפלאַגעס און אין פאַרשיידענע איבערזעצונגען — יעדעסמאָל אַ ביסל רעווידירטע און צוגעפּאַסטע צום גייסט פון אָרט און צייט. אָבער, למשל, דער אַרטיקלען־ציקל „צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע", — פאַרעפנטלעכט אין איין יאָר מיט „די קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע" און אַ יאָר פריער פון דער „פּלאַטפאָרם", — אַ ציקל, אין וועלכן באָראָכאָוו האָט אַריינגעטאָן זיין גאַנצע יוגנטלעכע ענערגיע און וואָס אין אים, פּאַקטיש, שטעקן שוין — צווישן אַנדערן — אויך די וואָרצלען פון דער „פּלאַטפאָרם" אין איר עמבריאָנעלער פאָרעם, — דער דאָזיקער ציקל — ביז ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דעם „עם עובד" אין יאָר 1934 — איז געבליבן באַהאַלטן און פאַרחתמעט גאַנצע פערציק יאָר אין די העפטן פון „יעוורייסקאַיאַ זשיזן", גלייך ווי ער וואָלט גאָר נישט עקזיסטירט. — באָראָכאָוו האָט אויפגעשטורעמט זיינע חברים אין אַמעריקע, אָבער די שטורעמס האָבן נישט באַפרוכפּערט זיינע תלמידים אין רוסלאַנד, און דאָס, וואָס עס האָט באַפרוכפּערט די לייענער־קרייזן אין רוסלאַנד פון פאַר דער „פּלאַטפאָרם", האָט לגמרי נישט אינטריגירט די לייענער פון די שפּעטערדיקע יאָרן. זיינע נאָכפאָלגער און פאַרערער פון נאָך דער „פּלאַטפאָרם"־תקופה האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן די פריערדיקע ווערק.

ווי זיין רייכקייט — אַזוי זיין צעשפּרייטקייט, ווי זיין פּאָפּולאַריטעט — אַזוי זיין אַנאָנימיטעט.

ב.

די צעשפּרייטקייט פון זיינע ווערק איז אין אַ גרויסער מאָס אויך דער רעזולטאַט פון דער גוואַלדיקער אינטענסיווקייט, אין וועלכער באָראָכאָוו האָט געלעבט גייסטיק און געזעלשאַפטלעך און מיט וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן צום שטודיום פון זיין פאָלקס גורל און צום קאַמף פאַר זיין פאָלקס ווידער־אויפבוי. זעענדיק פאַר זיך אַ לעבנס־שליחות אין דער טעאָרעטישער באַ־

גרינדונג פון זיין באַוועגונג, איז אים, אין פּראָצעס פון זיין אַרבעט, אַלץ מער און מער קלאָר געוואָרן, ווי ווייט די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון דער באַוועגונגסטעאָריע, לויט ווי זיי זענען געווען אָנגענומען ביז צו זיין דערשיינען, זענען געווען גרונדלאָז. עס זענען נאָך נישט געווען אַפילו די פאָרבאַדינגונגען פאַר פאָרשונגען, מיט דער הילף פון וועלכער מ׳זאָל קענען קומען צו טעאָרעטישע דעפיניציעס איבער דעם גורל פון ייִדן צווישן די פעלקער, דעם גורל פונעם ייִדישן אַרבעטער, דעם גורל פון דער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, איבער די פּראָצעסן פון דער ייִדישער געשיכטע און די סיסטעמען פונעם ארץ־ישראל־אויפבוי. אין יעדן ווינקעלע פון די דאָזיקע פאָרשונגען פלעגט ער זיך איבערצייגן, אַז עס איז נאָך אַפילו קיין אָנהייב נישט. און מער ווי דער געביט פון אַלגעמיינע פּרינציפּן איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן דער געביט פון וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון די פּרטים. פון אַרום און אַרום האָבן צו אים אַרויסגעקוקט און אויף אים געוואַרט פאַרשיידענע אויפגאַבן. און פול מיט פאָרשונגסדאָרשט איז ער געווען און באַוואָפנט מיט טאַלאַנט פון אַ פאָרשער. און די צייט דרענגט, די צייט איז אַן אכזר און זי מאָנט, מאָנט.

ווייל די מאָס פון זיין התמדה און שטורמישער גייסטיקער טעטיקייט איז געווען אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרץ צו דער מאָס פון לעבנס־שפּאַן, וואָס זיין גורל האָט אים אויסגעמאָסטן, און כאילו זי, די התמדה, וואָלט געווען אַן ערזאַץ צו זיין קיצור־ימים.

צווישן אויסטערלישע אינטעלעקטואַלן זענען געווען נישט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן באַוויזן בייצוקומען די קורצקייט פון זייער לעבן מיט דער הילף פון דער באַזונדערער אינטענסיווקייט פון זייער טעטיקייט. נישט גרויס איז געווען זייער לעבנס־דויער, אָבער גרויס און רייך און פילפאַרביק איז געווען די פּרוכט פון זייער שאַפונג, — רייכער פון די פּרוכט פון אריכות־ימימדיקע.

ווי אַלט איז געווען פערדינאַנד לאַסאַל, ווען ער האָט פאַרשניטן זיין לעבן אין דעם דועל? — 39! און האָט דען עמעצער, פאַר אים און נאָך אים, אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט, באַוויזן, אַזוי ווי ער, אַזויפיל צו שאַפן און אויפצוטאָן ביים לעבן — אין ליטעראַטור, פּאָליטיק, אָרגאַניזאַציע, דענקען, פילן, לעבן? און האָבן מיר דען נישט געזען אַזעלכעס אויך אין דער ייִדישער אינערלעכער געשיכטע? ווער האָט געענדערט דעם גאַנצן גייסטיקן לעבן פונעם ייִדישן פאָלק — זיינע ווערטן און באַגריפן, און ווער האָט אויסגעפורעמט דעם גייסטיקן לעבן פאַר הונדערטער יאָרן אויף שפּעטער, איבער אַלע, אַפילו וווייטסטע, גלות־לענדער, אויב נישט דער היילי־קער אר״י? און ער — איז ער דען נישט נסתלק געוואָרן אין זיינע יונגע יאָרן, — 36 יאָר אַלט? און שפּינאָזע און רמ״חל און — הערצל? ניין, אריכות־ימים

בפלוג, הייסט נאָך נישט אריכות לעבן. עס געשעט, אַז דווקא קורץ־לעבנדיקע צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסטערלישער אייגנשאַפט, איבערצווווינדן די צייט־קורצקייט, אויסצולעבן דאָס קליינע לעבנס־מעסטל אַריבער אירע ברע־געס, אַזוי אַז קיין רגע זאָל נישט פאַרטאַכלעוועט ווערן און אַז יעדע מינוט זאָל זיין פולבלוטיק. וואָס איז דאָ: אַ פאַרגעפיל, אַז דאָס לעבן וועט לאַנג נישט דויערן און דעריבער דאַרף מען איילן און אַריינכאַפּן, אָדער אפשר דווקא אַט־אָ דאָס איילעניש און אָט־אָ די פיבערהאַפטיקייט פאַרשווענדן די כוחות פאַר דער צייט און פאַרקירצן דאָס לעבן?

אַזוי צי אַזוי, איינער פון די דאָזיקע אויסדערווײלטע, עילויים, פיל־פאַרביקע אין זייער לערנען און אויסשליסלעכע אין זייער פלייסיקייט, וואָס פאַרברענען זייער לעבן אויפן מזבח פון זייער תורה און אַליין ווערן זיי פאַר־ברענט, פאַרוויקלטע אין אירע פאַרמעטן, איז געווען ב. באָראָכאָוו.

לויט זיין מהות — אַ מאַן פון ביבליאָטעק און וויסנשאַפטן. אַ מאַן פון התמדה און אינטעגראַציע. אַ מאַן, וואָס קיין שום וויסנשאַפטלעכע געהיימניש קען זיך פון אים נישט אויסבאַהאַלטן און קיין שום פאָרשונג־שוועריקייטן שרעקן אים נישט אָפּ. אַ מאַן, וואָס באַהערשט לייכט יעדע נייטיקע שפּראַך און וואָס שטרעבט צו פערפעקציע אין יעדן געביט, צו וועלכן זיינע פאָרשונגס־אַרבעטן פירן אים. אַ מאַן פון אויספירלעכער אויפקלערונג, פּרעציזן אַנאַליז און ברייטן פאַרנעם. אַ מאַן, וואָס עגבערט טיף, פאָרשט געדולדיק און שלייפט פאַרזיכטיק זיינע אויספירונגען. אַ מאַן, וואָס האָט ליב די יסורים פון שטודיום און די פאַר־געניגנס פון די מסקנות, וואָס גרונטעוועט ביז צו די טיפענישן פון זיינע אי־דייען, אַפילו ווען עס דראָט אַ סכנה צו פאַרלירן דעם אַנקער און מפקיר זיין די גאַנצע שיף, און איז אויסער זיך פון שמחה ווען עס געלינגט אים אַרויפצו־שווימען פון די אָפּגרונטן, האַבנדיק דעם אַנקער גאַנץ און די שיף צוגעשלאָגן צו אַ זיכערן ברעג. אַ מאַן, וואָס גיט אַוועק דאָס לעבן פאַר דער תורה. אַ מאַן פון אַ רויקן, לאַנגן וויסנשאַפטלעכן אָטעם, אָט ווי איינער פון די ראשונים, איינער — אַקאַדעמיש און פאַרזיכטיק.

און לויט זיין גורל און דעם גורל פון זיין באַוועגונג — אַ מאַן פון דיס־קוסיע, אַ מאַן פון אומאויפהערלעכן רעפערירן און פערמאַנענטן פּאָלעמיזירן. אַ בע־ונד פון יוגנט אָן און דורך זיין גאַנצן לעבן, פון איין פאַרזאַמלונג צו דער צווייטער און פון איין סטודענטישער קאָלאָניע צו אַן אַנדערער; ער רעפערירט און באַגרינדעט און רייסט אַראָפּ, באַהערשט די הערצער פון טיף־דענקנדיקע צוהערער און וואַרפט־אָן אַ פּחד אויף באַרימטע לעקטאָרס; צעשטערט עפּעס און בויט אויף די ווידערשפּרוכן פון זיין אָפּאָנענט; שלאָגט עמעצן אין דער זיבעטער ריפּ אַריין און שאַפט טעאָריעס אויף די טעזיסן פון דעם געשלאָגע־

נעם; אַמפּערט זיך שטענדיק מיט אינטריגאַנטן און פאַרשווערער, האַוועט און פּאַדעט פון איין געפּאַר צו דער אַנדערער, ראַנגלט זיך — אַ געטראָגענער דורך אַן אינערלעכן שטורעם, אַ פאַרפאָלגטער פון מאַטעריעלער נויט, אַ פאַר־כאַפּטער פון אומדערמידלעכן שאַרפן דעם מוח. און אין דעם דאָזיקן קאַלכאויון פון דער וואַנדערנדיקער, פערמאַנענטער דיסקוסיע פורעמט ער אויס די טעאָ־ריע פון זיין באַוועגונג און שמעלצט דעם גרעסטן טייל פון זיינע וויכטיקע ווערק.

לויט זיין מהות — אַ מאַן פון אָביעקטיווער פאָרשונג. אַ מאַן, וואָס באַזיצט די טייערע, מאָראַלישע אייגנשאַפטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן אַזאַ פאָרשער: גרויסער דאָרשט נאָכן אמת, אומגעהויערער דרך־ארץ פאַר פּרטים, גוואַלדיקע פעיִקייטן אין אַלזייטיקן אַנאַליז; פאַרטיפונג אין די שכנותדיקע געביטן אַרום דעם באַהאַנדלט קעגנשטאַנד; קענען מודה זיין אין גרייזן, אָן קאָמפּראָמיסן לגבי זיך אַליין און לגבי זיינע פריִערדיקע אַקסיאָמעס; מוטיקייט אומצווואַרפן בנינים, וועלכע ער האָט אַליין געבויט, און רעזיגנירן פון אַרגומענטן, וועלכע ער אַליין האָט צעקלונגען; דינאַמישער דראַנג נאָך דער פּרעציזער דעפיניציע; אַ באַזונ־דערער טאַלאַנט צו קאָנפראָנטירן ענינים און קאָנפליקטירן ענינים, קלאָר צו מאַכן אַ לא „הרי זה כהרי זה" און „הצד השוה שבהם" — און אַלץ מיט אַ קינסטלערישער מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט.

און לויט זיין גורל און דעם גורל פון זיין באַוועגונג — דער באַגרינדער. אַ מאַן, וואָס זיין „ליבע" איז מקדים זיין „חכמה", וואָס זיין חכמה באַדינט זיין ליבע. אַ פאָרשער — אַ קעמפער, וואָס זיין לערנען איז זיין געווער; פאָרשונג — זיין פאַנצער. מיטן דאָזיקן געווער גרייפט ער אָן זיינע פיינט; מיט אים — באַשיצט ער און פאַרטיידיקט דאָס טייערסטע פון טייערע; מיט אים בויט ער טורעמס הויכע, דאָרטן אַפּצוהיטן זיין שוואַרצאַפּל.

און זיין שוואַרצאַפּל איז — זיין ציוניזם.

און דער ציוניזם איז דענסטמאָל געווען פון אַרום און אַרום אַ באַלאַגער־טער. אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט, אויפן שוועל פון דער ערשטער רוסישער עוואָלוציע, אין אָנהייב פון דעם געזעלשאַפטלעכן „פּרילינג" אויך ביי דער יידישער יוגנט, וואָס האָט אָקאָרשט דערוואַכט צו די גראַנדיעזע ענדערונגען, וואָס אָט־אָט וועלן זיי אויסברעכן און קומען; בעת דעם גרויסן אַרויסמאַרש פונעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם פאַר דער דעראָבערונג פון דער נשמה פון דור; ווען הערצל האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַן אומדורכדרינגלעכער פּאָליטישער וואַנט, ווען עס איז צעשוווּמען געוואָרן די גרויסע פּאָליטישע האָ־פענונג, וואָס האָט אַזויפיל צוגעזאָגט דעם פאָלק, נישט פאָדערנדיק פון אים גאָרנישט, סיידן זיין גלויבן און צוטרוי, — אָט אין יענער צייט האָט זיך דער

ציוניזם פאַרהאַלטן אויפן שוועל פון זיין גרעסטן קריזיס. ער איז נאָך געווען אין זיין ערשטער בליונג, און שוין האָבן זיך אַרום אים געטורעמט סכנות: פון דרויסן און פון אינעווייניק און פון אינעווייניק־שבאינעווייניק. און דער פּאָלי־טישער ציוניזם האָט נאָך ביז דעמאָלט נישט געהאַט אַזאַ שוץ־אַקציע און אַזעלכע פאַרטיידיקער.

ג.

ווייל נישט נאָר איז געווען אַ געפאַר, וואָס דער לעבנס־ציל פון דער רוסי־שער רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן קאָנקורירן מיטן ציוניסטישן לעבנס־ציל און וואָס די שטרעבונגען פון דער רעוואָלוציע האָבן דעם יונגן דור מער אימפּאָ־נירט מיט די ברייטע פּערספּעקטיוון אויף צוּמאָרגנס נאָך דעם נצחון — אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוברעכן די טעאָריע פון נעגירן דעם גלות, די טעאָריע וואָס איז געווען איינער פון די גרונטשטיינער פונעם דעמאָלט־דיקן פּאָליטישן ציוניזם; דאָס אַלץ צוליב דעם, וואָס עס האָבן זיך פאַרן רוסישן ייִדנטום אָנטפּלעקט נייע אויסזיכטן און אומגעהויערע מעגלעכקייטן אינערהאַלב די גרענעצן פון דער זיך־באַפרייענדיקער רוסלאַנד. זיכער, אויך דאָס איז גע־ווען אַ האַרבע געפאַר, און די ציוניסטישע אידעאָלאָגן האָבן זיך געמוזט ליידנ־שאַפטלעך שיצן קעגן איר. אָבער דער דאָזיקער קאַמף איז נישט געווען קיין נייער. דער ציוניסטישער געראַנגל מיט אַסימילאַציע און גלותיזם האָט שוין געדויערט אַ דור אַ גאַנצן. און אין די אַרסענאַלן פון דער ציוניסטישער פּאָ־לעמיק האָבן זיך אָנגעזאַמלט כלי־זיין נאָך פון די צייטן פון פּינסקער און סמאָלענסקין און נאָרדוי און אחד־העם. מען האָט נאָר געדאַרפט באַאַרבעטן און צופּאַסן דאָס דאָזיקן געווער צו די נייע אומשטענדן, — אויך נישט בלויז דאָס איז געווען די געפאַר, וואָס דער סאָציאַליזם האָט געשטרעבט צו באַהערשן די הערצער, און עס איז געווען אַ מורא, טאָמער וועט דער ציוניזם, וואָס זיין רעאַליזירונג זאָל האָבן זיין אָפּהענגיק פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג — דער פאַראורטיילטער צו אונטערגאַנג — קען צוליב דעם אַליין אויסקוקן ווי אַ נישט קיין גלייכער זיווג, אַזוי אַז דאָס עצם אָנשליסן זיך אָן סאָציאַליזם זאָל פּסלענען דעם ציוניזם. אויך די דאָזיקע סכנה האָט געלויערט, און דער יונגער דור אין ציוניזם האָט געמוזט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע, צו בויען בריקן צווישן עמאַנציפּאַציאָנעלע און סאָציאַלע ברעגן און דערווייזן זיך אַליין און די אָפּאָ־נענטן, אַז דער דאָזיקער קעגנזאַץ איז נישט אומפאַרמיידלעך און אַז דער דאָ־זיקער זיווג איז מעגלעך. אויך אין דער דאָזיקער אַרגומענטאַציע זענען איינ־ווערסטירט געוואָרן אַזויפיל אינטעלעקטועלע און גייסטיקע כוחות, וואָס היינט צו טאָג קען מען זיך דאָס אַפילו נישט פאָרשטעלן. און די אַרגומענטאַציע

האָט נישט שטענדיק דערגרייכט איר ציל. אייגנטלעך זענען די אַרגומענטן — וועגן אַפילו נאָר אין אַלגעמיינע, עמבריאָנעלע פאָרמען — שוין געווען צוגע־גרייט פון לאַנג אין דעם אוצר פון ציוניסטישן דענקען. משה העס האָט אין זיין אייגענער פערזאָן צונויפגעפּאָרט דעם ציוניסטישן אידעאַל מיטן סאָציאַ־ליסטישן. הערצל אַליין האָט אונטערשיידט צווישן דעם ציוניזם, אַלס אַ מוס־טער פון אַ נייער געזעלשאַפט, און צווישן דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט־לעכער סיסטעם; ער האָט מאַניפעסטירט, אַז „אונטערן פאָן פון אַרבעט וועט דאָס יידישע פאָלק צוריקקערן צו זיין לאַנד". און נחמן סירקין האָט נביאות געזאָגט וועגן „אַ יידישער סאָציאַליסטישער מדינה" יאָרנלאַנג איידער ב. באָ־ראָכאָוו איז דערשינען אויף דער טריבונע. — ווען באָראָכאָוו איז דערשינען האָט ער שוין דאָ און דאָרט געטראָפן גרופּן פון „פּועלי־ציון" — צעריסענע און געשפּאָלטענע — וואָס האָבן נאָך פריער פון אים געשטרעבט צו דער אַמאַל־גאַמירונג פונעם ציוניסטישן אידעאַל מיטן סאָציאַליסטישן, גרופּן וואָס אַ טייל פון זיי האָבן אויף אים אויסגעקוקט און אַ טייל האָבן זיך אים קעגנגעשטעלט. אָבער די רוסישע אַרבעטער־באַוועגונג און די רוסלענדישע יידישע יוגנט און די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ האָבן אויפגענומען דעם סאָציאַליזם נישט בלויז אַלס אַ געזעלשאַפטלעכן אידעאַל און נישט נאָר אַלס אַ פּאָליטישן ציל, נאָר אַלס אַ פילאָסאָפישע אידעאָלאָגיע. דער סאָציאַליזם, וואָס האָט אין אָנהייב פונעם איצטיקן יאָרהונדערט אויפגעברויזט די רוסישע אַרבעטער־באַוועגונג און די יידישע יוגנט אין רוסלאַנד, איז געווען, בעיקר, דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם. און דער האָט באַהערשט דעם דור מיט אַ סיסטעם פון נייע באַגריפן וועגן גורל און צוקונפט, גוטס און שלעכטס, וועגן אייזערנע געזעצן אין דער עקאָנאָמיק און וועגן פּראָצעסן פון אַנטוויקלונג, וועגן דעם קאַטעגאָרישן אימ־פּעראַטיוו פון פּראָגנאָסטיק און וועגן דער אָפּהענגיקייט פון דעם דור און זיינע שטרעבונגען — פון דעם היסטאָרישן צוואַנג. און די ציוניסטישע טעאָריע האָט זיך געפונען מאַכטלאָז קעגנאיבער דער דאָזיקער נייער סיסטעם פון באַגריפן און געזעצן. אין זיין גאַנצן אידעישן אַרסענאַל האָט דער ציוניזם נישט פאַר־מאָגט קיין מאַרקסיסטישע אינטערפּרעטאַציע פונעם יידנטום און קיין מאַרק־סיסטישע באַגרינדונג פון דער האָפענונג פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די אוצרות פון דער ביז־דעמאָלטדיקער ציוניסטישער פּובליציסטיק, האָט לגמרי נישט אַנטשפּראָכן נישט דער דאָזי־קער נייער שפּראַך, נייע קאָנצעפּטן, ווי בכלל נישט די נייע דענקונגס־מעטאָדן און אָפּהאַנדלונג־כּללים. דער ציוניזם האָט זיך באַנוצט מיט דער אַרגומענ־טאַציע פון אַ וואָלונטאַריסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט געשטאַמט פון דעם ווילן פון אַ דור, וואָס האָט געדאָרשט נאָך באַפרייונג און גאולה, און וועלכע

האָט טיף געגלייבט אין דעם כוח פון אינסטינקט פון נאַציאָנאַלן קיום, ווי אויך אין דעם פונדאַמענטאַלן ווילן פון דעם דור צו ענדערן דעם גורל און איבער־מאַכן די לעבנס־אָרדענונג. די דאָזיקע גאַנצע אַרגומענטאַציע, אויסגעבויט דורך די פּאַטערס פון דער באַוועגונג און אויסגעפּורעמט דורך דורות פון דענ־קער, מיט איר גאַנצער איבערצייגונגס־קראַפט און מיטן גאַנצן גלאַנץ פון אירע מאָטיוון — איז דאָך געווען לגמרי אַנמעכטיק קעגן דער פאַרצוויגטער און באַצווינגענדיקער מאַרקסיסטישער שיטה, וואָס פאַרשט די פּראָצעסן פון עקאָ־נאָמישער אַנטוויקלונג און בויט איר גלויבן און אידעאַל אויף די אָביעקטיווע כוחות, וועלכע נעסטן אינערהאַלב דער זיך אומשיכטנדיקער געזעלשאַפט. אויך די ערשטע פּראָבעס צו באַגרינדן די נויטווענדיקייט פון ציוניזם מיט עקאָנאָ־מישע אַרגומענטן, — ווי צום ביישפּיל, דער רעפעראַט פון ד״ר ה. ד. הורוויץ אויף דעם ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין מינסק, וווּ ס׳איז צום ערשטן מאָל פאָרמולירט געוואָרן דער טעזיס פון יידישער אומפּראָלעטאַריזירטקייט; אָדער די טיפע זוכענישן פון שלמה שילער — אין זיינע פּויליש־געשריבענע אַרטיק־לען אין גאַליציע, צי די ערשטע סטאַטיסטישע פאָרשונגס־אַרבעטן פון יעקב לעשטשינסקי, — האָבן ערשט אָנגעפאַנגען אויסצודריקן דאָס צופּאַסן־זיך פון ציוניזם צו דעם נייעם געדאַנקען־גאַנג, אָבער — באַפרידיקט האָבן זיי אים נישט, ווייל פאַר אים, דעם נייעם געדאַנקען־גאַנג, איז נישט גענוג צו האָבן מאָטיווירט די נויטווענדיקייט. ער וויל אויך אויסגעפינען, צי איז דער פּראָ־צעס פון פאַרווירקלעכונג אָביעקטיוו אומפאַרמיידלעך. אָבער די ציוניסטישע אַרגומענטאַציע, פון די צייטן פון פּינסקער און שפּעטער, האָט אפילו נישט פאַרזוכט צו פאַראַנקערן זיך אין דער היסטאָרישער סטיכיע. גלייך אַזוי ווי די יידישע היסטאָריאָגראַפיע האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי, מיט דער הילף פון מאַרקסיסטישן אַנאַליז, צו פאַרענטפערן די רעטענישן פון די אַמאָליקע קריזיסן אין לעבן פונעם פאָלק, אַזוי האָט די יידישע עסכאַטאָלאָגיע נאָך נישט פּרובירט צו באַנוצן זיך מיט דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק פאַר דער באַ־גרינדונג פון דער האָפענונג פון פאָלק. דאָס יידנטום האָט נאָך נישט געלערנט, ווי אַזוי אַריינצוגיסן זיין אַלטן ווײַן אין די נייע בעכערס פון היסטאָרישן מאַ־טעריאַליזם. און דער יונגער דור, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן אַלע אַנדערע בעכערס, האָט זיך אויך אַזאַ אופן אָפּגעזאָגט פון דער הנאה פונעם ווײַן אַליין.

עס קומט אויס, אַז מער ווי דער ציוניזם איז געווען באַדראָעט פון דער סאָציאַליסטישער אידייע, אַלס אַן אַנטאַגאָניסטישע אידייע, אָדער פון דעם פּראַקטישן ענדציל פון סאָציאַליזם, אַלס אַ קאָנקורירנדיקן ענדציל, האָט אים באַדראָט די טעכניק פון דעם סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישן דענקען. די ציוני־ניסטישע טעאָריע, אַלט אַ דור אַ גאַנצן, ז׳ — מיט דער גאַנצער בקיאות און

חריפות פון אירע מנהיגים און מפרשים, האָט זיך געפונען שטייענדיק קעגנ־איבער דעם אָנגריף פון דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע, ווי אַ ניי־געבוירן קינד.

און ב. באָראָכאָווס היסטאָרישע און טעאָרעטישע גרויסקייט איז בעיקר באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען דער ערשטער, וואָס — מיט זיין פול־בלוטיקן ציוניזם — האָט ער זיך געלאָזט פאַרמעסטן מיט דעם מאַרקסיסטישן דענקונגס־מעטאָד. אַנדערע, פריִער פון אים, האָבן צונויפגעפּאָרט די ציוניס־טישע אידייע מיט דער סאָציאַליסטישער. אָבער קיינער פאַר אים האָט אַזוי ווי ער נישט צונויפגעגאָסן די ציוניסטישע און מאַרקסיסטישע באַגרינדונגען. אין אַ מאָמענט פון אַ גורלדיקן ווענדפּונקט פאַר דעם דור און פאַרן ציוניזם האָט ער קאָנסטרויִרט זיין קאָמפּליצירטן סינטעז און דערגרייכט אַ טאָפּלטן ציל: ער האָט געראַטעוועט אַ פּראָדוקטיוון און אויפגעברויזטן דור פון געגנצלעך אָפּצורייסן זיך פון זיין ציוניסטישער באַשטימונג, און — אין אַ שעה פון קריזיס און פאַרלוירנקייט — האָט ער געראַטעוועט דעם ציוניזם אַליין פון אָפּ־צורייסן זיך פון דעם יונגן דור — דעם דור פון שטורעם און דראַנג.

און דורכדעם האָט באָראָכאָוו כאילו אַריינגעפּאַסט זיין נאָמען אין דער אוראַלטער קייט פון גרויסע פאַרמיטלער און פאַראייניקער, וועלכע פלעגן אויפשטיין אין פאָלק ישראל אין צייטן פון גייסטיקער סכנה און גייסטיקער דערהויבנקייט — פון זינט זיינע אידייען פלעגן זיך פאַרמעסטן מיט אויסער־לעכע אידייען־וועלטן. גלייך ווי זיי האָט ער געשטריטן און בייגעקומען.

און ווער עס האָט געצילט און געטראָפן צו זיין דור — האָט געצילט און געטראָפן צו דער אייביקייט.

ד.

פריִער פון דעם סינטעז איז געווען דער פאַרטיידיקונגס־אָנגריף. נישט נאָר דער מינדלעכער, פון טריבונעס אַראָפּצו, נאָר אויך דער שריפטלעכער. מ. מ. אוסישקין פלעגט מיט ענטוזיאַזם און גרענעצלאָזער פאַרערונג דערציילן וועגן דעם גוואַלדיקן איינדרוק, וואָס דער יונגער 21־יאָריקער עילוי האָט געמאַכט אין יעקאַטערינאָסלאַוו,[1] אין די ציוניסטישע קרייזן, פאַר וועלכע ער האָט, מיט ענציקלאָפּעדישער ערודיציע און אויטאָריטאַטיוו, געהאַלטן זיין רעפעראַט־עסיי וועגן דעם „כאַראַקטער פונעם יידישן שכל" — ב. באָראָכאָווס ערשטער ליטע־ראַרישער אַרויספאַר. אוסישקין האָט גאָרנישט געדענקט וועגן דער אָפּשטאַמונג פונעם דאָזיקן מאמר, אָבער דאָס איז קלאָר פון דעם אינהאַלט: דער וויכוח וועגן

[1] הייַנט: דניעפּראָפּעטראָווסק.

דער מאָראַלישער באַרעכטיקונג פונעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם און וועגן דער עוונטועלער אַנטוויקלונג פון גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט — אויף וויפל אַזאַ איז פאַראַן — איינערהאַלב די עקזיסטירנדיקע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס פּראָבלעם פון ייִדישער נויט האָט שפּעטער באַקומען די געהעריקע באַלייכטונג אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אַרגומענטאַציע, באַזונדערס — נאָך דעם קיִשינעווער פּאָגראָם. — קודם איז געשטאַנען די עיקר־פראַגע: צי איז בכלל כדאי צו פאַרשווענדן כוחות כדי אויפצולעבן דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם. איז דען דאָ, וואָס אויפצולעבן איז דען פאַראַן אַ באַזונדערע ייִדישע אייגנאַרטיקייט? דאַרף מען די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט צוריקבריינגען צום לעבן? — די דאָזיקע פראַגע — דאָס מהות פון ייִדנטום (אין „השילוח״ און אין ש. י. איש־הורוויץ׳ס „העתיד״) — האָט באַשעפטיקט נישט נאָר די לייענער פון העברעיִש, די שפּראַך, פון וועלכער באַראָכאָוו האָט ווייניק אָדער גאָר קיין יניקה נישט געצויגן. די פראַגע האָט אָנגעהויבן געפינען איר אויסדרוק אויך אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, הגם, בלויז יענער קליינער טייל אירער, וואָס האָט נאָר מיטן שפּיץ פינגער באַרירט ייִדישע פּראָבלעמען. קאַרל קאַוטסקי — דער צו יענער צייט גרעסטער אויטאָריטעט אין דער דייטשישער און אַלגעמיין־אייראָפּעיִשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע פון מהות פון ייִדנטום אין זיין בוך איבער אוראַלטן סאָציאַליזם — „דער אורשפּרונג פון קריסטוס״, און שפּעטער האָט ער זיך ברייטער פאַרנומען מיט דער פראַגע אין אַ באַזונדערן בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו דער פעדעראַציע פון ייִדישע אַרבעטער אין ענגלאַנד. אין יענעם בריוו האָט ער די ייִדישע אַרבעטער, ווייטשעפּלער שניידער, אַפילו באַאויפטראַגט מיט אַ היסטאָרישער מיסיע, צו באַפרייען די בריטישע אַרבעטער־באַוועגונג פון דער „טרייד־יוניאָניסטישער״ טראַדיציע און אויפצוהייבן זי צו דער מדרגה פון אַ וויסנשאַפטלעך־פּאָליטישער, סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. די האָפענונג פאַרן דערפאָלג פון דער דאָזיקער מיסיע האָט ער באַגרינדעט אויף דעם גייסטיקן מהות פון דער ייִדישער נאַציע, וואָס לויט איר כאַראַקטער און איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג — פון אוראַלטע צייטן ביז היינט צו טאָג, איז זי אָנגעפּאַסט פאַר אומפאַסנדיקע אַבסטראַקטע אידייען. מיט דער הילף פון היסטאָרישן אַנאַליז האָט זיך קאַוטסקי באַמיט געבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט דאָס ייִדנטום פון זיך אַרויסגעבראַכט פאַר דער וועלט אַזעלכע מענער, ווי מאַרקס, לאַסאַל און ריקאַרדאָ — „די גרעבער פון דעם קבר פאַרן קאַפּיטאַליזם״ און אויך פון וואַנען שטאַמט זייִ, קאַוטסקיס, גלויבן אין דער גייסטיקער פאַרבאַשטימונג פון דעם ייִדישן אַרבעטער פאַר קאָלעקטיוויזם. און די ייִדישע אינטעליגענץ אין רוסלאַנד, וועלכע איז געווען זייער עמפּינדלעך

צו די מיינונגען וועגן יידן און יידנטום, מיינונגען וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן אין די סאָציאַליסטישע קרייזן אין דער וועלט, האָט זיך מיט אַ באַזונדערן אינטערעס צוגעהערט צו די דאָזיקע צופעליקע באַמערקונגען פון דעם מאַרקסיסטישן לערער און פירער. עס האָבן זיך דערנאָך אין דעם וויכוח אַריינגעמישט וו. זשאַבאָטינסקי, אברהם אידעלסאָן און צבי אברהמי. שפּעטער האָבן זיך אין דעם אַריינגעצויגן אויך די טעאָרעטיקער פון ס"ס[1] — יעקב לעשטשינסקי און מ. ליטוואַקאָוו. אַ סך אויפרעגונג און שטורעם האָט אַרויסגערופן אַן אַרטיקל וועגן „די שטריכן פון דעם יידישן כאַראַקטער", וועלכן דער דענסטמאָל באַרימטער סאָציאַליסטישער שרייבער איזאַיעוו האָט פּאַרעפנטלעכט אין אַ רוסישער מאָנאַטשריפט. דער טעאָרעטיקער פון די סיימיסטן, ירמיהו נאָוואַקאָווסקי, האָט אים געענטפערט אין „יעווריייסקאַיאַ זשיזן".[2] אָבער באָראָכאָוו איז געווען דער, וואָס האָט פריער פון אַלעמען אָנגעהויבן שטורעמען די דאָזיקע גאַנצע דיאַלעקטיק. אוסישקין, וואָס האָט געהערט דעם דערמאָנטן רעפעראַט און איז פון אים באַצויבערט געוואָרן, האָט דעם רעפעראַט — צוזאַמען מיט זיינעם אַן אייגענעם מאמר וועגן „קרן קימת" — איבערגעשיקט צום קרעמענטשוגער ראַבינער, ד"ר א. א. פריידענבערג, וועלכער האָט דעמאָלט געגרייט צום דרוק דעם „ציוניסטישן אילוסטרירטן אַלמאַנאַך"[3] (דערשינען אין קיעוו). דער רעדאַקטאָר אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר די דרייסטע אויספירונגען פונעם יונגן שרייבער און האָט צוגעגעבן אַ באַמערקונג: „מיר גיבן פּלאַץ פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן מאמר פונעם יונגן דענקער אין דער דאָזיקער ספּעציעלער פראַגע כדי צו וועקן די אויפמערקזאַמקייט פון עקספּערטן, אָבער די דרייסטע מסקנות זענען אויף דער אחריות פונעם מחבר אַליין".

אין דעם דאָזיקן מאמר האָט זיך ב. באָראָכאָוו אונטערגענומען, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אומפאַסן די זיילן פון יידישער געניאַליטעט, אַלס אַ וועזנטלעכן גייסטיקן פענאָמען, און, אַנאַליזירנדיק די גרונט־שטריכן אין די שאַפונגען פון גדולי ישראל אין אַלע שאַפונגס־געביטן און אין אַלע תקופות, צו קאָנסטאַטירן זייער צוזאַמענהאַנגענע אייגנאַרטיקייט, ווי אויך אויסצוגעפינען דעם איינעם סוד פון זייערע דערגרייכונגען און דעפעקטן.

יאָרנלאַנג נאָך אים און אָן קיין שום קשר מיט אים האָט זיך אויף דעם דאָזיקן געביט פאַרמאָסטן אַן אַנדער אויסטערלישער גאון — אויך אַ ריז, וואָס

[1] סיאָניסטן־סאָציאַליסטן (פון רוסיש).

[2] Мысли о еврейской психике. Еврейская Жизнь, 1905, № 6.

[3] Иллюстрированный Сионистский Альманах; ред. изд. А. А. Фрейденберг. Киев, 1903 г.

האָט אויפגעבליצט און איז יונגערהייט געשטאָרבן — פּראָפעסאָר פון מאַטע־מאַטיק אין מינסקער אוניווערסיטעט, ד״ר יעקב גראָמער, אַ תלמיד פון רבי חיים סאָלאָווייטשיק פון בריסק, און שפּעטער אַן אַסיסטענט פון אַלבערט איינ־שטיין. ער האָט געגרונטעוועט אין די טיפעניש פון יידישער געניאַליטעט, אַלס אַן איינהייט פאַר זיך, און, אַלזייטיק אַנאַליזירנדיק די פּילפּול־שיטות פון די גאונים אין די ישיבות און די דערוויזונגען פון די גרעסטע מאַטעמאַטיקער, האָט ער געזאָלט באַשיינפּערלעך זען די איינקייט און אייגנאַרטיקייט פון דער ראַציאָנאַליסטישער יידישער שכינה — מיט אַלע אירע קולמינאַציע־פּונקטן און אַלע באַשרענקונגען. גראָמער איז געקומען צו זיינע אויספירונגען, אַ דאַנק זיינע דירעקטע איינדרוקן, זיינע פּערזענלעכע טרעפונגען מיט יידישע און נישט־יידישע גייסטיקע ריזן, און טיילוויז — אומבאַוווסט — אַריינטיפן זיך אין דעם אייגענעם שכל. און דער איין און צוואַנציק־יאָריקער באַראָכאָוו האָט ווייט געוואַנדערט איבער דער גייסטיקער ירושה, האָט געשעפּט זיינע איינ־דרוקן פון ספרים, פון פּרימאַרע און סעקונדאַרע קוואַלן; האָט אַנאַליזירט די אַלגעמיינע געשיכטע פון פילאָסאָפיע און די ספּעציפישע ראָלן פון יידישע דענקער אינערהאַלב דער פילאָסאָפיע; האָט פעסטגעשטעלט די אַלגעמיינע נייגונג פון דעם יידישן אינטעלעקט לצד דעם מאָניזם — בייקומענדיק דואַ־ליזם און פּלוראַליזם; האָט זיך לגבי דער אַנטוויקלונג פון רעליגיעזע קאָנצעפּ־ציעס פאַרופן אויף די שעפער פון תנ״ך: אויפן רמב״ם און גבירול, שפּינאָזאַ און שלמה מיימאָן — לגבי דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע; אויף ריקאַרדאָ און מאַרקס — סאָציאַלע וויסנשאַפטן; אויף לאָמבאַרדאָ, נאַרדוי, לאַצאַרוס און שטיינטאַל — פּסיכאָלאָגיע, און אַפילו אויף יעקובי — מאַטעמאַטיק, און הערשל — אַסטראָנאָמיע, — און האָט אין אַלעמענס ווערק אויסגעפונען אַן אַלגעמיינע טענדענץ, אַ ריכטליניע: מאָניזם, גראַדליניקייט אין קאָנקלוזיעס און איבער־לעכע רעסיסטענץ לגבי קאָמפּראָמיסן. פון דאַנען — די רעוואָלוציאָנע־ישקייט. דעם גרונט־שטריך פונעם יידישן אינטעלעקט געפינט ער אין דעם מאָניס־טישן סוביעקטיוויזם. פון דאַנען — דער פּרימאַט פון אויספירונגען און נישט פון גרונטזאַכן. פון דאַנען — די אייגנשאַפט פון קאָמפּליצירטער און שאַרפ־זיניקער — מער ווי איבערצייגעטער און איבערצייגנדיקער — אַרגומענטאַציע. און דאָ קומט אַרויס, אַז דווקא פון דעם ראַציאָנאַליסטישן מאָניזם שטאַמט דער מיסטיש־עמאַציאָנעלער דואַליזם. די יידישע געניאַליטעט האָט אומאויפהער־לעך פּראָדוצירט מייסטערווערק. אין אַלע צייטן, אויף אַלע געביטן, האָט זי געפינקלט מיט איר פרישקייט און אייגנאַרטיקייט. אָבער זי האָט אירע גרע־נעצן. די היסטאָרישע שליחות פון די יידישע גאונים אין די גלות־לענדער האָט זיך אַזוי ווייט אויסגעדריקט נישט אין פונדאַמענטאַלע שאַפונגען. די דאָ־

זיקע זענען געקומען פון אַנדערע. די ייִדישע גאונים האָבן בלויז אויסגעגלייכט די ווידערשפּרוכן, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דער אַנטוויקלונג פון די פונדאַמענטאַלע שאַפונגען פון אַנדערע און אין זייערע אַנטאַגאָניזמען. זיי אַליין האָבן נישט אָוואַנסירט די אַנטוויקלונג, זיי האָבן נאָר באַזייטיקט שטערונגען. זיי האָבן נישט געשאַפן געשיכטע, זיי האָבן נאָר אויסגעגלעט אירע קנייטשן. ווי אַן אמתער בליצאַפּלייטער האָבן ייִדישע גאונים פון מאָל צו מאָל אַקומו־לירט אין זייער גייסטיקן וועזן די בליצן פון די קאָנטראַדיקציעס אין דער וועלט־קולטור כדי צו אידענטיפיצירן זיי אַלס אַ דריטע עקסטרעמיטעט.[1]

דער פאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער פונעם דאָזיקן פילאָסאָפישן עסיי איז באַך דעמאָלט נישט געווען אַנטפּלעקט. די אָפּאָנענטן זענען נאָך נישט געווען אַנגערופן ביי די נעמען. אויך דער געגאַרטער ציל איז נאָך נישט בפירוש דע־פינירט געוואָרן. אָבער אָט שטייען זיי, די אָפּאָנענטן, רעכטס און לינקס, און זייך ווערק איז אַ בלי־זיין — געווענדט קעגן זיי. און דער באַשיינפּערלעכער מוסר־השכל איז:

זיי זענען זיך טועה אַלע די, וואָס באַהויפּטן, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין ייִדישע גייסטיקע אייגנאַרטיקייט און אַז עס לוינט זיך גאָרנישט צו קעמפן און פאַרטיידיקן זי. זי איז פאַראַן! די בעסטע עדות זענען אירע גרויסאַרטיקע עקספּאָנאַטן. אין אַלע דורות געפינט מען זיי, די דאָזיקע עדות פון אַלע געביטן פון מענטשלעכער שאַפונג זאָגן זייער עדות. פון אייביקייט צו אייביקייט ציט זי זיך די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט, ווערט נישט אָפּגעמעקט, ווערט נישט בטל. איז פאַראַן פאַרוואָס צו קעמפן. איז עס אַן אומרעכט צו וועלן אומברענ־גען די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט. אַזאַ אַטענטאַט האָט גאָר קיינע אויסזיכטן נישט, ווייל די אייביקייט איז מיט איר.

און זאָל מען נישט זאָגן: אויב די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט האָט עקזיסטירט אין אַלע צייטן, אַלע דורות, אַפילו אין גלות, אַפילו אָן פּאָליטישער אומאָפּ־העגגיקייט, אָן אַ שפּראַך און אָן אַ טעריטאָריע און אָן אַ נאַציאָנאַלער קאָנצענ־טראַציע — איז דאָך אַ סימן אַז זי נייטיקט זיך גאָרנישט אין דער דאָזיקער בייער פאַרטיידיקונג און אַז עס איז איר, דער גייסטיקער אייגנאַרטיקייט, גוט אויך אָן די אַלע דאָזיקע אומנייטיקע פּרעפּאַראַטן. איז — ניין! חלילה! קוקט זיך נאָר צו צו דער דאָזיקער אויסטערלישער אייגנאַרטיקייט: זי איז געטריבט פון שעפערישער לעבנסקראַפט. אַ מילב טאַטשעט זי. זי איז פּרוכטלאָז; זי נייטיקט זיך אין גאולה און ווייל זי איז אַזוי ווערטפול, ווייל זי איז אייביק,

[1] צום צענטן יאָרצייט פון ב. באָראָכאָוו האָט א. תבורי פאַרעפנטלעכט אַ פיינע אָפּ־האַנדלונג וועגן דעם אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער פונעם דאָזיקן עסיי, אין „קונטרס" — שכ"ב, תל־אביב, טבת, תרפ"ח.

ווייל זי קען נישט פאַרשווונדן ווערן, פאָדערט זי היילונג — און זי וועט אויס־געהיילט ווערן, כדי זי זאָל זיך אַנטפּלעקן אין פולן פּראַכט; כדי זי זאָל נאָך זוכה זיין צו פּרימאַרע פונדאַמענטאַלע שאַפונגען!

ה.

דער דאָזיקער טאָפּלטער קאַמף — קעגן די וואָס נעגירן די יידישע אייגנ־אַרטיקייט, פון איין זייט, און קעגן די וואָס גלייבן אין איר אַנטוויקלונג, אַפילו אין די עקזיסטירנדיקע גלות־באַדינגונגען, פון דער אַנדערער זייט, — דער קאַמף וואָס איז אין דעם דאָזיקן ערשטן עסיי בלויז אָנגעדייט געוואָרן און עס ווערן נאָך אין אים אַפילו נישט דערמאָנט ביים נאָמען נישט דער ציוניזם און נישט זיינע קעגנער, — ער איז דאָס וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם הויפּט־אינהאַלט פון ב. באָראָכאָווס צווייטן ליטעראַרישן אַרטיקל, מיט וועלכן עס האָט זיך געעפנט דער ציקל פון זיינע ציוניסטישע שריפטן. זיין טיטל: „צו די פראַגן פון דער ציוניסטישער טעאָריע".[1]

אויך דער דאָזיקער אַרטיקל טראָגט אַ פּאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער, און הויפּטזעכלעך איז ער געווענדט קעגן איינעם, וועלכער ווערט אין אים נישט דערמאָנט. און דער כוח פון דעם איינעם באַשטייט בעיקר אין דעם, וואָס זיין קאַמף קעגן ציוניזם האָט ער פּראָקלאַמירט פון אַ גרויסער רוסישער טריבונע אַראָפּ; דאָס הייסט: ער האָט זי פּראָקלאַמירט אויך קעגנאיבער דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד.

ווייל זינט עס האָבן זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן די דעבאַטן איבער דעם פּאָליטישן ציוניזם זענען דאָס געווען דעבאַטן אינערלעכע, היימישע און געפירט האָבן זיי זיך איבערהויפּט אויף די שפּאַלטן פון טאָג־צייטונגען און מאָנאַט־שריפטן, סיי אין די יידישע שפּראַכן און סיי אין רוסיש, — געווידמעט בלויז צו יידישע לייענער. אָבער דער דור, וואָס אויף זיין נשמה האָט זיך דער ציוניזם פּאַרמאָסטן, האָט שוין זיין יניקה געצויגן בעיקר פון דרויסן. די קעגנערשאַפט צום ציוניזם איז געקומען פון „בונד" און פון דעם „וואָסכאָד" און פון דער „שוואַרצער ביוראָ" פון דער אָרטאָדאָקסיע, און דער ציוניזם האָט זיך פּאַרטיידיקט אויף די שפּאַלטן פון „המליץ", „הצופה", „השלוח", „דער יוד" און „יעווריייסקאַיאַ זשיזן". אָבער ביז וואָס־ווען איז אַנטשטאַנען אַ נייער דור, וואָס האָט געזאָלט דעצידירן אין דעם וויכוח, און דווקא ער האָט זיך נישט געשפּייזט פון די אַלע דאָזיקן צייטונגען. אַפילו שטייענדיק אינערהאַלב דעם יידישן תחום, האָט די יוגנט געטרונקען פון דרויסנדיקע ברונעמער. די מאַרק־

---

[1] זע: ב. ברוכוב, כתבים נבחרים, א׳, הוצאת „עם עובד", תש״ד.

סיסטישע „אָבראַזאָוואַניע“, די עס־ערישע „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“ און דער ליבעראַלער „מיר באָזשי“ — די אַלע האָט די ייִדישע יוגנט אויפגענומען נישט בלויז אַלס רוסישע טריבונעס, נאָר אויך אַלס „אַלגעמיינע“, אַלוועלטלעכע, וואָס פּסקענען שאלות אויף אַלע געביטן פון געדאַנק און אידייע. און די דאָזיקע טריבונעס, וואָס דעפינירן און דעצידירן אין אַלע לעבנס־פראַגן, האָבן גאָרנישט אויסגעטיילט פאַרן ייִדישן פאָלק. ייִדישע בחורים און מיידלעך האָבן געהערט צו די באַגייסטערטסטע לייענער זייערע, און אויך נישט ווייניק מיטאַרבעטער זייערע זענען געווען ייִדן. אָבער דאָס ייִדישע פּראָבלעם איז אין זיי בכלל נישט באַרירט געוואָרן. ייִדישע לייענער האָבן געדאַרפט לערנען וועגן זייער אייגענעם גורל — דורך רעדוקציע. קלאָר און דייטלעך איז אין דער ייִדנפראַגע גאָרנישט געזאָגט געוואָרן. איז דער וויכוח, ווען אַפילו זייער אַ הייסער, במילא געבליבן אַן אינערלעכער, אַ היימישער.

האָבן אָבער די כוואַליעס אָנגעהויבן שלאָגן העכער און העכער. דער סאָציאַליזם האָט זיך אַרויסגעבראָכן פון זיינע ענגע ראַמען און האָט באַהערשט די יוגנט. עס האָבן זיך דייטלעך געהערט די נאָענטע טריט פון דער רעוואָלוציע. די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך פאַרצווייגט און פאַרברייטערט. דאָס געוויכט פון ייִדן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. און אַזוי איז אויך אַלץ מער וואָגיקער געוואָרן די ציוניסטישע דעבאַטע אויף דער ייִדישער גאַס. דער וויכוח האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן אין דרויסן „און מען האָט אים מער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן“.

די ערשטע צו עפענען די טויערן איז געווען „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“[1] — דער חודש־זשורנאַל פון וו. קאָראָלענקאָ — זייער אַ פּראָגרעסיווע טריבונע, וואָס מען האָט זי בשום־אופן נישט געקענט חושד זיין אין ענגהאַרציקייט און בייזוויליקייט. אויף דער דאָזיקער טריבונע — דווקא — איז אויפגעטראָטן דער מקטרג. דער ייִדישער פּובליציסט י. מ. ביקערמאַן איז געווען דער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען, פון דער דאָזיקער חשובער טריבונע אַראָפּ, אויפצוקלערן די רוסישע לייענער און די ייִדן־רוסיש־לייענער, אין זיין אַרטיקל אד"ט: „וועגן ציוניזם און איבער ציוניזם“, פאַרוואָס איז דער ציוניזם טרייף־פּסול.[1]

דער ציוניזם איז געפּסלט געוואָרן, ווייל עס איז אָפּגעפרעגט געוואָרן דער פּעסימיזם איבער דער צוקונפט פון ייִדן צווישן די פעלקער פון דער וועלט. אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַליזם וועלן פאַרשווינדן, און פעלקער־האַס וועט פאַרשווינדן, וועט דאָך אויך אין דער גאַנצער וועלט מער נישט זיין קיין ייִדן־

[1] “Русское Богатство”, 1902, № 7.

פראַגע, און במילא דאַרף מען נישט זוכן ספּעציפישע יידישע ענטפערס. אַלע די, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט ספּעציפישע ענטפערס — נאַציאָנאַליסטישע, אויטאָנאָמיסטישע, ציוניסטישע — קוקן אויף צוריק און נישט פאָרויס־צו, באַדינען די רעטראָגראַדן און שטערן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן. יידישע יוגנט מוז אירע כוחות און פעיקייטן ווידמען דעם קאַמף פאַר פּראָגרעס, האַנט־בײַ־האַנט מיט אַלע פאָרגעשריטענע מענטשן פון אַלע פעלקער, און וואַרטן געדולדיק ביז עס וועט קומען די געגאַרטע צייט, ווען עס וועלן אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל אַלע רעשטלעך פון שלעכטס און פינצטערניש, וואָס פאַרוואָלקענען נאָך (די ווערטער זענען געשריבן געוואָרן נאָכן קישינעווער פּאָגראָם) די הימלען איבער אונדזער פאַרשקלאַפטער און צעטרייסלטער וועלט.

אָט־אַזוי איז דער ציוניזם פאַראורטיילט געוואָרן. די וואָס געדענקען באַהויפּטן, אַז דער דאַזיקער פּסק־דין, אַרויסגעגעבן דורך דער באַליבטער רוסישער צייטשריפט, איז פאַר אַ סך יידישע לייענער געווען שקול אַנטקעגן אַלע דיסקוסיעס, וועלכע האָבן זיך מיט קראַפט, מיט טאַלאַנט, געפירט אויף דער יידישער גאַס.[1]

און דער טויער, וואָס האָט זיך געעפנט פאַרן באַשולדיקער, האָט זיך נישט געעפנט פאַרן פאַרטיידיקער. נישט נאָר די לייענער פון דעם חודש־זשורנאַל האָבן זיך איבערצייגט, נאָר אויך זיינע רעדאַקטאָרן. ווייל גלייך ווי די לייענער האָבן נישט חושד געווען זייער זשורנאַל אין ענגהאַרציקייט און בייזוויליקייט, פּונקט אַזוי האָבן די רעדאַקטאָרן אין דעם נישט חושד געווען זייער מיטאַרבעטער. און אַז באָראָכאָוו האָט אין אַן אַרטיקל צום זשורנאַל געשריבן אַן ענטפער אויף ביקערמאַנס באַשולדיקונגס־אַקט, האָט „זיין ענטפער נישט זוכה געווען צו זען די ליכטיקע שיין". און אַז ניין — איז ניין; אַן אַפּעלאַציע.

י. בן־צבי[2] געדענקט, אַז באָראָכאָווס ענטפער איז געווען „אַן אומפּאַסנדיקער, און איידער ער האָט אים אָוועקגעשיקט האָט ער אים עטלעכע מאָל געלעזן פאַר אַן אויסדערוויילט פּובליקום פון צווישן די בעסטע פאַרטרעטער פון פאַרשידענע פּאַרטייען". ווו איז דער פאַרטיידיקונגס־אַרטיקל אַהינגעקומען, ווייס מען נישט. אָבער דער גייסט פון דאַזיקן אַרטיקל שוועבט איבער די שורות פון דעם אַרטיקל „צו די פראַגן פון דער ציוניסטישער טעאָריע" — זיין ערשטער אַרויסטריט אויף דער טריבונע פון דער ציוניסטישער חודש־

---

[1] ז. רובאַשאָוו: „דאָס איז מיין פעטער" (אין דער העפט: „אַ זכר פאַר מיין טאַטן" פון מ. גינצבורג, תל־אביב, תש"ח.

[2] שריפטן פון י. בן־צבי, ערשטער באַנד, זכרונות און נאָטיצן (זייט 33). — אויך: ב. באָראָכאָוו, געקליבענע שריפטן (עברית), פאַרלאַג „עם עובד" (זייט 11).

שריפט „יעווריייסקאַיאַ זשיזן״.[1] מיטן דאָזיקן אַרטיקל הייבט זיך אָן זיין עפנטלעכער שריפטלעכער קאַמף פאַר דער אויפקלערונג פון דער אויסנעמ־לעכקייט פונעם גורל פון פאָלק ישראל צווישן די פעלקער און פון דער אומ־באַדינגטער נויטווענדיקייט פון אַ באַוועגונג פאַר דער אויסלייזונג פון פאָלק ישראל פון צווישן די פעלקער.

בער באָראָכאָוו שטורעמט און ברעכט דעם גלויבן, אַז דער „פּראָגרעס״ וועט אַליין פאַרענטפערן דאָס ייִדישע פּראָבלעם. מיט גרויס חריפות דעקט ער אויף די אומפאַרמיידלעכקייט פון שנאת־ישראל אין די באַדינגונגען פון זיין צײַט און צעשפּרייט איבער דער וועלט; מיט אכזריות וואָרנט ער קעגן דעם אָפּגרונט, וואָס לויערט אויף די ייִדן פון רוסלאַנד און עסטרייך אויך נאָך דער פּאָליטישער עוואָלוציע און עמאַנציפּאַציע, און מיט זיכערקייט שטעלט ער פעסט: „נישטאָ קיין רעטונג פאַרן ייִדישן פאָלק אין די גרענעצן פון גלות״. דאָ איז — די נעגאַציע פון גלות אין איר גאַנצער אָפנהאַרציקייט. אויך דער אויספיר שיינט און לייכט מיט דער גאַנצער — שוואַרצקייט פון זיין אַנטשיי־דנקייט: „די געזעצמעסיקייט, וואָס ווירקט אין אונדזער גורל, פאַרפליכט אונדז צו מעשים, וואָס זאָלן פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון דער גלות־גסיסה — און נישט צו פאַרלענגערן די לעצטע גסיסה־מינוטן דורכדעם וואָס מיר וועלן זיך באַמיִען צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון ייִדן אין די לענדער פון זייער צע־שפּרייטונג״. די באַוועגונג האָט זיך נאָכדעם געדאַרפט ראַנגלען מיט זיך אַליין, בויען אין איר פּראָגראַמאַטישער אַנטוויקלונג איין שטאָק נאָכן אַנדערן, כדי צוריקצוציִען זיך פון דעם דאָזיקן פּעסימיזם, וועלכער האָט זי צערודערט באַלד אין אָנהייב פון איר וועג. ער אַליין, באָראָכאָוו, וועט זיך נאָך אויך מאַ־טערן מיט זיך אַליין און וועט אויך, מיט אייגענע הענט, קאָנסטרויִרן איין שטאָק נאָכן צווייטן, כדי אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון דעם דאָזיקן פינצטערן פּראָגנאָז. אָבער אין אָנהייב פון זיין וועג האָט אים דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין לחלוטין פאַרבלענדט. ער האָט דעם דאָזיקן ערשטן ציוניסטישן מאמר זיינעם אָנגעהויבן מיט אַ קורצן, שניידיקן, קלאַסישן זאַץ: „מיר טאָרן מער נישט וואַרטן״. דער מאמר איז געווען פול מיט כפירה לגבי דער גאַנצער פאַטאַ־מאָר־גאַנאַ פון עמאַנציפּאַציע און פּראָגרעס און פּאָליטישער רעוואָלוציע, און גע־ענדיקט האָט ער זיך מיטן רוף צו „טאַט, וואָס זאָל פאַרשנעלערן די גסיסה פון גלות״.

דאָס איז נישט געווען קיין אינדיווידועלע טעאָריע. עס איז געווען די תורה פון אַלע יענע איינזאַמע יחידים, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פון דער

---

[1] „יעווריייסקאַיאַ זשיזן״, פעברואַר 1905.

באַוועגונג. זי האָט געשפּייזט דאָס באַוווסטזיין פון די ווידערשפּעניקע — די ערשטע פון דער צווייטער עליה. מיט איר איז דורכגעדרונגען מ. מ. אוסישקינס „אונדזער פּראָגראַם" (וואָס וועגן איר האָט ב. באָראָכאָוו, אין אַ בריוו צום מחבר, געזאָגט: „אונדזער פּראָגראַם — איז אונדזערע".)[1] זי, די דאָזיקע טעאָריע, איז געווען די נשמה פון די „אָדעסער חלוצים", מיט וועלכע באָראָכאָוו האָט זיך געטראָפן אין יאָר 1905. און פאַרוויקלט איז זי אין דעם באַליבטסטן הימן פון דער באַוועגונג, וואָס פלעגט זיך דערנסטמאָל, און אַ סך אַ סך יאָרן שפּעטער, מיט אינערלעכן ציטער טראָגן פון די הערצער פון חברים און חברות — אַ פייערלעכע טרייהייט־שבועה: „פאַרלאָזן דעם גלות, די פינצטערע וועגט!".

אָבער פון די שפּאַלטן פונעם דאָזיקן מאמר און פון צווישן זיינע פּאַלדן האָבן זיך אָנגעהויבן הערן גאָר נייע מאָטיוון פון דער ציוניסטישער אַרגומענטאַציע, אַזעלכע וואָס זענען ביז דעמאָלט כמעט נישט געהערט געוואָרן און וואָס שפּעטער, אין ב. באָראָכאָווס שריפטן, זענען זיי זיך צעוואָקסן און פאַרצווייגט און געשאַפן אַ גאַנצע סיסטעם אין דער אויפפאַסונג פון דעם ייִדישן גורל. דאָ ווערן מיר געוואָר, אַז „דער מאַרשרוט פון קאַפּיטאַליזם איז אידענטיש מיט דעם מאַרשרוט פון גלות"; אַז „די ייִדן, וואָס אַמאָל זענען זיי געווען נוצלעך, זענען אין שפּעטערדיקע דורות געוואָרן לגמרי אומנוציק; אַז „די תקופות פון באַזיצן רעכט אַנטשפּרעכן די תקופות פון „נוצלעכקייט", און אַז אַ תקופה פון „נוצלעכקייט" ביי אַ נאַציע אָן אַ לאַנד איז אומפאַרמיידלעך אַ באַגרענעצטע און זי מוז ענדיקן אין דער תקופה פון „אומנוצלעכקייט". „דער עצם פאַקט פון גירוש איז אַ היסטאָרישע נויטוועדיקייט". פאַקטן פון דער פאַרגאַנגענהייט באַשטעטיקן דאָס און צייכנס פון דער קעגנוואַרט באַשטעטיקן און בייזע בשורות אויף ווייטער לאָזן זיך שוין הערן. אויף וויפל עס וועט בעסער ווערן — וועט נאָך ערגער ווערן „דער זעלבער פּראָגרעס, פון וועלכן עס שטאַמט דער מלאך, לאָזט וואַקסן אויך דעם טייוול". די עצם פונקציע, וואָס אַ לאַנדלאָז פאָלק פירט אויס אינערהאַלב אַן אַנדער פאָלק, צו וועלכן דאָס געגעבענע לאַנד געהערט — די פונקציע, וואָס באַרעכטיקט זיין עקזיסטענץ, — זי, די פונקציע, אַליין, אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, מוז, מיט אַ היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט, פירן דערצו, אַז דאָס לאַנדלאָזע פאָלק זאָל ווערן אומנייטיק אין דעם געגעבנעם לאַנד. און דעמאָלט מוז אויסברעכן דער אומגליק. עס איז דאָ אַ היסטאָרישע נויטוועדיקייט צו פאַרענדיקן די

---

[1] דער בריוו געפינט זיך אין ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים, צווישן באָראָכאָווס בריוו צו מ. מ. אוסישקין.

פּינצטערע עקזיסטענץ פון יידן אין גלות — אויב זיי וועלן פאַרבלייבן אין גלות. אין באָראָכאָווס דאָזיקן ערשטן און גרינטלעכן אַרטיקל וועגן ציוניסטישער טעאָריע זענען געלייגט געוואָרן צוויי גרונט־טעזיסן: אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן לעבן אין דער פּרעמד איז דאָ אַ געזעצמעסיקייט, און די דאָזיקע געזעצמעסיקייט פירט באַרג־טראָפּ. דער דעטערמיניזם איז געוואָרן גלאַזור, און דער פּעסימיזם — דער הויפּט־שטיין. און דער דאָזיקער פּעסימיזם שטייט נישט אין קיין סתירה צום גלויבן אין דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע אויפן וועג צום אַלגעמיינעם פּראָגרעס. להיפוך, דער יידישער גלות־פּעסימיזם פלעכט זיך דאָ אַריין אין דעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן רעוואָלוציאָנערן אָפּטימיזם.

שוואַרץ פייער שפּרייט זיך דאָ אויס איבערן רויטן פייער.

די ווערטער קומען דאָ אַרויס פון זייער ערשטער שפּראַצונג; זיי זענען אַביסל פאַרנעפּלט — ווייל דער געדאַנק אַליין איז נאָך נישט גענוג רייף און אויך דער פּלאַץ איז שמאָל און ער שטערט. „ווען איך זאָל זיך דאָ קענען אויסשפּרייטן אין אַלע זייטן — שרייבט ב. באָראָכאָוו — און אַרויפקלעטערן צו די גרונטזעצלעכע פּרינציפּן פון דער קלאַסישער ציוניסטישער טעאָריע, — אַ זאַך וואָס צוליב די ענגע גרענעצן פונעם דאָזיקן מאמר קען איך, ליידער, נישט טאָן, — וואָלט איך אָקאָרשט געקענט דערווייזן...". אין די ענגע גרענעצן פונעם מאמר האָט ער נישט געקענט „זיך אויסשפּרייטן" און „אַרויפקלעטערן". אָבער אויף דער רעדנער־טריבונע און אין שילער־קרייזן און אין די מערערע ציוניסטישע דיסקוסיעס — דאָרטן האָט ער געקענט און געקענט. און ער האָט זיך אויסגעשפּרייט און האָט אַרויפגעקלעטערט צו די „גרונטזעצלעכע פּרינציפּן", געשוועבט אין די הימלען און — געשמידט, געשמידט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך פּאַר אונדזער אויגן אויסגעצויגן אַ גאַנצע פּאַנאָראַמע, ספּעציפיצירט און דעטאַלירט: דער גרויסער ציקל פון מאמרים „צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע" — די מוטער פון דער שפּעטערדיקער „אונדזער פּלאַטפאָרם".

ו.

דאָס אָפּדרוקן פון דעם ציקל מאמרים „צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע" האָבן פון אָפּדרוקן דעם פריערדיקן מאמר „צו די פראַגן פון דער ציוניסטישער טעאָריע", אָפּגעטיילט נישט מער ווי צוויי חדשים (פעברואַר־אַפּריל 1905). אָבער צווישן דער אַנטשטייונג פון דיביידע זענען דורכגעלאָפן אַ סך חדשים, און דער עיקר — לאַנגע און זייער אָנגעזאַפּטע מיט שטורמישן דענקען און דיסקוטירן און אַרגומענטירן און דערווייזן.

דעם ערשטן מאמר האָט געבוירן די אויסערלעכע געפאַר און די אויפגאַבע איז געווען, צו דערווייזן די קעגנער פון ציוניזם — פון יענער זייט פון דער באַוועגונג — אַז דער ציוניזם פאַרענטפערט די ייִדן־פראַגע, ווייל עס עקזיס־טירט און ס'וועט עקזיסטירן אַ ייִדן־פראַגע, וואָס האָט נישט און וועט נישט האָבן קיין שום לייזונג אויסער דעם ציוניזם; ווייל אַלע האָפענונגען, אַז די אַנטוויקלונגס־כוחות וועלן זיך פאַרשטאַרקן און פאַרשטאַרקן און וועלן פון זיך אַליין פאַרענטפערן דאָס ייִדישע פּראָבלעם — זענען פּוסטע חלומות; ווייל די ציוניסטישע לייזונג דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן שנעל ווי מעגלעך, מחמת די נויט פון די ייִדישע מאַסן איז גרויס, און זי וועט האַלטן אין איין וואַקסן, און מען טאָר נישט וואַרטן מער.

אָבער אינצווישן איז דער צענטער פון דער סכנה איבערגעפירט געוואָרן פון דרויסן צו אינעווייניק. אין דער אייגענער היים האָט זיך אויפגעהאָדעוועט דער קעגנער, און די היים אַליין, מיט אַלע אירע טייערע דערגרייכונגען, האָט אים געגנערט. ווייל דווקא דער דאָזיקער פּעסימיסטישער פראַגנאָז וועגן דער צוקונפט פון ייִדן צווישן די פעלקער; די דאָזיקע אייגנשאַפט צו קאַלקולירן די עקאָנאָמישע באַדערפעניש פון דער אומה און האַלטן אין איין פאַרטיפן זיך אין זייערע אַנטוויקלונגס־אימפּעראַטיוון; דער דאָזיקער ברענענדיקער אחריות־געפיל לגבי די מאַסן — זייער נויט און מאַטערנישן, גלייך ווי דער אומגע־דולד צו וואַרטן נאָך און נאָך, — אָט־אָ די אַלע גרויסע ווערטן, וועלכע דער ראַדיקאַלער ציוניזם האָט אַרויסגעבראַכט און קולטיווירט, און וועלכע ער, באַראָכאָוו, האָט צווישן זיינע תלמידים און חברים און פאַרערער אַנטוויקלט און באַגרינדעט, — אָט די אַלע האָבן מכשיר געווען די הערצער, צו דעצידירן קעגן ציוניזם און פאַר דעם טעריטאָריאַליזם — ווען די שעה פון פאַרמעסט איז געקומען. הערצל און די קאָנגרעסן האָבן צעפלאַקערט דעם דאָרשט נאָך פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. דער קאַמף קעגן אַסימילאַציע האָט פאַר־שאַרפט די נעגאַטיווע באַציִונג צום גלות־לעבן. די נייע ראַדיקאַלע אידעאָ־לאָגיע האָט מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן אַלע אילוזיעס פון פאַרלאָזן זיך אויף פּראָגרעס און רעוואָלוציע און האָט געשטאַרקט די שטרעבונג צו אַן אמתדיקער לייזונג — אַ באַלדיקער ייִדישער סוווערענע קאָנצענטראַציע, איז דווקא דעמסט־מאָל הערצל געקומען צום ציוניסטישן קאָנגרעס און דערציילט, אַז ער איז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געשטעלט געוואָרן פאַר „אַ בלינדער וואַנט”. דווקא אין דער צייט, וואָס דער אַפּעטיט צו ציוניזם איז אַזוי געפלעגט און געצערטלט געוואָרן, איז אַוועקגענומען געוואָרן די האָפענונג פאַר זיין נאָענטער פאַרווירקלעכונג. און דווקא אין דעם מאָמענט, ווען דער סולטאַן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט פאַרהאַקט די טיר פאַר דער באַגערטער האָפענונג, האָט טשעמבערלען גע־

עפנט אַ סטעזשקע צום הינטערגאַס־ערזאַץ. ציון איז אַראָפּ פון דער סצענע, אָבער די פּערספּעקטיוו פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע, פון פאַרלאָזן דעם גלות און ליקווידירן די יידישע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנאָמאַליע און פאַרווירקלעכן יידישע זעלבסטשטענדיקייט — האָט דווקא געשיינט צו זיין גאָר נאָענט. צוערשט אין דער קאָנקרעטער געשטאַלט פון אוגאַנדאַ, וועלכע איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן דעם יידישן פאָלק דורך גרויס־בריטאַניע אַליין, און עס האָט מער נישט געפעלט ווי אויסצושטרעקן די האַנט און ירשענען. אין באַלד נאָכדעם — אין מער אַבסטראַקטע פאָרמען, אָן אַ באַשטימטן נאָמען און אָן אַ קאָנקרעטער טעריטאָריע, אָבער דערפאַר נאָכמער אויסגעשטאַט מיט אַלע מעלות, וואָס אַ וויזיע קען פאַרשאַפן, און נאָכמער אָפּגעשיילט פון חסרונות, וואָס די ווירקלעכקייט האָט אַ טבע צו ליפערן. ווייל אויב מען קען פאַרשלאָגן אוגאַנדאַ, טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט פאַרשלאָגן אויך אַן אַנדער לאַנד — גרעסער פון אוגאַנדאַ און באַקוועמער און מער פּאַסיק פאַר דעם צוועק? מען דאַרף נאָר אָנהייבן זיך משתדל צו זיין און בעטן. צוליב דעם דאַרף מען באַשליסן, אַז דער ציוניזם הענגט נישט אָפּ דווקא פון ציון, און אויב ציון לאָזט זיך נישט דערגרייכן — קען דער ציוניזם בכלל זיין נישט פאַרבונדן מיט ציון.

אין יוני 1903 איז דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָרגעשלאָגן געוואָרן אוגאַנדאַ אַלס אַ מקום־מקלט, און אין יוני 1905 האָט די ציוניסטישע באַוועגונג, דורך אירע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, געדאַרפט דעצידירן וועגן טעריטאָריאַליזם. דער ציוניסטישער קאָנגרעס אַליין דאַרף באַשליסן וועגן דעם אָרט פון ציון אין ציוניזם. און אַלץ וואָס עס איז געשען אין יענע יאָרן פון דעציזיע האָט געזאָלט פאַרשאַרפן דעם קריזיס און מכשיר זיין די הערצער צו אַ „שנעלן ציוניזם", אַזאַ וואָס קאָנצענטרירט די גלותן און באַפרייט דאָס פאָלק, זאָל אַפילו זיין — אָן ציון.

ווייל אין יענע צוויי יאָר האָבן די פּאָגראָמען פינצטער געמאַכט די הימלען פון רוסישן יידנטום. נאָך קישינעוו האָבן אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען אין האָמעל, זשיטאָמיר, טשודנאָוו, טראָיאַנאָוו, שעדלעץ, דובאָסאַרי, פעאָדאָסיע, בריסק און מינסק — יאָרן פון בילבולים און בלוט און בריענדיקע בזיונות. יענע יאָרן איז אויך אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, און דאָ האָט זיך מיט זיין גאַנצער טיפער ווילדקייט צעפּראַלט דער תהום פון גלות. ביי די פּיס פונעם יידישן יונגנמאַן, וועלכער איז גערופן געוואָרן צו פאַרגיסן זיין בלוט אין געבן זיין לעבן פאַר אַ דעספּאָטישן רעזשים פון אַ פאָלק — אַ צורר. און מיט דער עצם־מאָביליזאַציע צום מיליטער איז אויסגעבראָכן אַ נייע קייט פון מאָביליזאַציע־פּאָגראָמען. מיט דער מאָביליזאַציע און די פּאָגראָמען און עקאָ־

נאָמישן חורבן האָט זיך פּלוצים די סקאַלע פון יידישער עמיגראַציע אויפגע־הויבן צו רעקאָרד־ציפערן, וואָס אַזעלכע האָט נאָך די יידישע געשיכטע קיינ־מאָל נישט געוווּסט. און מיט דער פאַרשאַרפונג פונעם עקאָנאָמישן קריזיס איז געקומען די יונגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג און געלערנט, ווי אַזוי צו באַ־טראַכטן און אויפצופּאַסן עקאָנאָמישע פאַקטן פון דער לויפנדיקער ווירקלעכ־קייט. און דערנאָך איז געקומען די נאָך יינגערע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, האָט זיך פאַרטיפט אין דעם שטודיום פון די וואָרצלען און פערספעקטיוון פון דעם ספּעציפישן יידישן קריזיס — און האָט פאַרויסגעזאָגט נאָך גרעסערע צרות, — זי האָט געפאָדערט באַלדיקע רעטונגס־אַקציעס.

און דווקא דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטאָן די קאָנקרעטע ציון, דווקא דעמאָלט האָט זיך אונטערגערוקט די אַפריקאַנישע אוגאַנדאַ און ס'האָט זיך כאילו גע־עפנט אַ האָפענונג פאַר עווענטועלע אַנדערע טעריטאָריעס, אויב נאָר די ציוניסטן וועלן באַוויזן צו רעזיגנירן פון דעם ארץ־ישראלדיקן ציוניזם דווקא.

פון זינט ס'איז אַנטשטאַנען דער פּאָליטישער ציוניזם איז נאָך נישט גע־ווען אַזאַ געפערלעכער קריזיס. די באַוועגונג, וואָס איז אויפגעקומען און מיט ריזיקע כוחות געפּלעגט געוואָרן פון זינט ס'איז געשריבן געוואָרן דער „יידנ־שטאַט", האָט געהאַלטן ביים איבעררייסן די פאַרבינדונגען מיטן ווערק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ארץ־ישראל, נאָך אין יאָר 1882. און דאָס ווערק אַליין, מיט אַלע זיינע נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע און גייסטיקע דערגרייכונגען, האָט אויף אַ צייט, — און אַ זייער לאַנגע צייט, לאַנג ווי דאָס אויג פון דעם דור האָט געקענט גרייכן און זען, — געזאָלט אָפּשיידן זיך פון ציוניזם. די באַ־וועגונג וואָלט זיך געהאַט אָפּגעריסן פון איר לעבנס־ווערק, כדי אַריינצוואַרפן זיך אין אַן עולם התוהו פון חלומות און לופט־פּלענער, אָן וואָרצלען אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט ווי אויך נישט אין דער נשמה פון פאָלק. די באַוועגונג וואָלט אויסגערונען געוואָרן, אַט אַזוי ווי ס'איז שוין נישט איינמאָל געשען מיט רענעסאַנס־מיראַזשן אין דער יידישער געשיכטע. און דאָס ווערק אַליין, ווען די גרויסע און לעבעדיקע באַוועגונג, וואָס האָט זיך גענערט פון די צרות פון דעם פאָלק און פון די האָפענונגען פון זיין אויפלעבונג, וואָלט אַוועקגענומען פון אים אירע אויגן און הענט, וואָלט עס — דאָס ווערק — פון זיך אַליין זיך אויסגעלאָשן, גלייך ווי עס האָבן זיך אויסגעלאָשן און חרוב געוואָרן מערערע אַנדערע פּרווון פון קאָלאָניזאַציע און באַזעצונג אין ארץ־ישראל במשך אַלע דורות פון דעם גלות.

די גרויסע און געטרייע פירער פונעם פּאָליטישן ציוניזם, די פאָטערס און די שעפער פון דער באַוועגונג, האָבן זיך נישט געוואָרפן ראַטעווען זי פון דער סכנה. להיפך, הערצל אַליין און זיין רעכטע האַנט, נאָרדוי, זענען

גאָר געווען פאַר אוגאַנדאַ. ציוניסטישע טעאָרעטיקער, עקסטרעמע קעמפער קעגן אַסימילאַציע — זיי אַליין האָבן מכשיר געווען די הערצער פאַר אַן אַנטי־ציוניסטישער אַנטשיידונג, ווייל זיי האָבן דאָך אַליין פאַרטיפט דעם פעסימיזם לגבי דעם גלות; זיי האָבן געבויט אויף „מיר טאָרן מער נישט וואַרטן", אויף „אויב מיר וועלן נישט ליקווידירן דעם גלות — וועלן אים אונדזערע שונאים ליקווידירן", און דעריבער — זאָל זיין געבענטשט יעטוועדער אויסוועג, וואָס קען פאַרלייכטערן די עוואַקואַציע פון גלות. דאַרף מען זיך אין אַזאַ צייט נישט פאַרנעמען מיט סענטימענטן און זכר־אָבות. די עצם־עקזיסטענץ פון פאָלק איז אין געפאַר, טאָר מען נישט מפקיר זיין די עקזיסטענץ פון פאָלק צו־ליב דעם איינקלאַמערן זיך אין דער קדושה פון דעם פאָלקס לאַנד, וואָס זיינע טויערן זענען נאָך פאַקטיש פאַרשלאָסן פאַרן פאָלק.

עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז לפּחות די רעליגיעזע ציוניסטן וועלן זיך פאַרעקשנען און וועלן זיך, אָן קיינע חשבונות, פעסט האַלטן ביי ציון און ציוניזם, אָבער די מזרחיסטן האָבן געשטימט דווקא פאַר אוגאַנדאַ. און מען האָט אַוודאי געקענט גלייבן, אַז די ארץ־ישראלדיקע אַליין, די בויער פון דעם ווערק אין לאַנד, ווינציקסטן זיי וועלן אַרויס מיט אַ פייערדיקן רוף, נישט אָפּצו־שרעקן זיך פאַר קיינע שטערונגען און נישט לאָזן זיך פאַרפירן פון פאַנטאַס־מאַגאָריעס, — מען האָט געמוזט האָפן, אַז מיטן כוח פון דער זיך בויענדיקער ציון וועט אינערהאַלב דעם ציוניזם פאַרטיידיקט ווערן די טריישאַפט צו ציון. איז פונקט פון צווישן די קאָלאָניסטן געקומען די וואָרענונג, נישט צו לייגן קיין האָפענונגען אויף אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע. אַפילו אליעזר בן־יהודה, דער שעפער פון דעם לעבעדיקן העברעיש — דער סימבאָל פון דעם נאַציאָ־נאַלן רענעסאַנס אין ציון — האָט געשטימט פאַר אוגאַנדאַ.

אַלע הויפט־פאַקטאָרן, אויסערהאַלב און אינערהאַלב דעם ציוניזם, די וואָס האָבן אויף אים שטענדיק געקריצט מיט די ציין און די וואָס האָבן אים געהאַלטן אין איין צערטלען, די וואָס האָבן אים געבוירן און די וואָס ער, דער ציוניזם, האָט געבוירן — אַלע זיי האָבן זיך פאַראייניקט אַרויפצופירן די באַוועגונג פון איר טראַקט, פון איר באַשטימונג, און צוגרייטן די אַנטשיי־דונג פונעם ציוניסטישן פאָלק קעגן ציוניסטישן ציון.

און טאָמער איז געווען ווייניק צעטומלונג, טאָמער האָט געפעלט אומגליק — איז געשטאָרבן הערצל. אין די סאַמע טעג פון אַנטשיידונג. און מיט זיין טויט איז די באַוועגונג אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז צו די טיפסטע טיפענישן. אין אונדזערע דורות האָט קיין שום יידישע פאָלקס־באַוועגונג נישט געוווּסט פון אַזאַ פאַריתומטקייט, ווי עס האָט געוווּסט דער ציוניזם אין יאָר 1904. נישט נאָר די פּראַכטפולע קרוין איז אַראָפּגעפאַלן — דער אָנשפּאַר פון דער

האָפענונג האָט זיך איינגעבראָכן. און פונוואַנען וועט די פּאַרטיתומטע באַוועגונג נעמען כוחות ביישטיין דעם גורל? — און דער טויט פון דעם פאַרגעטערטן הערצל, וואָס דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט איז געווען דאָס לעצטע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן בירושה דער באַוועגונג, זיין טויט — האָט באַקרוינט דעם טעריטאָריאַליזם מיט אַ באַזונדערן שיין. דער טויט פון הערצל, וואָס דער קאַמף פון די ציוני־ציון קעגן אים און זיין לייטונג — זינט אוגאַנדאַ — האָט דערגענטערט, ווי דאָס פאָלק האָט געגלייבט, זיין שרעקלעכן קץ, האָט געלייגט אויף די ציון־קעמפער אַ שווערן, שווערן פלעק. מלאכים און טייוואָנים צוגלייך האָבן מלחמה געהאַלטן מיט ציון און ציוניזם.

איז ווי אַזוי האָט עס אַ גרופּע מענטשן, הויפּטזאַכלעך יוגנטלעכע, נישט איבעריק באַרימטע, נישט אויסגעפּרווּטע אין קאַמף, געפונען אין זיך דעם כוח צו רעוואָלטירן קעגן די טיטאַנען פון דער באַוועגונג, אמתדיקע ריזן, און אַריינוואַרפן זיך אין אַ שטורמישן קאַמף — און מיטן גאַנצן ברען פאַרהאַלטן דעם אומגליק און בייקומען אים?

און ווי אַזוי האָט ב. באָראָכאָוו באַוויזן צו שפּילן אַזאַ דעצידירנדיקע ראָל אינערהאַלב דער דאָזיקער קעמפערישער גרופּע? פון וועלכע טיפע גייסטיקע קוואַלן האָט אויסגעבראָכן דער דאָזיקער פאַנאַטיזם זיינער פאַר ציון? ער האָט דאָך דאָס לאַנד נישט געזען און פון העברעיִשע מקורות קיין יניקה נישט געצויגן און אַפילו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז ער נאָך געווען כמעט בלויז אַ רעקרוט. איז אים בייגעשטאַנען די אַטמאָספער פון חיבת־ציון אין זיין פאָטערס הויז? אָדער זיין קינדישער אַנטלויפן פון דער היים אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, וועלן ער האָט באַוויזן צו דערגרייכן בלויז דאָס נאָענטע שטעטל? צי אפשר האָט דאָ געווירקט די השפעה פון מ. מ. אוסישקין און שמריהו לעווין אין יעקאַטערינאָסלאַוו? און אפשר דאָס טיפע באַוווסטזיין, אַז אַ באַפרייונגס־באַוועגונג. פון אַ פאָלק לאָזט זיך נישט אָראָפּפירן פון דירעקטן היסטאָרישן שליאַך, וואָס איז איר אָנגעצייכנט געוואָרן מיטן ווילן פון די דורות און מיטן גורל פון דער געשיכטע?

באַוואָפנט מיט אַלע זיינע אינטעלעקטועלע און גייסטיקע כוחות און מיט דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג פון דער אומה און פון דעם אויפגעברויזטן דור פון דער מענטשהייט, האָט זיך באָראָכאָוו מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט אַריינגעוואָרפן אין דעם וויכוח, פאַרוואַנדלענדיק די אויפגאַבע איינצונעמען די באַוועגונג לצד דער אַנטשיידונג פאַר ציון — אין אַ מיסיע פון זיין לעבן.

און די אַנטשיידונג האָט געדאַרפט זיין זייער אַ פאָלקסטימלעכע און אַ מאַסנהאַפטע. מען האָט געדאַרפט דערגרייכן צענדליקער טויזנטער מענטשן. ווייל זינט דעם זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט זיך די פראַגע אַרויסגע־

בראָכן פון די ראַמען פון דער ציוניסטישער לייטונג און די שטענדיקע גע־שוואוירענע קאָנגרעס־דעלעגאַטן. דער זיבעטער קאָנגרעס איז צונויפגערופן געוואָרן ספּעציעל פאַר דער דאָזיקער אַנטשיידונג. די אמתע אַנטשיידונג האָט געזאָלט אויספאַלן בעת די וואַלן צום קאָנגרעס. זענען די וואַלן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעפערענדום. אינערהאַלב די גרענעצן פון רוסלאַנד האָבן דע־מאָלט עקזיסטירט 1.200 ציוניסטישע פאַראייִנען, און יעדער פאַראיין האָט מיט זיך אין יענע אַנטשיידנדיקע חדשים פאַרגעשטעלט אַ קאָנגרעס פאַר זיך אַליין, — ווי עס האָט זיך געדאַרפט פירן דער קאַמף. י. טשלענאָוו, דער פּרע־זידענט פון די רוסישע ציוניסטן, האָט אין זיין באַריכט, וועלכער איז אויף דער שטורמישער קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן — האַרט פאַרן קאָנגרעס — צוליב דער היציקער דיסקוסיע נישט פאַרגעלייענט געוואָרן, געזאָגט „דער דאָזיקער וואַל־פעריאָד איז געווען אַ פעריאָד פון פאַרטיפן דעם ציוניסטישן באַוווסטזיין פון די מאַסן און פון דורכדיסקוטירן די ציוניסטישע פּראָבלעמאַטיק צווישן דער יוגנט — אין אַ מאָס און פאַרנעם ווי ס'איז נאָך קיינמאָל אַזוינס אין ציוניזם נישט געווען"[1].

מיט דעם פּראָפּאַגאַנדע־שטאַב פון די ציוני־ציון האָט אָנגעפירט מ. מ. אוסישקין, וועלכער האָט באַוויזן צו מאָביליזירן די בעסטע טאַלאַנטן פאַר דער ציוניסטישער דערציִונג און פאַר דער אַגיטאַציע, בעת דעם דאָזיקן דועל. זאָל דאָ געזאָגט ווערן צו זיין זכות, אַז ער האָט געזוכט די שליחים־פּראָפּאַגאַנדיסטן נישט דווקא צווישן די באַקאַנטע און באַרימטע נעמען; ער האָט אַנטדעקט אויך נייע מענטשן, וואָס זייער צוקונפט איז נאָך געבליבן פאַר זיי און וואָס זענען געווען אין סאַמע אָנהייב פון זייער לעבנס־פּרילינג. און ער האָט זיי נישט אויפגעצוווּנגען זיינע אייגענע אידייען און אַרגומענטן. פאַרקערט, ער האָט אויסגעזוכט מענטשן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען און האָט זיי געגעבן פולע פרייהייט און אויפקלערונג און אַרגומענטאַציע, אַבי זייער געדאַנק זאָל זיין אויפריכטיק און זייער האַרץ זאָל זיין מיט ציון. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אַנדערש וועט ער נישט באַהערשן די אויסגעוואָקסענע באַוועגונג און וועט נישט זיגן אין קאַמף פאַר דער אַנטשיידונג. באַזונדערס נאָך אין די טעג פון יענעם פּאָליטישן „פרילינג" אין רוסלאַנד, ווען דער דאָרשט נאָך אַ קלאָרן, אויסדריקלעכן און אָריגינעלן געדאַנק האָט געבראָכן אַלע שלעסער און האָט זיך געריסן צו אַלע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

י. טשלענאָוו רעכנט אויס אין זיין באַריכט[2] די נעמען פון די שליחים־

---

[1] „יעווריייסקאַיאַ זשיזן", סעפּטעמבער 1905.

[2] דאָרטן.

רעפערענטן, וואָס האָבן זיך געגצלעך איבערגעגעבן די פּראָפּאַגאַנדע־טורן, און מיט זייערע פלאַם־פּייערדיקע רייד האָבן זיי צוגעגרייט די אַנטשיידונג פון קאָנגרעס. אין שפּיץ פון דער לאַנגער רשימה פון די טאַלאַנטירטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אַנטשיידונג, — מייסטערהאַפטע פּאָלעמיקער, שאַרפזיניקע און שלאָגפערטיקע און טעמפּעראַמענטפולע, — שטייען צוויי נעמען,ביידע — הערשן זיי אויף דער טריבונע, יעדער לויט זיין אינדיווידואַליטעט; צוויי אַזעלכע, וואָס עס זענען זיי פאַרגעשטאַנען אין לעבן גרויסע און קעגנזעצטע עפּאָפּייעס — יעדער אויף זיין שטייגער; דאָס זענען: וו. זשאַבאָטינסקי און ב. באָראָכאָוו.

אין מ. מ. אוסישקינס אַרכיוו, וואָס געפינט זיך אין דעם ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים, זענען דאָ בריוו, וואָס דער שליח ב. באָראָכאָוו האָט פון זיין פּראָפּאַגאַנדע־טור געשיקט צו זיין „קאָמאַנדיר" אוסישקין און די בריוו — וועלכע זענען נאָך ביז היינט נישט דערשינען אין דרוק — גיבן אונדז אַ געוויסן באַגריף פון דער טיף־טיפער זאָרג, וואָס האָט פאַרכאַפּט ציוניסטן — טרייע צו ציון; פון דער פיבערהאַפטער טעטיקייט בעת דעם אַנטשיידונגס־טור, פון דער אומגעהויערער ענערגיע, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן, און אויך פון דער קעגנזייטיקער שנאה וואָס האָט באַהערשט די אָפּאָנענטן, ווי אויך פון דעם אויסטערלישן פאַנאַטיזם, וואָס האָט אין באָראָכאָווס האַרצן געברענט פאַר ציוניזם און ציון.

ז.

די פּירות פון דעם דאָזיקן גייסטיקן אויפברויז זענען פאַר אונדז אָפּגעהיטן געוואָרן אין דעם ציקל אַרטיקלען „צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע", וועלכע זענען אין די עצם־טעג פונעם שטורעם פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פינף לאַנגע פאָרזעצונגען אין די העפטן פון „יעווריייסקאַיאַ זשיזן"[1].

זיי דופטן נאָך מיטן מאָרגנטוי פון דער קאַמפּאַניע. זיי האָבן זיך אָנגעהייבן דרוקן אין אָנפאַנג פון דער וואַל־קאַמפּאַניע און געענדיקט האָבן זיי זיך אין דעם העפט, אין וועלכן עס איז שוין דערשינען דער באַריכט פון קאָנגרעס גופא. אין די פאַלדן פון די מאמרים זענען קאָנסערווירט אָפּקלאַנגען פון די לעבעדיקע דיסקוסיעס אין די פאַרזאַמלונגען. הגם דער רעדאַקטאָר האָט פאַר די דאָזיקע אַקטועל־פּאָלעמישע אַרטיקלען געגעבן אַ סך פּלאַץ, זענען דאָך די אָפּהאַנדלונגען אַרויס צונויפגעדריקטע און פאַרקירצטע, און די גאַנצע קאָנסטרוקציע — באַזונדערס צום סוף — האָט שטאַרק געליטן, ווייל אינצווישן

---

[1] געזאַמלטע שריפטן פון ב. באָראָכאָוו, עברית, 1טער באַנד, פאַרלאַג „ם עובד", תש"ד.

איז די צייט געלאָפן, און דער קאָנגרעס האָט מער נישט געוואַרט. עס פילט זיך, אַז ענדלעך האָבן זיך די דעבאַטן נאָך מער פאַרצויגן און געווען זענען זיי נאָך שטורמישערע. אָבער עס האָט זיך געלוינט; זיי האָבן אויסגעפירט זייער שליחות. די פאַראיינען — אַ סך אין זייער צאָל — האָבן דעבאַטירט און דיסקוטירט און דעצידירט, — גוט דעצידירט. די דעלעגאַטן פון רוסלאַנד זענען געקומען צו דער קאָנפערענץ אין פרייבורג, און דערנאָך צום קאָנגרעס אין באַזעל, מיט דירעקטיוון פון זייערע פאַראיינען, צו שטימען פאַר ציון. פון די 618 קאָנגרעס־דעלעגאַטן זענען ביי פינף הונדערט געבליבן טריי צו ארץ־ישראל.

ב. באַראָכאָווס חלק אין דעם דאָזיקן דעצידירנדיקן אידעיִשן קאַמף איז געבליבן טיף אין זכרון פון אַלע ביים לעבן־פאַרבליבענע עדות פון יענעם דור.

ווי אַ טיטאַן האָט ער געקעמפט. און אויך דעמאָלט — געראַנגלט זיך און בייגעקומען. אָבער ווי אַלע אַנדערע זיגרייכע געראַנגלען צווישן טיטאַנען האָט אויך דער דאָזיקער געקאָסט טייער.

דער ערשטער קרבן אויפן מזבח פון דער דאָזיקער ראַנגלעניש איז געווען — דער גלות־פעסימיזם. דער ערשטער, גרונטזעצלעכער טעזיס אין דעם אַרטיקל „צו די פראַגן פון דער טעריטאָריע": „מיר־אונדז איז פאַרבאָטן צו וואַרטן", איז פאַרביטן געוואָרן מיט דער טעאָריע פון „היסטאָרישן פּראָצעס". דער פּראָצעס איז פאַרלויפיק „אַ טעראַפּעוטישער", כלומר — פאַרלויפיק דער וועג פון יחידים און חלוצים, וואָס זענען דורכגענומען מיטן בראַך פון דעם פאָלק און זיי היילן אים פון זיין קרענק, און מען דאַרף נישט דוחק זיין דעם קץ, ווייל דאָס איז נישט אַ פּראָצעס פון היינט אויף מאָרגן. דער קץ איז אַ זיכערער און ער וועט קומען, אָבער — מען דאַרף האָבן שטאַרקן ווילן און געדולד. אומגע־דולד און אומווילן צו וואַרטן זענען עלול צו פירן צו דער פאַרקריפּלונג פון דער באַוועגונג און צו וויתורים אין אַן עיקר־זאַך — די עקסקלוזיוויטעט פון ציון אין ציוניזם און אויף וויפל עס איז נויטווענדיק, קען מען נאָך — אָביעק־טיוו און סוביעקטיוו — וואַרטן. דער גלות איז טאַקע אָנגעלאָדן מיט סכנות, און מיט אַ היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט פירט ער צו דער קאַטאַסטראָפע פון עוואַקואַציע, אָבער אַפילו די פּראָצעסן פון דעם גלות וויסן פון אַראָפּן און אַרויפן. די אַנאָמאַליע פון עקסטעריטאָריאַליזם לאָזט זיך קורירן בלויז דורך טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע אין דעם אוראַלטן פאָטערלאַנד, אָבער די דאָזיקע פערמאַנענטע אַנאָמאַליע וויס פון פאַרשיידענע תקופות. עס איז דאָ „אַ נאָרמאַלע אַנאָמאַליע" — אַ פערמאַנענטע אין גלות, און עס איז דאָ „אַן אומנאָרמאַלע אַנאָמאַליע", וואָס איז נישט דווקא אומפאַרמיידלעך. פּאָגראָמען זענען נישט קיין אומפאַרמיידלעכקייט אין גלות. שמד איז אַוודאי נישט אומ־פאַרמיידלעך אין גלות. דעם צאַריזם קען מען אומוואַרפן אַפילו אין די גלות־

באַדינגונגען, און צוזאַמען מיטן צאַריזם קען מען פאַרניכטן אַ סך דערשיינונ־גען פון דער אומנאָרמאַלקייט פון דער גלות־אַנאָמאַליע. איז דעריבער דער קאַמף פון דער רוסישער רעוואָלוציע אַן אומבאַדינגט נויטווענדיקער פאַרן ייִדישן פאָלק, ווייל דאָ איז אַ קאַמף קעגן דעם „אומנאָרמאַלן" אַנוווקס פון דער גלות־אַנאָמאַליע. און דער זיג פון דער רעוואָלוציע וועט זיכער באַדייטנדיק פאַרבע־סערן ווי די עקאָנאָמישע אַזוי די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע סיטואַציע. און דער־נאָך גיט ער צו: אויך די אַסימילאַציע איז נישט אומפאַרמײַדלעך — אַפילו אין גלות. אין דער באַפרייטער רוסלאַנד דאַרף מען קעמפן אויך פאַר ייִדישע שולעס, פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אַן אָרגאַניזירטער דעמאָקראַטישער קהילה. קיין ענטפער אויף דער ייִדן־פראַגע איז אין דעם אַלעמען נישטאָ, ווייל די ייִדן־פראַגע איז אַ פראַגע פון נישט האָבן זעלבסטשטענדיקייט, קול־טורעלע אייגנאַרטיקייט און אַ פאָטערלאַנד. די אַלע דריי, אין זייער גאַנצקייט און פולן אומפאַנג, וועט דאָס פאָלק דערגרייכן בלויז אין אַ פרייער ציון. אָבער דער וועג צו ציון איז נישט קיין וועג פון באַרג־אַראָפּ. עס זענען נאָך דאָ אַ סך „אומנאָרמאַלע" בייזן, וועלכע מיר דאַרפן און וועלן ליקווידירן אויך אין דעם גלות. איז דאַרף מען זיך נישט איילן און נישט אָפּזאָגן זיך — מחמת דער איילעניש — פון דעם היסטאָרישן וועג פון דער פרייהייט־באַוועגונג. עס איז אַ פּראָצעס! אַ דויערהאַפטער און אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס, וואָס פאָדערט האַרטנעקיקייט און אַנטשלאָסנקייט און פלייסיקייט, און נאָר נישט — איילעניש. זיין כוח באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז אַ פּראָצעס אַ היסטאָרישער און אַן אומפאַרמײַדלעכער, און אונדזער זיכערקייט ליגט אין דעם, וואָס עס איז אַ פּראָצעס, וועלכער מוז ברענגען דעם נצחון.

די קאָנצעפּציע פון דער גערזעצמעסיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון ייִדיש לעבן אין דער פרעמד איז אין דער דאָזיקער באָראָכאָוס אָפּהאַנדלונג פאַר־טיפט געוואָרן. דעם קריזיס אין אונדזער לעבן דאַרף מען זען ווי אַ רינג אין דער קייט פון קריזיסן אין אונדזער גאַנצער געשיכטע. די היסטאָריאָגראַפיע וויסנ־שאַפט איז דאָ געקומען צו־הילף דער פובליציסטישער פּאָפּולאַריזאַציע. ווייל דער חותם פון גרויסע טראַנספאָרמאַציעס אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק ליגט אויף די ראַנגלענישן פון אונדזער דור. דאָס, וואָס שמעון דובנאָוו האָט שפּעטער דעפינירט אַלס „צענטריפּעטאַלער כוח און צענטריפוגאַלער כוח", וועלכע ראַטירן אין די שטראָמען פון ייִדישן געדאַנקען־גאַנג, — אַ דע־פיניציע פון די אינערלעכע, סוביעקטיווע כוחות, וועלכע שטויסן פון דעם ייִדישן צענטער צו דער פרעמדער פּעריפּעריע און דערנאָך ציען זיי צוריק פון דער פּעריפּעריע צום צענטער אין אַ פּערמאַנענטן ראָטירנדיקן טעמפּאָ, — האָט ב. באָראָכאָוו דעפינירט אַלס „אַסימילירנדיקער פאַקטאָר און איזאָלירנ־

דיקער פאַקטאָר" — פאַר דער באַצייכענונג פון די אָביעקטיווע ראַטירנדיקע פּראָצעסן אין דער געשיכטע פון דעם עקסטעריטאָריעלן פאָלק אויף פרעמדע טעריטאָריעס. און די מאָס פון נוצן, וואָס דאָס פרעמדע פאָלק ברענגט דער טעריטאָריעלער נאַציע, זי שאַפט עס די מחיצה צווישן די פּראָצעסן. — ווען דאָס פרעמדע פאָלק, דאָס עקסטעריטאָריעלע, הייבט אָן אויסצופירן די ספּע־ציפישע פונקציע, וועלכע פעלט דער טעריטאָריעלער נאַציע, הייבט זיך אָן דער אַסימילירנדיקער פּראָצעס, וועלכער פאַראורזאַכט ווי אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען — מצד יידן, אַזוי טענדענצן צו געבן רעכט, — אַמאָל — פּרי־ווילעגיעס, שפּעטער — עמאַנציפּאַציע, — מצד די נישט־יידן. און ווי נאָר די דאָזיקע פונקציע הייבט זיך אָן אויסצולאָזן, און די טעריטאָריעלע נאַציע ווערט ביסלעכווייז פעיִק — אָדער זי הייבט אָן וועלן צו ווערן פעיִק — אויסצופירן זי זעלבסטשטענדיק, אַזוי לאָזט זיך אויס דער רויִקער פּעריאָד פון דעם אַסי־מילירנדיקן פּראָצעס און עס פאַנגט זיך אָן דער איזאָלירנדיקער פּראָצעס אין אַלע זיינע דערשיינונגען — אָפּהענגיק פון די באַרירונגען פון אָרט און צייט, אין אַלע זיינע „נאָרמאַלע" און „אומנאָרמאַלע" פאָרמען.

שפּעטער, אין זיין גרויסן און גרינטלעכן ווערק — זיינעם און דערנאָך פון זיין גאַנצער פּאַרטיי — אין „אונדזער פּלאַטפאָרם", זענען די דאָזיקע גע־דאַנקען אַנטוויקלט און פאַרפולקאָמט געוואָרן און געבילדעט אַ גאַנצע סיס־טעמאַטישע מסיכתא. דער יונגער קאַפּיטאַליזם, מיט זיין אויפשטייג אין מערב־אייראָפּע, האָט אויף זיינע פליגלען געבראַכט די עמאַנציפּאַציע. מיטן פאַרענ־דיקן דאָס איינגעמען אייראָפּע — ווערט ליקווידירט די עמאַנציפּאַציע. איצט, אין אונדזער דור, זענען נאָך ביידע פּראָצעסן דורכגעפלאָכטן, — דער אַסימי־לירנדיקער פּראָצעס — אַרויסגייענדיק, און דער איזאָלירנדיקער — אַריינ־קומענדיק, — און אַזוי ווערט ביי אונדז געשאַפן אַן אינערלעכער פּאָליטישער און גייסטיקער קאָנפליקט, וועלכער שפּייזט זיך פון די ביידע צוגלייך: פון די רעשטלעך פון דער נאָך־צאַנקענדיקער אידיליע און פון די אָנזאָגן פון דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע. פון דאַנען — די צוזאַמענשטויסן צווישן די אַנטאַגאָניסטישע שטרעמונגען אויף אונדזער גאַס. — דער קאַפּיטאַליזם — פאַר זיין אונטערגאַנג — וועט נאָך באַהערשן גאַנץ אייראָפּע, און מיט זיין הע־געמאָניע וועט זיך נאָך דער איזאָלירנדיקער פּראָצעס אויסברייטערן און וועט איבערגעוועלטיקן דעם גאַנצן גלות. און צוזאַמען מיט אים וועט זיך שטאַרקן די נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע באַוועגונג. פון דער אַנדער זייט, מיט דער דע־מאָקראַטיזירונג פון דער מענטשהייט, וועלן ביסלעכווייז פאַרשווינדן די „אומ־נאָרמאַלע" דערשיינונגען פון דער גלות־אַנאָמאַליע. און די פעלקער פון דער וועלט וועלן מוזן העלפן אונדז צו פאַרווירקלעכן אונדזער באַפרייונגס־פּראָ־

גראַם, לויט ווי אונדזער פאָלק אַליין האָט פּראָיעקטירט און אויסגעטראָגן. די עמפינדלעכע נאַציאָנאַלע חלוצישע מחנה פילט שוין אַרויס די אָנקומענדיקע רעוואָלוציע און פאַרווירקלעכט זי מיט דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל. מיטן דערפאָלג פון די ערשטע שריט פון די חלוצים וועלן זיך די בענקעניש פון דער אומה נאָכן פאָטערלאַנד נאָכמער פאַרשטאַרקן — ביז דאָס גאַנצע פאָלק וועט אַריינגעצויגן ווערן אין קרייז אַריין און די פעלקער פון דער וועלט וועלן אים אונטערשטעלן אַ פּלייצע. ביז — דאָס ווערק וועט פולקאָם פאַרווירקלעכט ווערן. מיט זיכערע טריט שפּאַנט דער גלות צו זיין סוף צו, נישט נאָר צוליב דעם, וואָס עס שטאַרקט זיך דער כוח פון שונאי ישראל, נאָר ווייל עס קומט אויף און שיינט אַלץ העכער דער שטערן פון יידישער גאולה אין דעם פאָטערלאַנד.

עס איז גאָרנישט דאָ וואָס צו שעמען זיך מיט די בענקענישן פון דער אומה נאָך איר פאָטערלאַנד דווקא, און מען דאַרף אין זיי נישט אייַנזען בלויז סענטימענטאַלע טראַדיציע. אַ נאַציע באַפרייט זיך נישט, סיידן פון אייגענעם פרייען ווילן, און אַ פאָלק איז באַרעכטיקט צו שטרעבן צו פולער באַפרייונג: ווי פון אַלגעמיין־פּאָליטישער פאַרשקלאַפונג, אַזוי פון קולטורעלער פרעמד־קייט און פון אָפּגעריסנקייט פון דעם פאָטערלאַנד. און די דאָזיקע בענקעניש נאָך דעם אוראַלטן פאָטערלאַנד נערט זיך נישט נאָר פון זכרונות פון דער פאַר־גאַנגענהייט, נאָר אויך פון דער איצטיקער פאַרשקלאַפונג און פון דעם באַ־וווסטזיין פון עקסטעריטאָריאַליטעט, אַ באַוווסטזיין וואָס האַלט די אומה אין זייַנע קלאַמערן און לאָזט נישט אָפּ. די דאָזיקע בענקעניש טראָגט אַ פּראָגרע־סיוון כאַראַקטער, ווייל זי פאַרשטאַרקט די שטרעבונג צו באַפרייונג, ברעכט דורך אַ וועג צו באַפרייונג און דערנענטערט דעם טאָג פון באַפרייונג.

טאָר מען זיך נישט דערשרעקן פאַר פאַריבערגייענדיקע שטערונגען. נישט זיי דעצידירן. מען מוז זיך פאַרטיפן און אויסגעפונען די פּראָצעסן פון אונ־דזער לעבן. און נאָר נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך ביים אָנבליק פון די שוואַרצע וואָלקנס וואָס רוקן זיך אָן אויפן גלות, ווייל צוזאַמען מיט זיי שטראַלט אַרויס די ליכט פון אַ יידישער מדינה אין דעם פאָטערלאַנד. נאָר נישט פאַרלירן פון אויג און נישט אַרויסלאָזן פון האַנט דעם היסטאָרישן קאָמפּאַס און דאָס בוי־ווערק. זיי ביידע וועלן פאַרשנעלערן דאָס אָנקומען פון דעם טאָג פון גאולה.

די אויספירליכע קריטיק אויפן פּראַקטישן טעריטאָריאַליזם, הגם זי איז געשריבן געוואָרן פאַר יענעם דור, איז גילטיק פאַר אַלע דורות. צענדליקער יאָרן זענען פאַרלאָפן פון דענסטמאָל אָן, און דאָך זענען די אַרגומענטן אַי־בערצייגנדיק ביז היינט צו טאָג. פון דענסטמאָל אָן און ביז צו דער פולער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם וועלן נאָך נישט איינמאָל דערשיינען ערזאַץ־

פּראָיעקטן. אַלע מאָל, ווען ס'וועט פֿאַרפֿעלן אינערלעכער ווילן איבערצוקומען שטרויכלונגען, וואָס וועלן זיך אָנזאַמלען אינערהאַלב דעם פֿאָטערלאַנד, און אַלע מאָל, ווען עס וועט זיך קאָנדענסירן אַ ווילן פֿון דרויסן, אָפּצוווענדן די באַוועגונג פֿון דעם פֿאָטערלאַנד — וועלן דערשיינען סוראָגאַטן. און אַלץ וואָס עס איז אין די דאָזיקע מאמרים געזאָגט געוואָרן — פֿון פּראַקטישן הינזיכט און פֿון פּרינציפּיעלן — וועט נאָך אפשר נישט איינמאָל געזאָגט ווערן. און אויב דער אַנאַליז פֿון די רעאַליזירונגס־סיסטעמען אינערהאַלב ארץ־ישראל האָט נאָך דעמאָלט אינגאַנצן געשטעקט אין די באַדינגונגען פֿון דער דעמאָלט־דיקער ווירקלעכקייט — פֿון אַ טערקיש ארץ־ישראל און פֿון אַ פֿאַרשלאָפֿענעם מזרח — הערט זיך דאָך פֿון אים אַרויס די דעצידירנדיקע באַדייטונג פֿון דעם רעאַלן ציוניסטישן ווערק אין ארץ־ישראל, פֿון דעם פֿאָרגעפֿיל פֿון אַ באַלדי־קער יידישער מאַסן־עליה, פֿון דער וואַקסנדיקער סימפּאַטיע פֿון די ישראל־פֿריינט אין גאָר דער וועלט און פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָנערקענונג פֿון גאולת־ישראל.

דער פּעסימיזם לגבי דער צוקונפֿט פֿון גלות איז פֿאַרביטן געוואָרן אויפֿן אָפּטימיזם לגבי דער צוקונפֿט פֿון ציון. דער ציוניזם האָט מיט זיך געבראַכט אַ גוטן פּראָגנאָז פֿאַרן פֿאָלק.

די בעכערס פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם זענען דאָסמאָל אָנגעפֿילט גע־וואָרן מיטן אַלט־אַלטן וויין פֿון דעם ציוניסטישן אני־מאמין:

אף על פי שיתמהמה — בוא יבוא!

תש״ד

חיים גרינבערג ז״ל

א.

דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום האָט זוכה געווען, אַז דער בעסטער טייל פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיין בעסטער ציוניזם, זאָל אין משך פון אַ סך יאָרן געשטאַלטיקט ווערן דורך פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען נאָך געשטאַנען מיט זייער קולטור און טראַדיציע אין דעם רוסישן ייִדנטום. דער דאָזיקער שטאַרקער בונד צווישן די בעסטע זין פונעם רוסישן ייִדנטום און דעם נייעם ייִדנטום וואָס איז אויפגעוואַקסן אין אַמעריקע, האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער גאַנצער באַוועגונג. ווי יענע „4 רבנים", וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט, אַז זיי זענען געקומען פון בבל קיין שפּאַניע און דורך דעם ווי געוואָרפן אַ לעבעדיקע בריק פאַר דעם גייסטיקן רייכטום צווישן די גלות־צענטערס — האָבן אויך זיי געגעבן פון זייער אַלטן כוח דעם דאָזיקע נייעם גלות. עס איז גאָר זיך נישט פאַרצושטעלן דאָס דאָזיקע קאַלאָסאַלע ווערק אָן די דאָזיקע אויסדערוויילטע פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען נישט געבאָרן געוואָרן און נישט אויפגעוואַקסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אין רוסלאַנד, אין העברעיִש און אין ייִדיש, אין שטעטל און אין דער גרויסער ייִדישער געדאַנקען־וועלט, און גלייכצייטיק פאַרשפּרייט פליגלען צו דער קולטור פון אַמעריקע און צו דער וועלט־קולטור. זיי האָבן געקענט באַאיינפלוסן מיט זייער גייסט דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום, צעאַקערן עס און אַרויסבאַקומען פון אים די נייע שפּראָצונגען.

מיר דאַכט זיך, אַז איינער פון די פּראָמינענטע צווישן די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן איז געווען חיים גרינבערג. מיר שיינט אָבער, אַז ער איז געווען אויך איינער פון די לעצטע. איך וועל נישט מאַכן קיין טעות אויב איך וועל זאָגן (און מיינע חברים פון אַמעריקע וועלן מיר אויסבעסערן, אויב אונטער דעם שווערן טרויער וועל איך נישט זיין פּינקטלעך), אַז אין דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום האָט גרינבערג נישט איבערגעלאָזן נאָך איינעם אַזאַ ווי ער. דאָס דאָזיקע שטיין מיטביידע פיס אי דאָ, אי דאָרט, די דאָזיקע אייגנשאַפט אַזוי צו רעדן צו דער ייִדישער יוגנט אין אַמעריקע, נישט נאָר אויף איר ענגליש, נאָר אויף איר גאַנצער קולטור־שפּראַך, די פעיִקייט מיטצומאַכן דאָס גייס־

טיקע לעבן, די וויטיקן פונעם גייסט אין דער וועלט און גלייכצייטיק צו זיין אַזוי פאַרוואָרצלט אין דער יידישער קולטור, טראַדיציע, ליטעראַטור, אין די נייע ווייען פונעם דור אין ישראל און אין דעם גאַנצן פלאַנטער פון דער ישראל־אויפלעבונג אין לאַנד מיט איר גרויסער שליחות, וועלכע האָט באַלויכטן דעם וועג און באַפרוכפּערט זיין גייסט, זיין געדאַנק און קולטור.

חיים גרינבערג האָט געהאַט — צי מעג מען עס זאָגן אין איצטיקן מאָמענט, נאָך איידער ער איז געקומען צו קבורה — אַ ספּעציפישע באַציִונג צום טויט. צי וועל איך אַ טעות האָבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז ער האָט געגלייבט אין השארת־הנפש? ער האָט געהאַט אַ פסיכישע זיכערקייט, אַז דער טויט איז נישט דער ענדגילטיקער אומקום. ער האָט אָנגעשריבן וועגן דעם אַן עסיי, איינע פון די זעלטנסטע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, לויט איר מענטשלעכן אינהאַלט און אויך לויט איר דערשיטערנדיקער געהיימניש. דאָרטן דערציילט זיך וועגן אַ שמועס, וואָס ער האָט געפירט מיט זיינעם אַ קראַנקן, כמעט צום טויט־פאַרמשפּטן פריינד, וועגן דעם, וואָס באַדייט דער טויט, צי איז ער אַן איבערגאַנג צו דער לערקייט, צי הייסט עס פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָרנישט? פון דעם שמועס שטראַלט אַרויס אַ גלויבן, אַז דער טויט איז נישט גאָר אַ סוף, אַז גראָד דעמאָלט הייבט זיך אָן עפּעס נישט פאַרשטענדלעכעס. עס איז פאַראַן אין דעם אַ מדרגה, צו וועלכער איך בין נישט מסוגל זיך צו דערהייבן, איך האָב אָבער געשפּירט און געזען צו וואָס פאַראַ פסיכישער גדלות דער מענטש האָט זיך דערהויבן. די וואָרצלען פון דער דאָזיקער גרויסקייט שטעקן טיף אין דער פאַרגאַנגענהייט פון אמונת ישראל און אירע פליגלען זענען צעשפּרייט אין די מרחקים פון אַן אַנדער בילד און פון אַן אַנדערן קוק, וואָס הייבט אויף דעם מענטש איבער דעם אונטערגאַנג.

צי וועלן מיר זיך דערמיט היינט טרייסטן? צי וועט דאָס דאָזיקע הויז, דער דאָזיקער טיש, קענען זיין אַ שותף צו זיין השארת־הנפש? צי וועט די באַוועגונג און דער נייער דור אין דער באַוועגונג האָבן דעם כוח צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע „נכסי חיים״ אין אַ ממשותדיקן לעבנס־פאַרמעגן, אין אַ שאַפונג, פון וועלכער עס שפּראָצן אַרויס ישועות און וועלכע אויך דער טויט קען נישט אומברענגען?

אין אַ נאָרמאַלער מדינה מיט אַ גרויסן „יש״, וועלכן זי דאַרף נאָר באַהערשן און רעגולירן, מוזן נישט שטיין אין שפּיץ דווקא מענטשן פון גייסט און וויזיאָנערן. אָבער אַ פאָלק וואָס קאָנצענטרירט זיך פון אַלע גלותן אין זיין מדינה, אַ פאָלק ווי אונדזער פאָלק, וואָס לעבט ערשט אויף און באַנייט זיין יוגנט, וועט נישט טאָן וואָס ער דאַרף, אויב אין זיין שפּיץ וועלן נישט שטיין מענטשן איינגעוואָרצלטע אין גייסטיקן לעבן און געבענטשטע מיט וויזיאָ־

בצרישן מוט. צייטנוויז איז דאָ אַ געפיל, אַז פּאַר אַזעלכע מענטשן, וואָס זייער נשמה איז פאַרוואָרצלט אין דער וויזיע פון די דורות, איז ווי פאַרשפּאַרט דער וועג. חיים גרינבערג איז דערמיט געווען פאַר אונדז אַ טרייסט. ער איז געקו־ מען פון דער גייסט־וועלט; זיין קעניגרייך איז געווען — די רעדע, דער עסיי, די ליטעראַטור, דערציִונג, די געשטאַלטונג פונעם דור. איך געדענק ווי ער פלעגט זאָגן: „מיר, די בטלנים". ער פלעגט עס שטענדיק אַרויסזאָגן מיט שטאָלץ, ווייסנדיק די רעלאַטיוויטעט פון די באַגריפן.

מיט וואָס פאַרא פּראַקטישקייט, איבערגעגעבנקייט און פעיִקייט ער איז אַריין אין דער אַרבעט! וואָס פאַרא רעספּעקט האָט ער אַרויסגערופן אויך ביי די פּראַקטישע מענטשן! ווי אַזוי האָט ער זיך באַנוצט מיט זיין ברייטן קול־ טורעלן וויסן, מיטן קענען די וועלט און אַלע אירע גייסטיקע שטרעמונגען, מיטן פאַרשטיין די מענטשן. ווי אַזוי האָט ער געוווסט מקרב צו זיין און צו דערווייטערן, אַריינצוברענגען קלאָרקייט אין יעדער זאַך און מיט וואָס פאַראַ אחריות האָט ער דאָס געטאָן. מען האָט דאָ דערמאָנט די תקופה פון לייק־ סאַקסעס. איך בין געווען אַ נאָענטער עדות פון דער דאָזיקער אַרבעט זיינער. איך ווייס, אַז אַ סך האָבן געצווייפלט און האָבן זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אַזאַ וויכטיקע אויפגאַבע אויף אַ מענטש, וועלכער איז שטענדיק געווען אַ רעדאַקציע־אַרבעטער. מיט וואָס פאַראַ לויטערקייט ער פלעגט אונדז דערציילן וועגן די געשפּרעכן וואָס ער האָט געפירט מיט די פאַרשטייער פון ווייטע און עקזאָטישע מדינות, פון וועלכע עס איז געווען אָפּ־ הענגיק די אָדער יענע אָפּשטימונג און מ'האָט געדאַרפט וויסן, ווי אַזוי צו גע־ ווינען זייער האַרץ. יאָ, ער איז געווען אַ מין „מודעה רבה לאורייתא" און פאַר די תורה־מענטשן, וואָס האָט זיי צו וויסן געגעבן, אַז עס איז פאַראַן פאַר זיי אַ ראָלע אין דער דאָזיקער באַוועגונג, וועלכע פורעמט דעם אויסזען פון אַ פאָלק און באַנייט אַ פאָלק, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק וועט נישט דערגיין צו זיין ציל, אויב דערציִער און גייסט־מענטשן אַזעלכע ווי ער וועלן נישט שטיין אין סאַמע האַרץ פון דער אַרבעט.

אין דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום און ציוניזם זענען פאַראַן ווייניק אַזעלכע ווי ער, אָבער זייער ברכה איז גרויס. די עצם איבערצייגונג, אַז זיי ברענגען ברכה איז אונדזער טרייסט. אפשר האָט ער דאָס אין זינען געהאַט, ווען ער האָט גערעדט מיט אַזאַ גלויבן וועגן השארת־הנפש, וועגן דעם טויט, וועלכער באַ־ דייט נישט קיין אַבּסלוט, און וועגן דעם המשך וואָס וועט קומען. ער, וואָס האָט געלעבט דעם ציוניזם, אין זיין וויזיאָנערישן ליכט, האָט קיין סך נישט גע־ רעדט וועגן די גרויסע זאַכן. זיי האָבן זיך, ווי פון זיך אַליין, דורכגעשלאָגן אַ וועג און אַרויסגעשטראַלט פון יעדער שורה וואָס ער האָט געשריבן.

אונדזער אומגליקלעכע באַוועגונג קען זיך נישט טרייסטן. חיים גרינבערג איז נאָך נישט דערגאַנגען צו הויכער זקנה. ווער ווייסט וואָס באַדייט דער דאָזיקער וועג, וועלכן מיר גייען שוין יאָרן־לאַנג, אין וועלכע מיר מוזן באַגראָבן אונדזערע בעסטע מענטשן נאָך איידער זיי דערגייען צו זקנה?

מיר וועלן אָפּהיטן זייער ירושה און זיך טרייסטן מיט זייער השארת־הנפש. מיר וועלן אויך זיי זאָגן פאַר זייער קבורה: דעם קערפּער וועלן מיר מאָרגן אַראָפּלאָזן אין קבר שווייגנדיק, אָבער די איבערבלייבונג, דאָס, וואָס וועט מאָרגן נישט איבערגעגעבן ווערן דער ערד, וועלן מיר טראָגן אין זיך נישט שווייגנדיק. אויף דעם וועלן מיר דערצי:ען און נישט פאַרגעסן, ווייל אים געהערט די אייביקייט.

ב.

זי האָט אים באַזיגט, די קרענק. אַזוי ווי מיר האָבן זיך געשראָקן די גאַנצע זעקס חדשים. ערשט מיט זעקס חדשים צוריק איז זי אים באַפאַלן, עפּעס אַזוי פּלוצים. קיינער האָט זיך אויף דעם נישט געריכט. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן און אים אַרויסגעריסן פון אַלע זיינע פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציעס. און ערשט מיט זעקס חדשים צוריק האָבן מיר באַשלאָסן נאָך מער אויסברייטערן זיי, די פונקציעס זיינע. שטאַרק איז געוואַקסן דער צוטרוי צו זיין פּערזענלעכקייט אין די ברייטקייטן פון דער באַוועגונג. אין דער דערצי:ונגס־און קולטור־אַרבעט פון דעם אַלוועלטלעכן ציוניזם איז ער געווען אין די לעצטע יאָרן די נשמה פון דער גאַנצער טעטיקייט. אין דער ציוניסטישער אָנפירונג אין אַמעריקע האָט מען אים באַטראַכט ווי דאָס לעבעדיקע געוויסן. און פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע איז ער געווען איר כבוד, איר לערער, איר פאַראייניקער — — —

אין דער טעלעגראַפישער ידיעה פון ניו־יאָרק וואָס האָט אונדז אָנגעזאָגט די ביטערע בשורה, אַז חיים איז שוין נישטאָ, איז געווען אַ פּרט, וואָס איז אונדז אין פלוג אויסגעקומען נישט גענוג פאַרשטענדלעך. אין דער טעלעגראַמע איז געזאָגט געוואָרן, אַז אין דער צוואה האָט ער געבעטן נישט האַלטן קיין רעדעס ביי זיין לוויה, ער האָט אָנגעצייכנט די פּרקים פון תנ״ך וועלכע מען זאָל לייענען (תהילים קד, כג, מב, און איוב כח) און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער וואָלט געוואָלט, מען זאָל אויך זינגען דאָס באַקאַנטע ליד פון לערמאָנטאָוון „איינזאַם לאָז איך מיך אין וועג״. מיר אַלע געדענקען דאָס ליד פון אונדזערע יוגנט־יאָרן. נישט איינמאָל האָט עס אונדז באַגלייט אין אונדזער אָוונט־שפּאַצירן. מיר האָבן ליב געהאַט זיין אינהאַלט און זיין מעלאָדיע. אָבער „זעלבסט־

פאַרשטענדלעך״ איז נישט געווען, אַז דאָס איז דאָס ליד, וואָס פאַרזיגלט דאָס לעבן.

איך האָב באַשלאָסן זיך מתייחד צו זיין מיטן ליד. און כדי עס צו לייענען און „אויסשעפּן״ אינגאַנצן, האָב איך אויך געפּרוווט צו זינגען עס פאַר זיך אויפדאַסניי אויף העברעיש. אַמבעסטן לייענט מען אַ ליד ווען מען איבערזעצט עס אַליין. דאַן האָב איך דערפילט אין אָט־דעם ליד לערמאָנטאָווס, די שטי־מונג, וועלכע מיר האָבן באַמערקט ביי חיים גרינבערג אַ סך יאָרן. דאָס איז די באַוווּנדערונג פאַר דער פּראַכט און שיינקייט פון דער וועלט. דאָס איז דאָס מתייחד־זיין־זיך מיט איר פולקאָמענהייט. און דאָס איז אויך די איינזאַמקייט אין דער שיינקייט. דאָס איז דער אומבאַגרענעצטער טרויער, וואָס נעמט אַרום דעם, וואָס איז אַריינגעטאָן אין אָט דער היכער ספער, און דאָס איז דאָס גע־פיל, וואָס דרינגט אַרויס טאַקע פון דער באַוווּנדערונג, אַז אויך דער טויט איז נישט דער סוף, אַז עס קומט אָן אַ שלאָף, וואָס איז נישט פאַרניכטונג, און אַז אויך דער לעצטער גאַנג וועט נישט זיין קיין וועג, וואָס פירט אַוועק פון דער פּראַכט פונעם קיום, אויב אויפן קבר וועט גרינען אַ דעמב און אַ זיסער קול וועט זינגען וועגן ליבע. ווי דער ערשטער גאַנג אַזוי אויך דער לעצטער גאַנג. אַזאַ איז דער טרויער און אַזאַ איז די באַוווּנדערונג פונעם איינזאַמען אונטער די הימלען, וואָס דערציילן גאָטס וווּנדער.

יאָ, גרויס איז געווען די הערלעכקייט, די אויסגעשפּרייטע איבערן גאַנצן וועג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען. און גרויס איז געווען זיין באַוווּנדערונג פאַר איר. און גרעסער פוןביידע איז געווען זיין איינזאַמקייט אויף דעם דאָ־זיקן וועג. אָבער נישט נאָר טרויער איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאָזיקער איינזאַמקייט, נאָר אויך אַ שטריך פון נאָבלקייט און פון שטאָלץ פון פאַרזעגלעכקייט איז געווען געצייכנט אויף איר, פון אָנהייב וועג ביזן סוף.

ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ וווּנדער־קינד. ער איז אַלט געווען אַ יאָר זי־בעצן ווען ער איז דערשינען אַלס דעלעגאַט אויפן העלסינגפאָרסער צוזאַמענ־פאָר. ער איז געווען דער יינגסטער פון די דעלעגאַטן אויף יענעם היסטאָרישן צוזאַמענפאָר און זייער פרי איז באַקאַנט געוואָרן זיין נאָמען אַלס ציוניסטישער רעדנער אין דער רוסישער ציוניסטישער באַוועגונג, איידער עס איז נאָך אַנט־שטאַנען די צעירי־ציון־באַוועגונג און אין די ערשטע יאָרן פון דער אַנטשטיי־אונג פון אָט דער יונגער באַוועגונג.

עס וועט נאָך אַ סך באַזונגען ווערן און עס וועט אַ סך דערציילט ווערן וועגן דער ווירקונג פון דעם גוטן רעפעראַט אין דער געשיכטע פון דער אַנט־שטייונג פונעם ציוניסטישן דור. אין דער צייט ווען עס האָט אָנגעהויבן אונ־טערגיין די זון פונעם ציוניסטישן „מטיף״, אין די ציוניסטישע שולן און אין

די ציוניסטישע לייען־זאַלן, האָט אָנגעהויבן אויפגיין די זון פונעם „לעקטאָר". אַלע זוכענישן פון די וואַכזאַמע אין יענעם דור האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער גוטער, קינסטלערישער, באַלערנדיקער, ברייט־פאַרמאָסטענער ציוניסטישער רעדע, וועלכע האָט געבויט בריקן צווישן די זוכענישן פונעם מענטש אינעם דור און די בענקשאַפטן פונעם ייִד אין זיין פאָלק. און די גאַנצע דורשט פונעם דור נאָך אַ קינסטלערישן אויסדרוק, לויטער אין אינהאַלט און אָנגענעם אין פאָרם האָט געזוכט איר באַפרידיקונג אין אַ ציוניסטישער רעדע. צו דער לעקטאָרן־טריבונע וועלכע האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון פאַרזאַמלונג צו פאַרזאַמלונג, איז געבראַכט געוואָרן דאָס בעסטע פונעם גערעטעניש פון גייסטרייכע דענקער אין דער באַוועגונג און אַרום די דאָזיקע טריבונעס האָבן זיך אויפגעקלערט און קריסטאַליזירט, האָבן זיך פאַרייניקט און געשפּאָלטן אַלע דורשטיקע נאָכן אויסלייזונג־ווערק.

געוויס זענען אויך געווען אַ סך מינדערוועדטיקע צווישן דער חבורה כהנים פון דער ציוניסטישער טריבונע אין יענער צייט. ווער עס וועט וועלן געדענקען דווקא יענע, וועט אפשר געפינען גענוג מאַטעריאַל אָפּצושפּעטן און צו האָבן טענות, אָבער גערעכט וועט ער נישט זיין, לחלוטין נישט. ווייל עס איז אויך געווען אַ גייסטיקע לאַבאָראַטאָריע הינטער די דאָזיקע דענקערישע קאַפּיטלען, וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן בעל־פּה, אין רעדעס פאַר מאַסן, און אין וועלכע עס זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן פונדאַמענטן, וואָס זענען געוואָרן די גרונט־שטיינער פאַרן געדאַנקנגאַנג פונעם דור. די גאַנצע ירושה פון באָראָכאָוון און זשאַבאָטינסקין און סירקינען און זשיטלאָווסקין זענען דאָך געווען אַזעלכע קאַפּיטלען פון תורה־שבעל־פּה, וועלכע זענען רעפערירט, דעפינירט, אַנאַליזירט און פאָרמולירט געוואָרן פאַר די צוהערער פון אָט־דער טריבונע וועלכע האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון פאַרזאַמלונג צו פאַרזאַמלונג. פון דער טריבונע זענען די ווערטער שפּעטער אַוועק אין דרוק־מאַשין, אין חודש־זשורנאַלן, אין שריפט־זאַמלונגען פון דער באַוועגונג און זענען געוואָרן קאַפּיטלען פון דער תורה־שבכתב און דער יסוד פונעם גייסטיקן פאַרמעגן.

און די רעפּעראַטן פון חיים גרינבערג געהערן אָפּטמאָל צום בעסטן־פונעם־בעסטן אין יענער גייסטיקער שאַפונג, וועלכע האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אויף דער רעדנער־טריבונע פון רוסישע ציוניזם. אַ טריבונע־קינסטלער איז געווען חיים גרינבערג. און מיט די וואַנדערונגען פון דער טריבונע איבער די פאַרשידענע גלותן — אין די נייע ערטער, וועלכע האָבן זיך אַזוי שנעל געטוישט אין אונדזער דור, האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרצווייגט די דאָזיקע קונסט זיינע, זי האָט פאַרטיפט, געשמידט און דערצויגן. ווער עס שאַצט־אָפּ די שאַפונג און די ווירקונג פון חיים גרינבערג בלויז לויט זיינע געשריבענע אַר־

בעטן, נעמט נישט אין באַטראַכט אַפילו אַ העלפט פון אים, כאָטש אין די לעצטע יאָרן איז חיים גרינבערג געווען איינער פון די בעסטע עסייען־שעפער אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער צום הויכפונקט פון פולקאָמענהייט און השפעה איז דערגאַנגען דער דאָזיקער עסיי, ווען ער האָט זיך נאָך געהערט אין זיין ערשטן גילגול, ווען ער איז געזאָגט געוואָרן פאַר די דורשטיקע צוהערער פון זיין וואָרט, איידער ער איז איינגעפּרעסט געוואָרן אינעם שריפט פון דער דרוק־מאַשין. סיי ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ליטעראַרישע טעמעס און סיי וועגן די טעמעס, וואָס זענען געווען ברענענדיק אין דער וועלט פונעם ייִדנ־טום און אין די זוכעניש פונעם דור אין דער מענטשהייט. נישט אומזיסט איז פאַרבליבן דער רושם פון די ווערטער, זייער קלאַנג און זייער טעם, איינגע־קריצט אינעם האַרץ פון אַ סך פון די בעסטע צוהערער אין משך פון פיל יאָרן. איך האָב מיך געטראָפן שפּעטער מיט די דאָזיקע „חסידים", צעשפּרייטע אין ווייטע גלות־לענדער, פון יענער זייט גרויסע ימען, און זיי טראָגן אין זיך דעם רושם פון יענע רעפעראַטן, ווי עמעצער וואָס טראָגט אין זיין האַרץ זיינע בעסטע איבערלעבונגען. פאַראַן אַזעלכע, וואָס געדענקען גוט זיינע רוסישע רעפעראַטן אין מאָסקווע פאַר דער רעוואָלוציע, און אַזעלכע, וואָס זיי דער־מאָנען זיינע ווערטער בשעת דער שטאַרקסטער אויפבליִונג פון דער ציו־ניסטישער באַוועגונג און „תרבות"־באַוועגונג אין רוסלאַנד, צומאָרגנס נאָך דער רעוואָלוציע; אַנדערע חזרן איבער קאַפּיטלען פון זיין רעדע, וואָס ער האָט געלערנט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער טריבונע, וועלכע האָט מיט אים געוואַנדערט איבער ימים און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון די טריבונעס פון אַמעריקאַנער ייִדנטום.

אין אַלע גלותן פון אונדזער באַוועגונג, זענען זיי צעשפּרייט די דאָזיקע געדענקערס און נאָכזאָגערס, די חסידים פון חיים גרינבערגס רעפעראַטן, אַלע זענען זיי אין דער באַוועגונג און אַלע זענען אַביסל אָפּגעזונדערט אינעווייניק, אין איר. אַלע זענען געטריי דעם ווערק און אַלע זענען צוגעשמידט צו דער וויזיע, און אַלע זענען אַביסל אָפּגעזייטיקט, כמעט, ווי חיים גרינבערג זעלבסט.

דער ליבלינג פון דער באַוועגונג איז חיים גרינבערג געווען פון זיין אָנ־הייב אָן. אַזאַ איז ער געווען סיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און סיי אי־נעם טייל פון צעירי־ציון אין רוסלאַנד. שפּעטער אויך אין דער פאַראייניקונג פון פועלי־ציון־התאחדות אין אַמעריקע. אין די לעצטע יאָרן איז קיינער אין אַמעריקע נישט געווען אַזוי אָנגענומען און אַזוי געערט דורך דער גאַנצער באַוועגונג אין אַלע אירע אָפּצווייגונגען, ווי ער. און דאָך, האָט ווי עפּעס אַ נאָבעלע איינזאַמקייט געשוועבט איבער אים און זי האָט געשאַפן אַ מין דינע מחיצה צווישן אים און אַלע איבעריקע חברים, און אויך ווען ער איז געגאַנגען

צוזאַמען מיטן גאַנצן שטראָם, און אַפילו דאַן, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז ביים רודער גופא, איז דאָך געווען אַ געפיל, סיי ביי אים זעלבסט און סיי ביי אַ סך אַרום אים, ווי ער וואָלט זיך „איינזאַם געלאָזט אין וועג״ — — —

מיט אַ פאַרווונדעטער נשמה האָט גרינבערג פאַרלאָזט רוסלאַנד. די אַנ־טוישונג אין „סאָציאַליסטישן משיחיזם״ אין אונדזער צייט וואָס ער אַליין האָט געזען, האָט געגעבן איר פרוכט. דער לעצטער קאַמף אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט מיט דער גאַנצער היץ פון זיין נשמה, איז געווען דער קאַמף פאַר העברעיִש אין סאָוועטישן רוסלאַנד. ווי אַ פריינט צו אַ פריינט האָט ער גערעדט מיט די הערשער און מיט זיין אויפגעשטורעמטער נשמה האָט ער געפרוווט פאָדערן נישט צו באַוועלן די העברעיִשע שפּראַך אין נייעם רוסלאַנד. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אין יענער צייט געפירט אַרום „הבימה״, עס זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן איר ליכט אין מאָסקווע. ער האָט עס צוזאַמענגע־שטעלט דעם באַקאַנטן מעמאָראַנדום פאַר „הבימה״ און ער איז דאָס דער, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיינע פריינט, דעראָבערט דאָס האַרץ פון מאַקסים גאָרקי און פון לונאַטשאַרסקי און פון וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, זיי זאָלן אונטערשרייבן דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום. און אויך ווען ער האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד, אַנ־טוישט און פאַרלוירן, האָט ער זיך נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון אָט דער האָפענונג און ער האָט נאָך געפרוווט צו מאָביליזירן דערצו די הילף פון ראָמען ראָלאַן און ער האָט אויך געוואָלט פרווון ווירקן אויף אַנאַטאָל פראַנסן. ביז עס איז געוואָרן באַשיימפּערלעך קלאָר, אַז אַלע טויערן זענען פאַרשלאָסן.

אָבער קיינמאָל האָט ער זיך נישט פאַרוואַנדלט אין אַ פרוכטלאָזן עמי־גראַנט, פאַרקערט, דווקא אין נייעם לאַנד האָט ער אויסגעשפרייט זיינע פליגל; דאָס איז געשען פון דער צווייטער זייט אָקעאַן, צווישן דעם גרויסן אַמעריקאַ־נער יידנטום, וואָס אויף אים איז געפאַלן דער גורל זיך צו צעוואַקסן און פאַר־נעמען אין אונדזער געשיכטע עפּעס פון יענעם אָרט, וועלכן עס האָט פאַר אים, פאַרנומען דאָס רוסישע יידנטום, וואָס איז פאַרשוווּנדן. דאָרט איז געשטיגן און געוואַקסן חיים גרינבערג אין דעם צווייטן טייל פון זיין לעבן און דער־גרייכט דאָרט דעם הויכפּונקט פון זיין בליִונג — פאַרטייִש, ליטעראַריש, פּאָ־ליטיש און פערזענלעך.

אונדזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע האָט נישט געקענט אַ צווייטן אַזאַ אויסגעהאַלטענעם און פרוכטבאַרן ליטעראַרישן בויער, ווי ער איז געווען.

אָט איצט דאַרף דערשיינען אין ניו־יאָרק דער טויזנטסטער נומער פון „יידישער קעמפער״, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פון חיים גרינבערג. טויזנט נומערן אין משך פון טויזנט וואָכן, כמעט אַן איבער־

רייס! און רעדאַגירט שטענדיק אין אַ ריינעם גייסט און מיט אַ גוטן געשמאַק און מיט אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי דעם געדרוקטן וואָרט און מיט פעדאַנטישער פּאָרזיכטיקייט לגבי דעם כבוד פון שרייבער און לייענער. רעדאַגירן מיט אַזאַ פעדאַנטישקייט אַ פּאַרטיי־צייטונג אין אונדזער דור — איז גאָרנישט קיין קלייניקייט... און אויך דעמאָלט, ווען ער האָט קאָנצענטרירט, מיט אַ סך אויסקלייבערישקייט, זיינע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן געמאַכט די דאָזיקע קינסטלערישע אַרבעט, מיט אים, אָדער אים פאַרטרעטן, האָט זיך געפילט זיין גייסט און זיין געשמאַק אויסגעשפּרייט אויף יעדן נומער פון אָט־די צייטונגען.

און אָט ווערט אַכצן יאָר זינט עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער „דזשויש פראָנטיער", אויך אונטער זיין רעדאַקציע. דאָ איז דער באָדן בכלל נישט געווען צוגעגרייט. איך געדענק נאָך גוט דעם מאָמענט, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אין אַמעריקע די „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל" און עס איז באַשלאָסן געוואָרן גלייכצייטיק מיט דער ליגע צו שאַפן אויך אַן אָרגאַן פון אונדזער באַוועגונג אין דער ענגלישער שפּראַך. ווי שטאַרק זענען געווען די קווענקלענישן פון אַלע זייטן. עס איז דערפאַר נישט געווען נישט קיין אינערלעכע אַטמאָספער און נישט קיין טראַדיציע פון דרויסן. צווישן די אַלטע געטרייע חברים פון דער באַוועגונג זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף דער ענגלישער שפּראַך, וועלכע האָט פּרעטענדירט אַריינצורייסן זיך אין דער באַוועגונג. און צווישן די ענגליש־רעדנדיקע זענען נאָך נישט אַנטפּלעקט געוואָרן קיין שום צייכנס פון דערפאָלגרייכער און ממשותדיקער שאַפונג. און די גייסטיקע פאַראַרעמונג האָט נישט צוגעגעבן קיין מוט. וויפל כוח און גלויבן און וויפל שטאַרקייט פון ווילן האָט זיך דאַן געפאָדערט, כדי צו מאָביליזירן די קליינע גרופּע פעיקע דערצו און צוטרעטן צו שאַפן דעם אָרגאַן. און וויפל געדולד און שאַפונגס־כוח האָט זיך געפאָדערט שפּעטער כדי אויפצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ און מיטצווווירקן צו זיין פונאַנדערבוי אין פאַרלויף פון אַכצן יאָר אָן איבערייס! ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז דער דאָזיקער גייסט־מענטש, דער מענטש פון שטימונגען, באַקאַנט צווישן זיינע פריינט אַלס מענטש פון דער ליטעראַרישער באָהעמיע, וועט אויף זיך נעמען דעם עול פון די דאָזיקע צוויי זשורנאַלן און וועט אים טראָגן אָן איבעררייס מיט אַזאַ אויסדויער, מיט אַזאַ חברישער נאָבעלער און זעלטענער געדולד — — — לעבנס־אויפטועך פון דער גאַנצער באַוועגונג.

און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געוואָגט — און אויך די באַוועגונג האָט געוואָגט — אַרויפלייגן אויף אים אַן עול פון ממשותדיקער פּאָליטישער אַרבעט. און דאָס איז געשען אין טעג פון פּאָליטישער אַנטשיידונג;

די טעג פון לייק־סאַקסעס־קאָנפערענץ. און די זאַך גופא, וועלכע איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן איז געווען קאָמפּליצירט און פול מיט אחריות. עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן די אַרבעט פון געפינען אַ צוגאַנג צו די פּאָרשטייערס פון די דרום־אַמעריקאַנישע פעלקער. און יעדער שטים האָט דע־מאָלט געקענט ענדערן דעם גורל. און ער איז שוין דאַן געווען זייער מיד און שוין נישט יונג, און זיין געזונט איז שוין זיכער געווען אָנגערירט פון דער בייזער קרענק, וועלכע האָט אים איצט באַזיגט. ווי האָט ער זיך דאַן אַריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעט! ער האָט פאַרוואַנדלט די נעכט אין טעג, ער האָט אויס־גענוצט זיין שאַרפן שכל און דעם אוצר פון זיין קולטור־וויסן און — ווי ער האָט געוווסט אָפּצושאַצן יעדע זאַך און דערנענטערן צו זיך און געבן אַ ריכ־טונג און אויפקלערן, אָפּוואַרפן ספיקות און איינעמען הערצער! פּראַקטישע מענטשן האָבן נישט געגלייבט, אַז אויך אַן אידייען־מענטש קען אַזויפיל אויפ־טאָן און נאָך מיט דערפאָלג.

און פון זינט איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוקוקן פון דער נאָענט צו דעם געבענטשן קאַפּיטל פון זיין טעטיקייט אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אויך אין די ענינים פון דער עקזעקוטיווע אין אַמעריקע, און ספּעציעל אין די ענינים פון דער דערציִונגס־ און בילדונגס־אָפּטיילונג, וועלכע ער האָט אָנגעפירט, האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק באַוווּנדערן זיין וואַגיקייט און זיין פּאַרזיכטיקייט און זיין אַרבעט־כוח. אומצייליקע מאָל האָט ער גע־פּאָרשט און געמאָסטן ביז ער האָט פאַר זיך באַשטימט דעם אופן פון זיין נייער טעטיקייט אויף דעם דאָזיקן נישט־אויסגעטראָטענעם וועג אין דער אַלוועלט־לעכער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט נאָר־וואָס אויסגעשפּרייט די נעץ, זי אויסגעפאָרשט און קלאָר געמאַכט און ערשט אָקאָרשט האָט ער געזאָלט אָנהייבן די ריכטיקע אַרבעט, איז אים באַפאַלן די שרעקלעכע קרענק מיט איר גאַנצער גרויזאַמקייט, די, וועלכע האָט אים איינגאַנצן באַהערשט און שוין מער נישט אָפּגעטראָטן פון אים. אומזיסט האָט ער געצאַפּלט צווישן אירע נעגל די גאַנצע זעקס חדשים, מיט שטאַרקער גבורה האָט ער זיך מיט איר געראַנגלט און נישט אָפּגעטראָטן פון דער אַרבעט. ער האָט באַהאַנדלט יעדע זאַך, געגעבן עצות, אָנגענומען באַשלוסן, ביז זיינע לעצטע טעג, ביז די קרענק איז אים בייגעקומען און באַזיגט — — —

**
*

און מ׳קען זיך נישט געזעגענען מיט דער געשטאַלט פון חיים גרינבערג, נישט דערמאָנענדיק נאָך עפּעס: חיים גרינבערג האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקע באַציִונג — אייגנאַרטיק צווישן די אים נאָענטע מענטשן פון זיין דור — צו

דעם גאַנצן ענין טויט. איך וואַג נישט צו דעפינירן די דאָזיקע פאַרהעלטעניש זיינע מער, ווי ער אַליין האָט עס דעפינירט. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז מען קען זאָגן, אַז גרינבערג האָט אָפּגעלייקנט די אָנגענומענע זיכערקייט, אַז דער טויט איז נאָר אַן אַבסאָלוטע פאַרניכטונג. און מיט דער דאָזיקער דערקענטעניש פון לעבנס־בענקשאַפטן נאָכן איינשלאָפן איז ער איצט אַוועק פון לעבן — — —

איך געדענק זיין ווונדערלעכן עסיי, וועלכן ער האָט אָנגערופן „אויפן שוועל פון דעם געהיימעניש".

עס איז אַ געשיכטע פון אַ געשפּרעך וואָס איז פאָרגעקומען צווישן חיים גרינבערג און אַן אַנדער חיים, וועלכער געפינט זיך שוין אויך נישט צווישן די לעבעדיקע, און וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרמשפּט זיך צו געזע־גענען מיטן לעבן. חיים גרינבערג האָט געהאַט אַ פריינט און זיין נאָמען איז געווען חיים א. פרידלאַנד. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך אַקטיוויטעט און מיט אַ סך וויסן און אַ דיכטער. און עס איז אים באַפאַלן אַ בייזע קרענק, דיזעלבע קרענק. און ער איז דאַן געווען אין דער בלי־ונגס־צייט פון זיין לעבן און אויפן העכסטן פונקט פון זיין דערפאָלגרייכער טעטיקייט. דער דאָקטער האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך איינשטעלן און לאָזן זיך אָפּערירן איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז ער וועט ראַטעווען נאָך אַ יאָר פון זיין לעבן. ער האָט זיך איינגעשטעלט און איז אָפּערירט געוואָרן. און ער האָט פאַרלאָזט זיין גאַנצע אַרבעט און געשריבן צענדליקער נייע סאָנעטן און רעדאַגירט די אַלע סאָנעטן און צוגעגרייט צום דרוק אַ בוך לידער און אַ בוך דערציילונגען, און ער האָט אַליין איבערגעקוקט די גאַנצע קאָרעקטור ביז די לעצטע שורה — און ער איז געשטאָרבן. און אין דעם יאָר, וואָס ער איז געווען פאַרמשפּט צום טויט און אין סאַמע אַנטפּלעקונגס־צייט פון זיין שאַפונגס־טאַלאַנט און וויסנדיק, אַז ער איז פאַראורטיילט צום שטאַרבן — אין דער צייט האָט אים באַזוכט חיים גרינ־בערג. און דער ווונדערלעכער שמועס צווישן דעם קראַנקן חיים און דעם „גע־זונטן" חיים האָט זיך גערעדט וועגן לעבן גופא, און וועגן דעם אָרט פון טויט אין לעבן. דעמאָלט האָט נאָך דער לייענער נישט געוווּסט, אַז צווישן צוויי פאַרמשפּטע האָט זיך געפירט אָט־דער שמועס. אָבער שוין דעמאָלט האָט גע־פילט דער לייענער, אַז פאַר ביידע האָט זיך אויף אַ פאַרבאָרגענעם אופן אַנט־פּלעקט דער ווונדער־סוד פון זיכערקייט בייצוקומען די פאַרניכטונג, וואָס ליגט אינעם טויט. און פון דער דערהויבענער שאַפונג פון איינעם, וואָס איז געשטאַ־נען אויף דער שוועל פון דער סכנה און פון דער ווונדערלעכער האָפענונג פון צווייטן, וואָס האָט איבערגעשריטן די פאַרצווייפלונג, האָט זיך דורכגעבראָכן און אויפגעגאַנגען דער דאָזיקער אויסגעבענקטער ליכט־שטראַל, וואָס געפינט זיך איבערן „קאַלטן שלאָף פון קברים".

לערמאָנטאָוו האָט אויסגעדריקט אָט־דעם סוד אין געשטאַלט פון אַ שווערן, געדיכט־צעצווייגטן דעמב, וואָס גרינט אייביק איבערן קבר, באַוועגט זיך און שטורעמט אויף; און ביי אונדז האָט עס דערזען רחל אין איר ליד „תמורה״ אין געשטאַלט פון „צענער־טויזנטער קערנדלעך פרוכטבאַרע ערד... רייסן זיך פריילעכע צום אַרויף״.

איז דאָך דאָס דיזעלבע גאַרונג צו דעם וואָס קדמונים האָבן אָנגערופן מיט דער שפּראַך פון דורות: השארת הנפש.

מיטן געפיל פון דעם דאָזיקן סוד איז אַרומגעגאַנגען חיים גרינבערג אינעם לעבן און מיט אים איז ער איצט אַוועק פונעם לעבן — — —

**
*

אַ יובל אַ גאַנצן האָט חיים גרינבערג פאַרשפּרייט זיין שאַפונג אין דער ליטעראַטור. און אַלע הויפּט־שפּראַכן אין וועלכע עס רעדן יידן פון אונדזער דור, האָט ער קינסטלעריש באַהערשט. זיין ליטעראַרישער עסיי געהערט צו די געליבטסטע אין דער ליטעראַטור פון דער צייט און זיין פובליציסטישע פּאָלעמיק איז איינע פון די ריינסטע, ווירדיקסטע און איבערצייגנדיקסטע אין אונדזער פּאָלעמישער ליטעראַטור. און זיינע דענקערישע אָפּהאַנדלונגען זע־נען סטיל געשלייפטע קרישטאָלן פון געדאַנק. ער איז שטענדיק געווען אין דרוק — און נאָך איז זיין ליטעראַרישער שאַפונג פאַרשפּרייט איבער זיבן ימען. און דער ערשטער באַנד פון זיינע עסייען אין יידיש איז דערשינען אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, און עס איז אַ גרויסער ספק צי ער האָט נאָך באַ־וויזן אַליין צו געניסן פון זיין שיין. —

און חיים גרינבערג איז געווען דער ריטער פון העברעיש אין זיין גאַנץ גייסטיק לעבן. ער האָט געקעמפט פאַרן כבוד פון העברעיש בשעת דער שפּראַכן־פּאָלעמיק און דער באַוועגונג. און ער האָט געקעמפט פאַר די רעכט פון דער העברעישער שפּראַך קעגן די קעגנער פון דרויסן. און ער האָט קאָנ־צענטרירט זיין גאַנצע קראַפט צו פאַרשפּרייטן די העברעישע שפּראַך בשעת ער האָט זיך געפונען אויפן הויכפּונקט פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. און ער גופא האָט באַהערשט די גרונט־אוצרות פון דער העברעישער שפּראַך און אָפּגעהיט איר ריינקייט און הערלעכקייט. און ביי זיין גאַנצן לעבן איז אין ביכער־שאַנק אונדזערער אַפילו נישט געווען קיין אין העברעיש בוך זיינס. —

און ער איז געווען איבערגעגעבן ארץ־ישראל און דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרלויף פון זיינע בעסטע יאָרן. דער גייסטיקער קאַמף פאַר ארץ־ישראל און פאַר דעם חלוצישן ציוניזם איז געווען דער אינהאַלט פון זיין גאַנצן קאַמף אין לעבן. און ווי דער לעגענדאַרער קעניגלעכער פּאַזש,

האָט ער זיין גאַנץ לעבן געטראָגן דעם קליידערשלעפּ פון זיין געליבטער מלכה און זיך צו איר דערנעענטערט. ווייט פון ישראל האָט ער געפירט זיין קאַמף און זיין טויטן גוף האָבן די חברים באַגראָבן אויף פרעמדער ערד — — —

ער האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער אין דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג אויף וועלכן עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אָנצופירן די דערציִונג און בילדונגס־טעטיקייט אין די ייִדישע תפוצות. פון זינט דער אָנטשטייונג פונעם ציוניזם האָבן געוווּסט זיינע בעסטע מענטשן, אַז די זאָרג פאַר ייִדישער דערציִונג אין די גלותן דאַרף זיין די הויפּט־זאָרג. אין דער באַוועגונג האָט מען געוווּסט נאָך איידער מען האָט געוווּסט וועגן דער נויטיקייט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. פון זינט דעם רעפעראַט פון ערנפּרייז אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט מען עס געוווּסט און דאָס פּראָקלאַמירט. אָבער אין משך פון אַ סך יאָרן האָט מען ווייניק אויפגעטאָן פאַר דעם דאָזיקן וויסן און פאַר דער דאָזיקער פּראָקלאַמירונג. נישט אין די יוגנט־יאָרן פונעם ציוניסטישן חלום און נישט אין די רייפע יאָרן פון זיין גרויסער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. און אויף דער שוועל פון דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, ווען די באַוועגונג האָט פעסט באַשלאָסן זיך אָפּצוגעבן דער דאָזיקער עלעמענטאַרער אַרבעט, האָט חיים גרינבערג זוכה געווען צו זיין דער ערשטער צו ווערן עס האָבן זיך געווענדעט די אויגן פון דער באַוועגונג, כדי אויף אים אַרויפצולייגן דעם עול.

אָבער דאַן זענען שוין געווען די הויפּט־תפוצות צעשטערט און דאָס גרויסע ציוניסטישע „תרבות״־ווערק צעבראָכן, און זיינע רעשטלעך זענען געווען צעשפּרייט איבער ווייטע און נייע אינדזלען און די נייע אָנהייבן זענען געווען זייער שווער.

עס וועט נאָך אויסגעפאָרשט און דערציילט ווערן ווי אַזוי חיים גרינבערג האָט אָנגעהויבן וואַרפן די נעץ אויף די צעשפּרייטע אינדזלען, ווי אַזוי ער האָט געפּרווט צוזאַמענצוקלייבן די אַקטיווע כוחות און ווי אַזוי ער האָט פּלאַנירט און אָנגעהויבן וועבן די טאַטן — — — ביז אים איז באַפאַלן די בייזע קרענק און אים אַרויסגעריסן פון אַלע זיינע אָנהייבן — — —

אַן איידעלע שיינקייט איז געווען אויסגעשפּרייט אויף זיין רייכן לעבנסוועג; די חכמה פון איינזאַמקייט האָט זיך פון אים קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן און טרויער האָט אים תמיד באַגלייט.

וועלן מיר פאַרמאָגן די קראַפט און די דויערהאַפטיקייט אויפצוהאַלטן דעם טייערן השארת־הנפש זיינעם צווישן אונדז?

ג.

צו זיין ערשטן יאָרצייט

אזכרה אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט

ווען מיר זענען זיך מתייחד מיטן אָנדענק פון חיים גרינבערג, שטייען פאַר אונדזערע אויגן זיין מערקווירדיקער און איינציקאַרטיקער ציוניסטישער לעבנסוועג און זיינע לעצטע יאָרן, וואָס זענען פאַר אונדז געוואָרן אַ צוואה און אַרבעטס־פּראָגראַם. מתייחד זייענדיק זיך מיט זיין אָנדענק, ווידמען מיר אויך גלייכצייטיק אונדזער אויפמערקזאַמקייט אַ וויכטיקן פונקט פון אונדזער טעטיקייט, אַרום וועלכן מיר ווילן איצט קאָנצענטרירן די גאַנצע ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג.

זיין לעבנס־וועג פירט אים פון יוגנט־ און מאַסן־דערציִונג ביז צום שפּיץ פון דער באַוועגונג. דאָס געוועט פון אונדזער ליבן חיים גרינבערג איז געווען דאָס שלייפן דעם ציוניסטישן געדאַנק אין דער עפנטלעכקייט. די רעדנער־טריבונע איז געווען זיין וויכטיקסטער וואָפן. די טריבונע איז געווען ווי אַ רושטאָוואַניע צו אַ הויכן בנין. די טריבונע פון דעם גוטן רעדנער, דער אַנאַ־ליטיקער, וואָס פאַרטיפט זיך, איז געווען אַ שולע פאַרן ציוניסטישן געדאַנק זינט זיין אָנטשטייונג, אַ וועג פאַרן ציון־געדאַנק ביים גרויסן רוסישן ייִדנטום. דאָס איז געווען די טריבונע וואָס קינסטלער האָבן זי אַנטוויקלט. חיים גרינ־בערגס לערער פאַר פאַרפּאָלקאָמונג פון דער רעדנער־טריבונע זענען געווען אי־דעלסאָן און פּאַסמאַניק, זשאַבאָטינסקי און באַראַכאָוו. יעדער איינער לויט זיין שטייגער האָט געפּלעגט די טריבונע און עפנטלעך געשליפן דעם געדאַנק. יעדער איינער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַנדערנדיקן לערער, וועלכער פאַרט פון שטאָט צו שטאָט, פאַרזאַמלט מאַסן און דערציט דורות אין ציוניס־טישן געדאַנק.

און בעת גרינבערג איז זאָט געוואָרן מיט טרוימען און אַנטוישונגען און האָט אויסגעוואַנדערט אַ וועלט, איז אויך די טריבונע מיט אים מיטגעגאַנ־גען, פון רוסלאַנד קיין דייטשלאַנד און פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע און אין אַמעריקע איז זי נאָך מער ראַפינירט געוואָרן, דאָרט איז אים צוגעקומען די טריבונע־טראַדיציע פון ד״ר סירקין און זשיטלאָווסקי. דער געדאַנק האָט זיך דערהויבן און איז געשליפן געוואָרן און אויך אין יענעם ווייטן לאַנד איז אַ דור דערצויגן געוואָרן. זיין וויזיע איז געווען אַ גייסטיקער ציוניסטישער גע־נוס און אַ צענטער פון אַ שעפערישן געדאַנק און אַנאַליז פון דער ווירקלעכ־קייט. פונדערווייטנס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן וועלט־באַגריפן און תורות,

דענקער און פילאָסאָפן פון דעם דור, ווי אַלע וואָלטן צוגעבראַכט זייערע בעסטע ווונטשן דער רעדנער־טריבונע כדי צו פאַרטיפן איר ווערט און פון איר פונאַנדערשפּרייטן באַגריפן וועגן ישראל און וועגן אונדזער באַוועגונג אין גלות.

פון וויטן האָט גרינבערגן געלאָקט די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. ער האָט נישט זוכה געווען צו טרינקען פון ארץ־ישראלדיקן קוואַל ווי ער האָט געוואָלט און אויך דאָ אָנטרינקען לויט זיין גרויסער פעיקייט. אָבער דער גייסטיקער באַגאַזש פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, דער חלוצישער רוף פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע דענקער וואָס איז פונדאַנען אַרויס — האָט אים זייער געלאָקט און ער האָט פונדערווייטנס געשטעלט זיין האַרץ, זיין באַגאַבטקייט און זיין וואָרט צו דינסט דעם ציוניזם וואָס איז דאָ אויסגעשמידט געוואָרן און פאַרשפּרייט זיין השפעה איבער דער גאַנצער וועלט.

ווייניק ציוניסטישע מאַסן־דערציִער, ציוניסטישע רעדנער, זענען געווען אַזוי באַליבט ביי זייערע צוהערער ווי חיים גרינבערג. נישט אומזיסט האָבן זיך ביי זיי איינגעקריצט די ווערטער אין האַרצן אויף לאַנגע יאָרן. איצט, נאָך זיין טויט, בין איך איבעראַשט געוואָרן צו הערן אזכרה־ווערטער פון ציוניסטישע מנהיגים וועלכע ציטירן גרינבערגס אַ שטעל פון אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קישיניעוו אין 1905, מיט זיין ניגון און זיין פזמון.

זיי געדענקען דעם זאַץ, פונקט ווי די ליטווישע דיכטערין, וועלכע האָט 30 יאָר שפּעטער איבערדערציילט די רעדעס פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע. די ווערטער זענען געוואָרן תורות וואָס האָבן דערצויגן אַ דור און געבליבן טיף אין זכרון ווי קלאַסישע געדיכטן.

און טראָץ דער גרויסער ליבע פון תלמידים און חברים איז חיים גרינבערג געווען איינזאַם, אומעטיק אין זיין נשמה, איינזאַם צווישן חברים אַפילו בעת ער האָט דערגרייכט זיין אַפּאָגיי, אַפילו בשעת ער האָט ווייך געמאַכט הערצער און געשטאַנען בראש פון דער באַוועגונג, פאַרנומען מיט דאגות וועגן פינאַנצן, פּאָליטיק און פאַרוואַלטונג, בעת ער האָט זיך געפונען אין סאַמע נערוון־קנופּ פון דער באַוועגונג, איז תמיד געווען איבערגעצויגן איבער אים אַ מין שלייער פון עצבות, אַן עצבות פון אַ גרויסן סקעפּטיציזם, פון אַ טיפערן אַנאַליז, פון אינערלעכער קריטיק, פון אילוזיעלאָזיקייט, פון אכזריותדיקן געדאַנק, אַן עצבות וואָס דעראָבערט הערצער און דרינגט אַריין אין די טיפענישן.

דער דענקער, אַנאַליטיקער און אומעטיקער רעדנער האָט זוכה געווען דערצו, אַז די סתירות פון דור האָבן אין זיינע הויכן אויפגעהערט צו זיין סתירות. ווער פון אונדז געדענקט נישט, דעם גרויסן שטרייט אין דער באַוועגונג, דעם גרויסן שאַרפן וויכוח צווישן העברעיִש און ייִדיש? און ווער איז

באַך געווען אַזאַ עקסטרעמער העברעיִסט מיט פּאָליטישער תקיפות און אי־
דייִשער באַגרינדונג ווי חיים גרינבערג? און ווער נאָך ווי ער האָט ביי אונדז
אַזוי גלענצנדיק באַהערשט אַלע אוצרות פון ייִדיש, האָט אַזוי געשליפן דאָס
וואָרט און דעם אויסדרוק און געשאַפן די פּובליציסטיק און די עסיי אין ייִדיש,
אין אַ שיינעם און גוטן ייִדיש און זיי דערהויבן צו געדאַנקלעכע הייכן. דאָרט
אין יענע הייכן איז די סתירה ערגעץ פאַרשוווּנדן און זיך אַמאַלגאַמירט אין
זיין נשמה אָן קריגערייען. דער שטרייט איז ווי אַנטלאָפן פאַר דער סובטעל־
קייט פון זיין געדאַנק און פאַר דער וואָרצלדיקייט און זאַפטיקייט פון זיין אַל־
מענטשלעכער און פאָלקסטימלעך־העברעיִשער קולטור.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ שאַרפערער שטרייט ווי שפּראַכן־קאַמף. שוין
בכלל נישט קיין קאַמף. ס'האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קאַמף און געוואָרן אַ
דיסטאַנץ, ווייטע מרחקים, געוואָרן אַ תהום. ווייל מ'האָט שוין ביי אונדז אויפ־
געהערט איבער דעם צו דיסקוטירן. דאָס איז דער מהלך צווישן רעליגיע און
רעליגיע־לאָזיקייט אין ייִדישן געדאַנק. ער האָט געוווּסט, אַז אויף אונדזער
רענעסאַנס־וועג וועלן מיר מוזן גובר זיין אָט־די ריזיקע ווייטקייט. פאַר אים,
פאַר זיין טיפן גייסט און זעלישער עשירות, פאַר זיין וואָרצלדיק־מאָראַלישער
פערזענלעכקייט איז דער תהום אַנטלאָפן. ער פלעגט זיך דערשרעקן פאַרן
געדאַנק, אַז מען דאַרף די קולטור צעטיילן, צעפּיצלען און צעשיידן צווישן אַ
וועלטלעכער און אַ רעליגיעזער קולטור. ער האָט אינערלעך געזען דעם הע־
ברעער אַלס אַ פרייען מענטש, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין דער טראַדיציע
און גלייכצייטיק אין לעבן פון היינטיקן דור, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אויף
די פליגלען פון אַ פרייען שעפערישן גייסט, בעת זיין שטאַם ציט זיין יניקה
פון דער אַלטער טראַדיציע.

די לעצטע יאָרן זענען ביי אים געוואָרן אַ לעבנס־שליחות. ס'איז נישט
קיין צופאַל, וואָס ווען דער ציוניזם איז אַרויף אויף דעם נייעם וועג, האָט ער
אים פאַרבונדן מיט זיין נאָמען. ס'איז לעכערלעך צו זאָגן, אַז די ציוניסטישע
אָרגאַניזאַציע האָט נאָר איצט אָנגעהויבן קולטור־אַרבעט. ווי קען מען דאָס אַזוי
זאָגן? פון אָנהייב אָן איז די ציוניסטישע אַרבעט געווען פאַרבונדן מיט קול־
טור־אַרבעט אַלס יסוד און גרונט־עלעמענט, נאָך אין די צייטן פון באַזעלער
פּראָגראַם. דער העברעיִשער לערער, העברעיִשער שריפטשטעלער און הע־
ברעיִשער לעזער, איז אויסגעוואַקסן און אויסגעוואָרעמט געוואָרן אין ציוי־
ניזם. אָבער ציוניזם גופא, די באַוועגונג, דער געדאַנק, דער בודזשעט, די אָר־
גאַניזירטע אַרבעט אין די לענדער און אין דער לייטונג, זענען ווי געשטאַנען
אויסער דער טעטיקייט. עס זענען אַרויסגעשפּרונגען פונקען וועלכע האָבן אָנ־

געצונדן הערצער, אָבער די זון פון ציוניזם האָט זיך ווי פאַרהוילן און פאַר־מיטן אַ ברכה פון דער דאָזיקער עיקרדיקער ציוניסטישער אַרבעט.

און בעת דער ציוניזם נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה האָט באַ־שלאָסן אַנדערש צו דעראָבערן דעם גלות־מדבר, בעת דער ציוניזם האָט פאַר־שטאַנען און אויפגעציטערט פון דער סכנה, אַז דער דור זאָל אָפּגעפרעמדט ווערן, ער זאָל פאַרזונקען ווערן אין נישט־יידישער קולטור און זיך דערוויי־טערן פון שפּראַך, גייסטיקן לעבן און פון דער מעגלעכקייט אַנצוקניפּן נשמה־קאָנטאַקט מיט דער קולטור, וואָס ווערט דאָ געשאַפן, און דער ציוניזם איז צוגעטראָטן צו אַ פּלאַנמעסיק־סיסטעמאַטישער אַרבעט, כדי אַרויפצולייגן אויף דער גאַנצער באַוועגונג, אויף אירע מנהיגים, פינאַנצן און כוחות, דעם יאָך פון קולטורעלער, דערציִערישער, ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צווישן דערוואַקסענע און יוגנט, כדי צו דעראָבערן אַ האַרץ נאָך אַ האַרץ, אַ מענטש נאָך אַ מענטש אין גלות — דעמאָלט איז פאַרבונדן געוואָרן די דאָזיקע געוואָגטע אויפגאַבע מיט חיים גרינבערגן. זיינע לעצטע יאָרן, יאָרן פון אינ־טענסיווער אַרבעט און פון געוואַלדיקע יסורים האָט ער געווידמעט, כדי אויס־צואַרבעטן פּלענער, אָפּזוכן וועגן און אויפצושטעלן די יסודות אויף וועלכע עס דאַרף געבויט ווערן דער גרויסער בנין. ער האָט נישט זוכה געווען צוצו־טרעטן צו פיל טעטיקייטן, ער האָט אַפילו נישט זוכה געווען אויסצוברייטערן דעם בודזשעט פאַר דעם צוועק. ער האָט נאָר געזוכט אַ וועג, געשטעלט רוש־טאָוואַניעס און געלאָזן אַ צוואה פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַ פאָדע־רונג פון אַ לעבנסוויכטיקן טעטיקייטס־פּראָגראַם.

***

חשובע חברים פון ועד הפועל! אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן מיר אַלע אַרויסגיין אויפצונעמען דעם אָרון פון אַן אַנדערן טרוימער, וועלכער האָט געלעבט צענדליקער יאָרן פאַר חיים גרינבערגן, דעם אָרון פון פּראָפעסאָר הערמאַן שפּירא, דעם גייסטיקן פאָטער פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד, פון יענעם ליטווישן עילוי, רב אין זיינע יוגנט־יאָרן און שפּעטער פּראָפעסאָר אין היידל־בערג, וועלכער האָט אויך געלאָזן אין זיינע לעצטע יאָרן דעם פאָלק אַ נאַ־ציאָנאַלן אַרבעטס־פּראָגראַם, אַ צוואה דער באַוועגונג, אַ פּראָגראַם פאַר אַ ניי־עם וועג. ער האָט אויך בלויז איבערגעגעבן דאָס פּראָגראַם דעם אַפּאַגיי פון זיין לעבן און האָט זוכה געווען צו לאָזן הערן זיין פּלאַן — אַז מען דאַרף אויס־לייזן דעם באָדן פון ארץ־ישראל. אַלץ וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן, איז גע־מאַכט געוואָרן נאָך זיין טויט. שאַפּיראָס לעצטע יאָרן זענען ווי אַ פונדאַמענט אויף וועלכן ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער בנין. בעת ער האָט אָנגעהויבן

איז די צאָל אויסגעלייזטע דונאַמס אין ייִדישע הענט געווען זייער קליין. די גאַנצע ערד איז געווען אין פרעמדן באַזיץ. אָט ווערן איצט געבראַכט זייגע ביינער און קיין שום זיגער האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט מיט אַזאַ נצחון. אַ דאַנק דער ייִדישער אַרמיי — איז די גאַנצע ישראל־ערד ייִדישע ערד.

ווען מיר קענען אין 50 יאָר אַרום זאָגן דאָס זעלבע וועגן דעם עילוי פון קאַלאַראַש, וועמען מיר דערמאָנען איצט? ווען מיר קענען זאָגן, אַז ס׳איז אויך דערגרייכט געוואָרן דער לעבנס־פּראָגראַם פון חיים גרינבערג אויסצולייזן נישט בלויז דעם באָדן פון ישראל, נאָר אויך דעם ייִדישן מענטש, וועלכער איז צע־שפּרייט איבער אַלע גלותן, זיין גייסט און שאַפונגס־קראַפט, מיט וועלכע עס באַשעפטיקן זיך ביז איצט בלויז געציילטע ליבהאָבער פון העברעיִש? ווען מיר בקרוב דערלעבן דעם טאָג ווען די נשמה פון גאַנצן דור וועט אויסגעלייזט ווערן, פונקט ווי ס׳איז אויסגעלייזט געוואָרן דער באָדן פון ישראל? לאָמיר גלייבן אין טרוים און לאָמיר אויסברייטערן די ירושה, לאָמיר בלייבן טריי דעם אָנדענק פון אונדזער טייערן חיימען און זיין לעבנס־צוואה, לאָמיר פאַרברייטערן, פאַר־טיפן און פאָרזעצן זיין ווערק!

ה

אין אויפבוי פון הײמלאַנד

בערל

(רעדע אויף דער אזכרה־זיצונג פון דעם זעקסטן צוזאַמענפאָר
פון דער הסתדרות העובדים)

אַ נאָמען — אַ זיגל

בערל, ב. קאַצענעלסאָן — אַ נאָמען ווי אַ זיגל פון אונדזער באַוועגונג אין ארץ־ישראל, זינט זי האָט אָנגעהויבן דערקענען איר שליחות, פאַר און נאָך דער גרינדונג פון דער הסתדרות. בערל — אַ נאָמען אָן אָנשפּאַר, אַ נאָמען אַ טרייסט, אַ נאָמען וואָס איז פאַר אונדז אַלעמען, פאַר די כוואַליעס פון די פילע און פאַרשיידענע עליות, כוואַליע נאָך כוואַליע, געווען אַ לייכטנדיקער שטערן אין אונדזערע באַמיִונגען און שטרעבונגען, אַ נאָמען וואָס סימבאַליזירט אונדזער כללישקייט, וואָס באַלייכט אונדזער באַפרייונגס־וועג, וואָס פאַדערט פון אונדז אַלעמען, וואָס באַפרוכפּערט אונדז אַלעמען — דער גרונטשטיין אין דעם בנין פון אונדזער הויז.

אַט זענען שוין אַוועק חדשים וואָס מיר בלאָנדזשען אין אים; חדשים וואָס יעדער איינער פון אונדז טראָגט אין זיך דעם גרויסן קלאַפּ, מיט וועלכן דער גורל האָט אים געשלאָגן, געשלאָגן נישט נאָר די באַוועגונג, און נישט נאָר די הסתדרות, נאָר יעדן איינעם פון אונדז באַזונדער. און אַלע די יעניקע, וואָס האָבן פונדערווייטנס אים באַגלייט זינט דעם אָנהייב פון זיין וועג, אַלע די וואָס האָבן שפּעטער זיך געשטעלט אונטער די פליגל פון זיין השפּעה, זיינע חברים פון די ראשית־יאָרן, ווי אויך זיינע יונגע תלמידים פון די לעצטע יאָרן — אַלע צוזאַמען, יעדער איינער פון זיי, האָבן געפילט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ פּערזענלעכן קלאַפּ, ווי מענטשן, זענען מיר אַלע זייער פאַראָרעמט געוואָרן.

וואָס איז געווען פאַר דער צווייטער עליה?

איז בערל געווען דער ערשטער פון דער צווייטער עליה?

בערל איז נישט געווען דער ערשטער פון דער צווייטער עליה; בעת בערל איז געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט שוין די צווייטע עליה דורכגע־

מאַכט כמעט אַ העלפט פון איר לעבנס־צייט. איז בערל געווען דער ערשטער צו געבן אויסדרוק דער צווייטער עליה? אויך דערין איז ער נישט געווען דער ערשטער; ער האָט שוין אין לאַנד געפונען פּאַרטייען און וואָרטזאָגער און אָר־גאַנען. אין לאַנד האָבן זיך שוין געפונען הונדערטער יונגע אַרבעטער, וואָס זענען עולה געווען פאַר אים. אָבער כאָטש עס זענען שוין אין לאַנד באַשטאַ־נען פּאַרטייען, האָט נאָך אין זיי נישט געלעבט דאָס באַוווּסטזיין פון זייער צענטראַלער ראָלע אין ציוניזם און אין לאַנד. יחידים און גרופּעס זענען דע־מאָלט געקומען אין לאַנד נאָך דעם דורכפאַל פון אוגאַנדאַ, נאָך דעם דורכ־פאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, נאָך דעם בראָך פון דעם פּאָ־ליטישן ציוניזם, — און אויב עמעצער האָט אין דער צווייטער עליה אַריינ־געבלאָזן דעם גייסט פון אַ באַזונדער שליחות, פאַרוואַנדלט עולים אין אַן עליה, זיי געגעבן אַ נשמה און זעלבסטשטענדיקייט, איז דאָס געווען בערל, וואָס אונ־טער דעם האַמער פון זיין גייסט איז אויסגעשמידט געוואָרן דער טיפּ פון דעם דאָזיקן חלוצישן מענטשן, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן ווי אַ וויזיע און וואָס מיט איר האָט ער זיך נאָכדעם אַרויסגעלאָזן צו דעראָבערן אַ גאַנצן יידישן דור.

זיינע מקורות

צוויי מקורות זענען דאָס געווען וואָס האָבן בערלען געגעבן די ברכה וואָס האָט פון אים געשטראָמט: די העברעישע ליטעראַטור האָט אים דערצויגן אין איר ליכט, און די רוסישע רעוואָלוציע האָט אים געלייטערט אין איר פייער.

אין דער פריער יוגנט איז בערל אַרויס צו זיין שליחות, נאָך זייענדיק אַ יינגל, כמעט אַ קינד. „מיט שוואַרצינקע לאָקן, מיט שכל און חן". ער איז אויסגעוואַקסן צווישן דערוואַקסענע. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט און איבער־געקאָכט אַלץ וואָס ס'האָט זיך אַרום אים געטאָן, געפלאַמט און אַנדערע גע־צונדן און אויפגעברויזט. ער האָט שוין דעמאָלט געלעבט דאָס פולע לעבן פון זיין סביבה און זיין דור, אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן ביז צום סוף פון זיינע טעג.

יאָ, ער האָט נישט זוכה געווען צו אריכת־ימים, מיר האָבן נישט זוכה געווען צו זיין אריכת־ימים. אָבער ער און מיר האָבן זוכה געווען, אַז זיין גאַנץ לעבן זאָל זיין איין פרילינגס־טאָג, איין שטורעמדיקער יוגנט טאָג. נאָך זייענ־דיק אַ יונג יינגל האָט ער שוין פאַרנומען אַ געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע, איז ער שוין געווען אַ שותף אין די וויכוחים פון די פירנדיקע גייסטער פון זיין דור, מיט וועלכע ער איז אומגעגאַנגען, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, זיך מיט זיי

געראַנגלט און באַשטאַנען אויף זיינס, געקעמפּט מיט זיי כדי אויף זיי משפּיע צו זיין.

און ווען ער האָט אונדז פאַרלאָזן אין עלטער פון אַכט און פופציק יאָר, האָט אין אים נאָך געברויזט דער שטורעם פון דער יוגנט. ער האָט געלעבט מיט דער יוגנט, מיט די זוכענישן פון דער יוגנט, מיט אירע זאָרגן. יאָ, איין עלטער האָט געשטורעמט אין זיין לעבן, אָן איבערגאַנגען — איין לאַנגער פרילינגסטאָג, אַ לעבן וואָס איז געווען איין יוגנטלעכער פלאַם.

די העברעיִשע ליטעראַטור האָט אים דערצויגן

ווי געזאָגט: צוויי זענען געווען זיינע הויפּט־מקורות. זייענדיק אַ יִינגל האָט אים דערצויגן די העברעיִשע ליטעראַטור, אויסער די ווענט פון אַ שול, אין דאַך־שטיבל פון זיין געלערנטן פאָטער; לאו דווקא די ליטעראַטור פון זיין דור, נאָר אויך די ליטעראַטור פון פריִערדיקע דורות, די אַלטע און נייע, די בעלעטריסטישע און נישט־בעלעטריסטישע, ציטונגען און מאַנאַט־שריפטן. און ווען ער האָט אין זיינע לעצטע יאָרן דערציילט וועגן די דאָזיקע יוגנט־ביכער זיינע, האָט מען געזען — דאָס בעסטע אין דער יידישער ירושה און די שענסטע אַנטפּלעקונגען פון יידישער באַנ־יונג אין דער דאָזיקער ליטע־ראַטור האָבן צוזאַמען געשפּייזט די וואָרצלען פון דעם דאָזיקן בוים, וואָס איז אויסגעוואַקסן און געגעבן פּרוכט פאַר אונדזערע אויגן דאָ אין לאַנד. דאָס איז נישט געווען קיין תלמודישע בקיאות און נישט קיין חקירה־גריבלערייען, אָבער די גאַנצע פיין, וואָס איז אַנטהאַלטן אין די מיטלאַלטערלעכע כראָניקעס אין סיי אין דער נייער ליטעראַטור, אין דעם „שבט יהודה" און „יוון מצולה", אין „עמק הארזים" און אין דער געשיכטע פון די גזירות, אין „אגרת תימן" און אין אַלע אויפלעבונגס־זוכענישן און אויפבוי־פּאַרזוכן, ביי מיכל פּינעס און זאב יעבץ, ביי פרץ סמאָלענסקין און אליעזר בן יהודה — דאָס אַלץ האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט דער יונגער פליסיקער תלמיד, דאָס דאָזיקע פאַרשטענדיקע קינד, מיט די שוואַרצע אויגן, מיט דעם תנ"ך־גלי, אין וועלכן עס האָט גע־ברויזט דער פּאַטאָס פון אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט אין זיך איינגעשלונגען די דאָזיקע פלאַמיקע ירושה, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן אין אים געווירט ווי גוטער וויין. דעמאָלט האָט זיך מיט אים באַהעפט די שכינה פון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור — און ער האָט זיך מיט איר פאַרקנסט אויף אייביק.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אים געלייטערט

גאַנץ פרי איז בערל אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם בעסטן אין דער טראַדיציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. צווישן די אָבות פון דער צוויי־

טער עליה איז בערל געווען איינער פון די ווייניקע און געציילטע, וואָס ארץ־ישראל איז פאַר אים נישט געווען אַן ערשטער לעבנס־„גילוי”. ער האָט דורכגעמאַכט די רוסישע רעוואָלוציע פון יאָר 1905 מיט אַלע אירע וועגן און שטעגן און ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט איר גאַנצע זיסקייט און אַלע אירע ביטערנישן. ער האָט דורכגעלעבט אַלע אירע זוכענישן, זיך געפרייט מיט אירע דערגרייכונגען און געליטן אירע מפּלות; ער האָט זיינע שפּייכלערס אָנגעפילט מיט דער ברכה, מיט וועלכער זי איז רייך געווען. ס׳איז געווען נישט נאָר אַקסעלראַד און בעלטאוו (פּלעכאַנאָוו) פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „קאַנאָן”, נאָר אויך די גרויסע גייסטער, וואָס זענען נישט אַריין אין דעם „קאַנאָן”. עס איז געווען מיכאַילאָווסקי מיט זיין גרויסער פרייהייטס־ליידנשאַפט. ס׳איז געווען דער שיינקייט־דורשטיקער ביעלינסקי, דער אָפּשאַצער פון ליטעראַטור און פּאָעזיע. עס איז געווען טשערנישעווסקי מיט זיין פלאַמיקן ווילן, דער באַוווּנדערער פון דעם שטאָל פון דעם רעוואָלוציאָנערישן כאַראַקטער. ס׳איז געווען דער האַרציקער הערצען, מיט זיין שטענדיקן לעכצן נאָך פרייהייט. ס׳איז געווען ניקאָלאַי מאָראָזאָוו, דער שליסלבורגער אַרעסטאַנט, וואָס זיין נשמה האָט אַרומגענומען דעם מענטשן און די נאַטור, הימל און שטערן, דער פאָרשער פון די סודות פון זיין. ס׳איז אויך געווען קראָפּאָטקין, דער נביא פון אַ נייעם מענטשן און אַ נייער געזעלשאַפט, אַ געזעלשאַפט פון גערעכטיקייט און פרייהייט, דער דערציִער צו קעגנזייטיקער הילף. דער יונגער בערל האָט דעמאָלט, זייענדיק אַ יינגל, זיך געגעבן אַ נדר זיך נישט צו באַנוגענען מיטן קאָמבינירן טעאָריעס, מיט זיווגים צווישן ציונים און סאָציאַליזם, מיט זוכן די פאַראייניקנדיקע פאָרמולע און די סינטעטישע טעאָריע — דאָס האָט מען שוין געטאָן פאַר אים, געטאָן מיט אַ סך דערפאָלג און פיל אינערלעכער ראַנגלענישן — נאָר צו זוכן און געפינען דעם טיף פון דעם דאָזיקן מענטשן וואָס טראָגט אין זיך, אין זיין לעבן, כאַראַקטער, פירונגען און לעבנסשטייגער דעם סינטעז פון אַ רעוואָלוציאָנערן מענטש און דערלייזנדיקן יידן, דעם געצאַרטן פרייהייטס־מענטש, וואָס זאָל אינגאַנצן זיין דורכגעדרונגען מיט יידישער גאַנצקייט און באַזיצן אַ נאַציאָנאַלע וואָרצלדיקייט, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרטושן און אָפּגעמעקט ווערן.

די בלאָנדזשענישן פון יונגן יידישן סאָציאַליזם

מיט דער דאָזיקער ליידנשאַפט איז ער פון זיין פאָטערס דאַך־שטיבל אַראָפּ אין דער טומלדיקער יידישער גאַס צו זוכן דעם פאַרווירקלעכער, דעם סינטעז פון פאַרווירקלעכונג, נישט נאָר אין דער פאָרמולע און אין דער טעאָריע, נאָר אין לעבעדיקן מענטשן. ער האָט זיך אַדורכגעלאָזט וואַנדערן איבער גלות־

שטעט צו זוכן די שפּראַצן פון דער יידישער רעוואָלוציע אין דער רוסישער רעוואָלוציע — צו זוכן די וואָס זענען ראוי צו זיין די טרעגער פון אַ ממשות־דיקער יידישער רעוואָלוציע.

נישט נאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע אַליין איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל — און נישט נאָר פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אַליין. ער איז אויך געקומען פון דער גרויסער פּאַרווירונג, וואָס האָט געהערשט אין דעם יונגן יידישן סאָציאַליזם, פון דעם גרויסן קעסל, אין וועלכן עס האָט זיך גע־בראָטן די בעסטע יידישע יוגנט פון יענער איבערגאַנגס־צייט, וואָס איז אויס־געוואַקסן אין שאָטן פון דער יידישער אויפלעבונג און פון דער רוסישער רע־וואָלוציע. אַז מען לייענט ברענערס „מיין וועג קיין ארץ־ישראל", געפינט מען דאָרטן די שפּורן פון יענער צייט בעת ער האָט, אויסגעשטאָט מיט אָט־די צוויי נדרים, זיך אַרויסגעלאָזט צו זוכן, מיט דעם לאָמטערן אין האַנט, דעם יידישן מענטשן. ווי איינער פון די קדמונים, איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן די פּאַרטייען און געזוכט דעם נייעם ריז, וואָס זאָל זיין מסוגל אַרויפצולייגן אויף זיינע פּלייצעס די שליחותן פון דער יידישער רעוואָלוציע.

ער דערציילט דאָרטן, ווי אַזוי ער איז געפאָרן קיין קיעוו, זייענדיק זיכער, אַז דאָרטן געפינט זיך דער געגאַרטער מענטש. אָט דער מענטש איז געווען אָנגעלאָדן מיט יידישן וויסן, זיינע וואָרצלען האָבן געשטעקט טיף אין דער יידישער טראַדיציע און ליטעראַטור, ער האָט אינגאַנצן געלעבט מיט דער רו־סישער רעוואָלוציע. דער יונגער ברענער האָט צו זיך געזאָגט: איך וועל אים קרוינען. דאָס איז דער מענטש, וואָס וועט אויף זיך נעמען די אויפגאַבע צו פּאַרווירקלעכן די רעוואָלוציע אין דעם אייגענעם פאָלק.

דער וואָס האָט געזוכט צו קרוינען אַן אַנדערן האָט נישט געוווּסט, אַז ער אַליין טראָגט אויף זיין קאָפּ די דאָזיקע קרוין. דער מאַן וואָס אויף זיינע פּלייצעס האָט ער געוואָלט אַרויפלייגן די פירער־שליחות האָט אים ביטער אַנטוישט. די אַנטוישונג אין אים און זיינע פריינט האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרביטערן זיין האַרצן זיין גאַנץ לעבן. וואָרעם דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַלע מעלות, דאָס וויסן און די וואָרצלדיקייט, דעם רעוואָ־לוציאָנערן טעמפּעראַמענט און די ליידנשאַפט פאַר פרייהייט און די גרייטקייט זיך מקריב צו זיין, האָט געהאַט בלויז איין אָרגאַנישן מאַראַלישן מום: די התבטלות פאַר דער נישט־יידישער רעוואָלוציע. און ווען ברענער האָט זיך צו אים דערנעענטערט, האָט ער פאַראויסגעזען, וואָס עס וועט מיט דעם מענטשן געשען יאָרן שפּעטער, ווען עס וועט קומען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, — די יידישע בגידה פון די יידישע קאָמוניסטן.

וואָרעם דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט דעם דאָזיקן מום, האָבן אים נישט

געהאָלפֿן אַלע זיינע ייִדישע און מענטשלעכע און רעוואָלוציאָנערע מעלות. און דערפֿאַר האָט ער, אָנשטאָט צו ווערן בערלס מורה־דרך, אים געלערנט בלויז איין געבאָט: מיט דיין גאַנצער נשמה, מיט דיין לעבנס־גלות, זאָלסטו זיך שטעלן קעגן דער געפֿאַר, וואָס לויערט שטענדיק אויף דער ייִדישער רעוואָלוציע, ביז וואַנען עס וועט בטל ווערן די געפֿאַר פֿון התבטלות פֿאַרן צויבער פֿון דער גרויסער פֿרעמדער רעוואָלוציע.

און אָט פֿון דער דרייפֿאַכער טראַדיציע — פֿון דער ברכה פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור, פֿון דער פֿרייהייטס־ליידנשאַפֿט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע און פֿון די בלאָנדזשענישן און שטרויכלונגען פֿון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — איז געשאַפֿן געוואָרן דער טיגל, אין וועלכן עס איז אויסגעשמידט געוואָרן די נייע מטבע, וואָס בערל האָט אויסגעגאָסן: דער כאַראַקטער פֿון דעם מענטשן אין אונדזער באַוועגונג.

ער איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פֿון דער ס״סישער פּאַרטיי. ס׳איז כדאַי אַז די ס״ס־פּאַרטיי זאָל דערמאָנט ווערן, בעת מען רעדט וועגן בערלען. די ס״ס איז געווען די פּאַרטיי, וואָס האָט, מער ווי אַלע אַנדערע ייִדישע פּאַרטייען אין יענער צייט, פֿאָרויסגעזען די שוואַרצע צוקונפֿט, וואָס עס דראָט ייִדן אין דער פֿרעמד. זי איז געווען די פּאַרטיי פֿון פּעסימיזם, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם באַוווּסטזיין, אַז ייִדן קענען נישט האָבן קיין תקומה צווישן די פֿעלקער, אַז „בגויִם ההם לא תרגיע״. מיט רעוואָלוציע, אָן רעוואָלוציע, בשעת רעוואָלוציע, — שטענדיק דראָט דער באַרג־אַראָפּ און די אויפֿלייזונג. אָט דער פּעסימיזם בנוגע דעם גלות, מיט וועלכן די ס״ס זענען געווען דורכגעדרונגען, איז געווען דער גרויסער און באַזונדערער זכות פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי. דערמיט איז זי געווען אַ פּינסקער באַוועגונג. נאָך מער ווי פּינסקער, האָט זי געזען דעם אָפּגרונט, וואָס לויערט אויפֿן גלות, ווארעם זי האָט שטודירט און אַנאַליזירט די ייִדישע עקאָנאָמיק און דעשיפֿרירט די סיגנאַלן פֿון דער קומענדיקער קאַטאַסטראָפֿע. איך וויל נישט זאָגן, אַז זי האָט פֿאָרויסגעזען דאָס, וואָס ס׳איז איצט געקומען (דאָס האָט קיינער נישט פֿאָרויסגעזען. עס איז צווישן אונדז נישטאָ קיין איין שוואַרצזעער, וואָס זאָל זיך קענען באַרימען, אַז ער האָט פֿאָרויסגעזען דאָס, וואָס היטלער האָט געטאָן אין אונדזער צייט. קיין איינער פֿון אונדזער ווייטזעענדיקע פּעסימיסטן האָבן דאָס נישט פֿאָרויסגעזען, אין דער דאָזיקער פֿאָרעם און אין אַזעלכע דימענסיעס), אָבער עס איז זיכער דעמאָלט נישט געווען קיין איין פּאַרטיי, וואָס האָט אַזוי שאַרף געזען, אַז מיר זענען אין גלות פֿאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. און האָט געפּרוווט בויען די פּאַרטיי אויפֿן יסוד פֿון דער דאָזיקער דערקענטעניש, ווי ס׳האָבן געטאָן די ס״ס.

און עס איז נישט געווען ביי ייִדן אַ צווייטע פּאַרטיי, וואָס זאָל שפּעטער אַזוי אומטריי ווערן איר אייגענעם פּראָגראַם, וואָס זאָל אַזוי צונישט מאַכן די דאָזיקע גרויסע דערקענטעניש און פאַרטאַכלעווען איר פאַרצווייפלונג, ווי דאָס האָט געטאָן די דאָזיקע פּאַרטיי, ווען זי האָט זיך פאַראייניקט מיט אירע געוועזענע קעגנער און שלום געמאַכט מיט דעם סאַמע עקסטרעמען גלות־אָפּטימיזם. אַ סך פירער אירע האָבן פאַרלאָרן דעם וועג אין דעם דאָזיקן מדבר פון התבטלות און זעלבסט־פאַרלייקענונג, פון וועלכן עס קען נישט זיין קיין וועג צוריק.

„נישט־פּראָלעטאַריזאַציע"

בערל האָט געהאַט אַ חלק אין דער באַגרינדונג פון דער דאָזיקער לערע, וועגן דער קומענדיקער ייִדישער קאַטאַסטראָפע אין גלות. אין מאָמענטן פון אָפנהאַרציקייט, ווען ער האָט נישט מורא געהאַט, אַז מען זאָל דערין זען אַ שמץ פון גאווה, פלעגט בערל דערציילן — און שפּעטער האָב איך געפונען דאָקומענטן, וואָס האָבן דאָס באַשטעטיקט, — אַז עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט דאָס געשאַפן די באַרימטע טעאָריע פון „נישט־פּראָלעטאַריזאַציע". דעם מאַטעריאַל און די פאָרמולירונג האָט געליפערט יעקב לעשצינסקי. דעם וועג דערצו האָט געעפנט ד"ר ה. ד. הורוויץ אויף דעם מינסקער ציוניסטישער צוזאַמענפאָר, וואָס בערל — דעמאָלט אַ פּופצן־יאָריקער ייִנגל — איז געווען איינער פון זיינע געסט. אין זיינע וויכוחים מיט זיינע פריינט און קעגנער, אין זיין דיסקוסיע מיט באָראָכאָוון, אין דער דיסקוסיע מיט יהודה נאָוואַקאָווסקי, וועגן וועלכע איך האָב פריִער דערציילט, האָט ער שוין אָנגעהויבן אַנטוויקלען דעם געדאַנק וועגן „נישט־פּראָלעטאַריזאַציע", דאָס הייסט, די הנחה, אַז אין גלות איז פאַר ייִדן פאַרשלאָסן דער וועג צו שותפות אין דער אַרבעטער־רעוואָלוציע, דערפאַר וואָס עס איז פאַר זיי דאָרטן פאַרשלאָסן דער וועג צו אַרבעט. נאָכדעם איז די דאָזיקע טעאָריע וועגן „נישט־פּראָלעטאַריזאַציע" געוואָרן דער גרונט־יסוד פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אין זיינע אָנהייביאָרן. שפּעטער האָט מען זיך פון דער טעאָריע אָפּגעזאָגט, זי מאָדיפיצירט, זי פאַרטיפט. עס איז געווען אַ צייט, ווען באָראָכאָוו איז געווען אַן אָנהענגער פון דער דאָזיקער טעאָריע, און אַ צייט ווען ער האָט געשריבן קעגן איר און זי אַנדערש פאָרמולירט, פון דער „נישט פּראָלעטאַריזאַציע"־טעאָריע איז ער געקומען צו דער פאָרמולירונג „נישט אינדוסטריאַליזאַציע" און שפּעטער איז דערפון געבוירן געוואָרן זיין אויפפאַסונג וועגן די אַנאָמאַליעס פון דער סטראַטעגישער באַזע פון דעם ייִדישן אַרבעטער אין זיין קלאַסן־קאַמף אין גלות. איך פאַרנעם זיך נישט איצטער מיט דער געשיכטע פון די דאָזיקע באַגריפן,

אָבער דאָס דאָזיקע ייִנגל, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער דערקענ־טעניש פון אונדזער אַנאָמאַליע אין גלות, איז שוין דעמאָלט געווען צווישן די שאַפער פון דער „הלכה" פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. שפּעטער איז אים דאָס אַלץ פרעמד געוואָרן און ער האָט אַלע זיינע באַמיִונגען געווידמעט דעם שאַפן פון לעבעדיקן קאַלאָס, וואָס אויף זיינע פּלייצעס זאָל אַרויפגעלייגט ווערן די אויפגאַבע פון דער פאַרווירקלעכונג פון דער ייִדי־שער רעוואָלוציע.

דער קליינער קרייז

דעמאָלט איז ער עולה געווען. ער איז עולה געווען אַליין. אָן „הכשרה", אָן „החלוץ" — דער „החלוץ" איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. אויך די אַנדערע אָבות פון דער צווייטער עליה, די וואָס זענען עולה געווען פאַר אים און צו־זאַמען מיט אים, האָבן נישט באַקומען קיין הכשרה און האָבן זיך נישט גע־גרייט צו זייער עליה אין דער היים. עס איז דעמאָלט נישט געווען קיין „החלוץ" און קיין „הכשרה" און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל צוגרייטן חלוצים. עס זענען אָבער געווען חברים אין גלות, וואָס זייער פּאַרטיי האָט זיי געזאָגט: מען דאַרף עולה זיין. און עס זענען געווען חברים, וואָס זייער פּאַרטיי האָט זיי גערופן עולה צו זיין פון ארץ־ישראל. בערל האָט ביידע זאַכן נישט געהאַט. זיין פּאַרטיי האָט אים נישט געשיקט, זיינע חברים אין ארץ־ישראל האָבן אים נישט גערופן, ער איז עולה געווען אַליין, אויף דער אייגענער אחריות, אָן פאַרבינדונגען מיט עמעצן דאָ, אָן פאַרבינדונגען מיט עמעצן דאָרטן, דאָרטן זענען זיינע חברים אַוועק אויף אַן אַנדער וועג. זיי אַלע, זיינע לערער און חברים און תלמידים, פון צווישן די ס"ס און י"ס און די אַנדערע בלאָנדזשענדיקע פון דעם דור, האָבן נישט דערוואַרט אים צו זען ווי אַן עולה קיין ארץ־ישראל און זיי האָבן זיך נישט משער געווען די ראָלע וואָס די דאָזיקע עולה וועט שפּילן.

אין מדרש ווערט דערציילט: ווען משה־רבינו האָט געזען, אַז עס איז פאַר־זיגלט געוואָרן דער גזר־דין, האָט ער אַרום זיך אָנגעצייכנט אַ קליינעם קרייז און האָט געזאָגט: רבונו־של־עולם, איך וועל זיך פונדאַנען נישט רירן, ביז וואַ־נען דו וועסט בטל מאַכן די גזירה. און יודעי ח"ן האָבן דאָס אַזוי מפרש געווען, אַז משה האָט געזען, אַז עס איז אין דער גאַרער וועלט נישט פאַרבליבן קיין האָפענונג, האָט ער זיך מצמצם געווען אין אָט דעם קליינעם קרייז און ער האָט דעם קרייז ממלא געווען מיט אַ שפע פון הויכער קדושה. און ער האָט געזאָגט: אויף דער גאַנצער וועלט האָב איך מוותר געווען, אָבער אין דעם דאָזיקן קרייז וועל איך זיך באַפעסטיקן מיט אַלע מיינע כוחות און כ'וועל אים אָנפילן מיט אַזאַ לויטערקייט, וואָס וועט אינגאַנצן פאַרטרייבן די בייזע גזירה, און דער

דאָזיקער גרויסער און הייליקער גייסט, וואָס דער דין וועט אויף אים קיין שליטה נישט האָבן, וועט וואַקסן און מעכטיק ווערן און וועט אַרויס פון די ענגע ד' אמות, און וועט זיך ראַנגלענדיק אויסשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט ביז וואַנען ער וועט אומעטום צערייסן דעם געחתמעטן גזר־דין.

אומגעפעער אַזוי האָבן געטראַכט בערלס פריינט און בערל אַליין, די שאַ־פער פון דער צוואייטער עליה: אָט די גרויסע וועלט, סיי די אַלגעמיינע און סיי די יידישע, וועלן מיר שוין נישט ענדערן, וואָרעם דער גזר־דין איז שוין פאַר־זיגלט. און דער גזר־דין קען געבראָכן ווערן בלויז אויב מיר וועלן אַרום זיך אָנצייכענען אַ קליינעם קרייז — דאָ, אין אום־דזשוני, אין בן־שמן, אויף די ברעגעס פון דער כנרת. אין דעם קרייז וועלן מיר זיך באַפעסטיקן, אַפילו אויב מיר וועלן זיין אַ קליין הייפל, עטלעכע צענדליק, געציילטע הונדערטער, אָן קיין קלאָרער פאַרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס ליכט זאָל פון דאַנען דער־גרייכן דעם דרויסן. מען דאַרף בכלל מער נישט רעדן וועגן גאולה; מיר האָבן נישט קיין רעכט אויסצורעדן דעם דאָזיקן פולן נאָמען. לאָמיר עס טראָגן אין האַרצן. לאָמיר זיך פאַרבאַריקאַדירן אין דעם דאָזיקן קרייז, פון וועלכן מיר וועלן זיך שוין נישט רירן, און לאָמיר אים אָנפילן מיט די העכסטע געבאָטן, וואָס אַ ייִד און אַ פרייער מענטש איז זיך פעיִק צו שטעלן. לאָמיר דעם קרייז דורכדרינגען מיט לעבעדיקן העברעיִש, מיט ליבע צו דער אומה, מיט זעלבסט־שטענדיקער לאַנדווירטשאַפט, מיט קבוצה־לעבן, מיט דער גלייכהייט פון דער פּרוי, מיט אַ נייער דערציִונג פון דעם קינד — אַ נייער הימל און אַ נייע ערד, כאָטש בלויז אויף אַ קליין שטיקל באָדן, אָבער ניי און באַנייט אין דער גע־שטאַלט פון דער געגאַרטער וועלט. און אָט אין דעם קליינעם קרייז לאָמיר זיין פאַראייניקט אין לעבנס־שטייגער און אין אונדזער וויזיע. אין דעם קרייז וועט יעדער איינער פון אונדז זוכן אַ תיקון פאַר זיין נשמה. און פון דעם דאָזיקן זעלבסט־תיקון וועט אויסוואַקסן דער גרויסער תיקון פון פאָלק און געזעלשאַפט. דעמאָלט וועט געבוירן ווערן דער נייער און גוטער גייסט, אויף וועלכן דער גזר־דין וועט שוין נישט האָבן קיין שליטה און ער וועט זיך אַרויס־רייסן פון די גרענעצן פון דעם קליינעם קרייז און זיך אויסשפּרייטן העט־ווייט און צערייסן דעם גזר־דין, וואָס הענגט איבער דעם גאַנצן פאָלק.

אויף די ברעגעס פון כנרת

איך וויל נישט דערציילן קיין זכרונות, אָבער איך וועל אייך דערציילן וועגן איין שמועס, וועגן מיין ערשטן שמועס מיט בערלען. דאָס איז געשען מיט פיר און דרייסיק יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט געקומען אויף אַ באַזוך ביי דעם קרייז אויף די ברעגעס פון כנרת. איך בין געווען יונג און פאַרליבט

אין אַלץ, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען אין ארץ־ישראל און צווישן די אַרבע־טער פון ארץ־ישראל. איך האָב נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין שלעכט וואָרט, וואָס איך האָב אין ארץ־ישראל געהערט וועגן ארץ־ישראל אָדער עמעצן אין ארץ־ישראל. פון ירושלים בין איך געגאַנגען קיין גליל, און איין ערב שבת אין זומער 1911, בין איך אָנגעקומען קיין כנרת, אַ פאַרגאַפטער פון דער שיינ־קייט פון פּלאַץ און דער אַרבעט פון מיינע ברידער. דאָרט איז מיר אַנטקעגנ־געקומען דער נייער מענטש, דער מענטש פון דער אַרבעטנדיקער קבוצה, בעת ער איז פון פעלד געגאַנגען אַהיים — בערל. ער איז געקומען פון פעלד אין צעריסענע קליידער, לאַטע אויף לאַטע, גרינע לאַטעס אויף שוואַרצן שטאָף. אין דעם ערשטן מאָמענט בין איך דערשטוינט געוואָרן פון אָט־דעם מאָדנעם אויסזען, פון אָט דער נזירות פון יעדער באַלעבאַטישקייט און קליינבירגער־לעכקייט; עס איז אין דעם געווען עפּעס פון שבירת כל הכלים. און צוזאַמען דערמיט האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט עפּעס אַ נייע פשטות, אַן אויפריכ־טיקייט, פאַר וועלכע איך האָב נישט קיין נאָמען. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געשמועסט. און איך שעם זיך נישט צו זאָגן: פיל יאָרן האָב איך געלעבט מיט דעם פראָצענט פון דעם פראָצענט פון יענעם שמועס.

איך געדענק דעם גאַנצן שמועס, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געפירט. איך בין כמעט גרייט אים צו פאַרצייכענען זאַץ נאָך זאַץ. אָבער איך וויל דערמאָנען בלויז איין זאַך, וואָס האָט אַ שייכות מיט אונדזער ענין. איך בין געווען אַ פּועלי־ציון. איך בין געקומען פון רוסלאַנד, און ער האָט זייער שטאַרק גע־וואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דער באַוועגונג אין גלות. איך האָב אים דערציילט וועגן די אויפגאַבן, מיט וועלכע מיינע חברים פאַרנעמען זיך דאָרטן — וועגן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און עקאָנאָמישער פּראָדוקטיוויזאַציע, וועגן נייע שולן, וועגן העברעיש און יידיש, וועגן קאַמף פאַר רעכט, וועגן ביטערן קאַמף מיט דער רעאַקציע, וועגן אַ באַנייטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועגן דעם אָנהייב פון אַ חלוצים־באַוועגונג (זי האָט דעמאָלט געהייסן „פּיאָנערן״), וועגן קאַמף מיט דער אַסימילאַציע, וועגן דער רעגולירונג פון דער אימיגראַצ־יע, וועגן אַלע תרי״ג מצוות.

און איך דערמאָן זיך ווי אַזוי אכזריותדיק בערל איז געווען מיט מיר און זיי ביטער עס זענען געווען זיינע ווערטער. ער האָט גערעדט ביטער און אכזריותדיק וועגן דעם עקזיסטירנדיקן אין לאַנד, האָט קיין זאַך נישט פאַרשע־נערט, ער האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל זיך צופיל פאַרליבן אין דער ווירק־לעכקייט, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין לאַנד און האָט מיר נישט געוואָלט לאָזן זיך נאַרן. ער האָט גערעדט שלעכטס וועגן די מענטשן פון ירושלים, ער האָט גערעדט שלעכטס וועגן די יפוער כלל־טוער, ער האָט גע־

ריסן פּאַסן פון די קאָלאָניעס. און ער האָט גאָרנישט געוואָלט זאָגן וועגן דער גאַנצע שפע וויכטיקע און צווייפלהאַפטע אויפגאַבעס אין גלות, וועגן וועלכע איך האָב אים דערציילט. ער האָט געזאָגט בלויז דאָס: ווען אַ מענטש הייבט זיך אויף און פאָרט אין ארץ־ישראל און טרעט אַריין אין אַ קבוצה, איז ער פּטור פון אַלע מצוות, וואָס דו האָסט אויסגערעכנט. נישט דערפאַר וואָס זיי זענען נישט קיין מצוות, נאָר דערפאַר וואָס אויף אַזעלכע מצוות וועלן זיך שטענדיק געפינען בעלנים. מיר נייטיקן זיך אין מענטשן, וואָס זאָלן מוותר זיין אויף אָט־די אַלע מצוות און זאָלן זיך נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עול פון די נייע מצוות, מצוות התלויות בארץ און זיין באַנייונג. אין דעם מאָמענט, וואָס איינער נעמט אויף זיך די דאָזיקע נייע מצוות, איז ער פּטור פון אַלע גלות־מצוות.

דאָס הארץ האָט נישט לייכט אַקצעפּטירט די דאָזיקע לערע, מיר האָבן זיך פיל געראַנגלט. מיר האָבן זיך געראַנגלט יאָרן. און ווי גליקלעך איז אונדזער דור, וואָס בערל האָט אים באַזיגט. פון דער דאָזיקער פעיקייט זיך צו פאַרפעסטיקן אין דעם גלות, פאַרגעסן די רעוואָלוציע, ווי וועלט־נזירים און פאָלקס־נזירים — איז געשאַפן געוואָרן די קליינע און געבענטשטע, אָבער אַלץ מער זיך אויסברייטערנדיקע און וואַקסנדיקע נייע ייִדישע געזעלשאַפט, וואָס האָט פאַרצויבערט און איינגעשלונגען איין כוואַליע איינוואַנדערער נאָך דער צווייטער, זי איינגעוויקלט אין אירע געבאָטן, זיי דורכגעדרונגען מיט פאַרווירקלעכונג־ווילן. פון דעם דאָזיקן סוד הצמצום פון דער צווייטער עליה איז געקומען די ברכה פון דער גרעסטער עקספּאַנסיע אין דער געשיכטע פון דעם ציוניזם.

און איין גאַראַנטיע האָט בערל געזען דערפאַר, אַז די דאָזיקע ברכה זאָל באַשטיין: צוזאַמען מיט דער פּשוטער לעבנס־פירונג און דער איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט און דער העזה צו פאַרווירקלעכונג — זאָל אויך זיין די אמתע איינהייט פון אַלע די וואָס געפינען זיך אין דעם קרייז. אָן קיין מחיצות וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון דער פרעמד, אָן מחיצות וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל. זיי זענען אַלע מוקצה. אין זיי אַלעמען לויערט דער שטן. די אמתע איינהייט פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל אַרום די נייע אויפגאַבעס, וואָס וואַקסן אַרויס פון די באַדערפענישן פון דעם נייעם לעבן אין ארץ־ישראל, איז דער ערשטער תנאי פאַר דער הצלחה פון דער באַוועגונג.

ער האָט שטענדיק געוווסט, אַז באַזונדערס אויף אָט־דעם שטח לויערט די סכנה. און ער איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך אויף אָט־דעם סאַמע געפערלעכן פלאַץ.

צוויי זייטן האָט געהאַט די מטבע, וואָס בערל און זיינע חברים האָבן אויסגעאָסן אין דעם קרייז און איבערגעגעבן דעם דור: חלוצישע טרייקייט צו קטנות — צום בוי, צו דער ערד, צום לייגן אַ ציגל אויף אַ ציגל יעדן טאָג און יעדע שעה, און גלייכצייטיק אָפּהיטן אין זיך די וויזיע פון די קומענדיקע גרויסע מעשים. קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז אַפילו אויב איך וועל מיין לעבן מקריב זיין פאַר די קלייניקייטן, פאַר זייער שאַפונג און פאַרטיידיקונג, זענען דאָס נישט מער ווי קלייניקייטן, אויב אין האַרצן שיינט נישט דאָס גרויסע ליכט.

פון אָט־דער טרייקייט צו „קטנות" איז געקומען אַלץ וואָס מיר האָבן דערגרייכט — אין פעלד און אין וואַרשטאַט און אין דערווירטשאַפט, אין דער אָרגאַניזאַציע און אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער ליטעראַטור, אין דער זעלבטשוץ און אין דער דערציִונג. אויב איר ווילט וויסן, ווי אַזוי דער דאָזיקער בערל, דער מענטש, וואָס האָט זיך אַזוי פולשטענדיק איבערגעגעבן די „קטנות", דעם טאָג־טעגלעכן שאַפן און דער טאָג־טעגלעכער „חיבת ציון", דעם בוים און דער פלאַנץ, דער קבוצה און דעם „ארגון", האָט אין האַרצן געטראָגן די גרויסע וויזיע, איז איר געגאַנגען אַנטקעגן, ווען ס'האָט אויפגעשיינט די ערשטע האָפענונג, אַז עס איז ענדלעך געקומען איר צייט — דאַרפט איר לייענען זיינע ווערטער פון דער צייט פון דער מאָביליזאַציע אין יידישן לעגיאָן. מיט דער דערוואַכטער משיח־וויזיע אין האַרצן, האָט ער, צוזאַמען מיט זיינע ברידער, גענומען די ביקס אין דער האַנט און אַרויס דער אומקלאָרער צוקונפט אַנטקעגן.

און עס איז נישט געווען קיין קאָנפליקט צווישן די צוויי זאַכן. דאָס פייער פון האָפענונג אין האַרצן האָט געשמידט דעם ווילן צו בויען און די רעזולטאַטן פון דעם אויפבוי האָבן גענערט די ליידנשאַפט פאַר די גרויסע מעשים און געאיבט די מוסקולן זיך צו ראַנגלען פאַר דעם ביי יעדער געלעגנהייט.

און צו אָט די צוויי זייטן פון דער מטבע איז בערל טריי געבליבן די גאַנצע צייט פון דעם טאָג, וואָס ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל ביז דעם טאָג, וואָס ער האָט זיך מיטן לאַנד צום לעצטן מאָל געשיידט.

אין רשות הרבים

און ווען דער כוח איז צייטיק געוואָרן, ווען עס איז רייף געוואָרן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער צווייטער עליה, איז בערל אַרויס אין קאַמף פאַר דער דערוואַרטונג פון דער באַוועגונג אין גלות. זינט יענעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן דער נצחון־וועג פון דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער אין פאָלק און פאַר זיין אויפלעבונג.

אין דעם דאָזיקן קאַמף, וואָס בערל האָט געפירט, איז געלעגן אַ גרויסע העזה. עס איז אוממעגלעך צו רעדן וועגן בערלען און נישט רעדן וועגן דער דאָזיקער פּאָזע פון זיין טעטיקייט. די דאָזיקע העזה האָט אים אויך פאַרשאַפט פיל ביטערניש; אָבער אָן דער דאָזיקער העזה וואָלטן מיר נישט געווען דאָס, וואָס מיר זענען היינט.

איר האָט שוין דאָס אפשר פאַרגעסן, און איר מעגט גליקלעך זיין, וואָס איר האָט עס פאַרגעסן, אָבער די וואָס האָבן אַ זכרון אָדער גרויע האָר אויפן קאָפּ — זיי דאַרפן דאָס נאָך גוט געדענקען. עס איז אַמאָל אין אונדזער דור פאָרגעקומען אַ גרויסער געראַנגל — דער שפּראַכן־קאַמף, איך וואָלט געזאָגט, דער ייִדישער „קאַמף פון קאַמפן", אַ קאַמף וואָס איז געווען ביטערער פון די אַלע שפּאַלטונגען, וואָס האָבן געפרעסן און פרעסן נאָך אונדזער באַוועגונג ביזן היינטיקן טאָג, און וואָס יעדער איינער פון אייך ווייסט וועגן זיי. איך וויל אייך דערמאָנען: דער שפּראַכן־קאַמף איז נאָך געווען מער פאַרביטערט פון אָט־די אַלע קריגערייען. ערשט מיט געציילטע צענדליקער יאָרן צוריק האָט געשטורעמט דער דאָזיקער קאַמף, וואָס איז געווען אַן אמתער „רעליגיעזער" קריג, וואָס האָט דאָס ייִדישע פאָלק צעריסן אויף צוויי טיילן, און וואָס אין פאַרשיידענע גילגולים, אָפענע און פאַרבאָרגענע, האָט ער איז אונדז אַלעמען געלאָזט אַ חורבן, אַ קאַמף וואָס איז נאָך אפשר היינט נישט אויסגעלאָשן אינגאַנצן, און וואָס דער אַנאַליטישער היסטאָריקער קען נאָך אפשר היינט געפינען די פאַרבאָרגענע שטעגן, אויף וועלכע דער דאָזיקער שטן, איינגעהילט אין משונהדיקע און נייע לבושים, טאַנצט נאָך איצט זיינע לעצטע טענץ. דעמאָלט האָט ער געטאַנצט אָפן, מיטן גאַנצן טעמפּעראַמענט, האָט אָפּגעפרעמדט ברידער און געמאַכט ריסן אין יעדן האַרץ און האָט פאַרהאַסט איין מחנה אין די אויגן פון דער צווייטער, און ברודער אין די אויגן פון ברודער. ווי בערל פלעגט זייער אָפט ציטירן: „ואיש את בשר רעהו יאכל".

ווען דער דאָזיקער קאַמף וואָלט זיך געצויגן ביז היינט, ווען דער דאָזיקער קריג וואָלט געהאַט די קראַפט ביז היינט צו באַהערשן אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט — ווער ווייסט צי מיר וואָלטן איצט געזען אונדזער גאַנצן ווערק אין ארץ־ישראל? אונדזער ווערק איז מעגלעך געוואָרן דערפאַר, וואָס עס איז אויפגעקומען אַ נייער שמשון, וואָס האָט געשטורעמט די דאָזיקע קעגנער און האָט זיי געצוווּנגען צו פאַרגעסן די שנאה און שליסן צווישן זיך אַ בונד פון מעשים. דער דאָזיקער שמשון, זיין כוח, זיין אָנגריף און זיין נצחון, זענען אויף אייביק פאַרבונדן מיט בערלס נאָמען.

ז ל מ ן   ש ז ר

„אחדות העבודה"

דעם דאָזיקן בונד האָט דורכגעפירט די „אחדות העבודה". נאָך דעם יידישן לעגיאָן, בעת עס האָט זיך אין דער חלוצישער מחנה אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן דער געגאַרטער טיפּ מענטש, דער פּראָדוקט פון די באַגערן פון די אבות פון דער צווייטער עליה, און עס איז אויפגעקומען אין זיינע טויזנטער אַ יידישער אַרבעטער, אַ פאַלקס־מענטש, אַן איינגעוואָרצלטער, אַ בויער, אַ רעוואָלוציאָנער, אַ מענטש וואָס איז זיך מקריב פאַר קליינקייטן אין שטרעבט תמיד צו גרויסע מעשים, און עס איז געקומען די צייט אַז ער זאָל אַרויסגיין אין דער ברייטער יידישער גאַס — איז „אחדות העבודה" געווען דער שם־המפורש, וואָס מיט זיין כוח איז געבראָכן געוואָרן דער הערמעטישער קרייז, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד. מיט זיין כוח איז די „אחדות העבודה" אַרויס צו דעראָבערן ווייטע חברים, זיך צו פאַרבינדן מיט חברים וואָס האָבן זיך געדוכט צו זיין קעגנער, אָבער וואָס זייער עצם־וועזן און זייער שליחות האָבן זיי באַפוילן צו ווערן ברידער. זיי מצרף צו זיין צו דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. אין נאָמען פון דער „אחדות העבודה" איז צושטאַנד געקומען דער דאָזיקער בונד.

אין דער „אחדות העבודה" איז בערלס גייסט געקומען צום דירעקטן און פולסטן אויסדרוק. אין דער „אחדות העבודה" האָט ער אַריינגעלייגט זיין גאַנצן וועזן, מיט אַלע זיינע געדאַנקען, מיט זיין וויזיע, מיט זיינע פאָרמולירונגען און בענקענישן. און צוזאַמען מיט אַ הייפל חברים האָט ער זי געפירט מיטן ציל זי צו פאַרבינדן מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות — מיט דער באַוועגונג וואָס איז געווען חשוד אין יידישיזם, און וואָס האָט אין זיך געטראָגן פיל פאָלקסטימלעכקייט, אָבער האָט זיך דערווייטערט פון העברעיש און איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און קאַמפן פון גלות. יאָ, מען האָט געדאַרפט האָבן אַ גרויסע העזה כדי אַריינצושפּרינגען אין דעם דאָזיקן בונד און זיך נישט שרעקן וועגן דעם שאָדן וואָס ס'וועט ברענגען העברעיש. און צווישן אונדז איז דאָך נישט געווען קיין גרעסערע קנאי פון העברעיש, קיין מענטש וואָס האָט זיך אַזוי געזאָרגט פאַר העברעיש, ווי בערל. ער איז נאָך געווען אַ קנאי פון העברעיש אין רוסלאַנד, ווען ער האָט לויט זייער באַציונג צו העברעיש געמאָסטן די מענטשן פון דער באַוועגונג — ווער פון זיי עס וועט פאַרלירן דעם נאַציאָנאַלן פּנים און צום סוף זיך אינגאַנצן פאַרראַטן, און ווער עס וועט מסוגל זיין אויסצוהאַלטן די פייער־פּראָבע און בלייבן אַ דינער פון דער יידישער רעוואָלוציע. העברעיש איז פאַר אים שטענדיק געווען אַזאַ פּראָבע. פילע פון אונדז געדענקען ווי

גרויס ס'איז געווען דער פּחד פֿאַר דער „אחדות העבודה" ביי אונדזערע חברים אין גלות. און דאָ זיצן אויך חברים וואָס געדענקען נאָך, ווי אַזוי מען האָט זיך אין ארץ־ישראל געשראָקן פֿאַר די רעזולטאַטן פֿון דעם דאָזיקן בונד, פֿאַר דער „אחדות העבודה". מען האָט מורא געהאַט, אַז בערל צווינגט זי זיך צו פֿאַרבינדן מיט פֿרעמדע עלעמענטן און שטעלט אין סכנה די בעסטע דעראָבע־רונגען פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט. צוליב דער דאָזיקער מורא איז דאָך טאַקע נישט דערגרייכט געוואָרן די פֿולע איינהייט פֿון דער באַוועגונג אין ארץ־ישראל. איך אַליין געדענק די מורא דאָרטן, די אימה וואָס דער בונד מיט דער „אחדות העבודה" האָט אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער וועלט־באַוועגונג פֿון די פּועלי־ציון אין גלות. ווער ווייס, צי די דאָזיקע מורא פֿאַר דער „אחדות העבודה" האָט נישט געפֿירט צו דער שפּאַלטונג וואָס איז פֿאָרגעקומען אויף דער ערשטער נאָך־מלחמהדיקער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון די פּועלי־ציון? אין ארץ־ישראל איז צוליב דער מורא פֿאַר דעם דאָזיקן בונד נישט צושטאַנד גע־קומען די פֿולע איינהייט פֿון דער באַוועגונג און אין גלות איז צוליב דער זעל־בער מורא געקומען די שפּאַלטונג אין דער באַוועגונג. און בערל האָט פֿונ־דעסטוועגן געוואַגט. ווער קען פֿאַרגעסן בערלען אין דעם דאָזיקן קאַמף פֿאַר איינהייט און בעת עס איז געשלאָסן געוואָרן דער דאָזיקער בונד? ער האָט געזיגט אָן צו פּרעדיקן און אָן זיך צו קריגן, נאָר אַ דאַנק דעם עצם זיין פֿון זיין פּערזאָן און פֿון די טויזנטער חברים אין ארץ־ישראל. זינט דער דאָזיקער בונד איז געשלאָסן געוואָרן איז געעפֿנט געוואָרן דער וועג פֿאַר דער גייסטי־קער העגעמאָניע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם ציוניזם. יאָרן זענען אַוועק, ביז עס האָבן מיט אים שלום געמאַכט אויך די קעגנער צווישן זיינע חברים, אָבער פֿון דער דאָזיקער העזה איז געקומען סיי די צענטראַלע ראָלע פֿון דעם אַרבעטער אין ישוב, סיי די גאַנצקייט און אייניקייט פֿון דער באַווע־גונג, סיי די ערשטע נצחונות פֿון דער הסתדרות.

און אַז ער איז זיכער געווען אַז די ברכה איז מקויים געוואָרן, אַז עס איז אויפֿגעקומען דער טרעגער פֿון דער באַוועגונג, אַז עס איז פֿאַראַן אַ פֿלייצע וואָס מען קען אויף איר אָנלאָדן די שליחות פֿון דער יידישער רעוואָלוציע, האָט ער אויף זיך גענומען די זאָרג דערפֿאַר, אַז דער דאָזיקער טרעגער, וואָס קומט פֿון אַלע גלותן און אַלע באַוועגונגען און פֿאַרשיידענע קולטורן, זאָל זיין ראוי דער שליחות, פֿעסט אין גייסט, פֿאַרוואָרצלט אין דער קולטור פֿון זיין פֿאָלק, זאָל זיין יניקה ציִען פֿון די ערשטע מקורות. דעמאָלט האָט ער אין דער האַנט גענומען די פֿען.

זלמן שזר

פון גראָבאַייזן און ביקס — צו דער פען

ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז בערל כמעט אינגאַנצן נישט געווען קיין שרייבער. אין אַלע זיינע זוכענישן אין רוסלאַנד האָט ער כמעט גאָרנישט געשריבן. אין די ערשטע יאָרן אין ארץ־ישראל האָט ער געשריבן זייער ווייניק. אַפילו נאָך דעם ייִדישן לעגיאָן זענען זיינע דברים שבכתב געווען זייער זעלטן. איך דערמאָן זיך אַ שמועס מיט י. ח. ברענערן אין דער צייט פון דער „האדמה". ברענער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט וואָס אין דער באַוועגונג געפינען זיך אַזוי ווייניק שרייבער. „מען האָט מיך געמאַכט פאַר אַ רעדאַקטאָר און געלאָזט אויף גאָטס באַראָט... ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש". איך בין שוין דאַן געווען פול מיט באַווונדערונג פאַר בערלען, און איך האָב ברענערן געענטפערט: איר האָט דאָך בערלען, פאָדערט עפּעס פון אים און ער וועט עס טאָן. איך דערמאָן זיך ברענערס שמייכל: „בערל? אַוודאי. אָבער וויפל קען מען פון בערלען אַרויסקריגן? אַ נאָטיץ אין יעדן באַנד?". און אין דער אמתן, אין די עלף העפטן „האדמה" געפינען זיך אינגאַנצן צוויי־דריי אַרטיקלען פון בערלס פען. אַפילו אין די ערשטע יאָרן פון „קונטרס" האָט נאָך בערל נישט געטראַכט וועגן זיך ווי וועגן אַ שרייבער. ער האָט די פען גענומען אין דער האַנט אַזוי ווי ער האָט אַמאָל אין דער האַנט גענומען דעם גראָבאַייזן און נאָכדעם די ביקס. ער האָט אין דער האַנט גענומען די פען דערפאַר וואָס דאָס איז געווען אַ כלי־זיין — אַ מיטל צו פאַרגרעסערן די מחנה פון די פאַרווירקלעכער, זי צוזאַמענצושליסן און דערציִען און געבן דאָס באַוווסטזיין פון איר שליחות, זי צו פאַרוואָרצלען אין מענטשלעכע ווערטן, העלפן איר געפינען די וועגן צו דער נשמה פון דער אַלט־נייער אומה און פירן איר טאָג־טעגלעכע קאַמפן. ווען בערל האָט צונויפגעשטעלט די רעדאַקציע פון „דבר" איז צווישן אונדז נישט געווען קיין איין דערפאַרענער זשורנאַליסט. מיר זענען אַלע געווען רעקרוטן. ער האָט יעדן איינעם געגעבן די פען אין האַנט, ווי ער האָט זי אַליין גענומען אין האַנט. ער האָט זיך געזאָרגט פאַר דער ריינקייט פון וואָרט און דער גאַנצקייט פון סטיל און דער טרייקייט צו דער אויפגאַבע פון אַ זשורנאַליסט־שרייבער פון דער חלוצישער באַוועגונג. און מיט זיין פריינטשאַפט, מיט דער תקיפות פון זיין ביישפּיל, מיט זיין ווייכקייט, מיט זיין פאָטערלעכקייט, מיט זיין גרויסער דערציִערישער פעיִקייט האָט ער אויסגעברייטערט אונדזערע שורות, רעדעוודיק געמאַכט שטומע, שרייבן געמאַכט די נאָמענלאָזע און געשאַפן אַן אַטמאָספער אַרום דער צייטונג.

זינט די אַרבעטער־באַוועגונג האָט עפנטלעך אָנגעהויבן שפּילן איר גרויסע ראָלע אין פאָלק, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן איר גייסטיקע העגעמאָניע אין

דעם ציוניזם, איז בערל געשטאַנען ווי דער אָנערקענטער — כאָטש נישט שטענדיק געקרוינטער — קאַפּיטאַן בראש פון דער שיף וואָס איז אָנגעגריפן געוואָרן פון שווערע שטורעמס, און מיט זיין מעכטיקן אינטעלעקט, זיין מוט און קלאָרן בליק, האָט ער אויף איר וועג געבראָכן די כוואַליעס און זי גע־פירט דורך פעלדזן. יעדער איינער פון אונדז, פון די וואָס זיצן דאָ, סיי די וועטעראַנען און סיי די וואָס האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אָן דער מחנה, סיי די וואָס דערקלערן זיך ווי תלמידים און סיי די וואָס דערקלערן זיך אַלס קעגנער, דאַרפן אַריינקוקן אין זיין גייסטיקן באַגאַזש, אין דעם בעסטן וואָס עס ליגט אין דעם דאָזיקן באַגאַזש, כדי זיך צו איבערצייגן ווי גרויס עס איז די ברכה וואָס ער האָט באַקומען פון בערלס גייסטיקן אוצר.

און אין שעהן פון פּאָליטישער געפאַר, בעת עס זענען נייטיק געווען זיבן אויגן צו זען צי מען באַרט אונדז נישט, צי מען האָט אונטער אונדזערע פיס נישט אויסגעשפּרייט אַ נעץ — איז צווישן אונדז נישט געווען קיין איין אויג, וואָס זאָל זען אַזוי טיף און ווייט, ווי בערלס, וואָס זאָל אַזוי פריי זיין פון אַלע פּאָליטישע פאַראורטיילן. ס'איז נישט געווען קיין איינער וואָס זאָל אַזוי פעיִק זיין צו באַרויִקן אין צייטן פון אויסגעדוכטער סכנה און צו פירן אין קאַמף אין צייטן פון אמתער געפאַר.

דער דערנער־וועג

נישט אַלעמען האָט בערל פאַראייניקט. זיין וועג, דער וועג פון „ירובעל", איז נישט געווען קיין וועג פון שלום־אונטער־אַלע־באַדינגונגען. ער איז פעיִק געווען צו קעמפן און זיך קריגן פאַר זיין אמת. בערלס וועג איז קיינמאָל נישט געווען קיין לייכטער. נישט זייער אָפט האָבן, אין די ווערטער פון רחל, „די בלומען געשמייכלט אויף די זייטן פון דעם וועג אויף וועלכן ער איז דורכ־געגאַנגען". זיינע נצחונות, אַזוי ווי זיינע דורכפאַלן, האָבן אים אָפט געבראַכט בלויז ביטערקייט. אויך בעת ער האָט געקעמפט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן און איז דאָרטן געווען דערפּאָלגרייך, אויך בעת אונדזער גאַנצע באַוועגונג האָט אָנערקענט די דערגרייכונגען פון זיין קאַמף, איז זיין וועג געווען אַ דערנער־וועג.

און אין דער הסתדרות איז קיין איינע פון זיינע דערגרייכונגען — דער „המשביר" און די „אַרבעטער־באַנק", „ניר" און די קבוצה „אחדות העבודה" און די מפא״י, „דבר" און „עם עובד", אָט די אַלע גרונטשטיינער וואָס ער האָט געלייגט און וואָס זענען נאָכדעם געוואָרן דער שטאָלץ פון דער גאַנצער באַ־וועגונג — אים נישט אָנגעקומען גרינג. פאַר יעדער איינער פון זיי האָט ער זיך געדאַרפט ראַנגלען מיט חברים און קעגנער, מיט חברים וואָס זענען אים

געוואָרן קעגנער און קעגנער וואָס זענען אים שפּעטער געוואָרן חברים. מיט אַלעמען האָט ער זיך געראַנגלט — און אַזוי האָט ער אויסגעטראָטן דעם וועג. דעם וועג פון דער הסתדרות און דער באַוועגונג, מחיל אל חיל, דורך דערנער און שטרויכלונגען. ער האָט זיך געראַנגלט און האָט געזיגט. און צומאָל האָט ער אויך באַקומען זיין שכר. קיינער צווישן אונדז איז נישט געווען אַזוי גליק־לעך מיט יעדן נייעם טאַלאַנט וואָס האָט זיך ביי אונדז אַנטפּלעקט, מיט יעדן אויסדרוק פון אַ נייער אויפריכטיקייט, מיט יעדן אמתן וואָרט פון חלוציות, מיט יעדן ריינעם הארץ פון אַ נייעם פריינט וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער מחנה, מיטן צוויבער וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דערנענטערט נאָענטע און ווייטע. פון אָט דעם אַלעם האָט ער אויסגע־שמידט די זעלישע פעיקייט זיך צו ראַנגלען און זיגן.

די פיר אימות

אָבער אין די לעצטע יאָרן זענען מקויים געוואָרן אַלע שרעקן וואָס האָבן אים געדרויבט די רו זינט ער איז אַרויס אין קאַמף פאַר דער יידישער רעוואָ־לוציע. אויף איין מאָל זענען געקומען די פיר גרויסע אומגליקן, וואָס פאַר יעדן איינעם פון זיי האָט ער זיך געשראָקן דאָס גאַנצע לעבן און קעגן יעדן איינעם פון זיי האָט ער מאָביליזירט אין קאַמף זיין נשמה און די נשמה פון אונדזער באַוועגונג. די אומגליקן זענען געקומען צוזאַמען — און זיי האָבן אים געגעבן דעם טויטלעכן קלאַפּ.

עס איז געקומען די יידישע קאַטאַסטראָפע. בערל האָט וועגן דעם קיין סך נישט גערעדט. בערל איז צווישן אונדז געווען איינער פון די געציילטע וואָס האָבן וויניק גערעדט וועגן דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע. ער האָט וועגן דעם געזאָגט עטלעכע געציילטע ווערטער, געציילטע פלאַמען־ווערטער. מיר געדענקען דאָך אַלע דאָס בילד וואָס ער האָט פאַר אונדז געמאָלט פון דעם בוים וואָס איז איבערגעשניטן געוואָרן אין דער לענג אויף צוויי טיילן, און ווער ווייס צי דער דאָזיקער בוים וועט נאָך וואַקסן... מיט זיין גאַנצער נשמה האָט ער געברענט מיט דעם דאָזיקן וויטיק. וואָרעם ווער איז צווישן אונדז געווען אַזאַ פאַלקס־מענטש ווי ער? ווער האָט אַזוי געוויטיקט דעם יידישן וויטיק ווי ער? ער איז באמת אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם יידישן בראַך, אָבער ער האָט וועגן דעם וויניק גערעדט, וואָרעם עס איז געקומען דאָס פאַרוואָס ער האָט שטענ־דיק מורא געהאַט. אים האָט זיך געדוכט, אַז שוין אין די קאָשמאַר־חלומות פון זיין יוגנט האָט ער געזען עטוואָס פון דעם וואָס איז איצט געקומען. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז עס ווערן איצט פאַרווירקלעכט די דאָזיקע יוגנט־קאָשמאַרן. נאָך אין זיינע ס״סישע יאָרן האָט ער געוווסט, אַז אויפן שטערן פון גלות איז

אויסגעקריצט אַ צייכן. דער צייכן: אונטערגאַנג. בנוגע דעם האָט ער נישט געהאַט קיין שום אילוזיעס. ער איז קיינמאָל נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון די דאָזיקע אילוזיעס — צי זיי האָבן געטראָגן דעם נאָמען „סיים" אָדער „אויטאָנאָמיע" אָדער „גלייכע רעכט" אָדער „פּראָדוקטיוויזאַציע" אָדער „יידיש". אַוודאי דאַרפן מיר מיט אונדזערע לעצטע כוחות פּרוּוון צו ראַטעווען פון דעם לייבן־מויל פון דער פרעמד אַלץ וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען. ער האָט זיינע חברים נישט געשטערט צו טאָן די דאָזיקע אַרבעט. אָבער טיף אין האַרצן האָט ער געוווּסט: עמעצער לויערט אויף יעדן יידישן הויז אין דער פרעמד. ער האָט געזען דעם צייכן פון אונטערגאַנג אויפן שטערן פון יעדן יידישן קינד אין גלות, אויף יעדן יידישן מנין און אויף יעדער שטאָט און שטעטל. דערפאַר איז אַזוי גרויס געווען די תשוקה וואָס שנעלער צונויפצוזאַמלען און ברענגען אַהער, אויף יעדן וועג וואָס עס לאָזט זיך און פאַר יעדן פּרייז וואָס ווערט פון אונדז געפאָדערט — איידער מיר פאַרשפּעטיקן. און מיר האָבן פאַרשפּעטיקט. און ווען עס איז געקומען די גרויסע אימה, איז ער אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז צו די אָפּגרונטן פון זיין נשמה — און ער איז אַנטשטומט געוואָרן. דער מענטש פון די אָנהייב־יאָרן פון די ס"ס פון דער לערע וועגן גלות־אונטערגאַנג, האָט געזען אַז אַלץ פאַרוואָס ער האָט זיך געשראָקן איז געקומען — און פיל מער ווי דאָס.

און צוזאַמען מיט דעם איז געקומען דאָס ווייס־בוך. דער בערל, וואָס האָט געשריבן די נאָטיצן „הרוגי מלכות" און „במקום המשפט שם הרשע", נאָך די אומרוען אין ירושלים, אין יאָר 1920, וועלכער האָט אַנאַליזירט די אַלע פּלאָנטערן פון דעם קאָלאָניאַל־רעזשים אין ארץ־ישראל זינט די טעג פון ראָנאַלד סטאָרס און הערבערט סעמיועל און ווייטער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך און האָט נישט פאַרקוקט קיין איינעם פון די אַלע שטרויכלונגען, וואָס עס האָבן אונדז אונטערגעלייגט די קינסטלער־הענט פון די בריטישע מאַכטהאָבער אין ארץ־ישראל — האָט דערזען ווי געניטע הענט פאַראייניקן זיך פון אַלע זייטן כדי צו דערשטיקן דאָס יונגע יידישע ווערק. עס דערנעענטערט זיך די געפאַר צו בלייבן אָן עליה און באָדן און אָן אינערלעכער זעלבסטשטענדיקייט.

און פון אינעווייניק האָט ווידער אָנגעהויבן לויערן די אים זייער גוט־באַקאַנטע געפאַר — די סכנה פון התבטלות פאַרן צויבער פון אַ נישט־יידישער רעוואָלוציע. דאָס איז דאָך די מורא וואָס האָט אים געריבט די רו זינט זיינע יונגסטע יאָרן — די מורא פאַר דער נישט־יידישער רעוואָלוציע, וואָס איר צויבער פאַרן יונגן ייד איז גרעסער ווי דער צויבער פון דער יידישער רעוואָלוציע. די מורא פאַר דער הכנעה אין דער רעוואָלוציע. אַט איז געקומען

די איצטיקע מלחמה און אַלץ וואָס איז מיט איר פֿאַרבונדן — און מיט דעם איז אויך פֿון דאָס ניי געקומען די אַלטע סכּנה, וואָס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען מיט דער התבטלות פֿאַר דער צויבער פֿון רוסלאַנד. בערל איז נישט געווען קיין קעגנער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. צווישן די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטשריפֿטן וואָס האָבן באַוווּנדערט דעם דאָזיקן „נחשון־שפּרונג" פֿון סאָציאַליסטישע דוחקי הקץ איז געווען בערלס „קונטרס", און ער האָט עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן — נישט געקוקט אויף זיין קעגנערשאַפֿט צו די פֿעלשונגען און דער אונטערדריקונג פֿון פֿרייהייט. אָבער ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דער ייִדישער זעלבסטפֿאַרלייקענונג, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעוואָקסן אין תּחום פֿון דער דאָזיקער רעוואָלוציע. און אָט איז די התבטלות ווידער אויפֿגעשווּמען פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן.

און צום סוף איז געקומען די פֿערטע סכּנה: די סכּנה פֿון פּירוד הלבבות. די סכּנה פֿון דער צעפֿאַלונג פֿון דער מחנה. פֿון דאָס ניי — קעגנזייטיקע פֿאַרדעכטיקייט, פֿון דאָס ניי — שפּאַלטערייַ און שפּאַלטונגען, פֿון דאָס ניי — „איש את בשר רעהו יאכלו".

צוזאַמען זענען געקומען די פֿיר אומגליקן — און ער איז אַנטשטומט געוואָרן. ווער עס האָט אים אין די לעצטע יאָרן נישט געזען האָט נישט געזען קיין פֿאַרוווּנדעטן בערל. איך וויל וועגן דעם פֿיל נישט רעדן. אין יענע יאָרן איז אין אים געווען עפּעס פֿון מלך שאול אין עין־דור, פֿון דעם קאָצקער רבי אין זיינע התבודדות־יאָרן, פֿון מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי אין זיין יאוש־תּקופֿה.

אַ געפּענטעטער, אַן אין זיך פֿאַרשלאָסענער, אַ צאַרנדיקער, אַ צעוויייטיקטער, אַ פֿאַרוווּנדעטער — און פֿון דעסטוועגן אַ גלייביקער. עפּעס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען, אָבער מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו זיך.

און דעמאָלט, ווען פֿון אַלע זייטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די גרויסע אומגליקן, האָט ער פֿון דאָס ניי אַרום זיך אָנגעצייכנט אַ קליינעם קרייז. זיינע הענט זענען געווען פֿול מיט אַרבעט אין פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס פֿון דער באַוועגונג, אין קרן־קימת און אין „ניר", אָבער ער האָט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין אַ קליינעם קרייז, זיין אַלט־נייעם קרייז — דאָס בוך.

ווי אַ ביבליאָטעקאַר האָט ער אָנגעהויבן אין באָברויסק, ווי אַ ביבליאָטעקאַר, וואָס זוכט אויף פֿאַר אַ בחור אָדער אַ מיידל דאָס בוך, וואָס ער אָדער זי דאַרף האָבן, כּדי צו געפֿינען זיין אָדער איר וועג — און ווי אַ ביבליאָטעקאַר פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין היימלאַנד, ווי דער ביבליאָטעקאַר פֿון בית־ישראל אין זיין צייט, האָט ער פֿאַרענדיקט זיין לעבן.

עס וועט נאָך אַמאָל דערציילט ווערן וועגן די גרויסע האָפֿענונגען

וואָס בערל האָט מיט זיך מיטגענומען און מען וועט נאָך מאַכן אַ סך־הכל פון די גרויסע טאַטן וואָס בערל האָט פאַרווירקלעכט, וואָס אַ טייל פון זיי האָט ער פאַרענדיקט און אַנדערע האָט ער ערשט אָנגעהויבן וועבן. דאָס ווינקל פון בוך איז אים אין די יאָרן פון אומגליק געוואָרן אַן אינדזל פון אָפּרו.

אַזוי ווי אין זיינע פרילינגס־טעג אויף די ברעגן פון כנרת, האָט ער אויך דאָס מאָל אין דעם קליינעם קרייז געוואָלט אַריינברענגען פון דאָס גייַ מענטשלעכע אינהאַלטן, וואָרצלדיקן יידישן אינהאַלט, זעלבסטשטענדיקן ארץ־ישראלדיקן אינהאַלט, דערלייזנדיקן אַרבעטער־אינהאַלט דעם אינהאַלט פון דער יידישער רעוואָלוציע אין אונדזער צייט. אָבער דאָס מאָל האָט ער נישט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן.

זיין לעבן איז נישט געווען לאַנג, אָבער לאַנג האָט זיך אין דעם דאָזיקן לעבן געצויגן דער פרילינגס־טאָג. פון דעם פופצנטן ביז דעם זיבן־און־פופציקסטן יאָר — איין יוגנט־טאָג, אַ טאָג איבער וועלכן עס האָט געשוועבט די ברכה פון שטורעם, אַ טאָג פון שטראַלנדיקן צויבער. און אַזוי ווי ער האָט מיט דריי און פערציק יאָר צוריק באַצויבערט דעם יידישן יונגנמאַן פון רוסלאַנד וואָס איז אים געקומען באַזוכן ביי די ברעגן פון כנרת, האָט ער נאָכדעם באַצויבערט דאָס הארץ פון דעם גימנאַזיסט פון דער „הרצליה" און דעם יידישן אַרבעטער אין דער אַמעריקאַנער שטאָט און דאָס האַרץ פון דעם יונגן עולה פון דייטשלאַנד אָדער איטאַליע. און אַזוי האָט ער אויך אין די לעצטע יאָרן באַצויבערט די יוגנט וואָס איז צו אים געקומען פון עמק, די יוגנט מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט אין סעמינאַרן און אין זיין צימער, וואָס איז שטענדיק פול געווען מיט מענטשן פון פאַרשיידענע עלטערס און פאַרשיידענע סביבות. ער האָט געפאַנגען הערצער ווי אַ פירער און אַ לערער און ווי אַ פריינט און אַ חבר. יעדער איינער פון אונדז, וואָס וועט דאָ, אין זיין ווינקל, מאַכן זיין חשבון הנפש, ווייס וואָס עס האָט אים געגעבן נישט נאָר דער פירער און דער שריפטשטעלער און דער לערער, נאָר אויך דער חבר און דער פאָטערלעכער פריינט.

חדשים ווי מיר טאָפּטשען שוין אָן אים. יעדער איינער אין זיין ווינקל. אונדזער באַוועגונג האָט נאָך קיינמאָל נישט געלעבט אין אַזאַ פוסטן חלל. ווי דער וואָס עס האָט געלאָזן זיין טויט, אַן אומענדלעכן חלל, וואָס קיין איינער פון אונדז קען נישט זאָגן ווי אַזוי מען קען אים אָנפילן.

שלמה קאַפּלאַנסקי

לויט דער אזכרה־רעדע, געהאַלטן אינעם טאָג פון ש. קאַפּלאַנסקיס
טויט אויף דער טרויער־זיצונג פונעם איחוד־עולמי

היינט איז אַוועק פון אונדז אַ קלאַסיקער פונעם ציוניסטישן סאָציאַליזם, איינער פון די ערשטע בויער און באַגרינדער פונעם פּועלי־ציוניזם:

חברים, איך וואָלט נישט וועלן איר זאָלט מאַכן אייער חשבון מיט אונדזער גרויסן נפטר בלויז לויט אייערע איינדרוקן פון זיין טעטיקייט אין די לעצטע עטלעכע יאָרן, הגם אויך די לעצטע יאָרן, ווען ער איז געשטאַנען בראש פונעם טעכניקום אין חיפה, איז זיין טעטיקייט געווען אַ דערפאָלגרייכע און אַ געבענטשטע: היינט וואָלט איך וועלן איר זאָלט מאַכן דעם לאַנגן חשבון פון זיין רייך לעבן און פּרובירן געדענקען זיין גאַנצן ווערט פאַר אונדזער פאַנאַנדער־געוואַקסענער און פאַנאַנדערגעוואָרפענער באַוועגונג פון אָנהייב אָן. און דער חשבון וועט זיין אַ גרויסער און די ירושה אַ פאַרצווייגטע. ווייל איינער פון די סאַמע ווייניקע צווישן אונדז איז געווען קאַפּלאַנסקי, וואָס האָט זוכה געווען צו זיין אויף אַ סך געביטן פון אונדזערע געדאַנקען און מעשים אַ ראשון. איינער פון די געציילטע ערשטע, וואָס האָבן געלייגט די גרונט־שטיינער פון אונדזער ציוניסטישן סאָציאַליזם אָדער סאָציאַליסטישן ציוניזם, און די גרונט־שטיינער זענען געוואָרן ווינקל־שטיינער פון אונדזער גאַנצן היינטיקן בנין.

איצט, עטלעכע שעה נאָכדעם ווי עס איז אונדז אָנגעקומען די דערשיטערנדיקע און איבעראַשנדיק־דערשלאָגנדיקע ידיעה, וועל איך נישט קענען געבן קיין אָפּשאַצונג פון זיין פּערזענלעכקייט און פון זיין ווערט. דאָס האַרץ איז נאָר פול פון טרויער און אבלות. ערשט מיט אַ צען טעג צוריק בין איך מיט אים געזעסן אין זיין קאַבינעט אין חיפה, און ער האָט אַ דערמוטיקטער דערציילט וועגן דער אויגן־קראַנקייט וואָס ער איז גליקלעך איבערגעקומען און האָט מיר מיט פרייד געשענקט די העברעיִשע אויסגאַבע פון זיינע געזאַמלשע אַרטיקלען, וואָס איז איצט אַרויס[1] און ער האָט נאָך זוכה געווען עס

---

[1] ש. קאַפּלאַנסקי: חזון והגשמה, הוצאת ספרית פּועלים, 1950, 518 עמודים; דער גרעסטער טייל פון די שריפטן איז אַנטהאַלטן אינעם באַנד „פון אַנזאָג צו פאַרווירקלעכונג", אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, אין יאָר 1932 פונעם פאַרבאַנדס־ביוראָ פּועלי־ציון (צ. ס.).

צו זען אין די טעג, ווען ער האָט גאָרנישט משער געווען, אַז זיי זענען די לעצטע פון זיין לעבן. מען וועט נאָך ביי אונדז שאַצן און שאַצן זיין ווערק און זיין וועג. איצט וויל איך נאָך קורץ דערמאָנען פאַר די עלטערע און יונגערע חברים אין טרויער: אַ גרונטשטיינלייגער איז היינט אַוועק פון אונדזערע רייען.

כדי מסביר צו זיין דאָס, וויל איך נאָר אויפציילן עטלעכע גרויסע פרשיות פון אונדזער טעאָריע און פראַקטיק, אין וועלכע ער איז געווען אַן ערשטער, און אַזאַ וועט זיין אָנדענק בלייבן אין דער געשיכטע פון אונדזער באַוועגונג:

אָט זיצט איר דאָ טרויערנדיק אַרום דעם באַשיידענעם טיש פון אונדזער וועלט־פאַרבאַנד־צענטראַלע. ווייסט איר אָבער, אַז די עצם־עקזיסטענץ פון אַזאַ טיש איז אַמאָל געווען אַ גוואַלדיקער רעוואָלוציאָנערער חידוש? די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז עלטער פאַר קאַפּלאַנסקין. דער ציוניסטישער סאָציאַליזם איז אויך עלטער. אָבער סיי דער „בונד" אין רוסלאַנד און פוילן, סיי זש.פּ.ס. אין גאַליציע, סיי די „געגנאָסן" אין אַמעריקע און סיי די אָנהייבן פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין „תחום" — זענען אַלע געווען פון שטענדיק אָן לאַנד־פאַרטייען. עס איז געווען אַ מושכל ראשון, אַז אַן אַר־בעטער־באַוועגונג איז אַ פּאָליטישע באַוועגונג און ממילא אַ לאַנד־באַוועגונג, וואָס הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך אין די גרענעצן פון יעדער מדינה באַ־זונדער. ערשט, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג מוז גאָר זיין אַ נאַציאָנאַל־באַפרייענדיקע באַוועגונג, און דעריבער קודם־כל גאָר אַ קאָלאָניזאַטאָרישע באַוועגונג, איז מעגלעך געוואָרן דער באַגריף וועלט־באַוועגונג אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט. שפּעטער מיט יאָרן, האָבן עס נאָכגעטאָן כמעט אַלע אַרבעטער־ריכטונגען ביי יידן. אָט דער טיש איז געווען דער אָנהייב. און קאַפּלאַנסקי איז געווען זיין אָנהייבער. צוזאַמען מיט בער באָ־ראָכאָוו און אייניקע געציילטע חברים, האָט ער דעמאָלט אים געגרינדעט און ער איז געוואָרן זיין ערשטער סעקרעטאַר, און איז געבליבן זיין באַלעבנדיקער און פירנדיקער כוח צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד.

און מיט קאַפּלאַנסקיס נאָמען איז פאַרבונדן דער אָנהייב פון זעלבסט־שטענדיקער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. אָט פירן מיר אַריבער קאַפּלאַנסקיס ארון קיין מרחביה. אַזוי איז געווען זיין לעצטער ווונטש. ווייסט מען היינט וואָס איז אַמאָל געווען די באַדייטונג פונעם קאָאָפּעראַטיוון קאָלאָ־ניזאַטאָרישן עקספּערימענט אין מרחביה?

עס איז נאָך געווען אין די טעג פון טעאָדאָר הערצל. דער גרינדער פונעם פּאָליטישן ציוניזם און גרויסער סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישער טרוימער, האָט געוואָלט זאַמלען אַרום דער ציוניסטישער באַוועגונג די גרעסטע און לייכטנ־דיקסטע אינטעלעקטועלע כוחות פונעם יידישן פאָלק, וואָס שמען מיט זייער

וויסנשאַפטלעכן אָדער ליטעראַרישן רוף אין גאַר דער וועלט. האָט ער אַראָפּ־געבראַכט — צום 5טן ציוניסטישן קאָנגרעס, — דעם דעמאָלט באַרימטן עקאָ־נאָמיסט און טעאָרעטיקער פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע, פּראָפע־סאָר פראַנץ אָפּענהיימער און ער האָט אים געגעבן צו האַלטן דעם רעפעראַט וועגן דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט אין ארץ־ישראל. אָפּענהיימער האָט דאַן פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן, וועגן זיין לאַנדווירטשאַפטלעכער גענאָסנשאַפט, וועלכע דאַרף באַפרייען די וועלט פון קלאַסן־קעגנזאַץ און באַדן־פאַרשקלאַפונג און דאַרף זיין דער יסוד פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע. דער קאָנגרעס האָט באַגייסטערט אויסגעהערט און יובלענדיק צוגעשטימט. עס איז דאַך געווען ערשט איין יאָר נאָכדעם ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן דער נאַציאָנאַל־פאָנד און פראָקלאַמירט געוואָרן די לאָזונג פון נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן. אָבער, אַז אָפּנהיימער האָט שפּעטער געפאָדערט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיין פּלאַן פופציק טויזנט פראַנק — האָט דער קאָנגרעס זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען זיין פאַנטאַסטישע פאָדערונג. דאַן האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונגער ביאַליסטאָ־קער סטודענט פון ווינער פּאָליטעכניקום, וואָס האָט פאַרטראָטן אויפן קאָנ־גרעס די ערשטע פועלי־ציון גרופּן פון גאַליציע און האָט דערקלערט: ער וועט צווישן זיינע אָרעמע „האַנדלס־אַנגעשטעלטע” אָנהייבן זאַמלען די נייטיקע סו־מע, וואָס דער קאָנגרעס קען נישט אויפברענגען, און אָפּענהיימערס קאָאָפּע־ראַטיווע זידלונג אין מרחביה וועט אַנטשטיין. קאַפּלאַנסקי איז עס געווען יע־נער ווינער סטודענט. און ער האָט גענומען די אַרבעט אויף זיך. ער האָט עס פאָרגעשלאָגן זיין פאַרטיי־קאָנפערענץ אין קראָקע און עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן אָנצוהייבן די געלט־זאַמלונג. ער האָט אַראָפּגעבראַכט אָפּנהיימערן אויף אַ סעמינאַר צו זיך קיין לעמבערג; גרייצער צו גרייצער האָבן חברים גע־זאַמלט און דערפון איז שפּעטער אויסגעוואַקסן דער פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד (קפא״י), דער יסוד און אָנהייב פון דער גאַנצער פאַרצווייגטער זעלבסט־שטענדיקער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע־פינאַנצירונג. און זינט דעמאָלט ציט זיך זיין „ראָמאַן” מיט מרחביה, וואָס האָט זיך נעכטן פאַרענדיקט מיט זיין צוואה, געפינען דאָרטן זיין לעצטע רו. און זינט דעמאָלט קייטלט זיך זיין לאַנגער גע־דאַנקלעכער קאַמף, דער פאָרשונגס־קאַמף און דער פּאָליטישער קאַמף פאַר דער קבוצה, פאַר דער געמישטער ווירטשאַפט, פאַר דעם אָרט פון דער גענאָסנ־שאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין דער ציוניסטישער אויפבוי־אַרבעט קעגן אַלע קעגנער און פאַרלוימדער. אַ קאַמף וואָס ער האָט געפירט אין וואָרט און אין שריפט, אין דער לייטונג פון קרן־קימת און אין דירעקטאָריום פון קרן־היסוד אין ירושלים, אין די וויסנשאַפטלעכע זאַמלביכער „ארץ־ישראל” און אין די דעטאַלירט באַגרינדעטע מעמאָראַנדומס, אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָ־

מען פונעם פועלי־ציון פאַרבאַנד, אין ווירטשאַפט־ראַט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין דעם קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט וואָס ער האָט געפירט, ביז צום קאַמף קעגן האָפּ סימפּסאָן און ביז צו דער גרינדונג פון גבת אין די יאָרן פון קאָלאָניזאַטאָרישן שטילשטאַנד.

צווישן אַלע ערשטע באַגרינדער און טעאָרעטיקער פון פועלי־ציון אין אויסלאַנד איז ער — אין די יאָרן פון פאַרן ערשטן וועלט־קריג — געווען דער סאַמע ארץ־ישראלדיקסטער, דער זייל פון פּאַלעסטיניזם און קאָלאָניזאַציע־געדאַנק אין דער גאַנצער באַוועגונג, אַליין געפאָרן קיין ארץ־ישראל און געווען לערער אין דער גימנאַזיע „הרצליה" און וווּנדערבאַר גוט באַהערשט העברעיש און געפאָרשט די קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעמען און געצווונגען די גאַנצע באַוועגונג צו לערנען דעם ענין ארץ־ישראל.

ווער פון די עלטסטע חברים געדענקט דען נישט זיין רוסיש ביכעלע. „יאָמקאָסט פּאַלעסטיני" (די אויפנעם־פעיִקייט פון א"י)?[1] ווו איז געווען אַ קרייז פון פועלי־ציון און צעירי־ציון און החלוץ און סתם אַ דורשטיקער נאָך ארץ־ישראל וואָס האָט נישט שטודירט אָט־די קורצע פאָרשונג, וואָס האָט מיט ציפערן און פאַרגלייך־טאַבעלן געפּרוווט באַגרינדן די גרויסע קאָלאָניזאַטאָרישע אויפנעם־מעגלעכקייטן וואָס עס טראָגט אין זיך דאָס וויסטע ארץ־ישראל? און ווייל דאָס האָט גערעדט צו אונדז אַ טרוקענער אינזשיניער, אַ מתנגד, אַ ליטוואַק, אָן געפּילמעסיקער באַגייסטערונג, מיט לויטער חשבונות און וויסנשאַפטלעכע פאַרגלייכונגען מיט אַנדערע לענדער און מיט אַ פעסטן גלויבן און קריטישן אָפּטימיזם — האָט עס געהאַט אַזאַ אומפאַרגלייכלעכע דערציִערישע באַדייטונג.

און טאַקע דערפאַר איז געווען אַזוי נאַטירלעך וואָס ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרטראָטן די פועלי־ציון אין די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ווען די גאַנצע פועלי־ציוניסטישע רעפּרעזענטאַנץ איז באַשטאַנען פון איין מיטגליד אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, איז דער מיטגליד געווען — שלמה קאַפּלאַנסקי. און אַז די פאַרטרעטונג איז געוואָרן ברייטער און איינפלוסרייכער און עס איז געקומען די צייט, אַז אַ פועלי־ציון זאָל געווײַלט ווערן אין דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז עס געווען נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער רעפּרעזענטאַנט איז געווען שלמה קאַפּלאַנסקי.

און פּונקט ווי ער איז געווען דער ערשטער סאָציאַליסטישער פאַרטרעטער

---

[1] געשריבן אין 1916 אין האַג, דערשינען נאָכאַמאָל אין 1923 אין בערלין און ווידער אין 1930, ניי־באַאַרבעט, אַלס רעפעראַט אויפן ערשטן קאָנגרעס פון אַרבעטנדיקן א"י.

אין דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַזוי איז ער אויך געווען דער ערשטער ציוניסטישער פאַרטרעטער אין דער עקזעקוטיווע פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אָט דעם אָנשלוס פון די פּועלי־ציון אין דעם סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל און דאָס אויסקעמפן פון די ציוניסטישע אַרבעטער־אידייען אין די רייען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער עפנטלעכקייט האָט ער — מיט פולן רעכט — באַטראַכט אַלס זיין לעבנסווערק. נאָך אין יאָר 1907, — אינעם זעלבן יאָר ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד, — האָט ער פאַרפאַסט דעם מעמאָראַנדום צום אינטערנאַציאָנאַל, וועגן דעם אָנשלוס. און ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די וועלט־מלחמה און דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט געבליבט, אַז ער קען פאָרשלאָגן אַ פּראָגראַם פאַרן וועלט־שלום, האָט זיך קאַפּלאַנסקי אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצער ענערגיע אין דער אַרבעט צו אַריינגלידערן דאָס א״י־פּראָגראַם פונעם ציוניזם אין דעם גאַנצן סיסטעם פון די אַקטועלע פּאָליטישע פאָדערונגען פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט. ער איז געווען דער מחבר פונעם „רויטן בוך"[1] וואָס איז דענסטמאָל געווען דאָס איינטריט־בוך פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק און פון דער ציוניסטישער א״י־פאָדערונג אין דער וועלט־משפחה פונעם אָר־גאַניזירטן סאָציאַליזם. זינט דאַן האָט זיך אַ סך געענדערט, סיי אין דער וועלט, סיי ביי יידן, סיי אין דער אַרבעטערשאַפט. עס איז נישט יענער אינטערנאַ־ציאָנאַל און עס איז נישט יענער צושטאַנד ביי יידן. אָבער דער פאַקט פון אונדזער אָרגאַניזירטער באַטייליקונג, אַלס זעלבסטשטענדיקע, שטאָלצע, אין א״י־פאַראַנקערטע, יידישע נאַציע אין דער משפחה פון פעלקער — האָט זיך דאַן אָנגעהויבן, און זינט דאַן נישט אויפגעהערט.

און ביי זיין גאַנצער גרויסער שמחה פונעם פּועלי־ציון אַריינטריט אין דער סאָציאַליסטישער עפנטלעכקייט, וואָס ער האָט מיט אַ סך גרונט באַטראַכט אַלס דעם דערפאָלג פון זיין מי, האָט ער אָבער גלייכצייטיק געגוי געוווּסט צו באַטראַכטן עס אַלס אַן אָנהייב פון אונדזער קאַמף אינעווייניק. סיי אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און סיי אינעם ווינער אינטערנאַציאָנאַל און סיי אַלס פּאָליטישער פאַרטרעטער אין לאָנדאָן אין זיין אויפקלערונג־אַרבעט ביי דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי, האָט ער דעם קאַמף פאַר ציוניסטישער אונטער־שטיצונג אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער דענקער־וועלט געזען אַלס זיין לעבנס־ווערק און האָט אים געפירט מיט סיסטעם, מיט התמדה, מיט גע־

---

[1] „די יידן אין קריג", דענקשריפט פון פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד צום אינטערנאַ־ציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ, דערשינען אין האַג 1915 און 1917.

דולד, מיט פאַרזיכט, מיט עקשנות. און מען האָט געדאַרפט זען קאַפּלאַנסקין אין בריסל, ביי דער גרינדונג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָמיטעט פאַר ארץ־ישראל,[1] ווו מיר האָבן צוזאַמענגעבראַכט, אי עדואַרד בערנשטיין, אי הענדערסאָן, אי לאַנגע, אי וואַנדערוועלדע, אי פּיראַר, אי סאָסענבאַך, אי הויזמאַנס — כדי צו זען דעם פליסיקן, מידן גליקלעכן פאַרזייער, ווען ער טראָגט מיט פרייד די פולע גארבן פון רייכן פעלד אין שייער אַריין.

דאָס זענען אַלץ בראשית־שטיינער, גרונטלייגנדיקע דערגרייכונגען, וועלכע האָבן זיך שפּעטער געענדערט און זענען איבערצעמענטירט געוואָרן — אויף וועלכע עס איז אָבער אויפגעבויט אונדזער גאַנצער הייניקער בנין.

ווערט אַרויסגעריסן פונעם לעבן אַזאַ מענטש, דאַכט זיך: שטיקער גאַנצע פון דיין אייגן לעבן שווימען אַוועק אין די אייביקייטן.

מיר פערזענלעך איז — ביי אַלע אונדזערע חלוקי־דעות פון די לעצטע יאָרן — אַרויסגעריסן געוואָרן היינט אַ פריינט, אַן ווען איך קען נישט דענקען אונדזער גאַנצע אַנטוויקלונג. אין דער יוגנט איז ער מיר געווען לערער, יאָרן־לאַנג איז ער מיר געווען אַ פירנדיקער חבר, אַ סך יאָרן האָבן מיר אָפט געהאַט מיינונגס־פאַרשידנהייטן, אָבער שטענדיק זענען מיר געווען גרויסע גוטע פריינט. קעגנער האָבן געפילט, אַז פאַר אים מוז מען האָבן דרך־ארץ. עס איז געווען ווירדע אין זיין האַלטונג, ווירדע אין זיין קאַמף. ער האָט אַרויסגערופן כבוד צו זיך און האָט אויסגעשפּרייט כבוד אויף זיין געזעלשאַפט אַרום זיך.

און אַז די וועגן פון דער באַוועגונג האָבן זיך אומגליקלעך פאַרפּלאָנטערט אַזוי, אַז ער איז פּלוצים געבליבן מחוץ פון זיינע פירנדיקע פּאָליטישע אַמטן, באַך אַ סך פריִער איידער די שפּאַלטונג פון דער א״י־אַרבעטער־פּאַרטיי איז פאַרגעקומען (לב פאַרטייען אין חקר!), איז קאַפּלאַנסקי נישט פאַרביטערט געוואָרן און איז אין קליינליכקייטן נישט אַריינגעפאַלן. ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין אייגענער וויסנשאַפטלעכער פאַרגאַנגענהייט, און האָט פון דאָרטן אַרויסגעשעפּט פרישן כוח פאַר אַ נייעם פרילינג. 18 יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער ווי אָפּגעזונדערט, אָבער סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק געבויט אין חיפה די טעכנישע הויכשול פונעם א״י־ישוב און האָט דערצויגן הונדערטער און הונדערטער אינזשעניערן פאַר אונדזער נייעם אויפבוי אין לאַנד. ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר פעיִק אַנצוהייבן פון דאָסניי, אויף אַ גאַר נייעם געביט און דערגרייכן נייע דערפאָלגן, ווייל ער האָט פון פריִער אָנגעגרייט אין זיך אַ רייכן וויסנ־

---

[1] זומער 1928, אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל.

שאַפטלעכן און קולטורעלן באַגאַזש. ווען אַלע אויסערלעכע בריקן האָבן פלו־צים אָפּגעבראָכן, איז ער קיין נשרף נישט געבליבן. ווייל תורתו בתוך מעיו. און פון זיין אינעווייניקסטן, אייגענעם, קולטור־רייכטום האָט ער זיך אויפ־געבויט פונדאַסניי, אַן אומאָפּהענגיקן און זעלבסטשטענדיקן היכל, צום גליק פון לאַנד און צו ערע פון זיין באַוועגונג.

קאַפּלאַנסקי איז קיינמאָל נישט געווען קיין אומבאַשטריטענער טעאָרע־טיקער פון דער באַוועגונג, ווי עס איז געווען, למשל, באָראָכאָוו, פאַרקערט, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין אַמעריקע, האָט ער זיך זייער אָפט פאַרטראָטן מיינונגען, וואָס זענען צווישן די אָרטיקע חברים נישט געווען אָנגענומען. ער איז אָבער נישט געווען קיין פירער וואָס קעמפט פאַר זיין פער־זענלעכער פירערשאַפט מיט אָרגאַניזאַטאָרישע מיטלען. דערצו איז ער געווען צו פיין. ער איז אָבער געווען יאָרנלאַנג דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעפּרעזענ־טאַנט פון דער גאַנצער וועלט־באַוועגונג, איר באַזאָרגער און אויספירער, אומ־געפער לויטן מוסטער פון וויקטאָר אַדלער אין עסטרייך און וואַנדערוועלדע אין בעלגיע — אין מערב־אייראָפּע רופט מען עס: דער פּאַטראָן פון דער באַוועגונג.

און ער איז געווען דער מערב־אייראָפּעיִשסטער צווישן אַלעמען ביי אונדז אין יענער תקופה. פון זיינע ווינער סטודענטן־יאָרן האָט ער געבראַכט צו דער באַוועגונג די מערבדיקע מנהגים און פאַרשטענדעניש פאַר קונסט און פאַר מוזיק און פאַר פּאַרלאַמענטאַרישער דערפאַרונג. און האָט עס ווי אַ געבוירענער לערער־מייסטער געפּרווט איינצופלאַנצן צווישן די דעלעגאַטן, וואָס פלעגן קו־מען פון אַלע שטעט און שטעטלעך צו דער וועלט־קאָנפערענץ. אַ שול פאַר זיך איז דענסטמאָל געווען די וועלט־קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג. אַ שול פאַר א״י־קענטעניש, אַ שול פאַר פּאַרלאַמענטאַרישער דערציִונג, אַ שול פאַר אָרגאַניזאַטאָרישער מוסטערונג. און ער איז געווען דער שול־מייסטער אויף די וועלט־קאָנפערענצן, אַן אומאונטערבראָכענער דערציִער צום שטאַם און צום פּאַרלאַמענט. און אין אַ שול פון פּאַרלאַמענטאַרישער אויסבילדונג, האָט ער אויך פאַרוואַנדלט די זיצונגען פון אונדזער פראַקציע אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן אין משך פון יאָרן. ער האָט געפירט די פראַקציע און רעפּרעזענ־טירט זי און צעמענטירט אירע פאַרשידנפאַרביקע טיילן, קאָנגרעס נאָכן קאָנ־גרעס.

און אויך אין א״י, בשעת עס איז באַשאַפן געוואָרן און עס האָט זיך ברייט פונאַנדערגעוואַקסן די הסתדרות, איז ער נישט איינמאָל גערופן געוואָרן צו זיין דער פאָרזיצער פון אירע צוזאַמענפאָרן. הגם ער איז שוין געווען אין זיינע טאָג־טעגלעכע זאָרגן באַשעפטיקט אויף אַנדערע געביטן.

און דערפאַר איז עס אַזוי ווילד און שמערצלעך, וואָס גראָד בעת דער שטאַט האָט געדאַרפט ענדגילטיק אויסגעקעמפט ווערן איז ער גראָד נישט געווען צווישן די דערמוטיקער און פאַרייניקער. און בשעת עס איז אַנטשטאַנען דער שטאַט און אויפגעבויט געוואָרן דער פּאַרלאַמענט, איז ער — דער אייגנטלעכער „פּאַרלאַמענטאַריער" צווישן אונדז אַזוי פיל יאָרן — געווען דרויסן.

„פון אָנזאָג צו פאַרווירקלעכונג" רופט זיך דער באַנד פון זיינע געזאַמלטע שריפטן, וואָס מיר האָבן מיט יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אין יידיש. „חזון והגשמה" הייסט איצט די זאַמלונג אין דער העברעישער אויסגאַבע. איינציקאַרטיק און אומפאַרגלייכלעך איז געווען זיין חלק אין דער צייט פון „אָנזאָג". אומפאַרגעסלעך וועט בלייבן זיין ירושה אין דער צייט פון פאַרווירקלעכונג. אין ווער עס האָט געהאַט די זכיה צו זיין אַ באָענטער פון זיין לעבן און ווירקן איןביידע תקופות, וועט טראָגן אין זיך און פאַרשפרייטן אַרום זיך זיין באַלערנדיקן און ליכטנדיקן אָנדענק אין חברישער דאַנקבאַרקייט און טיפער אַכטונג.

דוד רמז

אין נאָמען פון אַ סך, אַ סך צענדליקער טויזנטער וואָס זענען אַרויס פון זייערע היימען, באַגלייטן דיך צו דיין אייביקער רו; אין נאָמען פון פיל, פיל טויזנטער קינדערלעך וואָס האָבן איבערגעריסן זייערע לימודים און האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט זייערע לערער און פענער פוןביידע זייטן וועג ביים פירן דיין אָרון איבער אַלע ישובים, — אַלטע און נייע, און צייטווייליקע, — פון ירושלים ביז זכרון יעקב; אין נאָמען פון אַלע דיינע טרויערנדיקע חברים, צעשפרייטע איבער אונדזער באַוועגונג אין גאָר דער וועלט; אין נאָמען פון דיינע נאָענטסטע ווען דער גורל האָט באַשערט איצט צו זיין ווייט פון דיין לוויה — אין נאָמען פון זיי אַלעמען: שלום, גרויסער טייערער ברודער! ליבע צו דיין אָנדענק, אַכטונג צו דיין לעבן, אייביקע פראַכט צום פאָלק און צו זיין באַפרייונגס־ווערק, ווען דו האָסט אַוועקגעגעבן די גאַנצע שיינקייט פון דיין טראַכטן און ווירקן!

וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער געדאַנק עס איז געווען, זיך אויסצוקלייבן זכרון־יעקב פאַר דיין אייביקן מקום מנוחה. דאָ, אין זכרון, האָסטו דאָך אָנגעהויבן דיין געבענטשטן וועג אין לאַנד, דאָ ביסטו עס געווען „אַן איינפאַכער אַרבעטער", אָבער דו האָסט גוט געוווּסט, אַלע מאָל, אַז אין אָט דער „איינפאַכער אַרבעט" האָט געשטעקט דער הייליקער סוד פון דיינע שפּעטערדיקע פּילפּאַביקע נצחונות; דאָ האָט זיך אין דיר צום ערשטן מאָל אָנגעצונדן דאָס שטרעבן צו פאַראייניקונג, און דאָ האָט דיך געפונען דיין חבר און לערער בערל כצנלסון, בשעת ער האָט אַזוי דורשטיק געזוכט די פאַראייינצלטע פאַרייניקונג־זוכער. און דענסטמאָל ביסטו נאָך געווען אַן איינזאַמער און אַ נייער, כמעט אַן אומבאַקאַנטער אין אָט דער בכבודיקער און איינגעפונדעוועטער קאָלאָניע. פון דאַנען ביסטו עס גערופן געוואָרן צו זיין פון די ערשטע זעקס גרונטשטיינלייגער פון אחדות העבודה, און זינט דעמאָלט האָסטו טריי און אָן אויפהער געדינט דער אידייע פון איחוד — איחוד פון יידן אינעם ישוב, פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינת־ישראל און נאָך איר אַנטשטייונג; איחוד פון יידישע אַרבעטער אין ישראל, איחוד פון דעם יידישן פאָלק אַרום ישראל — דאָס איז דאָך געווען דיין שטענדיק ליד, אָן אַ הפסקה, אַלעמאָל און אומעטום.

און אַ קינסטלער פון מעשים ביסטו געווען. נאָך דעמסטמאָל ווען דיינע חברים אַרום זענען געווען פאַרטאָן אין טעאָרעטישע דעפיניציעס, האָסטו זיך אַ ריס־געטאָן צו רעאַלע אויפטוּנגען. אָנגעהויבן האָסטו ווי אַ לערער אויף קאָנדיציעס אין פאַרוואָרפענע גלות־שטעטלעך און געענדיקט האָסטו ווי דער דיריגענט פונעם גאַנצן בילדונגס־וועזן אין דער זעלבסטשטענדיקער ייִדישער מדינה. און צווישן די ביידע פונקטן ציט זיך אַ לאַנגער וועג, פול מיט פּראַקטישע אויפטוּונגען און דערגרייכונגען, באַלויכטן פון אַ גרויסן דורשט נאָך מעשים און טאַלאַנט פאַר מעשים. ווען שאָסייען וואָלטן אַ מויל געהאַט, וואָלט דאָך היינט באמת מקוים געוואָרן דער אַלטער פסוק פון „דרכי ציון אבלות", זיי, די שאָסייען פון ארץ־ישראל וואָלטן היינט אין טרויער דערציילט, ווער עס האָט זיי אויסגעטראַכט און אויף דער וועלט געבראַכט; ווער האָט עס ביי אונדז אויסגעבילדעט דעם שאָסיי־אַרבעטער, ווער האָט פאַר אים טייער רבי־געלט באַצאָלט, האָט אים ווערקצייג פאַרשאַפט און פאַנטאַזיע געגעבן און מעגלעכקייטן געשאַפן דורכצולייגן שאָסיי נאָך שאָסיי איבעם נייעם ארץ־ישראל, ווען נישט דיין סולל־בונה?! וואָלטן מיר אָן אָט דעם דראַנג צו מעשים און טאַלאַנט פאַר מעשים געקענט דערגרייכן דאָס וואָס מיר האָבן דערגרייכט?

און דער לענגסטער טאָג איז געווען דיר צו־קורץ. די וואָרענונגען פונעם דאָקטער, אָפּצושטעלן זיך און אויסרוען, האָבן נישט געהאָלפן. אַפילו ווען ס'איז שוין געקומען קראַנקייט ווי אַ בייזער אָנזאָג, אַז עס קען ווערן ערגער, איז קיין צייט נישט געווען אָפּצוגעבן אים אויף אָפּרו. איז טאַקע אויסגעפלאָכטן געוואָרן אַ װוּנדערלעכע קייט פון אומפאַרגעסלעכע אויפטוּונגען. ווער פון אונדז געדענקט נישט יענע שווערע קאָנגרעס־נאַכט, ווען דו ביסט אַלס פּאָרזיצער אָפּגעשטאַנען, אַ קערפּערלעך־מידער און גייסטיק פרישער, די גאַנצע לאַנגע נאַכט אויף די פיס און מיטן האַמער אין האַנט געשמידט די באַשלוסן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג? און פונקט אַזוי ביסטו אָפּגעשטאַנען 13 יאָר נאָכאַנאַנד און מיטן אייזערנעם האַמער פון פלייס און פאַרשטאַנד געשמידט דעם גורל פון דער גאַנצער הסתדרות. און אַזוי האָסטו געלייגט ציגל נאָך ציגל איבעם בנין פונעם אָרגאַניזירטן ישוב אין זיינע שווערסטע גורל־יאָרן, און אַזוי ביסטו גערופן געוואָרן אָנטיילצונעמען אין דער פירונג פון דער יונגער ייִדישער מדינה, און אַזוי ביסטו איצט געפאַלן, אויף איר סאַמע הייך.

ברודער־געליבטער, דו ביסט דאָך לויט דיין גאַנצן וועזן געשאַפן געוואָרן צו זיין אַ מענטש פון גייסט. לויט דיין דערציִונג, ביסטו געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער קולטור פון פאָלק, יונגערהייט האָסטו אַפילו פאַרזוכט דעם טעם פון זיין אַ העברעיִשער דיכטער, און אַ גאַנצן לעבן האָסטו אַרומגעוואַנדערט איבער די רייכטימער פון דער העברעיִשער שפּראַך, און מיט אַ סך פרייד און

אינסטינקט האָסטו אָפּט אויסגעהאַקט פון אירע טיפענישן אַלט־נייע שפּראַכ־לעכע בילדונגען, וועלכע זענען באַלד אויפגענומען געוואָרן אומבאַמערקט אין אונדזער לעבדיקן שפּראַך־פאַרמעגן. אָבער געוואָלט האָסטו זיין דווקא: אַ מענטש פון טאַט, אַ בויער פון ממשותדיקע זאַכן. אַ מענטש וואָס גיט זיך אָפּ מיט טראַנספּאָרט, אָרגאַניזירט קאָאָפּעראַטיוון, לייגט דורך שאָסייען, בויט באַנען, גרינדעט שטיינהאַקערייען, זאָרגט וועגן עראָפּלאַנען, טראַכט וועגן שול־געביי־דעס אין מעברות, דורשט נאָך מעשים. ווייל דער שטעמפּל פון דער פאַרווירק־לעכונג־צייט איז אויפגעדריקט אויף דיין גאַנצן וועזן. ווייל נישט נאָר אַ מענטש פון גרויסן פאַרשטאַנד ביסטו געווען, נאָר אַ מענטש פון געבענטשטן טאַט. נישט נאָר „רב העצה" — נאָר אויך „גדל העלילה"!

און אַ פריינט ביסטו געווען מיט אַ גרויסן זכרון אין פריינטשאַפט. ניין, נישט נאָר אַ נייטיקן און זייער נוצלעכן חבר, נאָר אַ פאַרזענלעך־טייערן חבר גיבן מיר איצט איבער דער זכרונער ערד.

איך ווייס, דאָס וואָס מיר געבן איבער דער זכרונער ערד איז דאָס פאַר־גאַנגלעכע און קערפּערלעכע אין דיר. פון איצט הייבט זיך אָן דאָס גייסטיקע לעבן פון דיין אָנדענק. און אונדזער מדינה איז אַ מדינה פון אַן אייביקייט־פאָלק, וועט בלייבן אומפאַרגעסן דער אָנדענק פון אירע גרינדער.

מיר וועלן אין ליבע טראָגן דיין אָנדענק. און לויט אונדזער פעיִקייט זאָרגן דערפאַר, אַז אויך דער קומענדיקער דור, זאָל ווי מיר איצט, געדענקען און ליבן דיך און דיינסגלייכן.

***

אין דריי ריכטונגען האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל מחדש געווען נייעס אויף דעם וועג וואָס עס האָט פאַר איר אָנגעצייכנט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ־לארץ, און אין אָט די אַלע דריי חדושים ליגט דער סוד פון איר גרויסן נצחון.

ראשית, אין איר ליבע צו דער פאַרווירקלעכונג און צו דעם פאַרווירק־לעכער:

די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, און באַזונדערס איר נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע ריכטונג, איז געווען געצוווּנגען קודם־כל אויסצוואָרצלען אַלטע אַבסטראַקטע באַגריפן און איינצופלאַנצן נייע אַבסטראַקטע באַגריפן און אָנפירן אַן אידעאָלאָגישן קאַמף. אירע פירער האָבן געמוזט זיין טעאָרעטיקער לויט זייער מהות, פּאָלעמיקער לויט דעם אופן פון זייער השפעה, פאַרשער און דעפינירער, גרינדער פון טעאָריעס און רעווידירער פון טעאָריעס און אַנאַליטיקער פון גורל סיי פון זייער פאָלק און סיי פון דער וועלט. אין דעם

האָבן זיך אין חוץ־לאַרץ אויסגעצייכנט באַראַכאָוו, סירקין, זשיטלאָווסקי; דער־מיט זענען אין ארץ־ישראל געבענטשט געווען די ערשטע שריט פון גאָרדאָן, שילער, בערל. דערמיט האָבן זיי זיך איינגעקויפט זייער וועלט און דעראָבערט די הערצער פון זייערע תלמידים, און דערצו האָבן זיי דערצויגן אויך די יונגע, גייסטיקע אָרום זיי, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן און זיין השגה.

און עס איז געשען אַ ווענדונג אין דער אַנטוויקלונג זינט די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן דערפילן אין לאַנד די מיסיע פאַר וועלכער זי איז באַשטימט געוואָרן. געוויס, זי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער ירושה פון דער גרינדונג־ און גרינדער־תקופה. טריי און אויפמערקזאַם האָט זי אָפּגעהיטן איר גייסטיקע פאַרמעגן, האָט אים אָפּט פון דאָסניי קריטיש באַהאַנדלט און פריי אינטערזוכט, אָבער זי האָט זיך נישט באַגנוגנט דערמיט. מיט דעמזעלביקן ברען און מיט דערזעלבער קנאות האָט זי אויף אים אַרויפגעצויגן אַ צווייטן עטאַזש פון פאַרווירקלעכונג, זייענדיק געטראָגן פון דעם הייסן דראַנג נאָך מעשים און פון דער גרויסער פעיִקייט צו מעשים. זינט דאַן איז שוין נישט גע־ווען בלויז טעאָריע דער עיקר, נאָר קודם־כל די טאַט. די טעאָריע קומט בלויז כדי צו באַגלייטן די טאַט און צו באַלייכטן איר דעם וועג. און וואָס שווערער און באַשווערנדיקער עס איז געוואָרן די טאַט, אַלץ גרעסער ווערט די טאַט־פעיִקייט און דער ברען צו מעשים ביי די טוער. און אויך דאָ האָט זיך אָפּגע־רופן די ירושה פון טאַטנס־הויז און איז געוואָרן אַ ברכה. סיי די אַלטע פסי־כישע אייגנשאַפט צו פאַנטאַזירן וועגן גרויסע פּלענער און בויען שלעסער וואָס זען אויס ווי זיי וואָלטן שוועבן אין דער לופט, און סיי די פּראַקטישע אייגנשאַפט פון דעמזעלבן טאַטנס הויז צו האַנדלען און וואַנדלען מיט הצלחה, פירן גע־שעפטן פון נאָענט און וויט, זיין מבינים אויף אינדוסטריע און דעראָבערן מערק, וויסן דעם ווערט פון אַ פרוטה און זיך מוסר נפש זיין פאַר אַ שווה־פרוטה און מפרנס־זיין די גאַנצע משפחה בכבוד און צו יעדער צייט. אָט די געבענטשטע פּראַקטישקייט פון שטאָט און שטעטל איז ווי אַרויפגעשווומען דאָ פון אירע אַלטע טיפענישן און האָט באַקומען גאָר אַ נייעם אויסזען. און פאַרבינדנדיק זיך מיט דער אַבסטראַקטער טעאָריע — די ירושה פון דורות און די שאַפונג פון דעם דור — האָט זי אויסגעלערנט צו לעבן פון ממשותדי־קייט און מצליח זיין אין דער וועלט פון ממשותדיקייט; און דורך אָט דעם גרויסן הידוש האָט זיך די חלוצישע אַרבעטער־באַוועגונג געראַטעוועט פאַר דער רע־וואָלוציע אין אונדזער געשיכטע, פאַר וועלכער זי איז לכתחילה באַשטימט געווען.

און דער צווייטער חידוש איז באַשטאַנען אין דעם נייעם זין פאַר פאָלקס־מעסיקייט:

די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, ווי די גאַנצע השכּלה־וועלט אין דעם פּראָצעס פון פאָלקס־אויפלעבונג, — איז אין איר אָנהייב געווען געצוווּנגען צו צעשטערן הייליקטימער און צו שאַפן הייליקטימער, אויסצוואָרצלען באַגריפן, וועלכע מאַכן איינדרימלען און איינפלאַנצן באַגריפן, וועלכע מאַכן הונגעריק און דורשטיק; דעריבער האָט זי זיך געמוזט אָפּגעבן מער מיט נעגירן דעם יש, איידער מיט אויסגעפינען דאָס ליכט, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דעם דאָזיקן יש. די ישועה האָט געווונקען פון דרויסן און דאָס האַרץ האָט דעריבער געצויגן צו ווייטקייטן און צו די זיך דערווייטערנדיקע. דאַרף מען דאָ נישט שטעלן קיין קשיות נאָך דער צייט. דער ווערט פון יעדער זאַך מוז געמאָסטן ווערן לויט זיין אָרט און צייט. אָבער מ׳האָט נישט געטאָרט בלייבן ביי אומצייטיקס, ווייל די סכּנה פון דעהיסטאָריזאַציע האָט שוין געלויערט אויף אַלע שטעגן, מיט דער גאַנצער קללה פון פּרוכטלאָזיקייט און אָפּגעריסנקייט וואָס ליגט אין איר. פון איר נעמט זיך עס די שנאה צו העברעיִש אַלס פאַרבאַדינג פאַר דער ליבע צו ייִדיש. פון איר נעמט זיך אוגאַנדאַ און דערנאָך סתם־פריילאַנד אַנשטאָט ארץ־ישראל. פון איר נעמט זיך די רעליגיעזע אַפּיקורסות אַלס ערשטער וויסנשאַפטלעכער פּאָסטולאַט. פון איר נעמט זיך דער שטענדיקער זעלבסט־ביטול פאַר יעדן שטערן וואָס גייט־אויף ערגעץ־ווו אין דער פרעמד, אַ זעלבסט־ביטול וואָס אַט פאַרשווינדט ער און אַט באַווייזט ער זיך ווידער, ווי נאָר עס רוקט זיך אָן אַ שווערע שעה. פאָרזעצן אַזוי איז געווען אוממעגלעך. אַזוי איז אוממעגלעך געווען אַרויפצוגיין אויפן נייעם וועג פון דער ייִדישער רעוואָלוציע אין לאַנד. אַזוי האָט די ליניע געמוזט פירן גלייך־גלייך, אַפילו אויב מען האָט עס גריילעך נישט געוואָלט, — אין די אָרעמס פון דער יעווסעקציע, וועלכע האָט זיך טאַקע באַוויזן ביים סוף פון דעם באַרג אַראָפּ, זיך פאַרמעסטנדיק איינצושלינגען אַלץ וואָס עס האָבן אויסגעטרוימט און אויפגעבויט די פאָטערס פון דער באַוועגונג; ווי זי האָט טאַקע דערנאָך געשלונגען און פאַרניכטעט. ווי זי פאַרשלינגט און פאַרניכטעט היינט.

אַ נס וואָס עס איז געקומען די ווענדונג, וואָס נאָך באַצייטנס און ביי די ערשטע שריט אין היימלאַנד, האָט זיך ביי יחידים אַנטפּלעקט דער גרויסער גייסט דורכצומאַכן די רעוויזיע אויפן גאַנצן געביט, מיט אַלע אירע פאָלגן. די חלוצישע אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, געטריי דער בעסטער טראַדיציע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר אומצייטיקע יוגנט־פּירות און שטורעם פון נייער דבקות האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן פאָדערן: דווקא העברעיִש און דווקא ארץ־ישראל, און דווקא אַ זאַפטיקע ייִדישע פאָלקסטימלעכקייט, און אחריות פאַר דער קולטור־טראַדיציע און דרך־ארץ פאַר דער גרויסקייט פון דער אייביקייט, ווייל ליכט איז אין איר און עס איז

נישטאָ קיין אויפלעבונג אין נעגירן זי. גאָרדאָן האָט אָנגעהויבן. בערל האָט נאָך מער געטאָן. אחדות־העבודה האָט עס געטראָגן צו די מאַסן. און אָט ווייזן זיך די נייע שפּראָצונגען, וואָס זאָגן אָן דעם קומענדיקן פרילינג.

ווען עס וואָלט בשעתו נישט געשען דער דאָזיקער חידוש, וואָלט אונדזער באַוועגונג נישט אויפגעטאָן דאָס, וואָס זי האָט אויפגעטאָן. און ווען די דאָזיקע ווענדונג איצט נישט פאַרטיפט ווערן, און ווען מיר נישט האָבן דעם כוח צו פאַרברייטערן אירע האָריזאָנטן מיט שכל און מוט אין דער איצטיקער תקופה פון קיבוץ־גלויות און זעלבסטשטענדיקייט־ישועה — ווי אַזוי וועט אונדזער באַוועגונג קענען אויספירן דאָס וואָס זי מוז נאָך אויספירן?

און דער דריטער נייער אויפטו באַשטייט אינעם דורשט נאָך פאַריי־ניקונג:

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און אַפילו די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, איז לכתחילה געווען אַ פּראָדוקט פון דער קלאַסן־דיפערענציאַציע אין פאָלק און פון דער גייסטיקער דיפערענציאַציע אין קלאַס, און איז פון תמיד געווען באַהערשט פון אַ צעשפּליטערונג־תאווה. אויך די באַוועגונג־לערערין, די רוסישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער צייט פון צאַריזם און אינעם קאַמף קעגן אים, האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעכאַפּט אָן קיין שום ממשותדיקער זאַך, וואָס זאָל זיין מסוגל צו פאַראייניקן, און איז נאָך אַליין געווען הפקר פאַר אַלע שפּאַלטונג־ווינטן פון אַלע זייטן. און די באַוועגונג־שילערין, די אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם יידישן שטעטל פון דער צאַרישער רוסלאַנד — אַוודאי און אַוודאי. דאָ איז געווען אַלץ אַנטבלויזט און איבערגעלאָזט צו דיסקוסיעס און צעברעקלונגען איבער יעדן אות, סיי אָן אַלט־געהייליקטן, סיי אַ ניי־געשאַפענעם. ווי גרויס איז געווען די סכנה, אַז גראָד די דאָזיקע אייגנשאַפט, וועלכע האָט אַזוי פיל אָנהאַלט אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט, זאָל זיך נישט ווערן אָפּטאָן פון אונדז אויך דאָ, אויף דער ערד פון אונדזער באַנייונג! און ווי גרינג איז עס געווען, אַז צוליב אָט דער אַלט־נייער אייגנשאַפט זאָל אונדזער באַוועגונג באַרויבט ווערן פון דער גאַנצער ברכה פון פאַרווירקלעכונג און מיר זאָלן צעריסן ווערן דורך די נעגל פון דער שפּאַלטונג־ליידנשאַפט, ביי יעדער שקיעה וואָס לויערט אויף אונדז אינעווייניק, אָדער ביי יעדן פרימאָרגן וואָס גייט־אויף ערגעץ דרויסן.

ווען עס וואָלטן גלייך אין אָנהייב נישט אויפגעשטאַנען געציילטע יחידים, וועלכע האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן יצר־הרע וואָס הויערט אין אונדז פון שטענדיק אָן, און וואָלטן נישט אַרויס מיט דער ליידנשאַפטלעכער פאָדערונג צו פאַראייניקן אָרגאַניזאַטאָריש אַלע די, וועלכע זענען שוין פאַראייניקט דורכן גורל און לעבנס־ציל, נישט געקוקט אויף אַלע אונטערשידן פון

מיינונגען און פון געוווינהייטן און פון מאָמענט־קריזיסן; וואָלטן מיר דען גע־וועזן מסוגל, אָן דעם דאָזיקן אומשווונג, אויפצושטעלן און אויפצוהאַלטן די הסתדרות, דעם החלוץ, די יוגנט־באַוועגונג, די פאַראייניקונג פון הפועל הצעיר און אחדות־העבודה, די אָרגאַניזאַציע פונעם ישוב, די הגנה, די קאָלאָניזאַציע־באַוועגונגען, דעם קיבוץ און דעם מושב, די קעמפנדיקע אַרמיי און די פאַר־טיידיקנדיקע אַרמיי, און אַפילו די רעגירונגס־קאָאַליציע? און אָן דער סיס־טעמאַטישער און כסדרדיקער פאַרטיפונג און פאַרברייטערונג פון דער דאָזי־קער גרונט־אייגנשאַפט, וועלן מיר דען קענען וואַקסן און זיך פאַרשטאַרקן אין די דאָזיקע טעג פון אויסמישונג פון ווייטע גלותן און צונויפפלעכונג פון צע־שפּליטערטע דורות, אין רעכטן מיטן שטורעם פון וועלט־שפּאַלטונגען?

אויף אָט די דריי יסודות — וועלכע זענען אַלע ניי ביי אונדז און יעדער פון זיי באַדייט אַ זעלישע אויפגאַבע פאַר דעם דור, — האָט זיך געהאַלטן, האַלט זיך און וועט זיך האַלטן די חלוצישע באַוועגונג אין לאַנד.

און אָט די אַלע דריי ווונדערבאַרע מעלות, יעדע באַזונדער און אַלע צו־זאַמען, זענען געווען די הויפּט־כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם דוד רמז; זיי אַלעמען האָט ער געווידמעט זיין גאַנצן וועזן און ווירקן, זינט ער איז אַרויף אויף אונדזער גרויסלשאַפטלעכער בינע, מיט 40 יאָר צוריק, ביז ער איז, אָקאָרשט ערשט, געפאַלן, שטייענדיק אויף איר שפּיץ. זיי האָט ער גרויס געמאַכט און אין זיי איז ער גרויס געוואָרן, און יעדן פון זיי האָט ער געדינט מיט איינגעהאַלטענער התלהבות, און מיט שכלדיקער פאַר־זיכטיקייט און מיט דעראָבערנדיקער פּראַקטישקייט, אומדערמידלעך און אומ־אָפּגעשראָקן.

פאַרשט, — וועט איר געפינען, אַז יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך געפאָ־דערט אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג כדי צו שטאַרקן און דערהייבן איינע פון אָט די דאָזיקע דריי אייגנשאַפטן, — אויף אונדזערע צוזאַמענפאָרן און אין אונדזערע לעבנס־ווערק, — איז דוד רמז שטענדיק געווען צווישן די ערשטע שטורעמער און טוער, וואָס האָבן אַלאַרמירט און אויסגעטראָטן דעם וועג, ביז די דאָזיקע אייגנשאַפטן זענען אין אים ווי צונויפגעוואָקסן געוואָרן אין איין אָרגאַנישן וועזן, און זיך ווי צונויפגעפלאָכטן אין יסוד און וואָרצל.

גראָד אין דער לעצטער צייט, ביי אַ סך געלעגנהייטן, האָט ער זיי אַלע־מען געגעבן אַן אויסקריסטאַליזירטן און שניידנדיקן אויסדרוק.

„אייגנטלעך, ווויל איך גאָר זיין צוריק אַ בעל־עגלה" — האָט ער געזאָגט אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען — „לאָזט מיר זיך צוריקקערן צו דער קאָמוניקאַציע און צו דער קאָאָפּעראַציע" (און הערנדיק דאָס פון אים, האָבן אין מיינע אויערן אַ קלונג־געטאָן די ווערטער פון דעם דיכטער, דעם גרעסערן

פון אים: „אַ האַלץ־העקער בין איך דאָך־ אַ מענטש פון האַק! טו מיר פשוט מיין אַרבעט..." (ח. נ. ביאַליק).

און קעמפנדיק צווישן זיינע חברים, פאַר דער רעליגיעזער דערציונג, נישט לאַנג פאַר זיין טויט, האָט ער קלאָר געפסקנט: „זייט וויסן: אַפּיקורסות געהערט נישט צום פונדאַמענט פון אונדזער באַוועגונג". און ער האָט עס גע־זאָגט מיט אַ ברען.

און זיין גאַנצער יוגנטלעכער פייער פלעגט זיך אומקערן צו אים, ווען ערגעץ־ווו ביי אונדז האָט אַ שאַל־געטאָן דער רוף צו פאַראייניקונג. קיין שום אָרנטלעכע פשרה איז אים נישט צו שווער געווען, אויב זי איז נאָר געווען בסוגל אַריבערצוואַרפן אַ בריק איבער אָפּגרונטן, וועלכע האָבן געדראָט פּו־באַנדערצוטיילן ברידער. צו איין אָרגאַנישן דריילינג זענען געוואָרן ביי אים אָט־די דריי אויסדערוויילטע מעלות: דראַנג צו ממשותדיקער רעאַליזירונג, איינגעוואָרצלטקייט אין שפּראַך און קולטור פון פאָלק; איבערגעגעבנקייט צו דער אידייע פון איחוד.

אַזוי די גאַנצע צענדליקער יאָרן, זינט ער איז אַרויס מיט זיין רוף, צו־זאַמען מיט זיין חבר און לערער בערל כצנלסון, איינלייטנדיק זיין ערשטן רוף צו „אחדות העבודה", דורך אַלע יאָרן פון טאַט און קאַמף אין קלאַס און אין פאָלק, שטילערהייט און אָפן.

און אין די יאָרן פון גרויסער פאַרווירקלעכונג, אין די יאָרן פון דער מדינה, ווען עס איז געקומען דאָס גאָר גרויסע, האָט ער זיך פאַרמאָסטן אויפ־צו טאָן נאָך גרעסערס אין אָט די אַלע דריי ריכטונגען...

וואָלטן נאָר זיינע פיזישע כוחות אים וועלן ביישטיין! אָבער דווקא דאַן ווען עס האָבן זיך סוף־כל־סוף פונאַנדערגעעפנט די גרויסע שאַפונגס־מעגלעכ־קייטן, האָט אים זיין קערפּער פאַראַטן.

נישט איינמאָל האָבן אים שוין צוגעדריקט די אומשטענדן פון אַ קאָמפּלי־צירט לעבן. אָבער מיט זיין גרויסער חכמה און מיט זיין שטאַרקן לעבנס־דראַנג האָט ער אַלע מאָל געוווסט צו געפינען אַן אויסוועג. דאָסמאָל האָבן זיך אויס־געלאָזן אַלע עצות.

און ווען זיין דאָקטער האָט געפּרוווט אים צוגעבן מוט אין זיין לעצטן טאָג אין פאַרזיכערט, אַז אים איז בעסער, און אַז עס וועט אים ווערן נאָך בעסער, האָט ער מיט די לעצטע כוחות קוים אַרויסגערעדט:

„וואָס העלפט עס, אַז איך גיי אויס — — —".

פּלוצים, ווי פון אַ באַהעלטעניש, נאָך אַ גרויסן טאָג פון אַרבעט, פול מיט פּלענער און אויפגאַבן, שווערע אָבער אויך צוזאָגנדיקע, איז אויף אים אָנגע־פאַלן דער טויט, אין רעכטן מיטן נאַכט, אַזוי ווי עס פאַלט אָן די האַק אויפן

בוים אין טיפן וואַלד. האַקט און לאָזט נישט אָפּ, ביז זי ברעכט איין זיין שטאַם און וואַרפט אים אום אויף דער ערד — — —

ווי ביסטו געפאַלן, אויפן סאַמע שפּיץ פונעם באַרג, גראָד דענסטמאָל, ווען פאַר אַלע דיינע געבענטשטע אייגנשאַפטן האָבן זיך פונאַנדערגעעפנט די ברייטסטע טויערן!

ווייל ערשט איצט איז דאָך געקומען די ריכטיקע צייט פאַר די אַלע דריי מעלות, זיך צו אַנטפּלעקן מיט דער פולער ברכה וואָס שטעקט אין זיי. פאַר אַם דער צייט זענען זיי דאָך אַלע יאָר געפּלעגט און געהאַדעוועט געוואָרן. ווען נאָך זענען אַזוי גרויס און ברייט געווען אין אונדזער לאַנד די מעגלעכקייטן ממשותדיקס צו טאָן, און די פליכט עס צו טאָן, ווי אין אונדזערע טעג? ווען נאָך האָבן מיר געהאַט דאָס גליק און דעם חוב זיך אַזוי אויפמערקזאַם איינצו־הערן אין די טיפע קוואַלן פון אונדזער גייסטיקער אייגנאַרט, ווי אין די דאָ־זיקע ערשטע יאָרן פון אונדזער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט? און ווען נאָך איז אונדז אַזוי באַשערט געווען די זכיה און די פליכט צו דערנעענטערן ווייטע און צונויפפלעכטן גלותן און קולטורן און דורות און פּאַרטייען און אויסצופו־רעמען פון זיי אַלעמען איין פאָלק?

ערשט איצט איז דאָך געקומען די רעכטע צייט פון גרויסן פרילינג פאַר דעם גאַנצן אוצר פון אַלע דיינע מעלות!

און גראָד איצט, אויפן סאַמע שוועל פון די ברייטסטע מעגלעכקייטן איז ווי שטענדיק אַראָפּגעקומען דער שטן אונדז צו צעטומלען און צו אָפּשוואַכן, און צו באַנייען אין אונדז, ווי אַן אַלטן רעצידיוו, אַלע יוגנט־קראַנקייטן פון די טעג פון אונדזער אומרייפקייט, וואָס מיר האָבן געהאָפט אַז זיי געהערן שוין אינגאַנצן צו דער פאַרגאַנגענהייט!

ווער וועט איצט זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט און וועט מצליח זיין? ווער איז געבענטשט מיט אָט־די אַלע דריי מעלות, צוזאַמען, כדי ער זאָל קע־נען מצליח זיין? וועמען איז געגעבן געוואָרן סיי דער גייסטיקער כוח און סיי די קערפּערלעכע געזונטקייט, וואָס ערשט ווען זיי פאַרבינדן זיך מיט יענע דריי מעלות הייבט זיך אָן די האָפענונג, צו קענען מצליח זיין?

דיר איז באַשערט געווען צו פאַרמאָגן זיי אַלעמען אַ סך יאָרן נאָכאַנאַנד, ווי אַזוי ביסטו עס אָן רחמנות צעבראָכן געוואָרן, ביים סאַמע אויפגאַנג פונעם גרויסן טאָג?

גרויסער פריינט, ווי האָסטו אַמאָל געזאָגט: „ברוך שעשנו חברים".

י"ז־י"ח אייר, תשי"א

דוד שמעוני

ס׳איז אַ באַזונדער זכיה פאַר אונדזער אויפלעבונגס־באַוועגונג, וואָס דיכטער האָבן באַגלייט אירע שטרעמונגען. אַ מאָל האָבן זיי געשעפּט זייער יניקה פון אירע טיפסטע קוואַלן, און אַ מאָל האָבן זיי ווי קרוינען אַראָפּגעלויכטן פון אירע כוואַליעס־שפּיצן. בשעתו האָט נאָך י. ל. גאָרדאָן געזוכט צו געווינען פאַר זיין דיכטונג די פּירנדיקע ראָלע אין דעם אידייען־געראַנגל פון זיין צייט. אָבער זינט ס׳איז אויפגעקומען ביאַליקס זון, האָבן זיך אַרום איר אָנגעהויבן אַרומרינגלען אַלע געדאַנקען און מעשים פונעם דור, און פון אַלע אונדזערע ווינקעלעך האָט אַרויסגעשיינט איר ליכט.

די צווייטע עליה איז אייגנטלעך געווען אַ יונגע געטרייע צווייג פון אָט דער באַוועגונג. זי איז אָבער געווען אַן אייגנאַרטיקע און ווידערשפּעניקע צווייג. נאָך זייענדיק אין די שטעטלדיקע היימען, האָבן זיך די זין און טעכטער פון דער צווייטער עליה אָפּגעקערט פון דעם אָנגענומענעם און אָנערקענטן נוסח. און זינט זיי האָבן זיך פאַרפלאַנצט אין ארץ־ישראל זענען זיי, לויט זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער, געוואָרן אַ שפּאָגל־נייע דערשיינונג. און גלייך ווי זיי האָבן זיך געריסן צו אייגענער שעפערישער אַרבעט אין דער נייער ווירקלעכקייט, אַזוי האָבן זיי אויך געבענקט נאָך אַ נייעם און אייגענעם דיכטערישן אויסדרוק. מיטן ערשטן טיפן צעאַקערן דעם אומקרויט אין פעלד, איז אָנגעשריבן געוואָרן די ערשטע אַרבעטער־אַקער־דערציילונג — „בחר״, און ביים ערשטן אויסגעגראָבענעם ברונעם האָט זיך באַוויזן די ליטעראַרישע סקיצע „באר חפרנו״ (ביידע פון מאיר ווילקאַנסקי). די אַלע און ענלעכע פּרוּוון האָבן אָבער נאָר עדות געזאָגט ווי טיף עס איז געווען דער דראַנג נאָך אַן אייגענעם ליטעראַרישן נוסח. מיט שמעונאָוויטשעס אידיליעס האָט זיך אָנגעהויבן דער נוסח אַליין פון דער דאָזיקער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־ליטעראַטור.

דוד שמעונאָוויטש איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל אין איין יאָר מיט בערל קאַצענעלסאָן. אַ פּאָר חדשים פאַר אים איז געקומען קיין א״י י. ח. ברענער און עטלעכע חדשים נאָך אים איז אָנגעקומען בערל קאַצענעלסאָן. און פון באָברויסק, דער שטאָט פון בערלען איז ער געקומען. ביי די זעלביקע

אַלמערס ספרים אויף דער זעלביקער סאַלקע פון בערלס עלטערן־הויז איז צייטיק געוואָרן זייערביידנס יוגנט. ווי צאַרט זענען אָנגעשריבן דוד שמעו־ניס זכרונות וועגן זיין יוגנט־חבר בערל, און ווי שטאָלץ איז בערל אַלע יאָרן געווען אויף די ליטעראַרישע דערפאָלגן פון זיין חבר דוד. אַפילו דעמאָלט ווען די אַרבעטס־שטחים זייערע האָבן זיך צעשיידט זענען זיי געבליבן די אינטימסטע פריינד. קומענדיק קיין א״י איז בערל געוואָרן אַן אַרבעטער אין יהודה און באַלד שפּעטער זיך אַוועקגעלאָזן אין דער קבוצה אין גליל, און דוד איז געוואָרן אַ וועכטער אין די וויינגערטנער פון יהודה און שומרון. בערל האָט אויסגעפורעמט די צווייטע עליה, און דוד האָט זי באַזונגען. דאָס לעבן פון דער צווייטער עליה איז געווען דער קוואַל פון דודס דיכטונג, און דודס דיכטונג איז געוואָרן דער שכר פון דער צווייטער עליהס מי — —

אי בערל אי דוד זענען אויפגעוואַקסן אין די שטורעם־יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און ביידע זענען געווען געטרייע קינדער פון דעם יידישן יוגנט־אויפברויז אין איר. בערל האָט נאָך ייִנגלווייז געהאַלטן רעפעראַטן פאַר די אַרבעטער־געזעלן און זאַקן־מאַכערקעס אין באָברויסק, און דוד האָט שוין זייער פרי אָנגעהויבן דרוקן אין עס־עסישן דער נייער וועג אין ווילנע יידישע איבערזעצונגען פון רוסישע רעוואָלוציאָנערע לידער. און אַז ביי אונדז אין שטעטל פלעגט זיך פאַרזאַמלען די יוגנט אינעם צימער פון מיין סאָציאַליסטישער שוועסטער און זינגען דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן הימן „ווי זשערטוואַיו פּאַלי״, און דאָס עצם זינגען האָט געדראָט מיט „אָביסקעס״ און אַרעסט, און, קודם־כל, מיט טויטשרעק פון טאַטע־מאַמע און פון שכנים, פלעג איך האַלט האָבן דעמאָלט אַריינצוזינגען אינעם רוסישן פאַר מיין איי־גענעם יידישן נוסח, אַזוי ווי ס׳האָט אים איבערגעזעצט פאַר אונדז דוד שמעו־נאָוויטש: „ווי לייבן געפאַלן זייט איר אין דער שלאַכט״.

אַז איך האָב פערזענלעך געטראָפן דוד שמעונאָוויטשן אין דער רוסישער הויפטשטאָט פעטערבורג, בין איך נאָך געווען אַ יונגער אָנהייבער, און ער האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט זיין רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט און איז געוואָרן אַ באַקאַנטער העברעיִשער דיכטער. זיינע לידער האָבן זיך שוין גע־האָט געדרוקט אין די זאַמלביכער אחיאסף, אין די העפטן פון השלח און הזמן און אין ברענערס מעורר. און נאָך איידער ער איז געווען אין ארץ־ישראל האָט זיך שוין אַרום אים געטראָגן אַן עכטע ארץ־ישראל־לופט.

אנכי איש עברי מארץ הנכרים — —
ויהי לי גב כפוף —
(איך בין אַ ייִד פון אַ לאַנד פון די פרעמדע — —
איז מיין רוקן געוואָרן געבויגן) —

האָט ער שוין דעמאָלט געזונגען און מיר האָבן פון זיין ליד שוין פאַרנומען, אַז ס׳וועט זיך נישט אויסגלייכן אונדזער רוקן, ביז מיר וועלן זיך נישט אַ הייב טאָן און אַוועקפאָרן פונעם „לאַנד פון די פרעמדע״ אין אייגענער היים.

אומבאַשרייבלעך איז געווען דער איינדרוק, וואָס ס׳האָט געמאַכט אויף אונדז זיין וואָרענונג־ליד „דער לעצטער״. געהאַנדלט האָט זיך אינעם ליד וועגן דעם לעצטן שומרוני, וואָס פילט ווי זיין גאַנצער אַלטער שטאָם גייט אויס פאַר זיינע אויגן. נאָך אַ ווײַלע און קיינער וועט מער נישט וויסן „ווי אַ שומרוני לאַכט, ווי אַ שומרוני ליבט, ווי אַ שומרוני שלייפט זיין שווערד, ווי אַ שומרוני וויינט. ער איז דער לעצטער. אין די פאַלדן פון זיין שטערן רוט דער סוד פון טויט״... „אויף די הייכן פון די בערג הילכט אַ פאַסטעכליד: נישט אַ שומרוני וועט עס הערן. זיין קבר איז שוין געגראָבן״. די אימה פון אונטערגאַנג איז אונדז באַפאַלן. מיר זענען פאַרציטערט געוואָרן. דעם שומרוני האָבן מיר אייגנטלעך קיין מאָל נישט געזען און זיין גורל איז אונדז געווען פרעמד. אָבער מיר האָבן דערשפּירט, אַז דער פרעמדער שומרוני איז דאָ מער נישט ווי אַ משל, און מיינען מיינט דער דיכטער אונדז אַליין. ווייל אויף אונדז, אויפן גאַנצן פאָלק, הענגט עס די סכנה פון גייסטיקן אומקום. און די קורצע ווידמונג־אותיות אינעם קאָפּ פונעם שיר לי. ח. ב. (צו יוסף חיים ברענער), האָט ווי אויסגעטייטשט קלאָר די סימבאָלישע כוונה פון דער דיכטערישער התראה.

די ביטערע נבואה אַליין האָט שוין ביאַליק מיט צוויי יאָר פריִער אונדז אַ וואָרף געטאָן אין האַרצן אַריין אין זיין ליד „דבר״. אָבער אָט די קאָנקרע־טיזירונג אויף דעם איינעם, וואָס ער אַליין (ד״ה דו אַליין) זעט דעם אויסגאַנג פון זיין אַלטן שטאַם און שפּירט דעם פאָלקס־קבר, וואָס ווערט שוין געגראָבן, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

געדענק איך אַ שפּאַציר־גאַנג מיט דודן אין אַ ברענענדיקן ווינטער־פראָסט, ביי דער בלייכער שיין פון דער ווייסער נאַכט, אין פּעטערבורג, אויף דער „פראַנצויזישער נאַבערעזשנע״. נעבן דער פאַרפרוירענער ניעוואַ, צור־פּוסנס פון צוויי גרויסע ספינקסן, וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן פון ווייטן, הייסן מזרח אינעם קאַלטן צפון. קנאַקט דער שניי אונטער די פיס און דוד דערציילט, וואָס ער הערט אַרויס פון די קנייטשן פון די מצרישע ספינקסן, ווי שווער זיי ראַנגלען זיך מיט די צפונדיקע קאַלטע ווינטן, וועלכע קענען זיי נישט בייקומען, ווייל אין זיי אינעווייניק האָבן זיך טויזנטער יאָרן אָנגע־זאַמלט די פלאַמיקע היצן פון די מזרחדיקע מדבר־חאַמסינען. שפּעטער האָט ער עס אויסגעזונגען אין זיין ליד „ספינקסן״, אָבער שוין דעמאָלט האָט ער

אונדז פּאָרטרויט „זייער רעטעניש“ וועלכע איז אויך אונדזער רעטעניש, און מיר האָבן אַלע גוט פאַרשטאַנען דעם פאַרפליכטנדיקן מיין.

אין ארץ־ישראל איז דוד שמעונאָוויטש דעמאָלט געבליבן עפּעס מער ווי אַ יאָר. געווען אַ וועכטער אין ווייִנגערטנער פון רחובות און אַן אַרבעטער אין פּרדסים פון פּתח־תקוה. ער האָט זיך פּערזענלעך דערנענטערט צו זיין פריינד, וועמען ער האָט פריִער בלאָך פאַרערט פון וויטן — צו י. ח. ברענער. דעמאָלט האָט ער געטראָפן די תימנים, וואָס האָבן זיך באַזעצט לעבן רחובות. דעמאָלט איז אויך „געשלאָסן געוואָרן זיין בונד“ מיט די זומפּאַרבעטער. און אין יענעם יאָר איז צייטיק געוואָרן זיין ליטעראַריש שאַפן. אין יענער צייט האָט ער צונויפגענומען זיינע ערשטע צוויי לידער־ביכלעך (שטורעם און שטילקייט, און מדבר). דעמאָלט האָט זיך באַוויזן זיין אידיליע „ירדנית“, און באַלד דערנאָך „ביער בחדרה“, און תיכף נאָך דעם „מלחמת יהודה והגליל“ און ווידער אַ מאָל „כרמית“. אַלץ — אָנהייב־קעמערלעך פון אַ נייעם ליטעראַרישן שטייגער וואָס הייבט זיך אָן אויסצופורעמען. אין די אידיליעס האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דער ריטם איז נאָך געווען אין גאַנצן אַ רוסישער, און די אויסשפּראַך אַן אשכנזישע. ד״ה דער קוואַל האָט נאָך געשלאָגן ווייט „דאָרטן“, און די רייד זענען געווען געווענדט „אַהין“ צו די הערצער, וואָס זענען צעוואָרפן אין דער וויטער פרעמד. אָבער די העלדן זענען שוין געווען שפּאָגל־נייע און זייער פאָדערונג איז געווען אַן אויפרייצנדיקע. שוין נישט די פריִערדיקע ברענערישע העלדן ווי אוריאל דווידובסקי און חזקוני, מיט זייערע ראַנגלענישן און ווייטיקן, נאָר דער לאַנד־אַרבעטער אלקנה, און דער פלאַנצער בן־ארצי, און זבולון הפרעותוני, און דער לץ נפתלי, און די יונגע רייצנדיקע אַרבעטאָרין פון גליל און, דער עיקר, דער אַלטער ר׳ פּנחס, דער לוסטיק־לעבעדיקער לערער, וואָס אַרבעט און טאַנצט און מאָנט און פאָדערט. איז די גאַנצע ליטעראַרישע אידיליע אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אָנזאָג. און ס׳איז טאַקע געשען אַ נס, וואָס האָט דעמאָלט זעלטן פּאַסירט מיט העברעיִשע דערציילונגען: די אידיליעס זענען אַרויס פון די העפטן פון השלח און מולדת און הפּועל הצעיר, און זענען דערשינען אין דער פאָרעם פון באַזונדערע העפטלעך, און זענען געוואָרן באַליבט ביי דער יוגנט און ביי דערוואַקסענע.

און באַלד האָט זיך ווייט און ברייט צעשפּרייט אַ נייע שול־נעץ פון העברעיִשע מאָדערנע שולן, און די אידיליע איז אַריין אין אַלע כרעסטאָמאַטיעס און זענען געוואָרן געלערנט פון צענדליקער טויזנטער תלמידים. און אַז דער וועלט־קריג האָט זיך פאַרענדיקט און ס׳האָט אַ פליי־געטאָן די כוואַליע פון דער דריטער עליה, האָבן שוין גאָר אַ סך פון די קומענדיקע חלוצים גע־

האָט אי „ביער בחדרה״, אי „יובל העגלונים״, סיי אין זייער רענצל און סיי אין זייער זכרון.

און איידער ס'איז נאָך דערשינען די פּראָגראַמאַטישע בראָשור פון א. ד. גאָרדאָן, די אַרבעט, און איידער עס זענען איבערגעזעצט געוואָרן און אַפילו געשריבן געוואָרן זיינע בריוו פון ארץ־ישראל, און אַוודאי אַ סך פריִער איידער גאָרדאָן אַליין איז געפאָרן פון דגניה קיין פּראָג צו זען זיך מיט זיין באַגייסטערטן עולם, וואָס האָט געוואַרט אויף אים אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „התאחדות״, האָט אים שוין לאַנג אַנטדעקט דוד שמעונאָוויטש און האָט אים אויפגעהויבן ווי אַ פאָן איבער די קעפּ פון זיינע לייענער, פריִער סקיצנאַרטיק אין „ביער בחדרה״ און שפּעטער אין זיין דערציילונג „התועה בזמן״, וואָס האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין השלוח און חדשים־לאַנג געהאַלטן אין שפּאַנונג דעם יונגן זוכנדיקן ייִדישן לייענער. דוכט זיך מיר, אַז כ'האָב קיין טעות נישט, אויב כ'וועל זאָגן, אַז נאָך איידער דער הפּועל־הצעיר אַליין האָט גאָרדאָנען אָנערקענט פאַר זיין רבי, האָט שוין דוד שמעונאָוויטש אים אַרויסגעשטעלט אַלס אַ מוסטער־פיגור אין זיין דיכטונג און פּראָזע. און די השפּעה פון אָט־דער פריינדשאַפט האָט אָנגעהאַלטן זייער לאַנג, און גראָד אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט זי זיך באַזונדערס צעבליט.

דוד שמעונאָוויטש איז נישט געווען דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעפירט די אידיליע אין דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור. פאַר אים איז געווען שאול טשערניכאָווסקי. און די ווירקונג פון טשערניכאָווסקיס אידיליעס רוט שטאַרק אויף די אידיליעס פון דוד שמעונאָוויטשן. אַזוי ווי מען קען נישט לייענען די ווינטער־לידער פון שמעונאָוויטשן נישט געדענקענדיק די ווינטער־לידער פון ח. נ. ביאַליק, וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט צוויי יאָר פריִער. טשערניכאָווסקי, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַן אידיליע־שרייבער, האָט געשילדערט אין זיין „עלקעס חתונה״ און „לאַטקעס״, אַ מיליע פון אַ פאַרגליווערטן נעכטן און אייערנעכטן, וואָס איז שוין געוואָרן אַ ראָמאַנטישע דעריבערונג; ווי אַזוי אָבער האָט שמעונאָוויטש באַוויזן צו פאַנגען אין זיין אידיליש נעץ די פרימאָרגן־שטראַלן פון אַ טאָג, וואָס איז נאָך גאָר נישט אויפגעגאַנגען? אַפנים, אַז די בענקשאַפט פון דעם חלוצים־דור נאָך פעסטער, ממשותדיקער ווירקלעכקייט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז דעם חלוצים־דיכטער געשען דער נס פון קפיצת־הדרך, און אין זיין שטרעבן צו פאַרווירקלעכונג האָט ער באַטראַכט די שפּראָצונגען פון אַ מיליע, ווי אַ פעסט געפורעמטע מיליע, און האָט אין דעם סאַמע דראַמאַטישן באַגינען שוין אַרויסגעשפירט אַן אויסקריסטאַליזירטע ווירקלעכקייט, וואָס לאָזט זיך שוין אַפילו פורעמען אין אַן אידיליע.

אייגנטלעך איז שמעונאָוויטש געווען אַ באַאָבאַכטער און אַ דענקער. כמעט ווי מען מעג זאָגן, אַ פילאָסאָף. ער האָט אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן די סודות פון דער נאַטור און געשיכטע, וועגן דער געזעלשאַפט און אירע אומגליקן און וועגן מענטש און זיין באַשטימונג. ער האָט זיך דערוועגט צו מאַכן דעם לאַנגן חשבון פון דאָס ניי, און האָט קיין מורא נישט געהאַט פאַר די קאָנסעקווענצן. ס'איז געווען אַ גרויסע אויפריכטיקייט אין זיין טראַכטן און אַ סך מוט. ער האָט קיין מאָל נישט אויסגעקליבן קיין וועג דערפאַר, ווייל ער איז שוין אַן אויסגעטראָטענער. אָבער ער האָט קיין מאָל נישט אויסגעמיטן קיין וועג נאָר דערפאַר, ווייל ער איז שוין געווען אַן אויסגעטראָטענער. און ביסלעכווייז האָט ער פון זיינע טראַכטונגען אָנגעהויבן בויען אַ שיטה. פון גרויס באַשיידנקייט האָט ער עס פאַרצייכנט אין אַ מין פילאָסאָפישן טאָגבוך, וואָס ער האָט גערופן בחשאי (שטילערהייט). און ער האָט נישט אויפגעהערט שרייבן עס אויך נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער געוויינטלעכער לייענער נעמט עס גאָר נישט אויף מיט אָט דער באַגייסטערונג, מיט וועלכער ער פלעגט אויפנעמען אַמאָל זיינע אידיליעס און, אין די לעצטע יאָרן, זיינע הומאָרפולע יוגנט־זכרונות, וואָס זענען געשריבן מיט אַזוי פיל דיכטערישער האַרציקייט און היסטאָרישן חן.

און באמת זענען פאַראַן קאַפּיטלעך אין זיין בחשאי, וואָס זענען עכטע דיכטונג אין פראָזע און ערלעכע לאָגישע באַטראַכטונגען, מייסטערהאַפט געשליפן. און די געדאַנקלעכע יסודות פון אָט־די קאַפּיטלעך זענען יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער גאַנצער גייסטיקער און מאָראַלישער בנין פון די בעסטע קינדער פון דער צווייטער עליה.

און אין שווערע צייטן האָט דער אומגליק פון זיין דור שטענדיק אַרויסגעשריִען פון זיין מוזע. איטלעכס מאָל, ווען ס'האָט אַ סכנה געלויערט אויפן פאָלק אָדער אויפן לאַנד, טויט האָט אַרומגערינגלט דעם דור, און שנאה האָט זיך צעפלאַקערט, אַ צרה איז אויסגעבראָכן אָדער אַן אומגערעכטיקייט האָט זיך צעבליט, און בפרט נאָך ווען ס'איז געקומען דער גרויסער בראָך, דער אשמדאי האָט זיך צעוועלטיקט און גאַנצע גלותן זענען אומגעבראַכט געוואָרן, — דעמאָלט האָט זיין מוזע קיין רו נישט געפונען און ער האָט אַרויסגעוויינט דעם ווייטיק פון זיין דור און זיין פאָלק.

דערצו נאָך איז ער אין יסוד געווען — אַ שטראָפרייידער. אויך דאָ האָט אים זיין באַשיידנקייט געשטערט צו צעשרייען זיך ווי ער וואָלט וועלן. האָט ער זיינע שטראָף־רייד פאַרקליידט אין משלים, און אויך אין דעם איז ער אָפט געווען זייער אָריגינעל. אינעם זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואָס איז שוין אַזוי פיל מאָל אויסגענוצט געוואָרן פון דיכטער און משלים־שרייבער, אַלטע און

הײנטיקע, האָט ער באַוויזן אַרײַנצופירן נײַע מאָטיוון, און דווקא סאַמע אַקטועלע, פריש פונעם קאַלכאָויוון פון מענטשלעכער פאַרדאַרבנקייט און נאַרישקייט צוגלייך. פון זיין איינגעהאַלטענער פאַרביטערטקייט אויף דער מענטשלעכער פאַרווילדונג האָט ער געשעפּט די פיילן פון זיינע סאַטירעס, און געשמיסן האָט ער מעשה טאַטע, קלוג און דערצײַעריש.

אין די לעצטע יאָרן, ווען אונדזער ציבור האָט געזוכט אַן אָביעקטיווער־געדעכטן, וואָס זאָל עפּנטלעך זיך איינשטעלן פאַר אמת און יושר, האָט אים זיין אויפגאַבע, אַלס פאַרזיצער פון דער שרייבער־משפחה, אַוועקגעשטעלט אויף דער גרויסער טריבונע, עפענען שרייבער־צוזאַמענפאַרן און אויסטענהן זיך אין דער עפנטלעכקייט. דעמאָלט איז ער געוואָרן דער אמתער מוכיח, דע־מאָלט האָט פון אים אַרויסגערעדט דאָס געזעלשאַפטלעכער געוויסן. דעמאָלט האָט זיך פון ס׳ניי דערשפּירט אין אים די השפעה פון זיין רבין און חבר א. ד. גאָרדאָן.

ס׳האָבן נישט געפעלט קיין שיינקייט־סטרונעס אין זיין דיכטערישער פידל, סיי אין דער יוגנט און סיי שפּעטער איז ער געווען געטראָגן פון אַ בענקשאַפט נאָך שיינקייט, און זיין גייסט האָט מיטגעלעבט מיט דער פראַכט און געהיי־מעניש פון ים און מדבר, פרימאָרגן און זון־אונטערגאַנג, האַרבסט און ווייסע שוואַנען אין דער שטילער סאַזשלקע. אָבער דער איינדרוק איז געווען, אַז אַט די אַלע מאָטיוון צעשפּילן זיך אָפּט ווי פון זיך אַליין אויף די סטרונעס פון זיין פידל. באַוווסט און קאָנצענטרירט איז זיין פידל שטענדיק געווען אַ כנור־ציון, ווייל ער האָט געדינט זינגענדיק.

אַמאָל פלעגט זיך דוכטן, אַז ער צעוואָרפט זיך אויף זיבן ימים. שרייבט ליריק און פאָעמעס, באַלאַדעס און אידיליעס, פאָלקס־לידלעך און חיות־מעשהלעך, פילאָסאָפישע נאָטיצן און זכרונות. לייענט מען אָבער איצטער אַלץ צוזאַמען, זעט מען אַז די אַלע ליטעראַרישע פאָרמען שאַפן ביי אים איין גאַנצ־קייט, די גאַנצקייט פון אַ שרייבער, ביי וועמען זיין ליטעראַטור איז זיין שלי־חות. ער זינגט ווייל ער דינט. און באַדינען טוט ער דאָס גוטע, דאָס גערעכטע, דאָס געזונטע און שיינע. אין דעם זינען איז דוד שמעוני אַ כשר קינד פון ביאַליקס ליטעראַרישער משפחה.

אָבער דיכטונג וואָס דינט איז נישט אַלע מאָל צום האַרצן פון דעם נייעם דיכטערישן דור. עס שמעקט מיט טענדענץ. און אַזאַ חשש איז שוין גענוג עס זאָל אויפקומען אַ מחיצה צווישן אים און זיינע יונגע תלמידים בשעת זיי האָבן אָנגעהויבן אַליין צו ווערן דיכטער.

דערצו נאָך איז אים גראָד אויסגעקומען צו זיין יאָרנלאַנג אַ לערער פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור אין יפוער גימנאַזיע. און אַ דיכטער, אַז

ער ווערט אַ לערער, מוז ער צאָלן אַ הויכן פּרייז פאַר זיין פּעדאַגאָגישער אַר־בעט. ער באַצאָלט מיט זיין דיכטערישער רענאָמע. איך ווייס נישט ווי ווייט ס'גערעט אים באַליבט צו מאַכן דיכטונג בכלל. זיין אייגענע דיכטונג וועט שוין אָבער קיין מוסטער פאַר זיינע תלמידים נישט זיין. פאַרקערט, איז באַ־שערט זיינעם אַ תלמיד אַליין אָנצוהייבן ווערן אַ דיכטער, וועט זיין ערשטע עובדה זיין צו דיסטאַנצירן זיך פון זיין לערער. דאָס איז זיין ערשטער טראָט צו ליטעראַרישער זעלבשטענדיקייט. אַזוי איז געשען מיט דעם דערציילער א. א. קאַבאַק, וואָס איז געווען אַ לערער פון ליטעראַטור אין דער גימנאַזיע פון ירושלים, און אַזוי אויך מיטן דיכטער דוד שמעוני וואָס איז געווען לערער פון ליטעראַטור אין גימנאַזיע פון יפו־תל־אביב.

דערצו נאָך האָבן זיך פונאַנדערגעבלאָזן נייע ווינטן אין דער וועלט־ליטעראַטור. פונאַנדערגעבלאָזן און איינגעשטילט זיך. און די אַלע שטורעמווינטן האָבן נישט מיט דער גלייכער מאָס אָוועקגעטראָגן אי דעם לערער, אי דעם שילער. איז ממילא די וואַנט אויסגעוואַקסן נאָך העכער צווישן זיי, און אָפּט מאָל האָט עס פאַרשאַפט עגמת־נפש. אָבער די איינזאַמקייט האָט שמעונין קיין מאָל נישט געשראָקן. נאָך יונגערהייט האָט ער געשריבן: „פון יונגוויז אָן איז פאַרמשפּט צו איינזאַמקייט דער וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו זיין אַ יידי־שער דיכטער". און זיין נאָבלקייט האָט אים געראַטעוועט פון פאַרביטערטקייט. איז אַרום אים די לופט שטענדיק געווען ריין און אַלעמאָל קלאָר און מענטש־לעך פריינדלעך, און פול מיט דרך־ארץ.

און אַ קאַפּיטל פאַר זיך, אַ באַלערנדיקער און זייער אַ פיין דורכגעלעב־טער, איז געווען דער אופן ווי אַזוי ער האָט זיך איבערגעבעטן מיטן טראַדי־ציאָנעלן לעבנס־שטייגער. יאָרנלאַנג איז ער געגאַנגען אין ראַציאָנאַליסטישן שפּאַן, צוזאַמען מיט אַלע זיינע חברים פון דער השכלה־תקופה און פון ציוני־זם. אָבער אויך דעמאָלט פלעגט זיין האַרץ קלאַפּן מיט אַ באַזונדער וואַרעמ־קייט, ווען ער פלעגט שילדערן דעם גייסטיקן שטייגער פון יידן, וואָס לעבן בשלום מיטן רבונו־של־עולם. די „צפתער לעגענדעס" האָט ער געשריבן גאָר אַנדערש, ווי עס וואָלטן זיי געשריבן די דיכטער פון דער השכלה־צייט. און ביי אים אין אַ ליד ווייַנט זיך אויס די אַלטע אסנת ביים כותל־מערבי אַזוי ווי ס'האָט אַ פרומי זעלטן ווען געוויינט צו גאָט אין דער נייער העברעישער ליטע־ראַטור. און די תימנים וואָס ער האָט אַנטדעקט אין ברכיאל און אין חצרות (דוכט זיך, ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעפירט די תימנער אין דער נייער ליטעראַטור) שטראַלן ביי אים אין זייער פרומער האַרציקייט און פשוטקייט. אָבער די לעצטע יאָרן האָט זיך דוד שמעוני שוין מער נישט באַ־נוגנט מיט ליטעראַרישער באַוואונדערונג. ער האָט אין פשטות און בפועל ממש

אַנגעהויבן אויפפירן זיך ווי ס׳האָבן זיך אויפגעפירט אונדזערע טאַטעס און זיידעס. און, דער עיקר, ער האָט עס געטאָן שטיל, אָן קיין שום תשובה־דעק־לאַראַציעס, און אָן קיין אויסטענהן זיך מיט אַנדערע. ער האָט עס, חלילה, נישט באַהאַלטן פון קיינעם, אָבער ער האָט עס אויך נישט אויסגעשטעלט נאָ פּאָקאָז. אַזוי ווי ער וואָלט פשוט דערפילט, אַז ער איז עפּעס אַרויסגעוואַקסן פון די אַפּיקורסישע קליידער; זענען זיי ווי פון זיך אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אַקסלען און ס׳האָבן זיך צו אים צוריקגעקערט די שבת־יום־טובדיקע בגדים פון פאַר דער „קריגסצייט״ מיט דעם איבערשטן. האָט ער אויפגעהערט אויפפירן זיך ווי אַלע זיינע חברים און האָט אָנגעהויבן זיך נוהג זיין ווי אַמאָליקע ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר.

און אויב אין זיינע משלים און רעדעס פלעגן מיר אָפּט דערשפּירן די השפעה פון א. ד. גאָרדאָן, דוכט זיך, אַז אין אָט דער שטילער ווענדונג זיינער צו גאָט פון די אָבות האָט זיך שטאַרק דערפילט די השפעה פון יענעם זעלטענעם זקן.

יעדנפאַלס, איינער פון די ווייניקע איז געווען דוד שמעוני, אין וועמען עס האָט זיך אָנגעהויבן באַוויזן די געשטאַלט פון אַ העברעיִשן שריפטשטעלער אין זיין אייגן לאַנד.

אי דבורה באַראָן, אי דוד שמעוני זענען געווען די גרונטשטיין־לייגער פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור אין ארץ־ישראל, וואָס זי איז פריִער געווען אַן אַרבעטער־ליטעראַטור און געוואָרן די ליטעראַטור פון פאָלק. דוד שמעוני האָט די ליטעראַטור געפּורעמט מיט זיין ליד און דבורה באַראָן — מיט איר דערציילונג און פריִער מיט איר רעדאַקטאָרישן געשמאַק.ביידע האָבן באַשטימט די הייך פון אָט־דער ליטעראַטור און אַרויפגעלייגט אויף איר זייער שטעמפּל. ביידע האָבן אָנגעהויבן מיט אירע ערשטע און האָבן ממשיך געווען מיט אירע שפּעטערדיקע. און ביידע האָבן זיי אויסגעהאָדעוועט אירע קינדער און קינדסקינדער, געטרייע און ווידערשפּעניקע. און ביידע זענען זיי צום סוף געבליבן ווי פאַראייניזאַמטע אויף זייער ווייטער הויכקייט, און פון ביידנס שאַפן טראָגט זיך אַ שטילע ריינקייט איבערן גאַנצן דור.

און ס׳האָבן ביידע, אי דוד שמעוני, אי דבורה באַראָן, כמעט אין איין צייט פאַרענדיקט איצט זייער חשבון מיט אונדזער לעבן.

האָט אונדזער לעבן אויך פאַרענדיקט זיין חשבון מיט זיי?

דורות וועלן נאָך פאַרגיין, און יונגע און דאַרשטיקע וועלן נאָך זוכן און געפינען אַ וועג צו זייער ברונעם, וואָס איז ריין און ריייניקט.

אַלס דיכטער פון עליה איז אויפגעשטיגן דוד שמעוני. און אַלס דיכטער פון אויפשטייג האָט ער געדינט זיין דור און וועט דינען די דורות.

ירושלים, טבת תשי״ז

אינהאַלט

א) אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל

עדואַרד בערענשטיין — — — — — — — — — — — — 11
עמיל וואַנדערוועלדע — — — — — — — — — — — — 27
פעליקס פעכענבאַך — — — — — — — — — — — — 36
וויקטאָר בערגער — — — — — — — — — — — — — 40
יוסף בלאָך — — — — — — — — — — — — — — — 49

ב) אויף דער ציוניסטישער טריבונע

חיים ווייצמאַן — — — — — — — — — — — — — — 59
נחום סאָקאָלאָוו — — — — — — — — — — — — — 68
צבי פרץ חיות — — — — — — — — — — — — — — 77
אַרטור רופין — — — — — — — — — — — — — — 87
וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי — — — — — — — — — — 93
לואיס ד. בראַנדייס — — — — — — — — — — — — 114
בערטאָלד פייוול — — — — — — — — — — — — — 120
לעאָ הערמאַן — — — — — — — — — — — — — — 128

ג) אין קרייז פון שריפטשטעלער

בוקי בן יגלי — — — — — — — — — — — — — — 135
קעגנאיבער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי — — — — — — — 146
בנימין זעגעל — — — — — — — — — — — — — — 152
יעקב קלאַצקין — — — — — — — — — — — — — 161
לודוויק אריה שטראַוס — — — — — — — — — — — 166
אברהם וואלט־ליעסין — — — — — — — — — — — 176
אהרן זאב אשכולי — — — — — — — — — — — — 188
מיכל ראַבינאָוויטש — — — — — — — — — — — — 191

ד) אין מזל נבו

בער באָראָכאָוו און זיין ירושה — — — — — — — — — — — 197
חיים גרינבערג — — — — — — — — — — — — — — — — — 230

ה) אין אויפבוי פון היימלאַנד

בערל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 251
שלמה קאַפּלאַנסקי — — — — — — — — — — — — — 272
דוד רמז — — — — — — — — — — — — — — — — — 280
דוד שמעוני — — — — — — — — — — — — — — — — 289

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

פארלאג־אדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיימ־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות (אויספאַרקויפט)
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה (אויספאַרקויפט)
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. י. יאַנאַסאָוויטש — מיט ייִד' שרייבער אין רוסלאַנד (אויספאַרקויפט)
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן
20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)
22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט ייִדן
23. חיים גרינבערג — ייִד און וועלט.
24. חיים גרינבערג — מענטשן און ווערטן
25. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (באַנד 2)
26. שלמה ביקל — רומעניע
27. לייב שפּיזמאַן — געשטאַלטן.
28. מ. שענדעריי — דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי.
29. מענדל מאַן — על נהרות פוילן (אויספאַרקויפט)

30. לעאָן װײנער — געזאַנגען פון געראַנגל און אױפקום
31. חיים גרינבערג — בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך
32. יצחק יאַנאַסאָװיטש — אַ שטוב אין שטעטל (2טע אױפלאַגע)
33. לוי אשכול — אין געראַנגל פון אױפבױ.
34. זלמן שזר — ליכטיקע פערזענלעכקײטן

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel (Agotado)
Iehuda Burla: Las Hazañas de Acavia (Agotado)
Moisés Hess: Roma y Jerusalem (Versión castellana y estudio preliminar de LEON DUJOVNE). (Agotado)

אין גיכן דערשײנען:

מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צײט (דריטער באַנד)
יהודית הענדעל — ברחוב המדרגות (שפּאַניש)
רחל ינאית — אױטאָביאָגראַפיע

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

Copyright by
ZALMEN SHAZAR
Jerusalem

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut

Departamento
Ediciones **"KIUM"**

Este libro se terminó de imprimir el día 9 de septiembre de 1963 en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.

ZALMEN SHAZAR

Personalidades Luminosas

BUENOS AIRES
1963